STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03396

GEZAMELTE SHRIFTN

Arn Miednik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ARN MIEDNIK

QUATRE-VINGTS ANNÉES DE MÉDITATIONS D'UN HOMME SOI-DISANT CIVILISÉ

LIVRE 3

1988 פאַריז

ÉDITIONS "GOPA" PARIS

COPIRIGHT 1988 BY A. MEDOVNIK PARIS

14, Rue des Sablons
75016 PARIS

איך, פשוטער מענטש, ווענד זיך צו דיר, ברודער מײַנער, פשוטער מענטש ווי איך, מיט איינפֿאַכע פשוטע רייד, אָן קיין שום פרעטענציעזע פֿאָרמולעס, סנאָבישע פֿראַזעאָלאָגיעס צי פֿילאָזאָפֿישע דריידלער. אָט, דערלאַנג די האַנט, לאָז אַ ווײַלע דעם אימפעט פֿון דײַן לעבן –אונדזער אַלעמענס לעבן–, זעץ זיך אָט דאָ לעבן מיר און לאָמיר אַ שמועס טון ווי גוטע פֿרײַנד. ניט ווי מיט ליטעראַטור, נאָר ווי צוויי פשוטע לײַט רעדן זיך פֿונאַנדער, דערציילן זיך, זאָגן זיך אויס איינס דעם אַנדערן דאָס, וואָס קוועטשט זיי אויף דער נשמה, און פרוּוון געפֿינען אַן אויסוועג צו זייערע זאָרגן צי בענקשאַפֿטן.

קומט מען אויף דער וועלט, מע לײַדט אָפ אַ לעבן און מע שטאַרבט אַן אויסגעמאַטערטער, אַ גענאַרטער, אין אַנגסט פֿאַרן טויט, מיט באַדויער פֿאַר דער געפטרטער צײַט אין כסדרדיקן זאָרגן, זוכן, פײַן, גענאַרטע האָפֿענונגען, ניט געלונגענע פרוּוון ס׳זאָל זײַן אַנדערש ווי ס׳מוז דאַכט זיך זײַן. ס׳זעלבע איז אַזוי מיט אַלעמען. דער וואָס האָט ווייניק, זוכט עפעס מער; דער וואָס האָט

אַ סך, וויל נאָך. קיינער איז קיין מאָל ניט צופֿרידן; מע נודזשעט זיך און מע לײַדט.

פֿאַר וואָס-זשע מוז עס זײַן דווקא אַזוי? אפֿשר איז דאָ אַ רפֿואה פֿאַר דעם דאָזיקן אויסטערלישן גורל פֿאַרן מענטש, וואָס האַלט זיך דאָך פֿאָרט עפּעס פֿאַרן אייבערשטן פֿון שטייסל, פֿאַר אַ חכם.לאָמיר ניכטער און אויפֿריכטיק, מיטן פּראָסטן שׂכל-הישר און פּשוטער לאָגיק, פּרוּוון זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין די סודות דערפֿון, און געפֿינען אפֿשר אַן אויסוועג. ס'איז דאָך אַ חרפּה פֿאַרן נאָמען מענטש צו פֿאַרלאָזן זיך סתּם אויף עפּעס אַ פֿאַטאַליטעט, אַ מעקטוב, און נאָכגעבן די שמד צו קוהלתן, זיך אײַנרעדן כּישוף צי שיכּרות און ווערן ווי שטויב, ווי מיסט – פּוכעלער געטראָגן פֿון אַ ווינט אָט אַזוי, אין ערגעץ ניט. לאָמיר זען וווּ ס'ליגט דער הונט באַגראָבן, וווּ ס'וויטיקט דער שוך.

פֿאַר וואָס מוז מען זײַן אומעטיק, בענקען און לײַדן? ס'איז ניט װאָרשײַנלעך אַז דער באַשעפֿער זאָל אונדז ניט האָבן באַזאָרגט מיט לעבנס-תּענוג און גליק פֿון זײַן. עפּעס האָבן מיר, לײַט, דאָ קאַליע געמאַכט, זיך ניט פֿאַרשטאַנען, געלאָזט זיך פֿאַרפֿירן, אָפּנאַרן, אויסשווינדלען אונדזער רו און פֿרייד.

לאָמיר-זשע צוזאַמען אַנאַליזירן און זען אין וואָס דאָ גייט. איך האָב אַזאַ מין פֿאָרגעפֿיל אַז מיר וועלן דערזען, אַז אונדזער גאַנצער פּחד, אונדזער פּײַן, אונדזער זאָרג – זענען בלויז אײַנרעדעניש, און דער פֿינצטערער געדאַנק, וואָס פֿלעגט אויסזען אויסטערליש, שרעקנדיק, ווי נאָר אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, פֿאַרשווינדט ער און מע צעלאַכט זיך: ווי נאַריש געווען! אַזוי וועט אפֿשר געשען מיט אונדז.

נו, זיך. זיצן מיר שוין ביידע צוזאַמען. וואָס-זשע קלערסטו זאָל מען טון? איז מײַן עצה – לייענען מײַנע שריפֿטן. און אויב עפּעס געפֿעלט דיר ניט, ענטפֿער דיר זעלבסט, פּאָלעמיזיר מיט דיר אַליין, און נעם דיר עפּעס צי אַלץ –טראַץ מײַנע אַרגומענטן– אַזוי, אַז ס'זאָל זײַן געפּאַסט צו דײַנע השגות, דײַנע באַגערן. זאָלן-זשע מײַנע השגות זײַן ווי די מאַיעטיק פֿון אַ סאָקראַטעס,

זײַ מיר מוחל מײַן מעגאַלאָמאַניע – אַ פֿאַרגלײַך מיט סאָקראַטעסן. וואָדען? כ׳וועל זיך פֿאַרגלײַכן מיט עפּעס אַ לעקיש?

~❁~

כ׳פֿאַרשרײַב דאָס דאָזיקע פֿאַר די צוקונפֿטיקע עקסעגעטן וואָס וועלן שטודירן, קאָמענטירן, אַנאַליזירן און נאָך אַזעלכע אירן מײַנע מײַסטערווערק (וואָדען? קען עמיץ צווייפֿלען?), און זוכן די שײַכותן מיט מײַן עקזיסטענץ און מײַן מחבריזם – אַז מע זאָל מיר ניט פֿאָרוואַרפֿן הלמאי כ׳האָב ניט פֿאַרנומען זיך מיט מײַנע געווייבטלעכע ביזנעס, נאָר דווקא געשריבן ביכער.

איך שווער בײַ מײַנע פּיקטיוועֹ באָרד-און-פּאות, אַז ניט איך האָב זיך צוגעטשעפּעט צו דער ליטעראַטור בכלל און צום ליריקיזם בפֿרט, נאָר זי, די ליטעראַטור, האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר. ווי אַ זלידנע פֿליג מיך ניט געלאָזט צו רו, ניט בײַ טאָג און ניט בײַ נאַכט; ווו כ׳זאָל ניט האָבן געווען האָט זי, ווי אַ ניכפּה, מיך פֿאַרפֿאָלגט און געצווונגען צו שרײַבן, שרײַבן, שרײַבן און אַפֿילו פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס אַלץ, וועלט און לײַט זאָלן זען וואָס פֿאַר אַ געניאַלן מײַסטער זיי האָבן געהאַט און ניט אויסגעניצט די געלעגנהייט אים צו באַהענגען מיט מעדאַלן, נאָבלפּרײַז-לענטעס, טיטלען, דאָקטאָראַטן און אַלץ וואָס פֿאַרשאַפֿט גליק און תּענוג דעם וואָס באַקומט עס און דעם וואָס גיט עס.

איך, וואָרשײַנלעך אויף יענער וועלט שוין, וועל דורך מעטעמפּסיכאָזן, פֿאַנטאָמיש, מעדיומיסטיש אַכטונג טון מע זאָל ניט טראַכטן, זאָגן צי שרײַבן אַז כ׳בין געווען אַ פּסיכאָפּאַט, אַ מעגאַלאָמאַן, אַ גראַפֿאָמאַן צי עפּעס ענלעכס, מיט אַן **אַן** צי אַן **אָ ז**, וואָס האָט דווקא געוואָלט זײַן אַ פּיש-פּיש-פּיש אין אַלע אינטעלעקטואַליזמען, געזוכט אָוואַציעס און קאָמפּלימענטן, און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס מחברים האָבן ליב ווי אַ קאַץ האָט ליב פּוטער.

פֿאַרקערט, כ׳האָב אַלץ געטון זיך צו באַפֿרײַען פֿון די פּאַרנאַסן מיט זייערע מוזעס און פּעגאַזן, אָבער ס׳האָט מיר גאָרניט

געהאָלפֿן. אַ באַוויַיז – אַז אַפֿילו וועגן דעם האָב איך עפּעס אָנגעשריבן!...

~❁~

קאַרניוואָריש? וועגעטאַריאַניש? ס'איז זיך זעלבסט געגנאַרט. פֿלאַנצן זענען לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אַ יאָגורט באַשטייט פֿון מיליאָנען צי מיליאַרדן באַקטעריעס. אַפֿילו מיטן עטעמען ווער ווייסט וויפֿל לעבעדיקע, כאָטש אומגעזעענע וועזנס מע שלינגט איַין. ניטאָ קיין אויסוועג. לעבן מוז זיך נערן מיט לעבן. עקזיסטענץ איז אַן אייביקער מאָרד-קאַרנאַוואַל. ווער ווייסט צי אָקסיגען שלינגט ניט איַין הידראָגען, אָדער פֿאַרקערט? ווער ווייסט צי זון מיט שטראַלן קומט ניט עפּעס פֿאַנגען, מיט די סאַטעליזירטע פלאַנעטן וואָס זי פֿאַשעט אַרום זיך?

מוז דאָס זיַין דער נאָרמאַלער עקזיסטענציאַליזם פֿאַר אוניווערסן? פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיטן נישטיקל מענטש, און דערמעגלעכט ער זאָל קענען טראַכטן און זיך רעוואָלטירן קעגן אַזאַ סדר-העולם?

ערשט גיי ווייס צי דאָס דאָזיקע פֿאַרטיליקן גילט ניט אויך אין אַלע דימענסיעס און אַספּעקטן, און ס'געשעט אַזוי מיט קאָסמאָסן, אייביקייטן, אומענדן און ווער ווייסט וואָס נאָך! איז דען ניט באַוויזן אַז ס'איז פֿאַראַן מאַטעריע און אַנטי-מאַטעריע, שטאָף און אַנטי-שטאָף, שוואַרצע הוילקייטן וואָס שלינגען איַין סובסטאַנציעלע גאַלאַקציעס, נישטיקייטן וואָס נערן זיך מיט אַלצן און אַלצן וואָס שלינגען איַין נישטיקייטן!... ווער ווייסט ווער צי וואָס עס נערט זיך מיט געטער?!...

אַזוי ווי זיַין איז ווערן, און ווערן איז זיך נערן, בכן מוז אַלץ נאָכן אומקום – צום טויט געהערן. פֿאַר וועמען איז דער טויט אַ מאכל?

~❁~

געווען אַ דור הפּלגה, און דער רבונו-של-עולם איז געוואָרן ברוגז און האָט געשטראָפֿט די וועלט מיט אַ מבול. אָבער ער האָט ניט גענומען אין אַכט אַז אַ מבול איז פֿאַר אָקעאַנען ניט קיין קללה, נאָר אַ ברכה. וואָס, מער וואַסער? אַדרבא! געליטן האָבן נאָר די לײַט פֿון די קאָנטינענטן, אָבער פֿאַר די העכט מיט די הײַפֿיש איז עס געווען אַ יום-טובֿ.

זיי האָבן טאַקע זיך געפּרוכפּערט און געמערט, און קראָקאָדילירט אַרויס —ווי נאָר די פֿערציק טעג, וואָכן אָדער יאָרן זענען אַריבער— אויף דער ערד, עוואָלוירט נוסח לאַמאַרק, דאַרווין צי אַנדערש נאָך, און פֿון זיי שטאַמען טאַקע די הײַנטיקע האָמאָ-סאַפּיענסיזירטע באַשעפֿענישן וואָס מע רופֿט ציוויליזירטע לײַט!

חוץ דעם הימלישן טעות מיטן שטראָפֿן די אַלע וואָס האָבן געפּרוּווט בויען אַ טורעם צו גרייכן געטלעכע ספֿערעס. און נח מיט זײַן תּבֿה האָט דאָך גענומען אַ ספּעצימען פֿון אַלע דעמאָלטיקע מינים באַשעפֿענישן, איז וואָרשײַנלעך דערין אויך געווען עפּעס פֿון דעם, וואָס האָט שפּעטער געשאַפֿן אַ סדום-ועמורה און אַזוי פֿיל דור-הפּלגהס ביזן היטלעריזם, וואָס איז נאָר לײדער דערווײַל אַ מדריגה.

ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פֿיזישע און פּסיכישע סידאָס מיט נוקלעאַרע פֿעסטיוואַלן ס׳וואַרטן צו באַרעכטיקן דעם כּי-טובֿ פֿון באַשאַף!

אַזוי פֿיל תּורות, מיטאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און כּלומרשט מאָראַלישע דאָקטרינעס גילטן נאָך הײַנט, אָבער זיי זענען ווי דאָס שימערן פֿון אַמאָליקע זונען צי שטערן, לאַנג שוין פֿאַרשווונדענע. זיי זענען אָן שום ממשות, אָן שום גילטיקייט אין אַלע הינזיכטן און אויף אַלע געביטן.

אונדזערע סאָציאַלע, רעליגיעזע, וויסנשאַפֿטלעכע, ספּיריטועלע

השׂגות זענען פֿיקטיווע זיכערקייטן. ווען וועלן לײַט אײַנזען אַז עקזיסטענץ מוז זײַן עפּעס זיכערערס, גילטיקערס, ערלעכערס? ווערט דאָס ניט געשען, איז מען זיכער מיטן אומקום.

~❀~

געהערט אַן אומגליק? די אַסטראָ- און געאָ-פֿיזיקערס, מיט זייערע סאַטעליטן, לאַזער-מאַכערײַקעס, לאָזן מיך ניט שלאָפֿן! זיי האָבן אויסגערעכנט אַז אונדזער פּלאַנעט דרייט זיך וואָס אַ מאָל געלאַסענער, און דער טאָג ווערט גרעסער מיט עטלעכע מילי-סעקונדעס יעדע הונדערט יאָר!

אַז דער טאָג ווערט גרעסער, מוז דאָך די נאַכט ווערן קלענער. און אַזוי ווי מײַנע בעסטע מאָמענטן זענען פֿאַר מיר חלומות – נו, פֿאַרשטייט איר וואָס כ׳פֿאַרליר!

דער קאָסמאָס, מיט זײַנע אָרביטן, גראַוויטאַציעס, ראָטאַציעס און אַנדערע **אַציעס** רייצט מײַן באַוווסטזײַן, און ס׳פֿאַרדריסט מיך וואָס גאָט קען ניט מײַדן אַזאַ מין אַנאַרכיע.

~❀~

שיבֿת-ציון – אייגן לאַנד; / לויב בן-גוריון, בײַעם משהן!...
/ וואָס-זשע זעט מען? נאָר אַנאַנד / יורדים לויפֿן צ׳ריק צום גושן.
שפּאַלטן ים? מן? פֿעלדזנקוואַל? / ס׳פֿירט צו סיני עמוד-אש? /
וואָס מיר פֿרײַהייטס-אידעאַל! / וויכטיק איז דער טאָפּ מיט פֿלייש!
ווו חלוצים מיר געלאָפֿן – / סאַברע-יורדים קומען צ׳ריק. / בלאָף
געווען התקווהס האָפֿן. / נאָר מיט גלות, ייִד, זיך קוויק!

~❀~

גע׳אל-מלאט אומעטום, כסדר: / מאַמע-לשון, ייִד, פֿאַרגעס! / כאָטש ווי וואָר זעט אויס דאָס, ליידער, / כ׳פֿיל דאָך: ס׳קען געשען אַ נס.

אַ טויזנט-יעריקע עפּאָכע פֿון ייִדישקייט, די שעפֿערישסטע זינט אַלע גלותן אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן, אַלע אומשטאַנדן, אַלע געביטן, לטובֿת דעם גאַנצן מענטשן-מין. אַפֿילו שיבֿת-ציון וואָלט אָן דער ייִדיש-ייִדישקייט קיין מאָל ניט געוואָרן רעאַליזירט. אַזאַ עפּאָכע קען ניט, טאָר ניט און וועט ניט פֿאַרשווינדן ווי ניט געוועזן. קען מען פֿון אַ בוים אויסהאַקן אַ שטיק פֿון זײַן שטאַם?

אַזוי פֿיל געליטן! אַזוי פֿיל קרבנות, און דאָס אַלץ זאָל פֿאַרגעסן ווערן, ווי קיין מאָל ניט עקזיסטירט? נאָר פּערווערזע משוגעים קענען אַזוינס טראַכטן, פֿאַלשע, אָפּטריניקע, אַסימילירטע היברידן!

ווי דאַרע צווײַגן, וועלקנדיקע בלעטער, / פֿאַלט און פֿוילט! ניטאָ פֿאַר אײַך קיין שפּעטער. / פֿאַר אונדזער קומענדיקן נס / זענט איר לחלוטין אָן שום אינטערעס. / און דער וואָס בלײַבן וועט געטרײַ / דערלעבן וועט אַ נײַעם מײַ / מיט נײַע גרינסן, נײַע צוויטן. / אומזיסט ניט טויזנט יאָר געליטן / צו קענען בלײַבן וואָרע ייִדן. / שלום-עליכם, פּרץ, לייוויק – אײַער גײַסט / באַלוינט מוז אַ מאָל ווערן מיט אַ טרייסט.

תּמיד זײַט, מײַנע מחשבֿות, / ווי מעסערס אין די וווּנדן – / פֿונקען, ערנסט צי קאַטאָוועס, / וואָס שׂריפֿות זאָלן צינדן, / וווּ נאָר היפּאָקריזיע, שלעכטס – / מיט אומקום צו פֿאַרטרײַבן! / נאָר וואָס גוטס איז, שיינס און עכטס / זאָל קענען בלײַבן.

אָר און וויי צו דעם פּאָעט וואָס האָט די העזה / צו זײַן ווי אַ מאַטשאָרניק מיט זײַן מוזע: / זי זאָל אים ווי אַ גאַסנמויד געהערן, / רופֿיאַן מיט אינספּיראַציעס מוזן נערן.

אויף טראָטואַרן צי אויף טירנס שוועלן / זוכן דווקא עולם-גולם צו געפֿעלן, / אַ צאַרטע זיך צו פֿרעמדע איבערגעבן, / אַז ער, אַלפֿאָנס, זאָל קענען גילטיק לעבן.

אַ באָרדעל זאָל ווערן דער פּאַרנאַס, / די מוזעס ווי די זונות
אויף דער גאַס / און לײַט וויטישע – עווענטועלע לײַנערס!... /
קען פּאַר פּאָעזיע זײַן עפּעס געמיינערס?

~❀~

אַלץ געהערט דעם טויט. אוניווערסאַלן האַר. פּאַר ווענען לעבן איז אַן עפּעמערישער פּענאָמען: דאָ אַ פּינקל, דאָ אַ בלענד, און צוריק אין חושך פֿון אייביקער נאַכט.

אַ מענטש מיט זײַן באַוווסטזײַן, אַ זון מיט אירע סאַטעליטן, די גאַלאַקציעס און קאָסמאָסן אפֿשר אַפֿילו, מיט מער-ווייניקער דויער, קומען אויף און קומען תּמיד אום. אייביק איז נאָר חושך, טויטס אוניווערסאַלע אימפּעריע. פּאַרוואַנדלונגען, עוואָלוציעס, אַספּעקטן: דאָ מאַסע, דאָ עסענץ, צי ווער ווייסט וואָס נאָר ס׳קען זיך מאַניפּעסטירן אין פּענאָמענען – אַלץ נאָר עפּעמעריש, געמאָסטן, באַגרענעצט מיט דויער ווי מיט אָרט, טאָלערירט נאָר פֿונעם טויט.

קען זײַן אַז ס׳איז אויך אייביק מיטן לעבן – העגעליש, אַנטינאָמיש, מאַנאַ און נישטיקייט אין אייביקן געפֿעכט. צו קענען געוועלטיקן איבער אומבאַגרײַפּטע עפּעסן – דאָס קען זײַן אַ פּראָבלעם פּאַר געטער. פּאַרן מענטש איז נאָר איינס גילטיק, אָן שום מעגלעכע קאָמפּראָמיסן. טויט איז סוף פֿון אַלץ וואָס מע קען טון, זאָגן, טראַכטן, טרוימען, באַגערן. מעכטיק, שוואַך – אַלע מוזן שטאַרבן.

~❀~

אָמר רוסאָ: דער שטאַרקערער איז תּמיד גערעכט; בכן מוז מען זיך מיִען צו זײַן דער שטאַרקערער. די רעאַליזאַטאָרן פֿון די גרויסע רעוואָלוציעס פּאַרלירן די קעפּ, אַזוי אין 1789 ווי אין 1917? טראַכט דער „אייבערמענטש" דזשוגאַשווילי סעמינאַריסט!

אַ מאַלאַדיעץ דער זשאַן-זשאַק רוסאָ: סאָוויעטיש שוין פּאַרשטאַנען אַז אייבערמענטשן אומעטום פּאַראַנען. דאַנטאָן? ראָבעספּיער?

מאַראַ? לעבין? טראָצקי? ביטשע-וואָ דאָס אַלץ!...

נאַפּאָלעאָן, סטאַלין – דאָס זענען לײַט / וואָס ווייסן וואָס זײַן אַ רעוואָלוציאָנער באַדײַט, / און נאָר פֿאַר באַלוואַנען / הייסן זיי טיראַנען!

~❀~

דער אונטערשייד פֿונעם באַגריף משיח צווישן ייִדן און קריסטן איז: לויטן ייִדישן, דאַרף משיח ערשט קומען כּדי אויסצולייזן די וועלט פֿון שלעכטס און רעאַליזירן דעם כּי-טובֿ פֿאַרן באַשאַף. וואָלף און שאָף זאָלן זיך פֿיטערן צוזאַמען, שווערדן זאָלן ווערן אַקער-אײַזנס און לײַט זאָלן זיך קושן אין די פּיסקעלעך מיט ליבשאַפֿט.

אָבער לויטן קריסטנטום איז משיח שוין געקומען כּדי אַליין צו ווערן געקרייציקט. און דאָך איז זינט צוויי טויזנט יאָר די וועלט ווילד משוגע, מיט מערדערײַען, פּריווילעגיעס און געמיינקייטן פֿון יעדן מין, ניט בלויז קעגן אַנדערע, נאָר אויך צווישן אייגענע, וואָס נעמען אָן דעם זעלבן משיח פֿאַרן וואָרן לאַנג-באַגערטן אויסלייזער פֿון די פֿאַרשיידענע סדום-ועמורהס. זיי האָבן ניט קיין שום שײַכות מיטן וואָרן ישו, דעם גוטן פֿרומען ייִד, און זײַנע אַפּאָסטאָלן, וואָס זענען געממיתט געוואָרן אין גריכנלאַנד, אין רוים ווי אין עטיאָפּיע.

די רוימער, וואָס ווערן איצט סימבאָליזירט ווי די עכטע קאַטאָליקן מיטן וואַטיקאַן, האָבן אָנגעטון צרות די ערשטע קריסטן, וואָס זענען געווען אויסגעלייזט מיט משיחס קומען, אַזוי אַז...

נאָר – ווער דאַרף פּאָלעמיזירן מיט עמיצן וועגן דעם? פֿאַר מיר האָט ישו ניט קיין שום שײַכות מיט קריסטנטום, ווײַל ער, ווי אַלע זײַנע אַפּאָסטאָלן, איז געווען אַ ייִד און האָט טײַער באַצאָלט פֿאַרן פּרוּוון זײַן אַ וואָרער ייִד.

נאָר איינער, שאול פֿון תּרשיש, האָט סענט-פּאָליזירט דאָס געענדערטע ייִדישקייט מיטן ניט דאַרפֿן זײַן געמלעט. און פֿון די

אַפּאָסטאָלן, טראָץ די עוואַנגעליעס, האָט נאָר דער, וואָס איז פֿאַר די גוייִם אַ פֿאַררעטער, זיך גענומען ס׳לעבן צוליבן קרײַציקן!

≈✽≈

אין ווייץ צי קאָרן איז פֿאַראַנען / חוץ מעל אויך שטרוי; / פֿאַר וואָס ניט טאָקע אַנען / אַז מיט ייִדישקייט איז אויך אַזוי?

ניט מיט אַלץ געמאַכט נאָר קוכן, / ברויט, לאָקשן-קוגל, בייגל און ווער ווייסט וואָס נאָך. / פֿאַר אַ ייִד, געוויס – אַ חלה / האָט טעם שבת קודש מעלה, / אָבער פֿאַר אַ פּראָסטן גוי, / מעג ער פֿון דעם אַלעמען פֿאַרזוכן – / עפּעס פֿון וואָרן טעם דערין / וועט ער קיין מאָל ניט געניסן. / פֿאַר אים אַלץ שעצקע תּמיד דאָך, / און פֿון אַ בייגל קען ער ויסן / נאָר דעם זין פֿון לאָך.

≈✽≈

די וויסנשאַפֿט האָט דערמעגלעכט די מענטשן צו עוואָלויִרן אין דער ריכטונג פֿון אולטימען שלעכטס: מער הרגענען, מער פֿאַרשקלאַפֿן, מער פֿאַרגיפֿטן, מער עקספּלואַטירן, כאַפּן ערובֿניקעס אַאַז״וו. דאָס הייסט ציוויליזאַציע, רעליגיע, קולטור.

דער מענטש איז אַ געמיינע בריאה, ערגער פֿון די אויסטערלישסטע באַשעפֿענישן, און סוף-כּל-סוף וועט ער אומקומען צוזאַמען מיט זײַן שלעכטס, און ס׳וועט זײַן אַ שיינע, ריינע כּפּרה. אָבער ליידער – וויפֿל אומשולדיקע דערינען!

≈✽≈

אַז נאָכן היטלער-חורבן זעלטן ייִדן / זענען, ביסימדיק געראַטעוועט, אַהיים געקומען, / האָבן די פּאָליאַקן זיי מיט מעסערס אויפֿגענומען, / צו קענען מאָרדן זשידעס אויך צופֿרידן. / וואָס? ניט אַלע אינעם אַש פֿון אוישוויץ ליגן?

קעלץ. צום מאָרד די פֿרומע שינאה / רינט פֿון מאָרדעס;

וועלפֿן-סלינע. / האָרדעס ווילד, מיט העק און שטאַנגען אײַזן. /
זאָל מען זען וואָס ס'קען אַ פֿרומער גוי באַווײַזן!

בלוטיקט יונג און אַלט, געגוססט און געשריגן / פֿאַרטויבט פֿון יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיניעלאַ-ניגון. / אויף קלויסטערקרייץ האָט נאָר איין ייִד געשוויגן.

~❁~

אזוי ווי ס'איז וויסנשאַפֿטלעך באַוויזן אַז קיין שום עסענץ צי סובסטאַנץ, פֿיזישע צי מעטאַפֿיזישע ענערגיע קען ניט טאָטאַל אומקומען, נאָר בײַטן אַספּעקטן – וואָס אַזוינס געשעט מיט אַלע זיפֿצן און קרעכצן, שלוכצן און שטילע געוויינען פֿון אַזוי פֿיל געפּײַניקטע, באַליידיקטע, הונגעריקע קינדער פֿון יעדער עלטער (מע קען זײַן אַ קינד שוין זײַענדיק אַ גרײַז)? וואָס ווערט דערמיט?

ס'קען דאָך ניט פֿאַרשווינדן, ווי באַלד ס'איז עפּעס פֿון אַלץ – דעם אייביקן אַלץ, רעזולטאַט פֿון נישטיקייט, צי דעם אייביקן גאָרנישט, יסוד פֿון אַלץ.

ווו זאַמלט זיך דאָס צונויף? ווער –ציניש-שלעכט צי משיחיש-גוט– נעמט דאָס אַלץ צוזאַמען, צו שאַפֿן דערמיט אַן אולטימען דונער, מיט אַ בליץ צו פֿאַרוואַנדלען דעם אוניווערס, אָדער כאָטש אונדזער פּלאַנעט, אין אַ רעוואָלט-עקספּלאָזיע קעגן אַ גלײַכגילטיקן צי פּערווערזן גאָט – עווענטועל מעגלעכן האַר פֿון באַשאַף.

~❁~

אונדזער זונסיסטעם איז אינעווייניק אין דער גאַלאַקציע. בכן, קען מען מאַכן עטלעכע אויספֿירן:

ערשטנס, אַז מיר קענען זען אַ **דרויסן** נאָר דורך ספֿערעס – ספֿערעס פֿון פּלאַנעט און ספֿערעס פֿון דער גאַלאַקציע. טראָץ אַלע טעלעסקאָפּן – זעט מען אַלץ ווי דורך שויבן.

צווייטנס, אַז פֿון אַן אַטאָם ביז גאַלאַקציעס איז אַלץ מיט אַן

אינעווייניק וואָס באַשטייט פֿון אַנדערע אינעווייניקן, און יעדעס איז אַ וועלט פֿאַר זיך, מיט אייגענע אינטערעסן און פּראָבלעמען. אָבער וואָרשײַנלעך באַאײַנפֿלוסט פֿון אַ גרעסערן ווילן מיט פֿליכטן. ביז ווי ווײַט אין גרייס קען דאָס אַזוי אָנגיין? דאָס איז ניט מעגלעך צו באַגרײַפֿן. אפֿשר איז אַ גאַלאַקציע ניט מער ווי אַ שטויבעלע אין אַ קאָסמישן עפּעס. מע קען דאָך זען ווי ס׳געשעט מיטן מענטש — אַן אַמאַלגאַם פֿון מיליאַרדן מאָלעקולן צי אַטאָמען אין גלידער, דריזן, בלוט-קעמערלעך אאַז״וו. איבער אַלץ געוועלטיקט מיט צענטראַלן מוח און זײַן נערוון-סיסטעם, וואָס איז אָפּהענגיק פֿון דער גאַנצער פֿיזיאָלאָגיע מיט די פֿונקציעס פֿון יעדן ספּעציאַליזירטן עלעמענט.

אַזוי קען דאָך זײַן אין אַלע גרייסן, מיט לאָקאַלע געטער-סיסטעמען. ס׳איז דאָך ווי מיט סאָציאַלע רעזשימען: אַטאָם, מאָלעקול, קעמערל, גוף, מוח, פֿאַמיליע, פֿאָלק, סאָלטיס, גובערנאַטאָר, נאַציע, קאָנטינענט, פּלאַנעט, ביִאָספֿערע, זונסיסטעם, גאַלאַקציע און ווער ווייסט ביז וואָס און ווען...

איז ווידער דאָס אַזוי פֿיל מאָל געזאָגטע: קודם מוז מען זײַן פֿולקום יחידיש און סאָציאַל, פֿאָלגן דעם באַשאַף, זײַן שלימותדיק, ניט פֿאַרתּכלעווען עקזיסטענץ און ניט אומקומען פּריצײַטיק. דער מענטש האָט די מעגלעכקייט דאָס צו קענען באַווײַזן — הלמאי פֿירט ער זיך אַזוי אידיאָטיש? ווער שטערט עס, דער כּי-טובֿ זאָל זײַן עפֿעקטיוו און באָרמאַל?

וואָס פֿאַר אַ טײַוול קומט ווידערשפּעניקן עפּעס אַן אוניווערסאַלן ווילן וואָס קען ניט גובֿר זײַן אַ רעוואָלט, אַ שלעכטס צי סתּם אַ משוגעת? גיי ווייס! בעסער ניט טראַכטן דערפֿון!

~❁~

לויטן קאַטאַלאָג פֿון אינטעלעקטועלן באַזאַר, האָב איך אויסגעפֿונען 100 פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס. פֿאַרשטייט זיך אַז יעדע האָט אירע וואַריאַנטן, סעקטאַנטן, **נעאָס** און אינטער-פּרעטאַטאָרן מיט צוגאָב-קאָמענטאַרן. חוץ דעם, קומען צו כּסדר

ביַיע פֿילאָזאָפֿיעס, און אַז מע זאָל נעמען אין אַכט די צאָל פֿילאָזאָפֿן וואָס ווערן אויסגעפֿאַרטיקט און געליוועסט מיט אַן אַטעסטאַט אָנצוגיין פֿאַר עמיצן וואָס איז מסוגל צו פֿילאָזאָפֿירן –אַזוי זינט די עלטסטע פֿאַרציַיטישע עפּאָכעס– קען מען קומען צום אויספֿיר, אַז אָדער ליַיט זענען משוגע, אָדער היפּאָקריטיש נעמט מען די מענטשהייט פֿאַר יאָלדן.

ווי אַזוי קענען זיַין אַזוי פֿיל אמתן, אַזוי פֿיל גילטיקע לעבנס-שטייגער טעאָריעס, אָנגעווענדטע צי אַפֿילו ניט? נאָר איינע קען דאָך זיַין וואָר, און די איבעריקע מוזן דאָך זיַין פֿאַלש. ערשט די איינציקע וואָס איז גילטיק, איז זי עס דאָך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. וואָס-זשע איז דאָ צו פֿילאָזאָפֿירן נאָך אַנאַנד כּסדר? דאָ רעדט זיך וועגן ערלעכע, אויפֿריכטיקע ליַיט.

פֿאַרשטייט זיך אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם מיטן קאַפּיטאַליזם ניצן אויס די פֿילאָזאָפֿיעס ווי זיי ניצן אויס רעליגיעס, עסטעטיק, מאָראַל, וויסנשאַפֿט, מיסטיציזם און וואָס נישט? אַפֿילו ספּאָרט – פֿאַר זייערע אינטערעסן. חוץ דעם איז עס דאָך אַ מיטל צו מאַכן אַ קאַריערע מיט פּרנסה, כּבֿוד, רום – זיכער ליַיכטער ווי גראָבן קוילן און בויען היַיזער.

אָבער פֿאַר מיר, פּשוטן בשר-ודם וואָס האָט פֿיַינט היפּאָקריזיע און דיאַלעקטישע שאַלעמויזן, זעט מיר דאָס אויס נאַהאַיש און פֿאַרדעכטיק. אַזוי אויך מיט רעליגיעס. אַ מבֿין וויפֿל אמונות מיט זייערע סעקטעס ווערן פּראַקטיצירט אומעטום זינט תּמיד, מיט פֿאַרשיידענע נעמען, דאָקטרינעס?... און מע קען צוגעבן ווי אַ רעליגיע אויך די אַטעיִסטן, וואָס זענען ווי אַ פּאַרטיי פֿון אומפּאַרטייִשע.

פֿאַרשטייט זיך אַז פֿון די פֿינעף מיליאַרד צוויי-פֿיסיקע באַשעפֿענישן וואָס מע רופֿט „מענטש" זענען דאָ אַ גרויסע צאָל סתּם טים-תּמס וואָס פֿאַרנעמען זיך ניט מיט קיין ספּיריטועלע פּראָבלעמען, און עקזיסטענציאַליזם איז פֿאַר זיי עסן, טרינקען, יענצן און שטאַרבן מיט פּחד פֿאַרן טויט, ניט וויסנדיק וואָס און ווען. אָבער מיט די אַנדערע איז עס ניט אַזוי פּשוט.

קונצן־מאַכערײַ מיט אַרגומענטן; קאָזשעליקעס מיט רעטאָריק; אַקראָבאַטיק מיט לאָגיק און סילאָגיזמען; אַרעבע־ספּעקטאַקלען מיט אַקאַדעמיעס, דאָקטאָראַטן און מײַסטערווערק וואָס שיטן מיט אַקסיאָמען, טאָלערירן ניט קיין פּאָסטולאַטן און זעבען גליקלעך אַז די גאַלעריעס אַפּלאָדירן זייערע אינטעלעקטועלע האָקוס־פּאָקוסיזמען, זייער זשאָנגלירן מיט סעמאַנטיק און זייער האַלטן זיך עקוויליברירט איבערן שׂכל־הישר ווי דראָטגייערס. גײַסטיקייט האָט אַ סך פֿאַקירן, פֿײַער־שלינגערס, וואָס ווייסן ווי אַזוי מע קען ציִען סוקצעסן פֿון די באַוווסטזיניקע האָמאָ־סאַפּיענסן ווי מע ציט סטענגעס פֿון די נעז אָדער טויבן פֿון די פֿויסטן אין די סאָציאַלע צירקן.

פֿאַר מיר איז פֿאַרדעכטיק אַפֿילו דאָס זיצן און לערנען אין די ישיבֿות. עמיץ וואָס זיצט כּסדר און לערנט דעם שטראָף־קאָדעקס, איז עפּעס ניט גלאַטיק. אַן ערלעכער, אויפֿריכטיקער מענטש, דאַרף ניט אַזוי פֿיל תּורות, פֿילאָזאָפֿיעס, קאָדעקסן אד״גל. איין זײַטל פּאַפּיר דערקלערט אַלץ, און ס׳איבעריקע איז ליטעראַטור פֿאַר האָרשפּאַלטערס און ליידיקגייערס.

~❀~

יעדע פֿאַלשקייט, מיאוסקייט צי שלעכטס וואָס טוסט עמיצן, איז ווי אַ ווּנד דײַן אייגענעם באַוווסטזײַן, און אַ ווּנד דעם גאַנצן מענטשלעכן געוויסן. דײַנע זינד פּײַניקן אפֿשר גאָט, און ס׳לײַדט דערפֿון דער גאַנצער אוניווערס. טראַכט דערפֿון איידער דו באַגייסט דעם חטא, ווײַל קיין שום חרטות היילן ניט די געעפֿנטע ווּנדן. דאָס אײַנרעדן לײַט, אַז מיטן בלויז תּשובֿה טון צי טובֿלען זיך קען מען אַלץ אויסקויפֿן, איז אַ וויסטער בלאָף און אַליין אַ פֿאַרברעכן. אַזוי גוט ווי עס דויערט לאַנג ביז אַ גוף פֿאַרהיילט אַ ווּנד, דויערט טויזנטפֿאַכיק לענגער צו היילן נשמה־ווּנדן, בפֿרט אַז דאָ גילטן ניט קיין שום סערומס מיט באַנדאַזשן. ניטאָ נאָך די נשמה־ביאָטיקס וואָס טוען אויף ווונדער און שאַפֿן ניסים. מע דאַרף, מע מוז אַלץ טון, אַז די דערציִונג פֿון קינד זאָל שאַפֿן

אינסטינקטן פֿאַר אַלע עטישע אימפּעראַטיוון. געלייענט די רייד פֿון אַ קאַרדינאַל צי פֿון אַ גלח – אַז אויב אייכמאַן וואָלט זיך געטויפֿט פֿאַר דער תּליה, וואָלט ער געהאַט אַן אָרט גלײַך אין גן-עדן, בשעת ייִדן, דורך קרעמאַטאָריע- קוימענס – גלײַך אין גיהנום. דאָס איז אַ חרפּה און אַ געפּאַר.

~❀~

די מאַטעריאַליסטישע ציוויליזאַציעס וועט מען ניט אויסבעסערן מיט קיין שום טעאָריעס און דאָקטרינעס. דאָס איז אַ מין ווירוס-מגיפֿה פֿאַר גוף און נשמה. די מענטשהייט איז אַלץ מער פֿאַשמעליעט, צעחושט, צעשרויפֿט מיט אימפּעט, מיט וויסנשאַפֿט, מיט אילוזיעס, פֿיקציעס, נאַרקאָטיקס, אויסטערלישע פֿילאָזאָפֿיעס און עסטעטישע אומזין-טעאָריעס.

איין מיטל פֿאַרן מענטש וואָס האָט נאָך אין זיך אַ ביצוץ פֿון לאָגיק און שׂכל-הישר: אַנטלויפֿן! אַנטלויפֿן וואָס ווײַטער פֿון דער קולטור און אירע האַלוציניאַציעס, פֿון אירע טריומפֿאַלע דיאַגראַמעס וואָס ווײַזן דעם כּסדרדיקן פּראָגרעס. פּראָגרעס פֿון וואָס? אינפֿאַרקטוסן? משוגעתן? קאַנסערן? היטלערישע עקסצעסן צי סתּם ווילדע קאָמפּלעקסן?

אַנטלויפֿן צוריק צו דער נאַטור, אָן ביאָטיקן מיט האַרמאָנען; שאַפֿן קיבוצים, זיך ווידער אויסלערנען שמייכלען, זינגען, רוען מנוחהדיק, ליב האָבן אָן היכטערמיין, פֿאַרגעסן אינטערעסן. צוריק צו גאָט, צום לעבן!

מאַכן אפֿשר אַן אָפּקלײַב פֿון עטלעכע ניצלעכע עלעמענטן, און לאָזן דאָס איבעריקע פֿאַרן טײַוול, וואָס האָט אַלץ דערפֿונדן.

~❀~

מײַן שרײַבן און פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס געשריבענע דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן ניט ווי געליטעראַטורעוועט, זוכן רום, באַגערן אַפּלאָדיסמענטן, קאָמפּלימענטן, מעדאַלן, פּרײַזן צי פּרנסה, נאָר ווי דאָס אָויסרעדן צי אַראָפּרעדן זיך פֿון עמיצן וואָס ליגט אויף אַ

בעטל אין אַ סעאַנס פֿון פּסיכאָאַנאַליז. אַנשטאָט צו ליגן בײַ אַ פֿרוידן צי אַ יונגן, אָדער אַנדערע פֿון זייער מין, איז – לאָזן פֿרײַ מחשבֿות מאַניפֿעסטירן אין רייד ווי זיי קומען, אָן צי מיט קאָנטראָל.

טו איך עס עפֿנטלעך, און נעם אַלע וואָס וועלן אפֿשר דאָס לייענען, ווי סימבאָלישע פֿענאָמענען פֿאַר אַ פּסיכאָלאָג, צי טאַקע אַ פּסיכיאַטער. כּלומרשט זײַענדיק ציוויליזירט, קולטיווירט, פֿיל איך זיך דאָך פּסיכאָפּאַטיש. איך מיין, לויט אַנדערע זיגמונטן, אַז מיטן באַפֿרײַען ס׳געמיט, דעם דמיון דורכן אָפּרעדן זיך עפֿנטלעך, קען מען ווערן געהיילט, זיך באַפֿרײַען פֿון קאָמפּלעקסן און פּסיכאָזן. דאָס זאָל זײַן אַ מין פּסיכאָטעראַפּיע, אַ פּסיכאָפּראָפֿילאַקציע. כ׳בין חלילה ניט פּסיכאָסאָמאַטיש באַשעדיקט צי סכיזאָפֿרעניש, אָבער זיכער לײַד איך פֿון געוויסע מאַניעס, ווי למשל גראַפֿאָמאַניע. אַ באַווײַז איז אָט דאָס וואָס איך שרײַב דאָ אַפֿילו.

כ׳בין זיכער, אַז דאָס קומען פֿון די קאַטאָליקן צום גלח זיך אַראָפּרעדן און מתוודה זײַן, אָדער אַפֿילו די ווידוי בײַ עמיצן וואָס פֿילט זיך אַז ער שטאַרבט, איז עפּעס פֿון דעם מין. גוט וואָלט געווען, ווען יעדער מענטש זאָל האָבן עמיצן אַ גוטן פֿרײַנד פֿאַר וועמען זיך צו פֿאַרטרויען, אָדער ווען ניט – כאָטש פֿאַרשרײַבן פֿאַר זיך זעלבסט אַלץ וואָס קומט אים אין זינען, און פֿון צײַט צו צײַט אַליין עס אַדורכלייענען. ס׳וועט אים אפֿשר באַפֿרײַען פֿון אַ סך קאָמפּלעקסן.

משה רבינו האָט געמוזט שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ ייִד איידער ער האָט געברענגט דאָס שקלאַפֿן-פֿאָלק צום באַרג סיני און זיי געגעבן די תּורה. פֿערציק יאָר אינעם מידבר, ביז אַ נײַער דור זאָל פֿאַרגעסן די טעפּ פֿלייש פֿון מצרים. וויפֿל צײַט דאַרף מען הײַנט צו שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ מענטש צי ייִד, ער זאָל קענען באַקומען די נײַע תּורה וואָס ער מוז האָבן. ווער ווייסט צי דאָס

וועט ניט מוזן זײַן חלילה דער אַטאָמיזירטער מידבר! יעדנפֿאַלס – דער הײַנטיקער דור מוז זיך געבוג רייניקן און לײַטערן זוכה צו זײַן צוריק צו קענען טראָגן דעם נאָמען מענטש און ייִד. ווער ווייסט צי האָט ער ביז אַצינד ניט אוזורפּירט דעם דאָזיקן באַגריף, מיט נאַרישע מעגאַלאָמאַנישע ציוויליזאַציעס און קולטורן.

~❀~

דער אַלטער סכסוך צווישן די מאַרקסיסטן און די פֿילאָזאָפֿישע אַנאַרכיסטן וועגן דעם פּראָבלעם: מענטש. איז די געזעלשאַפֿט מחויבֿ צו זאָרגן קודם פֿאַרן ווילשטאַנד פֿונעם יחיד, צי דאַרף דער יחיד עפּעס מקריבֿ זײַן פֿון זײַן אינדיווידועלער פֿרײַהייט לטובֿת דעם כלל?

מע קען זאָגן –יעדנפֿאַלס, מיר זעט עס אַזוי אויס– אַז געזעלשאַפֿט איז דער פֿאַרזוך צו אָרגאַניזירן דעם ווילשטאַנד און די פֿאַרטיידיקונג און די גרעסטע ווירקעוודיקייט אין אַלע הינזיכטן פֿאַרן יחיד. בכן, מע דאַרף ניט נעמען די געזעלשאַפֿט ווי אַ יש, עפּעס אַ וויכטיקס פֿאַר זיך זעלבסט. געזעלשאַפֿט ווי אַזוינס איז אַן אַבסורד.

און דאָך – טאָר מען ניט איבערטרײַבן. אַזוי גוט ווי דער מענטש איז אַן אימפּעריע פֿון קעמערלעך, דער ים – אַ צוזאַמענשטעל פֿון טראָפּנס, דאָס פֿאָלק צי נאַציע – אַ פֿאַרבאַנד פֿון יחידים, כאָטש יעדער פֿראַגמענט איז עפּעס פֿאַר זיך זעלבסט, איז דאָס גאַנצע שוין אַ נײַער עפּעס, אַ נײַע ענטיטעט. ים איז, חוץ טראָפּנס, עפּעס אייגנאַרטיקס. מענטש – ניט בלויז אַמאַלגאַם פֿון קעמערלעך צי אַטאָמען.

קאַרל יונג, דאַכט זיך, האָט אונטערגעשטראָכן די עקזיסטענץ פֿונעם מאַסן-פּסיכיזם, וואָס מוז אפֿשר ניט זײַן דער סך-הכּל פֿון די יחידישע פּסיכיזמען אַ-לאַ פֿרויד. יעדער קען פֿעסטשטעלן ווי פֿיזיש און פּסיכיש פֿילט זיך דער מענטש אַנדערש אין המון, אין דער מאַסע. נײַע כּוחות, נײַע אימפּולסן, נײַע אַמביציעס אפֿשר. די

גאַנצע חכמה דאַרף באַשטיין אין געפֿינען אפֿשר דעם אידעאַלן סינטעז, דעם אידעאַלן פּונקט, די גרענעץ צווישן אימפּעראַטיווער פֿרײַהייט אינעם באַגער פֿון יחיד און דעם ניט ווייניקער אימפּעראַטיוון מוז פֿון אָפּטרעטן דעם עגאָיזם לטובֿת דער געזעלשאַפֿט, דעם כּלל.

ס'איז אַ בײַטן זיך, אַ טראַנזאַקציע: באַקוועמלעכקייט, זיכערקייט, ווירקעוודיקייט – קעגן אַבדיקאַציע פֿון אַ טייל פֿרײַהייט. מע קען ניט געווינען אויף אַלע נומערן מיט אַ מאָל. עס קען ניט געמאָלט זײַן אַן אַבסאָלוטע פֿרײַהייט אָן שום פֿליכטן לגבי אַ מלוכה, וואָס איז דער אויסדריק פֿון אַלגעמיינע באַדערפֿענישן. ווען ניט, מוז עס זיך אויסלאָזן מיט אויסנאַרן עפּעס: פּאַראַזיטיזם צי פּשוט גזלה. עס מוז זײַן אַ סאָציאַלער אָפּמאַך צווישן קאָלעקטיוו און דעם אינדיווידועלן. ס'מוז זײַן אַן אָרדענונג, אַ מאָראַל, אַ געזעץ. ממילא מוזן זײַן לײַט וואָס זאָלן זײַן די היטערס, אַז דאָס אַלץ זאָל ווערן אָנגעווענדט לויט די באַשטימטע כּללים. עס מוז אויך גילטן דאָס דעמאָקראַטישע געזעץ פֿון דער מערהייט.

וועגן דעם קען מען דאָך עפּעס זאָגן. אַ מאָל קען די מינדערהייט באַרעכטיקן אַ דיקטאַטור כּדי אויפֿצוצווינגען ניט קיין פּריווילעגיעס, נאָר אָנצווענדן גלײַכהייט און פֿרײַהייט. ווען למשל די מערהייט קען באַשטימען אַז אַ מינדערהייט זאָל ווערן עקספּלואַטירט לטובֿת אַנדערע, איז די פֿליכט פֿון דער דאָזיקער מינדערהייט זיך אַנטקעגנצושטעלן און אויפֿצווינגען דעמאָקראַטיע מיט געוואַלט.ס'זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל. דער עיקר איז טאַקע דער מענטש – אָבער דער באַוווּסטזיניקער מענטש, וואָס פֿאַרשטייט אַז אַלץ מוז זײַן מיט אַ מאָס, גרענעץ און האַרמאָניע. ווען יעדעס קעמערל אינעם מענטש וואָלט געטראַכט נאָר פֿון אייגענע אינטערעסן און געמאַכט זיך ניט וויסנדיק פֿון אַלע אַנדערע, וואָלט דער מענטש ניט געקענט עקזיסטירן באַרמאַל. אויב עס טרעפֿט זיך יאָ אַזאַ מין אַנאַרכיע, לאָזט עס זיך טאַקע

אויס מיט אַ קאַנסער, און סדרובֿ מיט טויט. דער דאָזיקער משל איז גילטיק סײַ פֿאַר אַ מענטשלעכן גוף, סײַ פֿאַר אַ מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

~❀~

מיך רייצט דער באַוווסטזײַן פֿון זײַן געפֿאַנגען, פֿון ווערן מאַניפּולירט, געפּירט, דערטערמינירט פֿון עפּעס צי עמיצן. אַ פּוכעלע אין ווינט, אַן עפּעס אויף אַ שאַכברעט, אַ טראָפּן אין אָקעאַן, צי פּשוט אַ פֿויגל אין שטײַג, צי אַ הונט אויף אַ קייט. דאָס אַלץ זע איך קוים, געפּענטעט אין אָרט און צײַט. אַלץ איז סימבאָל, אומגעזען, אָבער אַלע מײַנע חושים פֿילן עס. עפּעס אין מיר טרוימט פֿון וועלט אָן האָריזאָנטן. און דאָ, כאָטש די מעגלעכקייט פֿון שׂכל, די מעכאַניק אין מײַנע הענט, פֿיל איך זיך ווי אַ פֿראַגמענט, אַ געפֿאַנגענער פֿראַגמענט.

די דאָזיקע מחשבֿה איז דער שאָטן אין דער זון, דאָס שטויבעלע קויט אויפֿן לויטערסטן וואַזאָן, די פֿאַלשע נאָטע אין דער קאָסמישער ראַפּסאָדיע. פּיטאַגאָרן האָט זיכער געריצט דאָס דאָזיקע אין זײַן הימלישער מוזיק. פּלאַטאָן האָט זיכער געליטן פֿון מוזן זײַן נאָר אַ שאָטן, געפֿאַנגען אין זײַן הייל.

מיך רייצט דאָס אַלץ, ווײַל כ׳בין איבערצײַגט באמונה שלימה: אַזוי ווי כ׳קען אַזוינס טראַכטן, ממילא קען איך גרייכן די פֿולקומע פֿרײַהייט, דעם וואָרן אמת, די טאָטאַלע שיינקייט, די אַבסאָלוטע פֿרייד און ליבשאַפֿט: מיך רייצט די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון ניט קענען פֿאַרשטיין –אפֿשר שוין ניט, צי נאָך ניט קענען– דעשיפֿרירן דעם מיין פֿון מײַן אייגן לעבן, פֿון מײַן שורש און פֿון מײַן ציל, פֿון מײַן אויפֿקום און פֿון מײַן אומקום. דערבײַ רייצט מיך דאָס זײַן געפֿאַנגען צווישן דעם וואָס איז געווען, דעם וואָס איז און דעם וואָס קומט ערשט.

וואָרשײַנלעך איז מעגלעך אַז דאָס אַלץ זאָל זײַן אַ פּסיכאָפּאַטי-שער אַבסורד. אַ פֿאָרגעפֿיל אָבער מאַטערט מײַן נשמה: עס קען דאָך אַנדערש זײַן! און דאָ אַרום מיר, אַ צופֿרידענע בירגערשאַפֿט

רונדיקט זיך די בײַכלעך. זיי פֿירן חשבונות מיט געטער; שאָף חלומען פֿון האָבן ציין און נעגל און קענען מאַכן אַ לעבן אויך אַזוי ווי די וועלף, למשל, אָן צו דאַרפֿן צופּן גראָז...

~❀~

ווער וועט זיך דערוועגן / דעם מינדסטן פֿויגל פֿרעגן / הלמאי פֿראַנק און פֿרײַ / זינגט זיך אים אין מײַ?

פֿון פֿראָסטן שׂכל איז געדרונגען: / ער איז אַ פֿויגל – ממילא מוז ער זינגען!

ווער וועט זיך דערוועגן / דעם מינדסטן פֿון פּאָעטן פֿרעגן / הלמאי, הלמאי / זײַן זינגען איז כּדאי?

פֿון פֿראָסטן שׂכל איז געדרונגען: / ער איז אַ פּאָעט, ממילא מוז ער זינגען!

גוט צי שלעכט, / גערעכט צי ניט-גערעכט, / באַזונדער צי מיט אַנדערע צונויפֿגעקומען – / אַבי נאָר עכט, / איז זאָל זיי וויל באַקומען!

~❀~

קען זײַן אַז דאָס וואָס איך טראַכט און פֿאַרשרײַב איצט איז אַ מין שפּינאָזיזם, אָבער איך פֿיל עס, דאַכט זיך מיר, אַנדערש:

דער אוניווערס איז לעבן, איז גלײַכצײַטיק געטלעכקייט, אָבער בשום אופֿן ניט ווי עפּעס אַן ענטיטעט וואָס קען אַרײַנגענומען ווערן אין אַ טעאָריע, פּאַראַגראַפֿירט מיט אַ סיסטעם געאָמעטריש, מאַטעמאַטישע סענטענצן, ווי אין דער „עטיק", מיט אַ „ניט לאַכן, ניט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין". לעבן, וואָס איז אפֿשר דער קאָסמישער אַלץ, פֿון וועלכן אַפֿילו געטלעכקייט קען זײַן אַן אַספּעקט, דאַרף ווערן באַגרײַפֿט גלײַכצײַטיק ווי דער ייִדישער אחד, רעליגיעז, אַ מין נשמה-פּאַנטעיִזם, אײַנשטיינישע עקוואַציעס, קוואַנטאַ-סיסטעמען און וואָס מע וויל נאָר.

דאָס דאָזיקע אוניווערסאַלע לעבן, ווי די זון אין פּריזמען, מאַניפֿעסטירט זיך אין עסענצן, סובסטאַנצן, פֿאָרמען, קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע, פֿיזיש, פּסיכיש, מיט עוואָלוציעס, אויפֿקום און אומקום, עפּעמעריש און אין אייביקייטן. וואָס מע זאָל ניט פּרוּוון טון, קענען מיר נאָר באַגרײַפֿן פֿענאָמענען דערפֿון. און פֿון אַלע פּרעכטיקע פֿענאָמענען איז זיכער דער שענסטער, דער הייליקסטער, דער ווונדערלעכסטער — דער פֿענאָמען באַוווּסט־זיניקער מענטש וואָס קען אַזוינס טראַכטן, קריטיקירן, זיך רעוואָלטירן אַפֿילו ווען דאָס ניצט ניט, העלפֿט ניט, קען ניט ענדערן עפּעס, אויסער דעם וואָס אים איז באַוויליקט צו קענען טון. דערמיט איז דער מענטש דאָס באַליבטע קינד פֿון דעם דאָזיקן קאָסמישן אַלץ, וואָס הייסט לעבן, און ער ווערט געטרייסט מיטן מעגלעכן געדאַנק, ווי אַ טרײַע מאַמע וואָלט געזאָגט:

„טײַער קינד מײַנס, דו ווייסט דאָך זיכער אַז אויב אַלץ ענדערט זיך אין אַספּעקטן, איז דער מהות דערפֿון אייביק ווי איך, ס'לעבן זעלבסט. איך פֿיר דיך דורך מיליאָנען עקזיסטענצן, פֿאָרמען, אַספּעקטן, באַגרײַפֿטע צי ניט דורך דײַנע חושים און אינסטינקטן צי ספּיריטועלע אינטויִציעס, ווי מע פֿירט אַ קינד שפּאַצירן אין גערטנער. שרעק זיך ניט פֿאַר איין אומקום; וואַקסט אויף תּמיד צו נײַע פּראַכטן און רעאַליטעטן, פֿון וועלכע דו קענסט אפֿשר ניט האָבן אפֿילו קיין אַנונג. אָבער זײַענדיק עפּעס פֿון מיר זעלבסט, ביסטו געזיכערט מיט אייביקייט. האָב צוטרוי צו מיר, און טו דײַן פֿליכט: דויער אָפּ דײַן באַשטימטע צײַט אין די בעסטע באַדינגונגען, ווײַל לעבן אָן צוטרוי און אָן ווילזײַן איז אַ זינד פֿאַר וועלכער ס'איז ניט מעגלעך קיין שום מחילה".

~❀~

פֿאַר וואָס מוזן קאָמוניסטן זײַן דווקא אַטעיִסטן? פֿאַר וואָס מוזן סאָציאַליסטן, אָדער ווי זיי רופֿן זיך — סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זײַן אַ מין סינטעזע, אַ פּשרה צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, און דערצו אויך זײַן אַנטירעליגיעז אין פּרינציפּ, ווי די

ענציקלאָפּעדיסטן, גיכער געבייגט צו די וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריעס אַז דער אוניווערס איז אַ מין מאַטעריאַליסטישער כאַאָס, מיט צופֿעליקייטן, פּראָבאַביליטעטן און פֿאַטאַלע פֿענאָמענען, אָן שום דעטערמיניזם, אַגנאָסטיש, אַ מין געמיש פֿון אויגוסט קאָמט, שפּינאָזע, בערגסאָן מיט דעמאָקריט און ענגעלסן, אַ מין ראָבאָטיזם, יאָ צי נישט געשמאָלצן מיט גײַסטיקייט.

אַנטיקלעריקאַלן, אַנטיטעאָקראַטן – יאָ, ווײַל דאָס מיינט קעמפֿן קעגן אינסטרומענטן אָדער תּירוצים פֿאַר קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן-אינטערעסן. דאָס האָט אַ שײַכות מיטן מאַרקסיזם, מיטן קאַפּיטאַליזם וואָס ניצט אויס אַלע מעגלעכקייטן צו פֿאַרטשאַקען דעם עולם-גולם און קענען בעסער עקספּלואַטירן לײַט, פּאַראַזיטעווען מיט פּריווילעגיעס ווי מע טוט עס זינט תּמיד און הײַנט אַפֿילו: מיט רעליגיעס, וויסנשאַפֿט, קונסט, ספּאָרט אד"גל.

אָבער – ווי קומט דאָס אַלץ צו געטלעכקייט? דער מענטש איז פֿרײַ אויפֿן פּלאַנעט, פֿיזיש און פּסיכיש, עקזיסטענציעל אַפֿילו נוסח סאַרטרן און די דאָקטרינעס פֿון זײַנס גלײַכן. ער קען אויסניצן זײַן דויער און זײַנע פֿיזישע און פּסיכישע מעגלעכקייטן לטובֿת ווילזײַן, אָבער ווײַטער ניט. וועלט, לעבן, טויט, סיבה, ציל – דאָס בלײַבט אַ סוד וואָס ער איז ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן. קומען מיט סענטענצן אַז ניטאָ קיין געטלעכקייט, קיין ציל, קיין ווילן, קיין שום פּלאַן, קיין שום סיסטעם – איז לעכערלעך. מע קען זײַן אַ קאָמוניסט און גלײַכצײַטיק זײַן פֿרום, אָבער ניט פֿאַנאַטיש: פֿרײַ פֿון אַלע רעליגיעס וואָס מאַכן קאַריערעס, און פֿון אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט זייערע פּלומרשטע הימלישקייטן. זיי פֿאַרגעצן געטלעכקייט מיט פֿאַרשיידענע אופֿנים, אַזוי די אַנימיסטן פֿון די פּרימיטיווע שבֿטים אין אַמאַזאָניע צי אין אויסטראַליע, ווי די ראַפֿינירטע, מאָדערניזירטע טעיִסטן, מיט ייִדישקייט בתוכם.

אַן אויפֿריכטיקער, פֿרומער מענטש – מוז זײַן אַ סאָציאַליסט, און אַן אויפֿריכטיקער סאָציאַליסט מוז זײַן אַ טעיִסט. מאַרקסיזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, אַנאַרכיזם, קיבוציזם – דאָס אַלץ האָט אַ שײַכות מיט דער עקאָנאָמיע, מיט סאָציאַלע רעזשימען, מיטן

עווענטועלן פֿאַרשווינדן פֿון קלאַסן-פּריווילעגיעס און קלאַסן-קאַמף, מיט אַ יושרדיקן לעבנס-רעזשים באַזירט אויף גלײַכהייט, פֿרײַהייט, ליבשאַפֿט, אָן פּאַראַזיטיזמען, אָן סנאָביזמען, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, ראַסן-יחסנות. ס'מיינט זיך אײַנשטעלן פֿאַר קאָגנזיטיקער פֿאַרשטענדעניש – געהאָלפֿן איינס ס'אַנדערע יחידיש צי קאָלעקטיוו, ווי אַלע פֿעלקער וואָלטן געווען איין משפּחה צעשפּרייט אויף אַלע קאָנטינענטן; ניט פֿאַרתּכלעוועט מי און דויער צו שאַפֿן אומניצלעכע, ס'רובֿ געפֿערלעכע עפּעסן, נאָר פֿאַרקערט, געטון אַלץ אַז אומעטום זאָלן לײַט קענען עקזיסטירן אין די בעסטע באַדינגונגען, ווי אין אַ פּערמאַנענטן יום-טובֿ, אָן ריזיקירן ס'געזונט און ווילזײַן, קאָנטראָלירנדיק די דעמאָגראַפֿישע עקספּאַנסיעס.

פֿרום מיינט ניט ביגאָטעווען. דאָס האָט ניט קיין שום שײַכות מיט ריטואַלן, מיט דאַווענען אָדער קליידן זיך, צי מיט פֿאַרשיידענע צערעמאָניעס, טעמפּלען און כּל-המינים גאָטס סטראַפּטשעס. דאָס אַלץ קער זיך גיכער אָן מיט פּאַגאַניזם, פֿעטישיזם און פֿאַנאַטיזם אין אַלע, אַבסאָלוט אַלע אַספּעקטן. פֿרום איז מען מיט זײַן ערלעך-גוט, היגיעניש געלעבט, האָבן אָפּשײַ און ליבשאַפֿט פֿאַרן באַשאַף, ווי ממילא פֿאַרן עווענטועלן באַשעפֿער, כאָטש מע קען אים ניט פֿאַרשטיין און וויסן ווער און וואָס דאָס איז. דאָס קען בשום אופֿן ניט ווערן פֿאַרגעצט, פֿיגוראַטיוו, מיט מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן, נאָר אומבאַגרײַפֿט, אומבאַקאַנט, און דאָך ליב האָבן טאָטאַל, אָן קיין שום באַדינגונגען, מעקלערײַען און טאָרבע-געבעטן ווי שולדיקע וואָס קומען אויסנאַרן מחילות פֿאַר באַגאַנגענע געמיינע מעשׂים און מחשבֿות.

מע מוז זײַן דאַנקבאַר פֿאַר דער מעגלעכקייט צו קענען עקזיסטירן אויף אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, אַפֿילו ווען באַגרענעצט מיט דויער, און האָבן תּמיד אין זינען, אַז זײַענדיק עפּעס אינעם קאָסמישן אַלץ, מעג עס זײַן אַ מיני-גאָרנישטל אָבער דאָך אַ פֿראַגמענט דערפֿון, איז עס אַ זכיה, און מ'איז מחויבֿ אָפּצוהיטן זיך זעלבסט און אַלץ אַרום ווי עפּעס וויכטיקס, פֿאַרטרויט דורך אַ

געוועלטיקער וואָס טאָר ניט ווערן אָפּגענאַרט, פֿאַרשוועכט, געלעסטערט, באַשווינדלט.

ס'איז אַ מתּנה מיט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויב מ'איז באַשאָנקען מיט אַ באַוווסטזיַין, דאַרף מען זיך פֿילן ווי עמיץ מיט פֿלעכטן קעגן גאַנצן אוניווערס. כ'זאָג פֿליכטן ניט ווי אַ יאָך, נאָר פֿאַרקערט, ווי אַ תּענוג.

דאָס וואָס איך זאָג דאָ, האָב איך כ'ווייס אַליין ניט וויפֿל מאָל געזאָגט און געשריבן, נאָר כ'וועל עס כּסדר זאָגן און שריַיבן ווי לאַנג געלעבט, וויַיל דאָס איז דער איינציק-גילטיקער אופֿן פֿון אַ באַרעכטיקטער עקזיסטענץ, און די איינציקע גילטיקע מעגלעכקייט צו קענען לעבן, אַפֿילו אין אַ באַגרענעצטער ציַיט, און צו שטאַרבן אָן אַנגסט, פּיַין, נויט און יסורים, פֿיזישע און פּסיכישע. דאָס איז גילטיק אַזוי יחידיש און סאָציאַל.

ערשט חוץ דעם אַלעמען – תּמיד געדענקען, אַז געטלעכקייט, דאָס וואָס געוועלטיקט אין אונדז צי אויסער דעם אוניווערס, מעגן דאָס לייַט ווי זיי ווילן אָנרופֿן, מיט רעליגיעזע, מיסטישע צי וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיעס – איז פֿאַר מיר זיכער ניט קאָמיקאַדזיש, און אַזאַ פֿענאָמען ווי אַ קאָסמישער אַלץ מיט אַזוי פֿיל געשעענישן, דערשיַינונגען, אַספּעקטן, לעבן – איז זיכער ניט עפּעס אַ הפקר-צופֿעליקייט, אַ זעלבסטמאָרד פֿון אַ צעחושטן אָדער פּעסימיסטישן כ'ווייס-אַליין-ניט-וואָס.

דאָס ניט וויסן ווער, וואָס און ווען איז ניט קיין באַוויַיז אַז דאָ גייט אין אַ נירוואַנאַיִזם, אַ כאַאָס, אַ נישטיקייט. די וויסנשאַפֿט אַפֿילו האָט דאָך שוין אויסגעפֿונען אַז נישטיקייט איז ניט כּולו-גאָרניט, נאָר דער יסוד פֿון אַלע עפּעסן. אַדרבא! ס'איז דאָ אַ גאָט וואָס האָט ליב זיַין באַשאַף מיט אַלץ וואָס דערין און דערויף, און אַלץ איז זיכער מיט אַ באַגערטן כּי-טוב. מיר, מענטשן, וואָס קענען אַזוינס טראַכטן, זענען באַשאָנקען מיט פֿריַיען ווילן און מעגלעכקייטן צו געוועלטיקן אויף אונדזער פּלאַנעט. דאַרפֿן מיר זיַין תּמיד דאַנקבאַר, מיט ליבשאַפֿט, אַפֿילו ווען מיר קענען ניט וויסן ווער דאָס איז. ער איז אַ גוטער, וואָס טאָלערירט אַפֿילו

אַטעיִסטן.

געווים: פֿאַראַן לײַט וואָס זענען ניט מנוחהדיק זיך פֿילנדיק אַליין; זיי האָבן ליב דאָס צוזאַמענקומען זיך מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעזע, ספּאָרטיווע, עסטעטישע און אַנדערע צערעמאָניעס און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ פֿיזישע אָדער פּסיכישע נויטווענדיקע קאָנטאַקטן. דאָס טאָר אָבער ניט זײַן אַ תּירוץ צו מײַדן סאָציאַלע פֿליכטן, אָן שום מעגלעכע פּריווילעגיעס, און עפּעס וואָס קען צעשטערן אייגענעם ווילזײַן, מיט אויסטערלישע פֿירונגען און לעבנס-שטייגערס וואָס זענען גורם פּאַטאָלאָגישע פֿענאָמענען, אָדער עפּעס צעשטערן אין דער עקאָלאָגיע דורך פֿאַרפֿירן לײַט מיט דעמאַגאָגישע דאָקטרינעס צי פֿאַנאַטיזמען.

יעדער איז פֿרײַ, אָבער דאָס אַלץ האָט נאָר אַ שײַכות מיט דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ און סאָציאַלער סבֿיבֿה. די וואָס ווילן זיך פֿאַרנעמען מיט ספּיריטועלע פּראָבלעמען, טראַכטן צי איז יאָ פֿאַראַן צי ניט פֿאַראַן אַ געטלעכקייט – זאָלן זיי עס פֿילן ווי זיי געפֿעלט, אָבער נאָר אין דער פּרײַער צײַט, אויסער די פֿליכטן, געדענקענדיק אַז לײַט לעבן אין אַ געזעלשאַפֿט. יעדע מוראַשקע טוט ס'איריקע.

בכן טאָר קיין שום סאָציאַליסט, קיין שום קאָמוניסט ניט קומען פּראָקלאַמירן צי ס'איז יאָ צי ניט פֿאַראַן אַ געטלעכקייט. זיי דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען בלויז מיטן מאַטעריאַליזם, מיט דער עקאָנאָמיע און מיט די סאָציאַלע רעזשימען פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט. זיי טאָרן ניט באַגיין דעם פֿעלער ווי ס'טוען די קאַפּיטאַליסטן, וואָס ניצן אויס ספּיריטועלע פּראָבלעמען לטובֿת זייערע אינטערעסן, און זיך ניט פֿאַרנעמען מיט טעיִזם צי אַטעיִזם, און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט.

דאָס אויפֿריכטיקע רעליגיעזע איז אַן אינטימער פּראָבלעם.

לעבן, און שטאַרבן טאָרן ניט זײַן קיין אַרגומענטס פֿאַר קלאַסנקאַמף. בידער מיט אַלע קלעריקאַליזמען און טעאָקראַטיעס, אַפֿילו מיט די, וואָס זענען לעקישעוואַטע פֿאַרפֿירט מיט גנאָסן און מיטן צוזאָג פֿון יענע-וועלטיקע גליקן נאָכן טויט, צאָלנדיק

דערוויַיל אויף דער וועלט מיט שווער-פֿאַרדינטע גראָשנס פֿאַר די פֿיקטיווע טרייסטן; אָבער ניט געלעסטערט די וואָרע הייליקייט פֿון באַשאַף און ממילא וואָרשיַינלער פֿון באַשעפֿער.

צרות און קרענק ביַים לעבן, און פּחד ביַים שטאַרבן, וועלן פֿאַרשווינדן אויב עקזיסטענץ וועט ניט זיַין פֿאַרקריפּלט מיט אידיאָטיש-פּערווערזע סאָציאַלע רעזשימען.

≈❀≈

קען זיַין, אַז אין קאָסמאָס גייען אָן קאָמפּעטיציעס צווישן גאַלאַקציעס אָדער זון-סיסטעמען, מיט אַגרעסיווע עקספּאַנסיע-פּאָליטיקן זיך צוצואייגענען פֿרעמדע פּלאַנעטן, פּראָפּאַגאַנדע-אַטראַקציעס צו באַמיִען זיך זיי אָפּצוּוויַיכן פֿון זייערע באָרמאַלע אָרביטן, ביזן אָפּריַיסן זיי פֿון זייערע אַפּיטרופּסים מיט דער צוציונג אוןווידערשטאַנד פֿון מאַגנעטישע כּוחות, וואָס האַלטן זיי אין געפֿאַנג זינט לאַנג. אפֿשר איז דאָ עפּעס פֿון אַ קאָסמישן אימפּעריאַליזם, טאַקע ווי עס פֿירט זיך אויף אונדזער פּלאַנעט צווישן די גרויסמאַכטן מיט זייערע אימפּעריאַליסטישע פּלענער.

וואָרשיַינלער מוזן זיך מאַניפֿעסטירן די זעלבע פֿענאָמענען אין אַלע דימענסיעס און היבזיכטן, תּמיד און אומעטום: פֿון אַ נעוטראָן, אַ מעזאָן, ביז אוניווערסן אַפֿילו. ווער ווייסט וואָס ס'קומט פֿאַר צווישן גטעער אין זייערע דימענסיעס — אַ מין קאָנקורענץ צווישן אָמנימעכטיקייטן מיט שאַפֿן מעשׂי-בראשית. און מיר דאָ זעענען נעבעך די קרבנות, ווי פּשוטע זעלנער וואָס פֿאַלן ווי די פֿליגן אין די סטראַטעגישע קאָמפּעטיציעס פֿון באַפּאָלעאָניזירטע געטער מיט זייערע גענערעלער און מאַרעשאַלן, וואָס ווערן גערימט ווי העלדן.

≈❀≈

קיין שום שפּראַך, קיין שום דיאַלעקט האָט נאָך ניט גענוג ווערטער צו קענען איבערגעבן, אויסדריקן אַלץ וואָס געפֿינט זיך אין דער וועלט, און אַפֿילו ניט דאָס וואָס געפֿינט זיך איבעם

מענטש. פֿאַראַן נאָך אַזוי פֿיל סובטעלע געפֿילן און נאָך אַזעלכע געדאַנקען, אינטויִציעס, וואָס לײַט קענען בשום אופֿן ניט באַגרײַפֿן.

דער מענטש האָט אַ פֿאַרגעפֿיל פֿון אַ סך אײַנדרוקן, אײַנפֿלוסן, ווירקונגען, צושטאַנדן, פֿאַר וועלכע ס׳פֿעלן אים ווערטער. אין דער הינזיכט קען דער מענטש פֿאַרשטיין און איבערגעבן מיט אַ בליק מער ווי מיט אַ גאַנצער דרשה. און וווּנדערלעך: אַ בליק פֿאַרשטייט עס תּיכּף! אַ בליק קען אויך אָפּלייקענען אַלץ, וואָס ווערטער דערציילן. ערשט דער שמייכל און די אינטאָנאַציע פֿון דעם וואָס זאָגט עפּעס! מיט זייער שפּראַך זענען די כּינעזער גרעסערע, סובטעלערע שפּראַכקענערס ווי מיר.

די אייניציקע שפּראַך וואָס קען אפֿשר אויסדריקן מער ווי אַלע אונדזערע לשונות איז מוזיק. אָבער ס׳רובֿ פֿאַרשטייען מיר אפֿשר דערווײַל ניט די דאָזיקע שפּראַך; מע פֿילט זי נאָך דערווײַל.

~❀~

ווי אַ מוטער־פֿויגל לאָזט ניט אַרויס אירע פֿייגעלעך אין דער וועלט אַרײַן איידער זיי קענען פֿליִען און זיך אַליין אַן עצה טון אין אַלע אומשטאַנדן – טאָר אַ מחבר ניט אַרויסלאָזן זײַנס אַ שריפֿט איידער ער איז ניט איבערצײַגט אַז בעסער קען ער ניט. דערצו זענען בייטיק אַ צען קאָרעקטן, און די וויכטיקסטע – עטלעכע חדשים נאָכן שאַפֿן. אויב נאָך דער לעצטער רעוויזיע זענען זיי ניט מסוגל עפּעס אויסצובעסערן, צו ענדערן – איז פֿליט אײַך געזונטערהייט אויף גאָטס באַראָט, און זאָל זײַן מיט גליק!

אויף מײַנע לעצטע קאָרעקטן האָב איך גענומען צענדליקער יאָרן. אַצינד, צו מײַנע כּמעט 89 יאָר, איידער כ׳וועל עפּעס באַוויַיזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן, וועל איך מאַכן דעם לעצטן איבערבליק, און דערמיט האָב איך ס׳מײַניקע אָפּגעטון: באַגליקט די מענטשהייט מיט אַ סעריע מײַסטערווערק וואָס זענען מסוגל אויסצולייזן די וועלט פֿון שלעכטס און באַרישקייט, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, און אָנצורעגן אַנדערע געניאַלע צי סתּם טאַלאַנטירטע

דענקערס צי שרײַבערס צו שאַפֿן אַנדערע ווירטואָזיטעטן.

טאַקע גוט און פֿײַן. דאָס שרײַב איך איצט. נו, ווי אַזוי קען איך זיך נעמען וואַרטן נאָך עטלעכע יאָר, צו קענען קאָרעגירן און דורכצוזען צי דאָס, וואָס כ'האָב דאָ געזאָגט איז טאַקע באמת גילטיק?

ווי מע קען זען, איז גראַפֿאָמאַניע אַ פֿאַרכישופֿטער קרײַז. ניט אַרויסצוקריכן דערפֿון!

~❀~

אָט וועל איך פּרוּוון געבן אַ מוסטער פֿון דיאַלעקטישן פּילפּוליזם אָדער סאָפֿיסטישער דיאַלעקטיק.

לעבן, צײַט, אָרט, מאַטעמאַטיק – זענען אומענדלעך און אייביק. אָבער וואָלט ניט געווען קיין לעבן – וואָס וואָלט פֿאַרנומען אָרט, און וואָס וואָלט געדויערט? קען מען זאָגן אַז אָרט און צײַט זענען אַן אייגנשאַפֿט פֿון לעבן?...

מאַטעמאַטיק איז ניט פֿון דער זעלבער וויכטיקייט ווי אָרט און צײַט. עס באַגלייט זיי ביידע ווי אַ מעגלעכקייט צו מעסטן רוים און דויער, אָבער בלײַבט אַבסטראַקט, בעת די אַנדערע זענען ממשותדיק עפּעס אין עסענצן און סובסטאַנצן, צי אַפֿילו לײדיקייטן. ס'איז אומענדלעך, און דאָך עפּעס, אין פֿאַרגלײַך מיט סומעס, מיט צאָלן אין ביידע אַנטינאָמישע ריכטונגען. מע קען תּמיד צוגעבן אַ ציפֿער אָדער אַ נול וואָס ווערט עפּעס אין קאָנטאַקט מיט אַ פֿריִערדיקער סומע, אַ פֿריִערדיקן סך-הכּל. מע קען עס צעטיילן ביז ווער ווייסט וואָס. עפּעס קען דאָך ניט פֿאַרשווינדן טאָטאַל! און אפֿשר איז דאָס אַלץ אַן אַספּעקט פֿונעם אוניווערסאַלן עלעמענט לעבן, וואָס איז סײַ עסענץ און סײַ סובסטאַנץ, סײַ רעאַליטעט און סײַ פֿיקציע, און ווער ווייסט וואָס נאָך?

~❀~

ווי גוט איז זיך צו פֿילן אַ ניצוץ פֿונעם אייביקן לעבן, אַפֿילו בײַטנדיק אַספּעקטן, כאָטש יעדע עוואָלוציע איז באַגלייט מיט

פײַן, ווי יעדעס געבוירן! מע מוז אויך פֿעסטשטעלן, אַז וואָלטן ניט געווען לעבן, אָרט און צײַט, וואָלט ניט געקענט זײַן קיין מאַטעמאַטיק. מאַטעמאַטיק איז אַן אייגענע יסודות, אוממעגלעכן תּמצית, טראָץ וואָס מע וויל דווקא זי פֿאָרן מיט פֿילאָזאָפֿיע. פֿילאָזאָפֿיע איז טאַקע אויך אַבסטראַקציע, פֿיקציע, אַפֿילו ניט מיראַזש, אָבער מיט פֿילאָזאָפֿיע קען מען עפּעס פֿאַרשטיין, באַגרײַפֿן, אַנאַליזירן געשעענישן און ענדערן אַ לעבנס-שטייגער. ס'האָט צו טון מיט באַוווסטזיניקייט, בשעת מאַטעמאַטיק, חוץ וואָג און מאָס, אַ זיווג מיט לאָגיק אפֿשר...

בכן: לעבן, צײַט, אָרט, מאַטעמאַטיק, לאָגיק – מע מוז דאָך מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די אַלע באַגריפֿן. פֿאַראַן דערין ניט-גילטיקס פֿאַר דעם אַלעמען. למשל: ס'מוז זײַן אַן אונטערשייד צווישן דויער-צײַט און אָרט-באַוועגונג. אָרט איז דאָך עפּעס ממשותדיקס, כאָטש ס'האָט אַ שײַכות מיט דעם אופֿן. למשל: עמיץ גייט, נאָר ס'אָרט בלײַבט, ער נעמט עס דאָך ניט מיט מיט זיך. עמיץ דויערט אָבער. די צײַט – וואָס טוט זי?

ערשט: אויפֿן זעלבן אָרט קען זיך געפֿינען נאָר איין עפּעס, אָבער דויערן קענען גלײַכצײַטיק מיליאָנען געשעענישן, ניט שטערנדיק זיך איינע די אַנדערע. ערשט נאָך אַ פּאַראַדאָקס: אַפֿילו אַז ס'געשעעט גאָרנישט, דויערט דאָך די צײַט פֿאַר זיך זעלבסט. מאַטעמאַטיק קען זיך נאָר גלײַכן צו די איבעריקע דערמיט –און... און... און... און...

ווי מע זעט, קען מען אַזוי פּילפּוליזירן ספּעריש אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, ווײַל צו די אַלע אויבן דערמאָנטע פֿענאָמענען, וואָס זענען נאָר פּראָבלעמען, קען מען צוגעבן דיאַלעקטיק. מיט דער הילף פֿון אַ העגעלן און עקזיסטענציעלע פֿענאָמענאָלאָגן, / איז נאָך דאָ צו זינגען און צו זאָגן. / זאָלן נאָר זײַן יאָרן – און מע קען זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן: / כ'וועל האָבן טעמעס פֿאַר קינפֿטיקע פּסיכאָזן.

~❁~

מיט די פֿילאָזאָפֿן, סאָציאָלאָגן, מאָראַליסטן, און אַפֿילו מיט דאָקטוירים וואָס רעקאָמענדירן, פּראָקלאַמירן, היילן און גיבן עצות – איז ווי מיט די ציוניסטן. אַ ציוניסט איז אַ ייִד וואָס הייסט אַנדערע ייִדן צו פֿאָרן זיך באַזעצן אין ישׂראל. וויפֿל דאָקטוירים הייסן ניט רייכערן און ניט טרינקען קיין אַלקאָהאָל, מיט אַ ציגאַרעט אין מויל און אַ גלעזל וויסקי אין דער האַנט? ערשט מיט די רעליגיעזע גורוס – זיי ווײַזן דאָך דעם בעסטן בײַשפּיל פֿון עניוות און אַנטיפּאַראַזיטיזמען! טעמפּלען מיט צערעמאָניעס און פּאַראַדן... וואָלט מען אַ יעזוסן אַרײַנגעלאָזט אין וואַטיקאַן ווען ער קומט דאָרטן הײַנט פּשוט געקליידט, אויף אַן אייזל? אפֿשר ווען ער קומט אין אַ געפּאַנצערטן קאַדילאַק...

~❀~

איך פֿיל זיך ווי אַ מיניפּליאַטקעלע, אַ מיניסאַרדינקעלע פֿאַרלוירן אין אַן אָקעאַן, וווּ ס'גערוועלטיקן וואַלפֿיש-ריזן, הײַפֿיש-מחבלים, ריזיקע באַשעפֿענישן, פֿילקעפּיקע הידרעס, ניט רעדנדיק פֿון אַזוי פֿיל מינים: איכטיאָרייזירמען, פּלאַנקטאָנען, קאָראַלן און ווער קען אַלץ אויסרעכענען, צווישן זיי אַפֿילו מעדוזן און סירענעס.

הלמאי זאָג איך דאָס דאָזיקע? ווײַל אַזוי פֿיל איך זיך אין מײַן אָקעאַן פֿון שריפֿטן, מיט אַזוי פֿיל פּראָבלעמען, אַזוי פֿיל פֿאַרצייכנטע מחשבֿות, אַזוי פֿיל שרײַבערס, אַז איך בין בשתּומם, דערשראָקן און צעטומלט, ניט וויסנדיק ווי אַזוי זיך אַרויסצו־באַקומען פֿון דעם אַלעמען און געפֿינען צוריק מײַן קלאָר, ריזלדיק וואַסערל, וווּ ס'שטורעמט זיך ניט מיט קיין געשוימטע פֿאַליעס, נאָר ס'זילבערט זיך די לבֿנה און ס'גאָלדיקט זיך די זון, מנוחהדיק, אָן טאַראַראַם און אָן געפֿאַר פֿון עווענטועלע משוגעתן.

~❀~

ווי אַזוי מחברן, דאָס הייסט, זיך ווענדן צו עמיצן שרייבטלער, ס'זאָל ניט אויסזען ליטעראַטור? סינטאַקסירט מיט רעטאָריק, דיאַלעקטיק, סטיליזירט מיט פּראָזעאָלאָגיע, מאַניערירט קינסטלעריש, געקינצלט... פּאַר וואָס ניט פירן זיך ווי מיט עמיצן אַ גוטן פרײַנד, מיט וועלכן מע שמועסט געוויינטלעך?

ס'מוז זײַן מאָנאָלאָגיש, ווײַל קיינער קען ניט ענטפערן. ס'איז אַזוי גוט, ווי זיך פילן פרײַ פון עול-מחבר. מע דענקט, מע טרוימט, מע ליריקט, און די האַנט דברט, שרײַבט, זאָגט פשוט וואָס באַגערט צו זאָגן.

איז ניטאָ וואָס צו זאָגן? שווײַגט מען און מע טוט עפּעס אַנדערש. מע לאָזט צו רו די פעדער מיטן פּאַפּיר, און מע טשעפּעט זיך ניט צו לײַט, מע קומט קיינעם ניט באַלעסטיקן מיט נײַן מאָס רייד.

קאָמיש! קען מען זיך פאָרשטעלן אַז אין אַ גאַס, צי אין אַ מעטראָ, זאָל עמיצער קומען צו אַ צווייטן און דעקלאַמירן סאָראָ-בערנאַרדיש עפּעס וואָס ער וויל זאָגן? ערשט ווען דאָס איז מיט גראַמען און פערזן אפשר. ס'דערמאָנט מיר די אָפּערעס ווו מע זינגט באַריטאָניש: „אָ, גיב מיר אַ טרונק וואַסער!“, אָדער „עפן די טיר!“.

~❁~

באַר אַזעלכע פרומע פּאָעטערס קען וואָרשײַנלעך אַ גאָט טאָלערירן, וואָס לייגן זיך זעלבסט אויף אַ מזבח, און פירן ניט זייער אייגן קינד צו דער עקידה; באַר די כהנים, וואָס נעמען ניט אַנדערע פאַר אַ שעיר-לעזאָזל, און שפּרינגען אַליין אין אָפּגרונט ווו מע ברעכט זיך האַלדז און נאַקן, ניט אומשולדיקע שאָף, צי לײַט וואָס דאַרפן העגער פאַר אַ כפּרה און מוזן תּמיד זוכן זיך אויסצוקויפן ווי מיט כאַבאַר פאַר באַגאַנגענע חטאָים.

און ניט באַר שאָף און רינדער: אַפילו ביז הײַנט איז גילטיק די היפּאָקריטישע אײַנרעדעניש, אַז מע האָט געקרייציקט אַ נביא — פאַרשטייט זיך, אונדזערס אַ ייִד — ער זאָל אומקומען כדי לײַט

זאָלן זינט טויזנטער יאָרן קענען זינדיקן מיט אַלע מעגלעכע חטאָים, מערדערײַען און געמיינקייטן, זיך פּילנדיק פֿרײַ פֿון חרטות צי עפּעס לאַסט אויפֿן פֿרומען געוויסן.

באַר צו אַזעלכע אויפֿריכטיקע פּריסטערס שטרעקט גאָט אויס אַ האַנט אָפּצוהאַלטן ס׳מעסער, און זאָגט: גענוג! כ׳האָב באַר געוואָלט זען ווי ווײַט אײַער פֿרומקייט איז אויפֿריכטיק! אויך צו די אַנדערע שטרעקט גאָט אויס זײַן אָרעם, אָבער דאָס איז נקמה צו נעמען פֿאַר די געברענגטע, אומשולדיקע קרבנות, אומשולדיקע שאָף.

היט אײַך, פֿאַלשע כּהנים! אָדער אײַער גאָט איז אַלמעכטיק און מע קען אים ניט באַרן, אָדער ער איז סתּם אַ תּירוץ צו קענען מאָרדן מיט פֿרומע מינעס. יעדנפֿאַלס איז זיכער: מע קען ניט באַשווינדלען און באַרן אַלעמען, אומעטום און תּמיד, ווי ס׳האָט שוין עמיץ געזאָגט, דאַכט זיך.

~❀~

וועגן דער פּאָלעמיק אין שײַכות מיט די טעאָריעס פֿון אַ דאַרווין און קיזשי-יאַמענישטי. אַ פּראָבלעם וואָס פֿאַרשטייט זיך, איך, אַרן מיעדניק, מוז באַשיידן. בכן, דאַרוויניזם: עוואָלוציע דורך אימפּעראַטיוון פֿון קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. קלימאַטן, נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס, ווידערשטאַנד און אַגרעסיעס. תּמיד צוגעפּאַסט צו נײַע סיטואַציעס, אומשטאַנדן. דער קליגסטער, שטאַרקסטער – לעבט איבער אַלע אַנדערע און פֿרוכפּערט, מערט זיך. אָבער יאַמענישטי זאָגט: ניט קאַמף, עוואָלוציע איז אַ נאָרמאַלער פֿענאָמען. גלײַכצײַטיק, אומעטום פֿאַרן זעלבן מין, אָן לאָקאַלע באַדינגונגען, זענען קאָמפּעטיציעס אַ נאַטירלעך געזעץ פֿון באַשעפֿענישן, און זייערע באַגערן צו עקספּאַנסיעס, אַגרעסיעס זיך צו נערן, זענען נויטווענדיק צו רעגולירן ס׳האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, מײַדן פּראָליפֿיקאַציעס, רעגולירן די קוואַליטעט פֿון יעדן מין מיטן אומקום פֿון קריפּלען און אומפּעיִקע.

ס׳רובֿ אין אַזעלכע פּראָבלעמען מוז איך, פֿאַרשטייט זיך, געפֿינען דעם וואָרן באַשייד. וועל איך זען שלום צו מאַכן צווישןביידע טעאָריעס. מ׳זאָל נעמען דעם משל פֿון אַ גוף, זעט טאַקע אויס אַז אַלע אָרגאַנען, אבֿרים, דריזן, טראָץ זייער אַנדערשקייט, פֿירן ניט קיין שום קאָנקורענץ צווישן זיך, נאָרן פֿירן אויס זייער באַשטימטע פֿונקציע. אויב מאַכט זיך אַ מאָל אַ מין קאָמפּעטיציע, איז עס אַ פּאַטאָלאָגישער פֿענאָמען, און מע מוז זיך וואָס גיכער היילן. ווען ניט איז דער גוף אין געפֿאַר. אויב אַ באַשעפֿעניש עוואָלויִרט, טוען עס גלײַכצײַטיק אַלע עלעמענטן דערין. דאַרוויניזם, בערגסאָניזם, טעיאַר-דע-שאַרדעניזם — אַלץ עוואָלויִרט, פֿון אַמיבן ביז דעם עווענטועלן אָמעגאַ-פּונקט אין אַ נאָאָספֿערע, ווען אַלץ וועט זײַן טאָטאַל ספּיריטואַליזירט, באַשעפֿענישן — כולו-גײַסט, דינאָזאָרן, אָבער מיט גרויסע קעפּ און קליינע גופֿים.

אָפּגעזאָגט — דערמאָן איך זיך אַז איך האָב דאָך געלייענט דעקאַרטן, בכן צווייפֿל איך: אַזוי אויך מיט העגעלן: מע מוז דאָך געפֿינען עפּעס אַן אַנטיטעזע. פֿרעגט זיך: פֿאַר וואָס זאָל אַ גאָט מוזן אָנקומען צו מערדערײַ כּדי צו האַלטן אין אָרדענונג זײַנס אַ פּלאַנעט? קומט דען ניט פֿאַר דאָס אייגענע אין קאָסמישן פֿאַרנעם? געשעט ניט תּמיד אומעטום דאָס זעלבע: בײַ יחידים, קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ; קלאַסנקאַמף, פּאַטריאָטישע אַמביציעס, קאַמף צווישן זונסיסטעמען מיט געפֿאַנגענע סאַטעליטן, אַגרעסיווע שטראַלונגען און פֿינצטערע אַנטיסובסטאַנץ-לעכער וואָס שלינגען אײַן גאַלאַקציעס?

ערשט קומען מיקראָבן און ווירוסן, און באַרעכטיקן דאַרוויניזם מיט געפֿינען אַנטידאָטן קעגן פּעניצילין, אַנטיביאָטיקס, און ווערן שטאַרקער ווי די דאָקטוירים. לייגן אַוועק אַזעלכע חכמים ווי אַ העגעל, למשל, וואָס כאָליערע-וויבריאָנען האָבן ניט געוואָלט באַרעכטיקן זײַן פֿענאָמענאָלאָגיע; אַ שאָפּענהויער און נאָך

אַזעלכע אַנדערע גדולים.

בכן לאָז איך דעם גאַנצן עסק פֿאַר ספּעצן; איך וועל כאַפּן אַ דרימל, ווײַל ס'איז שוין נאָך האַלבע נאַכט.

~❁~

די סיבות פֿונעם שלעכטס וואָס געוועלטיקט יחידיש און סאָציאַל אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן, אומעטום, זינט תּמיד אַזוי ביז הײַנט, זענען:

1) לײַט ווילן ניט זײַן אויפֿריכטיק,לאָגיש און ערלעך. 2) דאָס מאַניפּולירן די סעמאַנטיק פֿון טערמינאָלאָגיעס, קאָמענטירן, אינטערפּרעטירן און אָנווענדן זייער וואָרן, זיכערן, אַבסאָלוטן קלאָרן טײַטש פֿאַר אַלץ און תּמיד, אָן שום עווענטועלע, ס'רובֿ היפּאָקריטישע טענדענציעזע אַרגומענטאַציעס. 3) דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, די עקאָנאָמישע רעזשימען מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס, פּאַראַזיטיזמען, עגאָיִזמען.

אַזוי איז פֿרײַהייט פֿאַר אַ היטלערן צי סטאַלינען – צו קענען פֿרײַ מאָרדן און רויבן. גוט – אַלץ וואָס איז פֿאַר זיך זעלבסט. לאָגיש – איינער זאָל זאַמלען שײַערן מיט ווייץ, און אַנדערע זאָלן פּגרן פֿון הונגער.

ווי לאַנג מע וועט ניט אָנווענדן, אַפֿילו נאָר לטובֿת דעם מענטשן-מין, דעם ריכטיקן טײַטש פֿון ווערטער און באַגריפֿן, וועט יעדע דאָקטרינע, יעדע פּאָלעמיק, זײַן – בלאָף.

~❁~

פֿאַר וואָס עפּעס „אַטעיִסטן"? פֿאַר וואָס ניט „אַזוניסטן", „אַלבֿנהיסטן", „אַטאָג-און-נאַכטיסטן", „אַוועלטיסטן", „אַמענטשיסטן" און נאָך אַנדערע אַזעלכע **אַנטי־יִסטן**? מיטן לייקענען די זון, ענדערט עס דען עפּעס אין דער נאַטור? קענען לײַט לייקענען זייער אייגענע עקזיסטענץ, זייער מעגלעכקייט צו קענען לייקענען עפּעס בכלל? ערשט, אויב זיי זענען דאָ – פֿון

וואַנען געקומען, און וווהין וועלן זיי פֿאַרשווינדן, טראָץ זייער ווילן? ווי אַזוי קענען זיי ניט פֿעסטשטעלן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ פּלאַן מיט סעזאָנען, געזעצן, עוואָלוציעס, ציקלען? און אויב זיי קענען האָבן אַ קאָפּ וואָס געוועלטיקט איבער זייער גוף און נשמה אַפּילו, פֿאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט זײַן אין קאָסמישע דימענסיעס?

ס׳געפֿעלט זיי ניט אָנצורופֿן עס „גאָט״? זאָלן זיי עס אָנרופֿן אַנדערש, זײַן אַנטי-רעליגיעז, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט. אַדרבא! אָבער דאָס שטערט ניט צו זײַן פֿרום, מיט ליבשאַפֿט און טרײַהייט צו די באַקומענע פֿליכט ווי אַ באַשעפֿעניש בכלל, און ווי אַ באַוווסטזיניקער מענטש בפֿרט. פֿון ווּעמען דאָס זאָל ניט האָבן געקומען – ווי אַזוי קענען זיי ניט דאַנקבאַר זײַן דעם, צי דאָס, וואָס דערמעגלעכט זיי זאָלן קענען צווייפֿלען אין אַלץ?

פֿאַר וואָס מוז מען דווקא זײַן אַ רעאַקציאָנער ווײַל מע גלייבט אין דער עקזיסטענץ פֿון גאָט? וואָס מער פֿענאָמענאָלאָגיע, פּאָזיטיוויזם, וויסנשאַפֿט, אַנפּלעקונגען, אַנטדעקונגען, דערפֿינדונגען, מיסטיציזם, וועלטלעכע פֿילאָזאָפֿיעס מיט אַסטראָפֿיזיק, מאַטעמאַטיק, לאָגיק און וואָס מע וויל – אַלץ מער ליבשאַפֿט צום אומבאַגרײַפֿטן מײַסטער וואָס דערלויבט מיר צו באַטראַכטן דעם ריזיקן פֿענאָמען וועלט, מיט אַלץ וואָס דאָס באַדײַט.

קאָמיש זעט מיר אויס אַז איך, באַגרענעצט באַשעפֿעניש אין השׂגות, דויער און מעגליכקייטן, זאָל פּרוּוון מיר פֿאָרשטעלן אַספּעקטן פֿון דעם, וואָס כ׳קען נאָר אָנרופֿן געטליכקייט, מיט צוטשעפּען צו דעם באַגריף רעליגיעס, קרעדאָס, גנאָסן, ריטואַלן, פּראָפֿעסיאָנעלע סטראַפּטשעס מיט אַלע זייערע טעמפּלען, צערעמאָניעס, קאַלענדאַרן, פֿאָרמולירטע תּפֿילות, חניפֿה-הימנען און מעגלעכקייטן צו קענען זיך אויסקויפֿן פֿאַר באַגאַנגענע זינד כּדי צו קענען באַגיין נײַע חטאָים. ערשט דאָס אָננעמען זיך זײַנע קריוודעס און מיט געוואַלט, מעקלעריש און קרעמעריש פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָסעליטיזם, איז דאָך פּשוט לעכערלעך!

פּחד פֿאַרן טויט? ערלער, באַרמאַל געלעבט — שטאַרבט מען מנוחהדיק, אָן אַנגסטן, און מע וואַכט אויף צו אומבאַקאַנטע, בײַע רעאַליטעטן. לאַכט ניט פֿון דעם וואָס איך זאָג, ווײַל איך רעד ווי כ׳וואָלט שוין עטלעכע מאָל געשטאָרבן. אַזוי דאַכט זיך מיר קען עס און מוז עס זײַן.

אַטעיִסטן? ווער לאָזט אײַך ניט זײַן סאָציאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן, און האָבן אין זינען גאָט אויף באַריקאַדעס? דער מענטש איז פֿרײַ צו זײַן גליקלער אין אַ פֿרײַער, ערלעכער סבֿיבֿה, אָן פּריווילעגיעס, אָן קלאַסנקאַמף, אָן נויט און יסורים, אַפֿילו ניט וואַרטנדיק אויף קיינעמס הילף צו מאַכן אַן אָרדענונג אויפֿן פּלאַנעט. לײַט ווילן זיך לאָזן פֿירן בײַ די נעז אין די שעכטהײַזער, ווי בהמות, זיך לאָזן מעלקן און שינדן לעבעדיקערהייט? נו, האָבן זיי דאָס כּשר פֿאַרדינט.

בכן, נאָך אַ מאָל. אַטעיִסטן — אַן אַבסורד! אַנטירעליגיעז — אַדרבא! אַנו, חכמים, סקעפּטיקער, אַפּיקורסים, פּעסימיסטן, ספֿקיסטן, הערעטיקער, בלאַספֿעמער, לעסטערער, פֿרײַדענקער און נאָך אַזעלכע! שליסט די אויגן, נעמט צוזאַמען די הענטפֿלאַכן, שמייכלט און שעפּטשעט אָדער טראַכט: „גאָטעניו אָדער איקס — אַ דאַנק פֿאַר מײַן קענען זײַן און טראַכטן פֿון דעם אַלעמען אויף אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, וווּ יעדעס אָרט איז אַ בית-מקדש. כ׳וועל מער ניט זינדיקן מיט נאַרישע מחשבֿות, און אָפּהיטן ווי הייליקייטן מײַן גוף און מײַן נשמה, ניט טאָלערירן קיין שלעכטס און מיאוסקייט און אָפּדויערן מײַן חלק עקזיסטענץ וואָס מיר איז נאָך באַשערט מיט מנוחהדיקער פֿרייד, תּענוגים פֿאַר אַלע חושים, עקסטאַזן, און מיטן גורם זײַן ליבשאַפֿט און פֿרייד אַרום מיר!" און זאָגט אָמן, ווי נאָך אַ פֿרומער וואָרער חסיד נוסח בעל-שם-טובֿ קען עס טון!

כ'האָב שוין באַלד ניַין און אַכציק יאָר, און כ'האָב שוין אַזוי פּיל מאָל געטראַכט, געזאָגט, געשריבן וועגן דעם, קען איך בשום אופן ניט תּופס זיַין, ניט פאַרשטיין, ניט איַינשטימען, אַז אַ וועלט מיט לײַט זאָלן דווקא מיט אַלע כּוחות און מעגלעכקייטן זיַין נאָר אויסטערליש משוגע און זוכן דווקא נאָך אַנאַנד עגאָפּאָביש צו באַגיין קאַמיקאַדזיש זעלבסטמאָרד, מיטשלעפּנדיק אַנדערע מיט זיך.

אַזוי פּיל מי, ציַיט און פאַרמעגן פאַרתּכלעוועט צו סמען זיך פּיזיש, פסיכיש, מיט זייערע אויסטערלישע לעבנס-שטייגערס: אַלקאָהאָל, טאַבאַק, דראָגן, מאָדנע השׂגות זיך צו נערן, צו עטעמען, זיך צו קליידן, און בכלל – מיט אַלע זייערע מעשׂים און מחשבֿות. זיי זוכן זיך צו פאַרקריפּלען מיט חולאתן פאַר גוף און נשמה, און דרעסירן –אָדער ווי זיי רופן עס: דערציִען, לערנען, בילדן– קינדער, צוקונפטיקע אידיאָטישע בעססיעס, זיי זאָלן איבערנעמען דעם אופן זיַין; ניט נאָר אומקומען פריציַיטיק, נאָר געזוכט אַ ראַדיקאַלן אופן אומצוברענגען ענדגילטיק די ביִאָספּערע. ווי אַזוי זאָלן מיליאַרדן לײַט ניט איַינזען אַז ס'איז אַזוי לײַכט פּשוט צו זיַין גליקלעך אויף אַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, ניט דווקא זיך מאַטערן אין אַ גיהנום.

~❀~

די האָמאָ-סאַפּיענזירטע מענטשהייט באַשטייט ניט בלויז פון וויסנשאַפטלער, פּילאָזאָפן, פאַרקערט, זיי זענען אַ בישטיקע מינדערהייט, אַ ספּיריטועלע קאַסטע צווישן אַ מערהייט ניט דווקא פאַריער, אָבער דאָך פּשוטע לײַט מיט טאָג-טעגלעכע פּראָבלעמען, פּראַגמאַטישע באַדערפענישן כּדי צו קענען גילטיק עקזיסטירן. פאַר די דאָזיקע לײַט זענען ניט וויכטיק די אַזוי קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און טעאָריעס פון די גרויסע וויסנשאַפטלער, וואָס ווילן דווקא דערגיין דעם סוד, די מהות, די גרייס, די עלטער און דעם ציל פון קאָסמישן אַלץ. דאָס זענען טאַקע פיַינע ספּיריטועלע איבונגען און אַמביציעס, אָבער איידער

וואָס און ווען מוז מען דאָר קודם זאָרגן און טאַקע באַזאָרגן דעם מענטש מיט אַ מעגלעכקייט צו קענען פּיזיש און מאַטעריעל עקזיסטירן, אָן געפּאַרן, אָן אַנגסטן, און פּסיכיש מיט אַ רויִק געוויסן, אָן פּחד פּאַרן אומקום. דאָס איז וויכטיקער פּון אַלע אַסטראָפּיזישע, נוקלעאַרע און מאָלעקולאַרע פּאָרשונגען, וויכטיקער פּון אַלע מאַטעמאַטישע עקוואַציעס און טעאָרעמען מיט זייערע אַקסיאָמען און פּאָסטולאַטן.

מע טאָר ניט פּאַרשווענדן מי, צײַט און פּאַרמעגן מיט אַבסטראַקטע פּראָבלעמען, אַבעראַציעס, אַבסורדן אַפּילו. מע מוז זײַן קודם ראַציאָנעל, מאַכן קודם אַ גילטיקע אָרדענונג אויפֿן פּלאַנעט, נעמען אין אַכט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, די טעאָריעס פּון מאַרקסן און ענגעלסן, באַפּרײַען זיך פּון קלאַסנקאַמף; יעדער מענטש זאָל צוריקבאַקומען זײַן חשיבֿות; ס'זאָל מער ניט זײַן קיין ראַסן יחסנות; יעדער מענטש זאָל באַוווסטזיניק זײַן שטאָלץ מיט זײַנע אייגנאַרטיקייטן. ניטאָ קיין יחסנות בײַ אַ רויז קעגן אַ מאַרגאַריטקע צי אַ גרעזל. אַלץ צוזאַמען; דער פּלאַנעט – איין גאָרטן. דערצו דאַרף מען טאַקע אויך קענען זיך ווענדן צו לײַט מיט טרייסט-טעאָריעס וועגן פּאַטאַלן אומקום, וועגן וווענטועלע טעאָלאָגישע מחשבֿות, אָבער ניט אָפּזונדערן זיך טראָגלאָדיטיש מיט עזאָטערישע דיסקוסיעס וואָס זענען אַ מין סנאָביזם פּאַר אַריסטאָקראַטן פּון ראַפּינירטע גײַסט-פּענאָמענען. דאָס אַלץ אויפֿן מאַטעריעלן חשבון פּון דער גאַנצער מעדיאַ-מאַסע, וואָס מוז צאָלן טײַער כּדי פּריווילעגירטע לײַט זאָלן קענען קריכן אויף אַבסטראַקטע ווענט.

ס'וואָלט געווען אַ סך שענער און בעסער, ווען די דאָזיקע פּעִיקע אינטעלעקטואַלן זאָלן ווערן דעמאָקראַטיש נענטער צום פּשוטן פּאָלק און סיסטעמאַטיש פּאָפּולאַריזירן זייערע מחשבֿות. זיי פּאָפּולאַריזירן און ניט וווּלגאַריזירן, ווײַל דאָס וואָס האָט אַ שײַכות מיט פּאָלק איז קיין מאָל ניט וווּלגאַר. געוויס, וואָס קען אָנגיין עמיצן וואָס זוכט אַ רעפּטל ברויט פּאַר הונגעריקע קינדער – דער אַנאַליז פּון גאַלאַקציעס, צי פּונעם קערן אין אַ קאָמעט?

ווער דאַרף אָרדינאַטאָרן וואָס קענען מאַכן מיליאַרדן אָפּעראַציעס מיט זעכצן צי פֿופֿציק ציפֿערן אין אַ סעקונדע? וויפֿל דירות קען מען בויען אין אַ יאָר פֿאַר די, וואָס נעכטיקן אין ווינטערדיקע דרויסנס? וועגן דעם הערט מען ניט אין די אַקאַדעמיעס.

איך, פּשוטער בשר-ודם, וואָלט געוואָלט עפּעס טון, אָבער וואָס קען איך טון, אויסער קומען מיט רייד? וואָס קען איך באַווײַזן ממשותדיקס, בפֿרט אין מײַן עלטער?

~❀~

לויט אַזאַ גרויסן וויסנשאַפֿטלער ווי פּואַנקאַרע – ניט דער מיניסטער, נאָר דער מאַטעמאַטיקער – איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס ער רופֿט אַן עטער: אַן אומבאַוועגלעכער עפּעס וואָס דערמעגלעכט אַז אַנדערע עפּעסן זאָלן זיך קענען באַוועגן דערין. ווי אַזוי קען דאָס שטימען מיטן געדאַנק, אַז אַלץ באַשטייט פֿון אַטאָמען אין אייביקער באַוועגונג? פֿאַר וואָס זאָל דער דאָזיקער עטער זײַן אַן אויסנאַם, טאַקע נירוואַניש, קעגן דעם אוניווערסאַלן עלעמענט פֿון אַלץ וואָס איז און קען זײַן: דאָס איז דאָך דינאַמיק, און דער אוניווערס איז אין אייביקער שפּאַנונג.

ווי אַזוי זאָל מען פֿאַרשטיין ס'דאָזיקע? מע קען זיך גיכער פֿאָרשטעלן אַז עסענצן אָדער סובסטאַנצן און זייערע אַטאָמען, נוקלעאָנען צי אַנדערע אַספּעקטן, מיטן מוזן געפֿינען זיך אַן אָרט זיך צו קענען באַוועגן, מוזן זײַן אָדער אַגרעסיוו, אין אייביקע קאָנפֿליקטן, אָדער אין אַ האַרמאָנישן טאַנץ מיטן בײַטן אָרט. טאַנץ צום ריטם פֿון פּיטאַגאָרישער מוזיק. יעדנפֿאַלס, אַפֿילו ניט זײַענדיק קיין ספּעץ אין פֿיזיק צי אַנדערע וויסנשאַפֿטן, קען איך ניט תּופֿס זײַן אַ ליידיקייט אָדער אַ סטאַטיזם אינעם באַשאַף, זאָל עס יאָ צי ניט געפֿעלן די אַקאַדעמיעס.

~❀~

אצינד וועל איך זיך נעמען צום פּרווידישן ליבידאָ. וואָרשײַנלעך, ווי יעדע פּלאַנץ זוכט, מוז שאַפֿן נײַע פּלאַנצן דורך שפּראָץ, זוים – מוז יעדע לעבעדיקע באַשעפֿעניש טון דאָס זעלבע. אַ בלום שאַפֿט קודם פּאָלען; אַ מענטש, ווי נאָר רײַף, שאַפֿט ספּערמאַטאָזאָידן און אָווולן. איז אָבער דער דאָזיקער באַגער געשטערט דורך וואָס פֿאַר אַ סיבה ס'זאָל ניט זײַן, מאַניפֿעסטירט זיך עס אין פּסיכישע און פֿיזיאָלאָגישע קאָנפּליקטן, אינזיכיש און אַרומזיכיש.

דער מענטש ווערט גערייצט מיט ווידערשטאַנד קעגן זײַנע אימפּולסן, זײַן לעבנסציל – מאַניפֿעסטירט זיך דאָס אין זײַנע אינסטינקטן און אין אַ הינטערגעוויסן, מיט ס'רובֿ געצוימטן פֿאַרדראָס. דאָס דאָזיקע הינטערגעוויסן קאָנטראָלירט, צענזורירט מעשׂים און מחשבֿות און לאָזט ניט זיך אָפֿן מאַניפֿעסטירן דעם רעוואָלט, און ס'קומען אויף פֿאַרשלייערטע פּענאָמענען דורך חלומות, זײַטיקע אַמביציעס, ברוגזן און רייצונגען, רײַבונגען. און דאָס אַלץ פֿאַרקריפּלט אַלע יחידישע און סאָציאַלע באַציִונגען. אַלע מאַטעריעלע, פֿיזישע, פּסיכישע, רעליגיעזע און ראַציאָנעלע פּראָבלעמען, טעאָריעס, דאָקטרינעס – דאָס קאָמפּליצירט אַלץ, אַלץ, אַלץ. ניט קענענדיק נאָרמאַל גרייכן דעם באַגערטן ציל, זוכט מען צו זײַן דער שטאַרקסטער, דער רײַכסטער, דער בעסטער, דער באַרימטסטער, צו קענען געפֿעלן און צופֿרידן שטעלן דעם תּמיד הונגעריקן ליבידאָ.

אויסער דעם זענען אַלע פֿילאָזאָפֿישע אינטערפּרעטאַציעס מיט זייער דיאַלעקטיק, זייערע טעזעס, אַנטיטעזעס, סינטעזעס – נאָר ליטעראַרישע היפּאָטעזעס. אַלע **לאָגן** מיט זייערע **איזמען** זענען נאָר **פּילפּוליסטן** צי סתּם **איסטן**, צו וועלכע מע קען צוטשעפּען וואָס פֿאַר אַ ספּיריטועלע מאַכערײַקע מע וויל, ווי מע טשעפּעט צו וואַגאָנען צו אַ לאָקאָמאָטיוו, אַבי געפֿאָרן.

געוויס: חוץ דעם ליבידאָ איז פֿאַראַן משוגעת און טויט. משוגעת קען מען היילן, אָבער טויט איז אַ פֿאַטאַלע קרענק. איז אפֿשר דער ליבידאָ אַ רעזולטאַט פֿון פּחד פֿאַרן טאָטאַלן אומקום, און

אפשר אויך דער פרווו זיך צו דראפען אויף דער אייביקייטס גלײַכע וועגט מיט קינסטלערישן שאפן. פאר דעם וואס לאזט יורשים קען עס נאר זײַן א מיטל פון א מין מעטעמפסיכאז; פאר דעם וואס איז פיזיאלאגיש סטעריל – אן אופן צו לאזן עפעס אין חושים צי פסיכיזם בײַ אנדערע, ווי א קוקו לאזט די אייער אין פרעמדע נעסטן.

פרויד אליין, זײַנע עקזעגעטן, אפאלאגיקער צי אפאנענטן: סארטר, פאליצער, מארקוס, לאקאן, פוקא און ווער ווייסט נאך ווער און ווו, אדער יונג, וואס ברייטערט אויס דעם פראבלעם, ניט ווויסנדיק וואס צו טון מיט א קאלעקטיוון ליבידא, צי א קאלעקטיוון חלום, צי א קאלעקטיוו משוגעת –פאר וואס ניט ארגיעס, היטלערישע טעאריעס און שאוויניסטישע פאטריאטיזמען?– ער איז זיכער געווען פארפלאנטערט אין די דאזיקע פאר אים דערשינענע פראבלעמען. אבער ווי זײַנע נאכפאלגערס האבן געוואלט, צי אפשר טאקע געקענט ארויס פונעם לאבירינט פעסטשטעלנדיק פשוט דעם פענאמען, און מיט אנדערע צוזאמען זוכן א רפואה צי אן אויסוועג.

דער מארקסיזם האט טאקע באלד דערזען דערין ווי אן ארגומענט, און ראציאנעל צוגעטשעפעט דעם וואגאן צום היסטארישן מאטעריאליזם. מע דארף ניט קיין סך ארגומענטן צו זען, אז דאס זענען טאקע די שינעס וואס פירן צום גילטיקן אויספיר. ס׳איבעריקע איז ליטעראטור פאר אינטעלעקטועלע הארשפאלטערס.

~❀~

ווען אלץ וואס וועלקט, פאלט, פוילט, קומט אום, פון א מאלעקול, א מיקראב, א פלאנץ, ביז א באשעפעניש – וואלטן געליטן יסורים און אנגסטן מיטן טויט, וואלט די ביאספערע געווען א פערמאנענט אכצן, זיפצן, קרעכצן און שלוכצן. לעבן וואלט געווען כולו-געוויין, אן אייביקער רעקוויעם אין אייביקן טרויער. אבער ס׳איז ניט אזוי. טויט איז אנגסט און פײַן ווען מע קומט אום

פֿאַר דער צײַט. אַ בוים פֿאַרלירט בלעטער, אַ מאָל – אַ צווײַג, און גרינט אין נײַע פֿרילינגען. ער ווייסט אַז צוויט מוז זיך פֿאַרוואַנדלען אין פֿרוכט, קערן, זוים. זיכער איז, אַז ווען געפֿילט אַ האַק, אַ זעג – מוז ער לײַדן יסורים. אינעם מענטשלעכן גוף קומען אום כּסדר מאָלעקולן, קעמערלעך, און ער פֿילט עס אַפֿילו ניט. אין אַ טאָטאַלער באָרמאַלער עקזיסטענץ, ווערט יעדע באַשעפֿעניש כּוויים וויפֿל מאָל טאָטאַל באַנײַט. געמיינט אַ מאָל אַז דער נערוון-סיסטעם באַנײַט זיך ניט – האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס׳איז פֿאַלש. אָפּגעשניטן אַ נאָגל, אָפּגעשוירן אַ האָר, פֿילט מען עפּעס?

דער מענטש מוז זיך פֿילן ווי צוויט אין דער בײַאָספֿערע. מיט זײַן אומקום געשעט עפּעס וואָס ער קען נאָך ניט באַגרײַפֿן, נאָר כּ׳בין זיכער, אַז אויב ער דויערט אָפּ נאַטירלעך זײַן באָרמאַלע עקזיסטענץ אָן פֿאַרקריפּלען זיך, פֿאַרגיפֿטן זיך פֿיזיש און פּסיכיש, שלאָפֿט ער אײַן אין טיפֿער עלטער –זיכער אַ 120 צי 130 יאָר– ווי מע שלאָפֿט אײַן אין נײַע חלומות-רעאַליטעטן, צו נײַע אומבאַגרײַפֿטע ווירקלעכקייטן.

אַלע צרות, יסורים, קרענק, אַנגסטן און פּחד פֿאַרן טויט זענען אַ רעזולטאַט פֿון שטאַרבן פֿאַר דער באַשטימטער צײַט. בכלל איז היינט זעלטן, זעלטן לײַט זאָלן שטאַרבן נאַטירלעך. זיי באַגייען יחידיש און קאָלעקטיוו זעלבסטמאָרד מיט זייערע לעקישעוואַטע געפֿערלעכע לעבנס- שטייגערס, סאָציאַלע רעזשימען, מעגאַלאָמאַניעס אַלץ צו וויסן און קענען דערגיין וואָס אַזוינס איז גאָטלעכקייט, פֿאַר וואָס זענען דאָ וועלט און לעבן אד״גל. ווי לאַנג מע וועט ניט אַרויס פֿון די דאָזיקע פּסיכאָפּאַטיעס, וועלן ניט זײַן געצנוג שפּיטעלער, צוואַנגיאַקעס און תּפֿיסות פֿאַר דער משוגענער פּראָליפֿיקאַציע פֿון פּראָבלעמען.

ס׳איז אַבסאָלוט ניט מעגלעך צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַ כּלומרשט האָמאָ-סאַפּיענזירטע מענטשהייט זאָל ניט אײַנזען אַז דער פּלאַנעט קען זײַן אַ גן-עדן פֿאַר אַלע, אַבסאָלוט אַלע לײַט און אַפֿילו באַשעפֿענישן, אויסער אַזעלכע ווי כאָליערע-וויבריאָנען און

זייערס גלײַכן. דווקא וועלן פּריווילעגיעס מיט פּאַראַזיטיזמען, זיך צואייגענען מיט געוואַלט באַטור-אוצרות, זאַמלען פאַרמעגנס וואָס מ׳איז ניט מסוגל מיטצונעמען אין קבֿר און אײַנטיילן לײַט אויף יחסנים און פּאַריער, אַלץ באַרעכטיקט מיט כלומרשט פײַנע רעליגיעס, פילאָזאָפישע דאָקטרינעס און פאַרשיידענע דעמאַגאָגישע קאָמפּלעקסן צי סתּם משוגעתן – די הײַנטיקע פּלאַנעטאַרע צרות זענען די שטראָף פאַר די דאָזיקע אידיאָטישע פירונגען.

גוט וועט אפשר זײַן איב מענטשן וועלן עקזיסטירן אַזוי ווי צוויט וואָס בליט אין אַ לאַנגן פרילינג, לעבן זאָל קענען זײַן כולו-צאַרטקייט, שיינקייט, געזאַנג און ליבשאַפט, כאָטש מיטן וויסן אַז דאָס מוז זײַן באַגרענעצט אין דויער. וואָרשײַנלעך דאַרף דער צי דאָס, וואָס געוועלטיקט אין צי אויסער די אוניווערסן, אומענדן און אייביקייטן, האָבן דעם מענטש ווי די אַנדערע באַשעפענישן, מיט זייער עטעמען און נערן זיך, אין אַ פּאַזע, אַן עפּיזאָד וואָס איז זיכער מיט אַ כּי-טובֿ. פאַר וואָס ניט האָבן צוטרוי אַנשטאָט קריכן משוגענערווײַז ווו מע דאַרף ניט, מע טאָר ניט, און שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט מיט פאָרשן, נישטערן מיט האַרשפּאַלטענישן דאָס, וואָס מע וועט קיין מאָל ניט קענען וויסן? דער מענטש וועט ווערן באַלוינט און וועט ניט לײַדן מרה-שחורהדיק מיטן טראַכטן אַפילו יונגערהייט וועגן שטאַרבן, פון גסיסה, פון טויט, מיט יענע-וועלטן, גיהנומס און זעלטענע גן-עדנס.

ווײַל אַלע פילן זיך זינדיק. לײַכט צו זען ווי אַלע טעמפּלען, קלויסטערס, סינאַגאָגעס זענען תּמיד פול מיט לײַט וואָס האַלטן אין איין בעטן מחילה. פאַר וואָס זאָל אַ ייִד אין אוישוויץ זאָגן כל-נדרי? אַז בלויז אין קאַיר זענען דאָ צוויי טויזנט מעשטשעטן! מאָסקווע, ווי איך געדענק, איז געווען באַרימט מיט אירע פערציק מאָל פערציק צערקוועס. און ס׳רובֿ איז דאָס אַלץ פיל מיט לײַט וואָס זענען נעבעך גאָט די נשמה שולדיק, זיי האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַפילו צו זינדיקן, און זיי קומען נאָר בעטן מחילה!

אויב דאָס וואָס מע רופֿט אַן פּראָגרעס, עוואָלוציע, איז אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג פֿאַרן מענטש, וואָלט עס דאַך על-פּי-שׂכל און לאָגיק געדאַרפֿט זײַן אַ דערשײַנונג פֿאַר אַלץ וואָס איז אויף דער וועלט, פֿון אַן אַמיב ביז אַ זונסיסטעם? אַזוי ווי אין קאָסמאָס זענען זיכער פֿאַראַן גרעסערע מעגלעכקייטן צו פּראָגרעסירן פֿאַר ריזיקע קרעאַציעס ווי דער מענטש, און אויב קאָסמאָס הייסט געוועלטיקן, אייבערהאַנט פֿון איין מין צי נאַטורקראַפֿט איבער אַן אַנדערן, מוז מען דאַך קומען צום אויספֿיר אַז קודם, אויב אַלץ איז אין כּסדרדיקן בײַטן, איז דאַך ניט מעגלעך צו האָבן קיין עקזאַקטע וויסנשאַפֿט. אַזוי וואָלט יעדנפֿאַלס געדאַרפֿט זײַן.

מע זעט אָבער אַז ס'איז פֿאַראַן אַ מין סטאַטיק אין די קאָסמישע דערשײַנונגען, טראָץ זייערע ציקלען פֿון אויפֿקום און אומקום. עס חזרט זיך אַלץ איבער, אַפֿילו ווען דאָס מעסט זיך אין מיליאַרדן ליכטיאָרן. מיר דאַכט זיך אַז דאָס וואָס מע רופֿט פּראָגרעס איז אַ מין בײַאָלאָגישע פּסיכישע קרענק, אַ מין קאַנסער פֿאַרן מענטשלעכן מוח, וואָס פֿאַרשלעפּט אים אין ווער ווייסט וואָס טיפֿערע בלאָטעס, וווּ ער זינקט כּסדר אין אַ מין משוגעת, אומרו און וואָרשײַנלעכן אומקום.

זענען דען ביימער צי מוראַשקעס ניט מיליאָנען יאָרן עלטער פֿונעם מענטש? פֿון דעסט וועגן, אויב זיי האָבן אַ זיכער גרעסערע קענטעניש פֿון דער נאַטור ווי ער, בלײַבן זיי אין אַ געוויסן צושטאַנד, אין אַ סטאַדיע, און אַנטוויקלען זיך ניט, פּראָגרעסירן ניט כּסדר. קריכן ניט וווּ מע דאַרף ניט, שטערן ניט די אָרדענונג אין שטאָף- צי ענערגיע-צושטאַנד. קען זײַן אַז עפּעס קומט בײַ זיי פֿאָר. קען דען ווער זייער פּסיכיק? אָבער מע זעט ניט זיי זאָלן פּרוּוון פֿליִען צו דער לבֿנה, צי האַלטן מענטשן אין לאַבאָראַטאָריעס צו שטודירן זייער אופֿן זײַן.

ווידער, אויב דאָס וואָס מיר רופֿן פּראָגרעס, כּסדרדיקע אַנטוויקלונג, איז אַ נאַטירלעכער דראַנג – פֿאַר וואָס זאָל עס

ביז גילטן אויך פֿאַר דעם וואָס מיר רופֿן געטער, אַזעלכע ענטיטעטן, איינהייטן אין קאָסמישן פֿאַרנעם וואָס געוועלטיקן ביַי אַזעלכע גרייסן וואָס מיר קענען ניט באַגריַיפֿן אַפֿילו, ביַי וועלכע פּלאַנעטן זענען אפֿשר בלויז בלוט־קיַיקעלעך אין די אַרטעריעס, און מיר — אומגעזעענע ווירוסן? אין דעם פֿאַל, אויב עס גייט אָן אַ מין קאָמפּעטיציע צווישן אַזעלכע מאַכטן, איז גליַיכער גאָר דערפֿון ניט צו טראַכטן.

ווער ווייסט צי דער מענטשן־מין איז ניט אַ מין סידאַ־ווירוס וואָס האָט זיך אַריַינגעכאַפּט איבעם אוניווערס, און ווער ווייסט וועלכע געטער־דאָקטוירים זוכן ניט שוין אַ מיטל ווי פּטור צו ווערן פֿון אים, וואָס קומט מיט זיַין פּראָגרעס, מיט זיַין וויסנשאַפֿט, צעשטערן די קאָסמישע האַרמאָניִע.

~❁~

— פֿריַינד, פֿריַינד, ווי שפּעט איז איצט?

— ווי שפּעט? וואָס איז דען די נפֿקא־מינה? עפּעס האָסטו שוין סיַי ווי סיַי פֿאַרשפּעטיקט, און צו עפּעס איז נאָך צו פֿרי.

— פֿריַינד, פֿריַינד, וועלכער טאָג איז היַינט?

— וועלכער טאָג? אַ מאָדנע פֿראַגע! מאָנטיק, דינסטיק, פֿריַיטיק, שבת... ווער האָט עפּעס צעטיילט די אייביקייט אויף פּיצלער, פֿראַגמענטן? וויכטיק זענען טאָג און נאַכט; ס׳איבעריקע איז געוווינהייט, קאָנווענציאָנעל.

— פֿריַינד, פֿריַינד! ווער בין איך, און דו — ווער ביסטו, וואָס ענטפֿערסט מיט סאַרקאַזם אויף אַלץ וואָס כ׳פֿרעג דיך?

— ווער איך? ווער דו ביסט? עפּעס אין אַן עפּעס! קענסט זיַין איך, פּונקט ווי איך קען זיַין דו. די וועלט איז גליַיכגילטיק צו אונדזערע קליינלעכע יחידישקייטן. גאָט זעט דעם כּלל. ער זעט נאָר וויכטיקייט אינעם אַלגעמיינעם אַלץ. ווער, ווי שפּעט, וועלכער טאָג... פֿאַרגעס, פֿאַרגעס דאָס אַלץ! גיי, זע צי ס׳ציַיטיקט שוין

דער ווײַנשטאָק, בליט שוין די רויז און רויטלט זיך דער עפּל אויף אַ צווײַג? און זע נאָר: שמייכלט ניט עמיץ בײַ אַן אויפֿגעמאַכטן פֿענצטער?

ס'איבעריקע איז פֿילאָזאָפֿיע פֿון מעגאַלאָמאַנישע זקנים און פּלאַפּלערײַ פֿון אימפּאָטענטע ליטעראַטן.

≈❀≈

פֿרויד און מאַרקס זענען צוויי זײַטן פֿון דער זעלבער מטבע. פֿון וועלכער פֿרויד איז ניט די הויפּטזײַט אַפֿילו. ווער ווייסט צי דער פּסיכיזם האָט ניט מיט עפּעס גורם געווען אַז די עקאָנאָמיע זאָל אָננעמען דעם קאַפּיטאַליסטישן אַספּעקט. יעדנפֿאַלס איז זיכער, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אויפֿגעצווונגען אַזעלכע פּסיכישע אומשטאַנדן, וואָס האָבן פֿאָרמירט דעם הינטער-באַוווסטזײַן. באַוווסטזיניק האָבן אינטערעסן געפֿעלשט אינסטינקטן און אַלע באַגערן, אָפֿענע צי געהיימע. און די אַזוי אויסגעפֿורעמטע כאַראַקטערן מיט אַמביציעס, סעקסועלע אויפֿגעצווונגענע און פּראָקסעניטירטע באַגערן, מאַטעריעלע סיטואַציעס — אַלץ מאַניפּולירט, דיריגירט פֿון פּריווילעגירטע קלאַסן. דאָס אַלץ האָט געפֿעלשט די וויסנשאַפֿט, די פֿילאָזאָפֿיעס, די רעליגיעס ווי די פֿיזיאָלאָגיע, די עטיק, די עסטעטיק, די ליטעראַטור, דעם ספּאָרט און וואָס ניט?

בכן, קען די פֿילאָזאָפֿיע ניט שטיין אין גרויסן און קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויפֿן פּסיכאָאַנאַליז צי אויפֿן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם מעשה-יחסן. די פֿילאָזאָפֿיע איז קראַנק און דאַרף, מוז אָנקומען צום פּסיכאָאַנאַליז. ניט געזנוג דער עקזיסטענציאַליזם מיט אַלע סאַרטרס און פֿוקאָס, אָדער דער סורעאַליזם מיטן דאַדאַיִזם און אַלע איזמען וואָס מאַניפֿעסטירן זיך אין ליטעראַטור, פּלאַסטישע קונסטן צי קונצן, מוזיק און אַלע פֿענאָמענען פֿון די כּלומרשט ציוויליזירטע פֿעלקער מיט זייערע אַבסטראַקציעס — אַלע לייגן זיך סוף-כּל-סוף אויפֿן פֿרוידישן בעטל און פּלאַפּלען, באַוועגן זיך, פֿירן זיך ווי אויף אַ סעאַנס בײַ אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער.

די פֿראַנצויזן זענען ברוגז מיט פֿרוידן; זיי פֿאַרדײַען ניט זײַנע אמתן און ווילן ניט קוקן אין נאַרמאַלע שפּיגלען, נאָר פֿילן זיך גוט אין צעקרימטע. זייער רעאַליזם, פּאָזיטיוויזם אַפֿילו, מיט זייער דעקאַרטיזם, וועלן דאָ גאָר ניט אויפֿטון, אַזוי גוט ווי זייער ראַסיזם, זייער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע-פּראָגרעסיזם און נאָך אַזעלכע **איזמען** מיט די פּערוועזע איסטן. מ׳איז יוצא מיט לעבן אין פֿיקציעס, קולטורעלע דראָגן און פֿאַלשער סעמאַנטיק. די עקסטרעמע רעאַקציאָנערן הייסן לינקע רעפּובליקאַנער, און טו זיי עפּעס. אַזוי איז ניט נאָר בײַ זיי. אומעטום ווערט יעדע רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינע געשענדט, געפֿעלשט און היפּאָקריטיש געטײַטשט און אָנגעווענדט.

~❀~

לעקישיזם, שמענדריקיזם, שמעלקיזם, מנחם-מענדליזם, אידיאָטיזם, מיעדניקיזם, לעמעשקיזם, יאָלדיזם, פֿלאָקניזם, אַבסורדיזם, פּסיכאָפּאַטיזם – אָט איז אַ רשימה פֿון נײַע **איזמען** פֿאַר ראַפֿינירטע איסטן, אַ נײַע טערמינאָלאָגיע פֿאַר אייביקע מעגאַלאָמאַנישע פֿענאָמענאָלאָגן. אַז מע זאָל גוט אַנאַליזירן, וועט מען אויסגעפֿינען אַז די ציוויליזאַציע מיט דער קולטור באַשטייט פֿון די אַלע עלעמענטן, צולייגנדיק אַ ביסל דאָן-קיכאָטיזם. מע קען עס אָנרופֿן קולטורעלער שטרודל, אָדער אינטעלעקטועלער קאָקטעל, צי... מע קען זיך פֿאַרלאָזן אויף לײַט. מע וועט שוין געפֿינען אַ נאָמען פֿאַר דעם דאָזיקן מיש-מאַש, מיט אַ וועלטלעכער צי רעליגיעזער דאָקטרינע.

~❀~

מחבר! איידער עפּעס פֿאַרעפֿנטלעכט, פֿאַרלאָז זיך ניט אויף דײַנע שרײַבערישע אינסטינקטן. שׂכל, לאָגיק, מוזן זײַן דײַנע אַבסאָלוטע קריטעריעס. לייען ווידער, אָבער און נאָך אַ מאָל ס׳געשריבענע, ביז וועסט לויט דײַנע השׂגות ניט מער געפֿינען עפּעס איבעריקס, אומגילטיקס אָדער אומקלאָרס. דעמאָלט, ווי אַ

וואַנדערטויב אין דײַנע הענט, טו איר אַ קוש אין קעפּעלע און לאָז זי פֿרײַ. פֿלי, טײַבעלע, און געפֿין דײַן באַגערטן ציל: עמיצנס אַ שׂכל, אַ דמיון צי אַ נשמה וואָס זאָל זײַן פֿאַר דיר אַ נעסט, און מײַנע רייד — באַגערטע געסט.

~❀~

דער איכיזם מיט זײַן עקזיסטענציאַליזם איז אַ פּאַטאָלאָגישער פּענאָמען אין דער עוואָלוציע פֿונעם אוניווערס, וואָס מוז פֿירן צו איכישע און קאָלעקטיווע קאַטאַסטראָפֿעס. פֿאַרן אוניווערסאַלן עקזיסטענציאַליזם איז דער איך, מיט זײַנע אינדיווידועלע פּראָבלעמען, ווי אַ בלעטעלע אויף אַ בוים אין וואַלד, צי אַ גרעזל אויף אַ לאָנקע פֿעלד. די קולטור און די ציוויליזאַציע זענען ווירוסן, פּאַראַזיטן וואָס קומען מיט זייערע סטריקט-עגאָיִסטישע אינטערעסן שטערן די האַרמאָלע עקזיסטענץ פֿונעם גאַנצן אַלץ.

ווי אַ גוף קען ניט טאָלערירן אַ בלאָטער, אַ רייץ אויף אַ פֿינגער צי אין אַ דריז, מוז ער רעאַגירן, פּרוּוון פּטור ווערן פֿון דעם דאָזיקן פּאַראַזיט, און דאָס דאָזיקע מוז געשען מיט היסטאַמינען, פּראָליפֿיקאַציעס צי אַבלאַציעס — דעריבער איז דער עגאָיִזם פֿון יחיד ווי פֿון אַ קאָלעקטיוו, אויב נאָר באַגרײַפֿט עפּעס איכיש נוסח עקזיסטענציאַליזם, געפֿערלעך פֿאַטאַל. דאָס קען הייסן פּאַטריאָטיזם, שאָוויניזם, נאַציאָנאַליזם, ראַסיזם, יחסנות, מיט באַגערטע פּריווילעגיעס, מעגאַלאָמאַנישע אַספּיראַציעס און אַנדערע פֿאָרמען פֿון אָסטראַציזמען אין שײַכות מיט אַנדערע.

יעדער מענטש, יעדעס פֿאָלק, יעדע ראַסע איז נאָר אַ פֿראַגמענט, אַ בלעטעלע, אַ קערנדל זאַמד, אַ טראָפּן אין אָקעאַן אינעם גאַנצן אוניווערס, מיט ספּעציפֿישע אַספּעקטן, אָריגינעלע אייגנשאַפֿטן און באַשטימטע ראָלעס, אין דער בײַאָספֿערע צי אינעם אוניווערס, וועלכער איז איין וועזן וואָס עוואָלוּיִרט לויט פֿאַר אונדז אומבאַגרײַפֿטע סיבות לטובֿת אַ באַשטימטן

דעטערמיניזם, מיט באַגערטע צילן און נויטווענדיקייטן וואָס זענען פֿאַרהוילן פֿאַר אונדזערע השגות. עס קען ניט העלפֿן דאָס פּרוּוון זיך רעוואָלטירן קעגן דעם סדר-העולם. ווידערשטאַנד און אַנאַרכיע, פֿאַרקריפּלונגען און אַפּאַטיע זענען זינד און ווערן געשטראָפֿט.

אַ מענטש האָט אַ פֿרײַען ווילן און קען טון ווי אים געפֿעלט: צעשטערן אַרום זיך ווי אים זיך גלוסט, באַגיין זעלבסטמאָרד אַפֿילו, אָבער ער איז אומבאַהאָלפֿן קעגן דעם אוניווערס, זײַן עוואָלוציע. ווי אַ טראָפּן קען ניט שטערן אַ ניאַגאַראַ זאָל ניט פֿליסן מיט האַסט פֿאָרויס, קען קיינער ניט עפּעס ענדערן אין דער קאָסמישער עוואָלוציע. אַ נוקלעאַרע קאַטאַסטראָפֿע קען פֿאַרוואַנדלען אונדזער פּלאַנעט אין אַ טויטן סאַטעליט ווי די לבֿנה, אָבער אַ פּלאַנעט, און אפֿשר אַ גאַלאַקציע אַפֿילו, זענען נאָר שטויב אינעם אוניווערס. ערשט דאָס מיני-גאָרנישטל האָמאָ-סאַפּיענייזירטער פּסיכאָפּאַט מיט זײַנע דאָקטרינעס, מיט זײַנע דיאַלעקטיקעס, מעשׂים און מחשבֿות – אַ חוזק, אַ מעגאַלאָמאַנישער קאָמפּלעקס פֿון משוגעים. איכיזם, עקזיסטענציאַליזם, דער מענטש – די מאָס פֿאַר אַלץ, די קרוין פֿון באַשאַף, דער וועג צום אָמעגאַ-פּונקט... נאַרישער בלאָף!

אפֿשר וועט דאָך עפּעס זיך מאַניפֿעסטירן אַ מאָל, דער חכם-מענטש זאָל קומען צום קלאָרן שׂכל-הישר און צוריק אַרײַן אין די רייען, פֿאָלגנדיק מיט צוטרוי וואָס ס'ווערט פֿון אים באַגערט: אָפּדויערן באָרמאַל זײַן באַשטימטע צײַט און פֿאַרשווינדן יחידיש, לאָזנדיק זײַן ניצוץ אייביק לעבן פֿאַר אַנדערע אַספּעקטן.

~❀~

ווי אַזוי זאָל איך קענען רויִק שלאָפֿן, אויב איך מוז אומבאַדינגט וויסן צי אפֿשר זענען כאַאָסן אָרגאַניזירט, פּלאַנירט אין באַשטימטע פֿאָרמען מיט געוויסע אַספּעקטן. דאָס זעלבע מיט

נישטיקייטן, און צי פֿון דעם אַלעמען נעמען ניט געטער, מיט זייערס אַ יהי, עלעמענטן צו שאַפֿן וועלטן אויף וועלכע אַ יאַ-טעבע-דאַם חכם מענטש זוכט צו פֿאַרשטיין דעם תּמצית פֿון דעם אַלעמען.

~❀~

פֿאַראַן צוויי סיסטעמען צו מחברן: האָריזאָנטאַל צי ווערטיקאַל. איינע הייסט פּראָזע; די צווייטע – פּאָעזיע!

וואָרע ליטעראַטור מיט גילטיקע מחשבֿות מוז זײַן אַזוי ריטמירט, פֿאָנעמיש שיין געפּאָרט מיט עמאָציעס ווי מוזיק פֿאַר אַלע חושים, און קענען ווערן געלייענט צי דעקלאַמירט, ניט נעמענדיק אין אַכט פֿאָרמען און ניט זײַענדיק געפּענטעט מיט סטיל צי ווערבאַלע צוואַנגיאַקעס פֿאַר טעקסטן.

מיט צי אָן גראַמען דיסציפּלין, מוז אַלץ זײַן פּשוט, קלאָר, ניט געקינצלט, ניט דווקא געלידלט, נאַטירלער, לאָגיש, אויסגעהאַלטן, לײַכט צו פֿאַרשטיין.

נו, וועל איך פּרוּוון פֿאָלגן, וואָס כ'הייס טון אַ צווייטן!...

~❀~

באָר פֿאַר בלינדע איז געאַנט אַז זון גייט קיין מאָל ניט אונטער! זיי ווייסן ניט וואָס דאָס איז אַזוינס, אַ זון. מאָרגנרויט איז זיי אומבאַקאַנט, און חוץ באַגרײַפֿטע וואַרעמקייט צי געשוויצט אין אַ זומערהיץ, ווייסן זיי ניט וואָס דאָס מיינט אַ שטראַל, אַ רעגנבויגן, אַ פּריזמענשפּיל אין אַ דימענט טוי...

בײַ פֿאַנאַטישע רעאַקציאָנערן איז אַזוי מיט פֿרײַהייט, יושר, רעכט. ליידער פֿאַראַן –חוץ געבוירענע בלינדע און לײַט וואָס טראָגן פֿאַרשיידענע ברילן– אַזעלכע וואָס ווילן ניט זען. אָפּטאַלמישע קאַליקעס – פֿאַר זיי גילט באָר אייביקער חושך!

~❀~

אַ באַווײַז ווי אַזוי די קלויסטערס מיט די צערקוועס, די גלחים, פּאָפּן, פּאַסטאָרן, די מופֿטיס אין די מעטשעטן אַז״וו האָבן געהעצט תּמיד קעגן ייִדן, גערייצט מיט קיִניזם זינט טויזנטער יאָרן, קען מען זען מיט אַ בילד, דאַכט זיך אין קראָקעווער קלויסטער:

ייִדן מיט בערד און פּאות, באַשטרײַמלטע, קרייציקן יעזוסן. ניטאָ קיין רוימישע לעגיאָנערן, קיין פּאָנטיוס פּילאַטוס; נאָר בערדיקע ייִדן!... מע דערמאָנט קיין מאָל ניט אַז די הייליקע פּאַולוס און פּעטרוס זענען געוואָרן מאַרטיריזירט ווי יעזוס, נאָר אין רוים, ווו קיין בערדיקע ייִדן זענען ניט געווען. מע וויל ניט דערמאָנען אַז בלויז ערשט אין 5טן יאָרהונדערט איז דער קרייץ געוואָרן אַ סימבאָל פֿון קריסטנטום.

אָבער ייִדנהאַס איז דאָך אַזאַ לײַכטער תּירוץ צו רויבן, מאָרדן און נעמען כּפּרה־הינדלער, אָפּלייטערס פֿון פֿאָלקסצאָרן קעגן טיראַנען און קלאַסן־פּריווילעגיעס.

~❁~

גאָטעניו, האַר, מײַסטער פֿון דער וועלט! / זעסט דאָך: כ׳לעב, טו אַלץ ווי דיר געפֿעלט, / בלויז זינדיקנדיק מיטן גאווה־עפּיטעט, / וועלנדיק זײַן דווקא אַ פּאָעט, / וויסנדיק אַז וואָס מײַן שׂכל שאַפֿט / איז כּולו־ווערב, אָן שום ממשות־האַפֿט.

ס׳איז ניט מײַן שולד, ווײַל איך נאָר רעגיסטריר / וואָס עמיץ צווינגט געדיבוקט רייד אין מיר. / פֿאָלגן מוז איך, עפּעסל, וואָס וועט / קיין מאָל אין שאַפֿונג ניט גלײַכן זיך מיט דיר. / זײַ מוחל, גאָטעניו, אויב ס׳פּרוּוון איז אַ חטא, / אין מעשׂים און מחשבֿות כ׳פּראָפֿאַניר; / דאָך, כאָטש כ׳טו עס, גאָטעניו, באַמערק — / בין איך אַליין ניט, מענטש, דײַן ווערק?

~❁~

דער גאַנצער מענטשן-מין – איין משפּחה, טראָץ ראַסע און הויטקאָליר. אַלעמען איין אויפֿקום – לעבן; אַלעמען איין אופֿן אומקום – טויט. דער פּלאַנעט – איין היים פֿאַר אַלעמען.

אויס מיט גרענעצן, יחסנות, אַסטראַציזמען, אינטערעסן, קלאַסן-פּריווילעגיעס, פּאַראַזיטיזמען, עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן. געבנוג אָרט און האָב-און-גוטס פֿאַרן ווילזײַן פֿון מיליאַרדן לײַט. אָבער איינע די אַנדערע זיך געהאָלפֿן, ביט אויסגעניצט צײַט און מי פֿאַר באַרישע אַבסורד-נויטווענדיקייט צי סנאָבישע שאַלעמויזן.

פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָרן? רעליגיעס? פֿילאָזאָפֿיעס? אָבער איין גאָט, איין ערלעכקייט, איין וואָרער טײַטש פֿון דעם וואָס ווערט געזאָגט, אָן היפּאָקריטישע מחשבֿות – ווײַל נאָר איין גוט, איין מעגלעך גילטיק זײַן איז באַרעכטיקט, מיט פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט. טאָלעראַנץ! צופֿרידן זײַן מיט אַ צווייטנס קרעאַטיוויטעט. דאָך – קאָנטראָלירטע פּראָליפֿיקאַציעס. אַזוי נאָר וועט, מוז זײַן עקזיסטענץ אַ פּערמאַנענטער פֿעסטיוואַל פֿון פֿרייד און גליק. פֿאַר וואָס מוז דאָס זײַן אַן אוטאָפּיע?

~❀~

געהערט אַ משוגענעם אײַנפֿאַל?

אויס מיט שאַפֿן געווער און טויט-מכשירים, ציקלאָן-גאַז און סמם אויפֿרײַס-מעגלעכקייטן. אויס מיט שׂריפֿות, מיט קרענק-מגיפֿות. אויס מיט קאָוועך קייטן פֿאַר שקלאַפֿן, בויען תּפֿיסות, צוואַנגיאַקעס און משוגעים-הײַזער! אויס מיט טריבונאַלן און עקזעקוציעס, מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסנקאַמף. אויס מיט בערזעס, אויס מיט שווינדל, גנבֿות, מערדערײַען, עקספּאַנסיעס, אַגרעסיעס, באַנדיטיזמען יחידישע און קאָלעקטיווע וואָס מע רופֿט פּאַטריאָטיזמען.

ביטאָ וועמען צו ראַטעווען, צו העלפֿן מיט עצות און יענע-וועלטיקע גליקן, מיט רעליגיעזע קאַריערעס און... און... ווער קען אַלץ אויסרעכענען וואָס געמיטן! אַ וואָרע קאַטאַסטראָפֿע! וואָס

וועלן נעבער טון אַזוי פֿיל דאָקטוירים, סאָציאָלאָגן, תּפֿיסה-וועכטער, קרעמער, פֿאַבריקן וואָס אַרבעטן אויס אַזוי פֿיל דראָגן און סתּם גיפֿטן? אַזוי פֿיל פֿאַרקריפּלערס וואָס האַרמאָניזירן, בעסערן אויס שפּייַז און געטראַנק, פֿאַרבעסערן די אַטמאָספֿערעס, מאַכן וואָס נאָר מעגלעך אַלץ זאָל זייַן גיכער, האַסטיקער, מיט מער פּראָפֿיט: קאָמפּעטיציעס, ספּעקטאַקלען פֿון ברוטאַליטעטן, מערדערייַען, פֿאַמיליע-דראַמעס, קאָמפּלעקסן פֿאַר אויסטערלישע פּאַראַנאָיקער און נאָך, נאָך, נאָך אַנדערע!

ערשט גנבֿים, ווילע יונגען, קורוועס – אַלע זיי וועלן דאָך בלייַבן אָן פּרנסה פֿאַר ווייַב און קינדער. טאַבאַק, אַלקאָהאָל, געווער, קאָקאַיִן, סגאָב-מאָדעס, אַסטראָ- און נוקלעאַרע פֿיזיקערס, ליטעראַטור, קונסט, פֿילאָזאָפֿיע; אוניווערסיטעטן מיט אַזוי פֿיל דאָקטאָראַטן, סאָציאַלע ווילטוערס און... און... און... סטייַטש? וואָס וועלן טון די פֿייַער-לעשער, די באַגרעבערס נעבער, די נאַציאָנאַלע העלדן – אָן מלחמות, אָן מחלוקות, קאַמף, מעדאַלן, לענטעס, פּעדעסטאַלן; די זשורנאַליסטן אָן פֿאַרברעכנס מיט סענסאַציעס און... און... און... מיט... מיט... מיט...

געפֿערלעך אַזאַ פֿאַרשוין מיט אַזעלכע מחשבֿות. וואָסי? משיח איז שוין חלילה געקומען? פּראָוואָצירן שטרייַקן, באַריקאַדע-שפּיל און רעגירונג-קריזיסן? אַ נס וואָס דאָס אַלץ איז נאָר אַ ווערבאַלער קאָשמאַר אָן שום ווירטועלע מעגלעכקייטן!

~❀~

זאָל טאַנץ זייַן גאַנג / און וואָרט – געזאַנג; / מיט ליבשאַפֿט, שׂכל, / און בליק מיט שמייכל, / און וועסט באַגרייַפֿן אַז ביסט האַר / איבער יסורים, אַנגסט און צער; / אייַנזען אַז טראָץ צרות, לײדן / וועלט קען דאָך זייַן אַ גן-עדן, / אויב געקענט נאָר מייַדן / אַ פּערפֿידע שלאַנג / וואָס האַלט באַוווּע חוהס אין געפֿאַנג!

~❀~

די אַלע וואָס ווילן אָנגיין פֿאַר אַטעיִסטן וואָלטן געדאַרפֿט הייסן אַנטיטעיִסטן, ווײַל אויב אַטעיִסטן – איז דאָך ווי געלייקנט עפּעס וואָס איז לחלוטין ניטאָ. מיטן רעדן פֿון נישטיקייט און קענען פּאָלעמיזירן וועגן דעם איז עס באַוויזן אַז ס'איז פֿאַראַן. די אַטעיִסטן אָבער זענען קעגנער פֿון עוועגטועלע געטער. זייערע דאָקטרינעס שטאַמען פֿון אינטערעסן-פּראָבלעמען: קאַפּיטאַליזם, טעאָקראַטיע. זיי וואָלטן געדאַרפֿט הייסן אַנטי-קלעריקאַלן.

וואָס איז, סעמאַנטיש געטײַטשט, אַטעיִסט? דאָס ניט גלייבן אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט? גיכער פֿון אַ רעליגיעזן גאָט. ס'לוינט זיך זיי ניט; זיי ווילן ניט. קען מען אָבער דען זײַן אַן אַזוביסט? אַוועלטיסט? אַלעבניסט צי אַטויטיסט?

אַלץ וואָס איז – איז שוין געווען און וועט תּמיד זײַן. פֿאַר וואָס זאָלן לײַט ניט זײַן מסוגל צו פֿאַרשטיין אַז קיין שום עפּעס קען ניט, בשום אופֿן, פֿאַרשווינדן, נאָר ענדערן אַספּעקטן אין דער אייביקער עוואָלוציע פֿונעם אוניווערסאַלן אַלץ וואָס איז „לעבן"? נאָר פֿאָרמען קומען און קומען אום. עסענץ, סובסטאַנץ, מאַסע, רעלאַטיווויטעט, ענערגיע, צי ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ מינים ווירטואַליטעטן, פֿענאָמענען, פֿון וועלכע מע קען אַפֿילו קיין אַנונג ניט האָבן – מאַניפֿעסטירן זיך כּסדר, אָבער קיין שום עפּעס קען ניט ווערן אַ גאָרניט. נישטיקייט איז אויך שוין עפּעס. אפֿשר דאָס וויכטיקסטע, פֿון וואָס אַלץ שטאַמט!

ציגל זענען אייביק; נאָר געבײַדעס – עפּעמעריש. לעבן, אומענד, אייביקייט – דאָס איז מײַן דרײַ-אייניקייט, פֿון וועלכער איך פֿיל זיך ווי אַ פֿראַגמענט.

אַנגסט, יסורים, פּחד – זענען נאָר רעזולטאַט פֿאַרן האָבן שלעכט געדויערט. עקזיסטענץ אויף אונדזער שײַנעם פּלאַנעט קען דאָך זײַן אַן אייביקער פֿעסטיוואַל פֿון גליק. פֿאַר וואָס איז אַזוי שווער דאָס זאָל קענען געשען?

גוף און הויט, / סקעלעט פֿון ביין. / דאָס – מענטש זאָל זײַן, / באַהערשט פֿון טויט, / וואָס ווען נאָר וויל / ליקווידירט דײַן לעבנסשפּיל?

ס'מוז זײַן דאָך / אַן עפּעס נאָך, / וואָס לאָזט –טראָץ אומקום מיט אַ גופֿיש שטאַרבן, / חוץ טיביעס, שטויב און שאַרבן / ס'זאָל בלײַבן עפּעס פֿון אַ גײַסט, כאָטש קיינער ווייסט / וואָס דאָס איז צי הייסט.

לעבט ניט תּמיד ס'וואָרט פֿון די פּראָפֿעטן, / הימן צו דער זון, אַ שיר-השירימדיק געזאַנג? / דויער, קורץ צי לאַנג / איז אַן השפּעה אויף נשמות פֿון פּאָעטן! / מעטעמפּסיכאָז אין יחיד צי אין כּלל – / נאָר אַזוי איז גילטיק לעבנס אידעאַל.

~❁~

— כ'ווייסט ניט וואָס ס'איז אַזוינס טויט.
– און וואָס ס'איז אַזוינס לעבן ווייסט מען?
– כ'ווייס ניט וואָס ס'איז אַזוינס חלום, טרוים.
– און וואָס ס'איז אַזוינס רעאַליטעט ווייסט מען?
– כ'ווייס ניט צי ס'איז פֿאַראַן אַ גאָט וואָס געוועלטיקט.
– און צי ס'איז ניט פֿאַראַן קיין גאָט ווייסט מען?
– כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס מוז מען שטאַרבן.
– און פֿאַר וואָס מ'איז געבוירן ווייסט מען?
– כ'ווייס ניט וואָס ס'וועט זײַן אַ מאָל מיטן אוניווערס.
– און וואָס ס'איז געווען מיט אים ביז איצט ווייסט מען יאָ?

אָבער דער גרעסטער וווּנדער איז דאָס קענען פֿרעגן און דאָס באַגערן צו וויסן. הלמאי קען אַזוינס זיך מאַניפֿעסטירן אין אַ נישטיקל מענטש, כאָטש ריז פֿאַר בוקלעאָנען און אַטאָמען!

בײַ וועמען זוכן אַן ענטפֿער? און צו וואָס וויל מען, דאַרף מען, מוז מען נאָר אַנאַנד פֿרעגן? „דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן", אָדער: „דאָס איז דער זוים און קערן פֿון עץ-הדעת-עפּעלע".

~❁~

אָן בטחון — / ניט מעגלעך קיין נצחון. / די ערגסטע שטראָף / איז: מער ניט האָף. / פעסימיסטיש און אַפּאַטיש? / איז ווילזיַין פּראָבלעמאַטיש.

טראָץ צאָרן, צער / קיין מאָל ניט פֿאַרגעס / אַז נאָר דו ביסט איבער מחשבֿות האַר, / און וועסט זען / ווי תּמיד וועט געשען / דער באַגערטער נס.

≈❀≈

פּאַסקאַל, דער קאַטוילישער חכם וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַז ייִדן זענען ניט מער ווערט די אָבֿות און ער האָט זיי צוגעאייגנט דעם עוואַנגעליזם, האָט אויך געאָמעטריש קלאָר באַוויזן וואָס אַזוינס ס'איז די וואָרע געטלעכקייט, פּראָקלאַמירנדיק — כ'ציטיר בוכשטעבלעך:

„גאָט איז אַ קריַיז, פֿון וועלכן דער מיטלפּונקט איז אומעטום און די צירקאָנפֿערענץ אין ערגעץ ניט."

אויב נאָר אַזאַ מין אַקסיאָם ווערט מען ניט קיין קאַטאָליק, צי מ'איז חלילה אַן אַטעיִסט, זעט מען דאָך בפֿירוש אַז מ'איז ניט בײַם קלאָרן שכל, אַן אַפּיקורס, אַ הערעטיקער און וואָרשײַנלעך — אַ ייִד. ניט אומזיסט האָסן די אַנטעקס מיט די וואָיטעקס, ווי בכלל אַלע כאַמעס אין פּוילן ווי טאַקע אומעטום — די פּערפֿידע זשידעס, וואָס גלייבן ניט אין דעם, וואָס אַ פּאַסקאַל באַוויַיזט מיט קאַטוילישער לאָגיק.

איז טאַקע גוט וואָס די זיגפּרידס, היטלערייזירט, האָבן געהאָלפֿן פּטור ווערן פֿון די דאָזיקע לײַט וואָס האָבן אוזורפּירט טויזנט יאָר פּוילישע גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט און זיי געלאָזט עקאָנאָמיש און גײַסטיק פּאַראַזיטעווען. אַצינד איז פּוילן צוריק אַ גן־עדן!

≈❀≈

ווי לאַנג קען נאָר, צי מוז, זײַן דויער / פֿאַרן מענטשן-מין מיט טרויער, / וואָס זאָל שלעכטס צי מיאוסקייט טאָלערירן? / געהיילט מיט פּלאַצעבאָ-רפֿואות ווונדן, / געלאָזט זיך ווי בהמות מעלקן, שינדן, / מעקענדיק אַ דאַנק אַנשטאָט זיך רעוואָלטירן.

ווו איז אַצינד דאָס פֿאָלק וואָס זאָל / ווי אין אַכציק-נײַן אַ מאָל / באַסטיליעס מיט קוראַזש צעשטערן, / און פֿון אָקטאָבער די וואָס האָבן / די סאַמאָדערזשאַווניקעס באַגראָבן / מיט האָפֿענונג וועלט באַפֿרײַט זאָל ווערן?

ווו זײַנען זיי? מיט בלאָף / פֿאַרכּישופֿט צי אַטעיִזירט – / מוזן תּמיד לײַט, ווי שאָף, / זײַן נאָר אַנאַנד אין שעכטהײַזער געפֿירט?

~❁~

פֿלאַם מיט אַ קוש פֿאַרברענט. / ים מיט פֿאַליע – גלעט-דערטרינקט. / תּאווה ניט געצוימט פֿאַרלענדט, / און ווײ דעם, וואָס אין שקר זינקט!

בכן, ניט שפּילן זיך מיט פֿײַער, / מײַדן אָקעאַנען אומגעהײַער; / ליבשאַפֿט אָבער תּמיד צאַרט, / און זיך זעלבסט –ווי יענעם– ניט גענאַרט.

~❁~

חכם מענטש, שוין סאַפּיענסירט – געדענק / אַז טראָץ צו קענען –אַן ערעקטוס– שטיין אויף פֿיס / און דיאַלעקטעווען – אַ פֿילאָזאָף געוויס, / כאָטש פֿון עץ-הדעת די עפּל זענען זיס, / תּמיד זײַנע זוימען זענען גורם קרענק.

וויסנשאַפֿטלער מיט טעאָריעס שלאַנגען / וועלן דיך אין בײַגיר-נעצן תּמיד פֿאַנגען, / מיט מעגאַלאָמאַניע-קענטעניש דיך פֿאַרפֿירן, / אַזוי אַז וועסט ס׳געדעכעניש אַפֿילו פֿון גן-עדן / ווי אַ פֿאַרשאָלטענער מיט שאַנד פֿאַרלירן, / און ס׳באַדויערן – געוועזן גליק ניט מײַדן!

חוץ דעם נאָר, קיין מאָל ניט פֿאַרגעס, / אַז מנוחהדיק צו קענען

זײַן / בעסער אָפּט איז ניט אַלץ צו פֿאַרשטיין, / און קיין מאָל ראַציאָנעל קען ניט געשען קיין נס.

~❀~

א סעריע „איזם" – **איזמען**. אַ קאָלעקציע „לאָג" – **לאָגיזמען**. אַ מאַסע „איסט" – **איסטיזמען**. חוץ: „בעאָס" און „גאָניעס" מיט „עטן".

מע מוז האָבן תּמיד גרייט אַ סטאָק פֿון דעם אַלעמען כּדי צו קענען צוטשעפּען צו עפּעס אַ נײַע וויסנשאַפֿט, אַ נײַע פֿילאָזאָפֿיע, מיט נײַע קאָמענטאַטאָרן, אינטערפּרעטאַטאָרן און אַנדערע נאַר **טאָרן**.

ווען ניט, מוז אַ פּשוטער מענטש זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין אַ קנויל טערמינאָלאָגיעס, אַ לאַבירינט מיט טעאָריעס און דאָקטרינעס, ווו לײַט –ווילנדיק וולגאַריזירן די טיפֿע מחשבֿות, עזאָטערישע סימבאָלן און נאָך אַזעלכע טראָגלאָדיטיזמען– מוזן האָבן קאַלטע קאָמפּרעסן און אַן אַספּירין, חוץ עטלעכע ווערטערביכער, און אַ גוטן דאָקטער, אָדער כאָטש אַ טאַטער צי אַ נעהאָרע־אָפּשפּרעכער. אפֿשר אויך גוט אַן אַנסקישער גוטער־ייִד, וואָס קען פֿאַרטרײַבן אַ דיבוק.

אויסער אַז מע וויל זײַן בײַם קלאָרן זינען און אינטעלעקטועליזירט! אָבער צוגעטשעפּעט אַן **איזם**, אַ **לאָג**, אַ **נעאָ** צי אַן **עט** – ווערט עס דיאַלעקטירט פֿון אַן איסט: שרײַבאָלאָג, ספּעציאַליסט, עקזעגעט, עטצ., עטצ.. און ס'זעט אויס לײַטיש, עכט.

~❀~

פֿאַר וואָס שרײַב איך, און צו וועמען ווענד איך זיך מיט מײַנע שריפֿטן? קודם בין איך מײַן ערשטער לייענער און טרײַער לעזער, ווי למשל אַ קאָמפּאָזיטאָר וואָס שפּילט פֿאַר זיך אַליין זײַן מוזיק, אָן שום אוידיטאָריעס. צווייטנס, פֿאַר אונדזערע אַמאָליק־יונגע ייִדן, פֿאַר וועלכע מײַנע מחשבֿות זענען

רעמיניסענצן פֿון אַמאָליקן לעבן אין די ייִדישע היימען, מיט די יוגנט-אידעאַלן – דאָס אַלץ וואָס איז אַוועק מיטן רויך פֿון קרעמאַטאָריעס און אַנטוישטע רעוואָלוציעס. דריטנס – פֿאַר דער נײַער יוגנט, פֿאַר וועלכער ס׳אַנטפּלעקט זיך עפּעס פֿון פֿײַערל אויפֿן פּריפּעטשאָק, טליִעט אין אַנדערע אַספּעקטן, אָבער ייִדישקייט איז ווי אוראַניום, וואָס ווערט ניט, קען ניט ווערן בלײַ. פֿערטנס – פֿאַר פֿרעמדע וואָס האָבן גערן אפֿשר עקזאָטיזם, מיט נײַגער סײַ פֿאַר אַלץ וואָס איז ייִדישקייט, סײַ פֿאַר אַ טשודאַק וואָס האָט אין זיך אַ דרײַפֿאַכיקן דיבוק פֿון אַ דאָן-קיכאָט, אַ מנחם-מענדל און אַ טביה.

מע קען אפֿשר נאָך געפֿינען אַ פֿינפֿטנס, אַ זעקסטנס אאַז״וו.

אָבער אַזוי ווי סוף-כּל-סוף זוך איך ניט צו מאַכן אַ קאַריערע מיט ליטעראַטור און אינטעלעקטואַליזם, איז עס ווי כ׳האָב שוין, דאַכט זיך, ניט איין מאָל געזאָגט און געשריבן: כ׳לייג זיך עפּנטלעך אויפֿן פּרוידישן בעטל און באַפֿרײַ זיך פֿון קאָמפּלעקסן מיט „וואָס אויף דער לונג – אויף דער צונג״. וואָס אין קאָפּ – טינטלט זיך אַרויס אויפֿן פּאַפּיר! אַזוי פּירט זיך מיט „פּסיכאָאַנאַליזן״. מע היילט פּסיכאָפּאַטן בכלל, און גראַפֿאָמאַנען פֿון מײַן מין בפֿרט.

בכן, טו איך ס׳מײַניקע: כ׳שרײַב, כ׳שרײַב, כ׳שרײַב, ווי אָט למשל: אַפֿילו וועגן דעם, פֿאַר וואָס איך שרײַב, מוז איך אויך עפּעס אָנשרײַבן!... אַ מאָל, אַז מ׳האָט געוואָלט עמיץ זאָל ניט קענען שרײַבן, איז געווען גענוג אים בינדן די הענט. הײַנט, מיטן פּראָגרעס, זענען פֿאַראַן קאַסעטן און מאַגנעטאָסקאָפּן וואָס רעגיסטרירן. נו, זענט איר ניט מסוגל פּטור צו ווערן פֿון מײַן מחבריזם, און... און... און...

יאַכנע, סטאָפּ!

~❀~

אַזוי גוט ווי מע מאַכט אַ גאַנצן צימעס מיט העגעלן, ווי ער וואָלט געווען דער רבש״ע פֿון אַלע מעגלעכע פֿילאָזאָפֿיעס, טרײַבט מען זיכער איבער די וויכטיקייט פֿון היידעגערן – דעם

גדול פֿון נאַציִשן ספּיריטואַליזם! ווו מע גייט און מע שטייט: חסידים און קעגנער, פֿראָקלאַמירן אַז זײַן הויפּטווערק, „זײַן און צײַט", איז ס׳אייבערשטע פֿון שטייסל אינעם אינטעלעקטועלן געזינדל, מיטן פֿענאָמענאָלאָגיזם און דער עקזיסטענציעלער דיאַלעקטיק, וואָס זייער מי באַשטייט אין שטויסן וואַסער און מאָלן ווינט.

הערט אַן אויפֿטו! „זײַן איז באַר צו ווערן"; דאָס עסענציעלע פֿון עקזיסטענץ איז דאָס, וואָס איז נאָך ניט, נאָר וועט ווערן", און: „פֿאַרן מענטש איז ס׳זײַן – אומצוקומען"! ממילא איז עקזיסטענץ אַ פּערמאַנענטע אַנגסט, און אַ גליק וואָס דער טויט קומט מאַכן אַ סוף צו די זאָרגעניִשן מיט זייער אומרו! אפֿשר דעריבער איז היטלער געווען אַ ווילטעטיקער צדיק, און מיטן ציקלאָן-גאַז אין קרעמאַטאָריעס געהאָלפֿן אַזוי פֿיל ייִדן זיך צו באַפֿרײַען פֿון עקזיסטענציאַליזם!

איך, פֿאַרשטייט זיך, בין ניט קיין פֿילאָזאָף בכלל און קיין „עקזיסטענציאַליסט" צי „פֿענאָמענאָלאָג" מיט אַ שילדל און אַ פֿירמע, ווי ס׳פֿירט זיך מיט אַלע פּראָפֿעסיעס – אַוודאי ניט. זעבען פֿאַר מיר די העגעלס, די היידעגערס, די הוסערלס, די יאַספּערס, סאַרטרס, גאַבריעל-מאַרסעלס און זייערס גלײַכן – גוט צו מאַכן אַ פּעקל און אַרויסצושלײַדערן פֿונעם דמיון. מײַן פּשוטע עקזיסטענץ איז אַ פֿענאָמען, ווי אַלץ וואָס איז, אָן שום פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, און אַ מינדסט ווערעמל איז מער חכם און פּראַגמאַטישער, אויסגעהאַלטענער, אויפֿריכטיקער, ערלעכער פֿון אַלע רעליגיעזע און וועלטלעכע גורוס וואָס האָבן אָנגעפּאַקט ביבליאָטעקן מיט געממיתטע וועלדער פֿאַרוואַנדלטע אין פּאַפּיר צו פֿאַראייביקן זייער דענקעניש און בענקעניש, וואָס לאָזט זיך תּמיד אויס פֿאַר פּשוטע לײַט מיט קרענקעניש.

אַ ווירוס פֿון אַ גריפּע צי אַ סידאַ איז מער חכם ווי אַלע אַקאַדעמישע ספּעצן, וואָס קענען גאָרניט אויפֿטון קעגן די מיקראָסקאָפּישע ברואים, וועלכע חוזקן זיכער פֿון אַלץ און אַלע פֿאָרשערס און נאָבלפּרײַז-העלדן, וואָס קענען זיי ניט בײַקומען. נאָר גיי טענה מיט משוגעים!

וואָס? איר ווייסט ניט וואָס אַזוינס ס'איז אַ „טראַנסצענדענטאַלע" רעאַליטעט"?... און אַז יעדע דערקענטעניש איז נאָר אינטערפּרעטאַציע מיטן באַגער זיך צוצואייגענען דעם אמת, די וואָר (די וואָר, דעם אמת פון וואָס?...) און תּופס זײַן דעם פּענאָמען פון זײַן – דערגיין דעם זין פון זוכן דעם זין... די צײַט פּאָלעמיזירט מיטן זײַן... ווײַל צײַט ווערט כּסדר, און נאָר אַזוי איז אַ מענטש עקזיסטענציעל –אייביקער פּראָיעקט וואָס וויל זיך רעאַליזירן– אַ מין בערגסאָניזם. יעדנס עקזיסטענץ – אַ מין פראַגמענט אין טראַנסצענדענטאַלן פּערמאַנענטן ווערן, אַ- אַ- אַ....

אוי, דער קאָפּ! אַזוי פיל האָר-שפּאַלטעניש! אַ מעטאַפיזישער טשאָלנט מיט דערין אַ פענאָמענאָלאָגישן קוגל! אַפילו הײַנט, וויסנדיק זײַן הײַל-היטלערישע פירונג מיטן פירער פון גיהנומדיקן רײַך, ווידמעט מען אים, מאַרטין היידעגערן, פאָרשונגען, אָפּהאַנדלונגען, גאַנצע זײַטן אין צײַטשריפטן און אַפילו ביכער, אַנשטאָט צו פאַרגעסן אים מיט זײַן סבֿיבֿה און זײַן מערדעריש שוואַבנטום נוסח הערן-ראַסע אין דער בי'אָספערע!

~❁~

ביין, טײַערער פּרץ: די וועלט איז ניט קיין קרעטשמע, קיין בערזע. די וועלט איז אַ משוגעים-הויז, ווו ס'געוועלטיקן פראַנק און פרײַ משוגעים, וואָס שעכטן זיך איינס ס'אַנדערע ווי נאָר געקענט. און ווי נאָר אַ חלף אין די הענט – איז באַלד אויף העלדזער געלויערט; דאָרשטיקע לײַט, וואַמפּירן צו יענעמס בלוט, יענעמס פּײַן, יענעמס אומקום. ווען ניט געקענט אַליין, איז עס אין ספּעקטאַקלען.

די וועלט איז יאָ הפקר; אַ היטלער, אַ סטאַלין און אַנדערע רוצחים געוועלטיקן פראַנק און פרײַ, און די כּלומרשט ציוויליזירטע גוטע לײַט, ווי זיי טיטולירן זיך איינס ס'אַנדערע, זענען ניט נאָר סתּם גלײַכגילטיק, נאָר אַפּלאָדירן. אָפט טוט מען עס ווען מע שעכט און מע ברענט ייִדן, אָבער סובטעלער, בעסטיאַליש נאָר ראַפינירט, טוען עס ס'רובֿ אַנדערע, מיטן

וואַמפּירייזירן, עקספּלואַטירן, מאַרטירייזירן און פֿאַרפּאַראַזיטירן כמעט אַלע האָמאָ-סאַפּיענסן, פּאָטשמעליעטע מיט דעמאַגאָגיעס, אידעאָלאָגיעס, פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען אד״גל, עטיש און עסטעטיש קאָמופֿלירט מיט איזמען.

דער טוט עס מיט אַ האַק און גראָבע פֿויסטן, און דער — מיט געהענטשקעטע איידעלע הענט; דער, מיט אַ ברוטאַלן, אָפֿן-מערדערישן רוף צו רציחה, רויב, און יענער — מיט פֿרומע פּיסקלער, דיאַלעקטישע היפּאָקריזיעס און אידעאָלאָגישע פּאַראַנאָיעס.

דער רעזולטאַט, ווען ס׳האַנדלט זיך אין ייִדן, איז ספּעקטאַקולער: ציקלאָן-גאַז ליווערט מען נאָך אַנאַנד; די קרעמאַטאָריעס פֿלאַקערן טאָג און נאַכט. ווען ס׳גייט אין אַנדערע, טוט מען עס עלעגאַנטער, מיט סאָציאַלע רעזשימען מיט דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס, ליבעראַליזם, פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברודערשאַפֿט. **פֿרײַ** — פֿעלקער זאָלן פֿלאַנצן אָפּיום אַנשטאָט ווייץ צי קאָרן; **גלײַך** — צו קענען פּגרן פֿון הונגער, און **ברודערלעך** — צווישן טראָסטן, געווער-פֿאַבריקאַנטן, רעליגיעזע אָפּיום-טרייסטער אאַז״וו.

אַזוי, אַזוי, טײַערער פּרץ — „מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע״? ניט נאָר כ׳מיין, נאָר כ׳זע באַשײַנפּערלעך ווי די וועלט איז פֿאַרסמט מיט האַס, פֿאַרשאָלטן מיט אַנטאַגאָניזמען און פֿאַרקריפּלט, פֿאַרפּירט, צעחושט, משוגע, און זוכט אַ מעגלעכקייט וואָס גיכער צו ווערן אויפֿגעריסן מיטן פּלאַנעט אין אַ נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפֿע, אָדער פֿאַרטיליקט צוזאַמען מיט דער ביִאָספֿערע, און ס׳זאָל צוקומען מיט נאָר אַ טויטן סאַטעליט אין די קאָסמישע אָרביטן אַרום דער ליכטיקער זון.

~❁~

די קאַפּיטאַליסטן מיט זייערע קרעדיטן פֿאַר אָפּגעשטאַ-נענע לענדער באַשווינדלען דעם אייגענעם עולם-גולם. די כלומרשטע עקספּאָרט-ביזנעס, פֿינאַנציעלע אָפּעראַציעס מיט

חובות וואָס ווערן ניט באַצאָלט – גייען ניט פֿאַרלוירן פֿאַר זיי!

ערשטנס, זענען זיי פֿאַרזיכערט און קריגן באַלד אויסגעצאָלט פֿון גאַראַנטיע-אָרגאַניזמען. חוץ דעם, רעכנט מען עס אַראָפּ פֿון די בילאַנסן, קאָמפּענסירנדיק די אַנדערע רווחים. און מ'איז פֿריי פֿון שטײַערן! די רעגירונגען, פֿאַר זייערע בודזשעטן, העכערן די אַנדערע שטײַערן, ס'רובֿ פֿון די לעקישעוואַטע מעדיאַ-מאַסעס. אַזוי אַרום צאָלט עולם-גולם די ניט באַצאָלטע קרעדיטן. דער קאַפּיטאַליזם, מיט זײַנע פֿינאַנציעלע קאָמבינאַציעס, ריזיקירט קיין מאָל גאָרניט, חוץ צו האָבן וואָס מער פּראָפֿיטן.

ערשט די כלומרשט אָפּגעשטאַנענע לענדער וואָס אימפּאָרטירן די קאַפּיטאַלן דורך ליווערן לוקסוס-אויטאָמאָבילן פֿאַר זייערע סאַטראַפּן, געווער, פֿאַבריקן וואָס ניצן צו גאָרניט, און נעמען סתּם וואַליוטעס וואָס זיי דאַרפֿן צו בויען פּאַלאַצן, אָדער שאַפֿן פּאַראַד-אַרמייען. זיי אײַגענען זיך צו ס'רובֿ פֿון די באַקומענע פֿאַרמעגנס, און אָט לייען איך, אַז הײַנט זענען אַלע לענדער שולדיק טויזנט מיליאַרד דאָלאַרן! אָבער די געוועלטיקער פֿונעם רובֿ אָרעמע לענדער האָבן אַרויסגעשמוגלט 500 מיליאַרד דאָלאַרן און זיי באַהאַלטן אין אויסלענדישע בענק.

אַזוי ווערן עקספּלואַטירט נאַראָנים!

~※~

לויט דעם וואָס די וויסנשאַפֿט האָט ביז איצט פֿעסט-געשטעלט מיט טעאָריעס, פּאָסטולאַטן און אויך פּראַקטישע אַנווענדונגען און לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, באַשטייט דער אוניווערס, דאָס לעבן, פֿון די זעלבע ענערגיעס, עסענצן, סובסטאַנצן, און ס'גילטן אומעטום די זעלבע געזעצן פֿון היץ און קעלט, מאַגנעטיזמען, באַוועגונג, גראַוויטיר- און גראַוויטאַציע-געזעצן, מיט מאַסע-רעלאַטיוויטעט-אײַנפֿלוסן, און דאָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אפֿשר מיליאַרדן אַספּעקטן, פֿאָרמען, באַגרײַפֿטע און ניט באַגרײַפֿטע, אָבער תּמיד מיט די זעלבע סיסטעמען, די זעלבע רעזולטאַטן, אַזוי אין אַן אַטאָם ווי אין אַ

זונסיסטעם, אַ גאַלאַקציע צי אַ וועג ווייסט אין וואָס באָר!...

ווער ווייסט צי, אַזוי גוט ווי ס'האָט זיך געקענט מאַניפּעסטירן אַ מענטש מיט אַלע זײַנע פּיזישע און פסיכישע אייגנשאַפטן, האָט זיך ניט געקענט מאַניפּעסטירן אַ גאָט מיט אַלץ וואָס ס'קען האָבן אַ שײַכות דערמיט, אָבער אין אַזעלכע דימענסיעס און מעגלעכקייטן ווי דער שײַכות צווישן מענטש און אַ מאָלעקול.

קיין שום אָרדינאַטאָר, קאָמפּיוטער צי עפּעס אַנדערש פֿון אַ מענטשלעכן אויפּטו האָבן ניט באַוויזן זיך צו פֿאַרגלײַכן צו די קענטעניש פֿונעם מינדסטן קעמערל אין אַ באַשעפֿעניש, אַ פֿלאַבן צי אַ קריסטאַל! אָבער דאָס וואָס מע קען שוין יאָ טון איז אַזוי גרויס מיט רעזולטאַטן, און מיט אויסניצן, עקספּלואַטירן עלעמענטן און באַשעפֿענישן, אָבער לײדער, ס'רובֿ קאַליע צו מאַכן, זעלטן לטובֿה, אַזוי אַז מע קען זיך לײַכט פֿאָרשטעלן די מעגלעכקייטן פֿון אַן עווענטועלן גאָט. ערשט, ווער ווייסט צי, טראָץ דער גרייס אין אַלע הינזיכטן, איז אַן אוניווערס ניט עפּעס באָר ווי אַן אַטאָם פֿאַר אונדזערע השגות?

אַ וווּנדער באָר ווי אַזוי קען זיך מאַניפּעסטירן אַזאַ מין מחשבֿה אין אַ בישטיקל מענטש – אַ בישטיקל אָבער דאָך אַן אימפּעריע פֿון מילי-מיליאַרדן נוקלעאָנען, אַטאָמען, מאָלעקולן, מיט פסיכיזמען אפשר אין אַלע מדרגות, און וואָס, ווי אַזוי באַפֿרײַט מען זיך פֿון די פּראָבלעמען מיט די אומענדן, אייביקייטן אד״גל?

איז ניט וויכטיקער מײַן גלעזל טיי וואָס כ'גיי טרינקען אָט שוין? זאָלן ספּעצן...!...

≈⊛≈

דער קאַפּיטאַליזם, מיטן באַגערן צו זאַמלען וואָס מער עשירות, וואָס מער מאַכט, פּרעסטיזש, איז אַ סאָציאַלער קאַנסער, אַ געפֿאַר מיט מעטאַסטאַזן אין דער ביִאָספֿערע ניט באָר פֿאַרן מענטשן-מין. ווי אַלע קרענק, קען מען עס היילן, ווײַל ס'זענען פֿאַראַן רפֿואות, און פּרעווענטיווע מעגלעכקייטן צו מײַדן די דאָזיקע אומגליקן מיט פּראָפֿילאַקציעס, נאָרמאַלע

לעבנס-רעזשימען, און אַז מע דאַרף – כירורגישע אַבלאַציעס. אָבער, לײדער, װילן קראַנקע ניט תּמיד זיך הײלן, און זײ שעלטן די דאָקטוירים!

די כּלומרשטע רעװאָלוציעס זענען אָפּט נאָר פּלאַצעבאָס, און דער קאַנסער-װירוס לאָזט זיך מערסטנס, כּמעט קײן מאָל ניט אומברענגען. ער שטעקט אָן די נײַע רעזשימען, װאָס װערן פּאַרפּעסטיקט מיט די זעלבע װירוסן, מעגאַלאָמאַנישע פּירערס, נײַע טיראַניעס. אַזױ הײלט מען שיכּורים מיט בראָנפּן! פּאַר װאָס מוזן לײַט זײַן אַזױ נאַריש? װוּ איז גאָט?

≈۞≈

א סיסטעם פּאַר לײַט װאָס װילן מאַכן אַ קאַריערע פֿון אַ מחבר אין מאָדערנעם אינטעלעקטואַליזם. אָט למשל װי אַזױ מע ליריקט פּאָעזיע:

מע נעמט װאָקאַבלען, װערטער מיט צו אָן מחשבֿה דערין. װיכטיק זײ זאָלן זײַן סינטאַקסיש שװער, גראַמאַטיש אומגעריכט, און מיט אַ מעגלעך פּאַרשײדענער סעמאַנטיק – װאָס זאָל דערמעגלעכן ראַפּינירטע לינגװיסטן צו קאָמענטירן, אינטערפּרעטירן דעם מײן – ניט סתּם מיט אַ פּשוטן טײַטש, װי בײַ אַלטמאָדישע אבֿרהם רײזענס למשל.

מע סעקציאָנירט יעדעס װאָרט אין פּאָנעמען װי מע פּענעצלט אַ קנאָבלװורשט – און אַלץ צוזאַמען שטעלט מען װערטיקאַל, מיט אַלע מאָל אַ סך פּינטעלער, טיפּזיניק, עזאָטערישע סימבאָלן. קײן מאָל ניט מיט אַ האָריזאָנטאַל-מעגלעכן פּאַרשטײן דעם אינהאַלט. אַזױ געװינט מען לאַנגע פּאָעמעס, און ס׳זעט אויס מײַסטערישער.

אויב געשריבן אין ייִדיש – איז גוט אַרײַנצוברענגען דאָ און דאָרט אַ העברעיִש צי אַן אַנדער-שפּראַכיק װאָרט, מיט צי אָן אַן **איזם**, און װאָס מער לעטריזם, װאָס מער צעחושט – אַלץ מער געניאַל. נעמט עמיץ אַ מאַני לײבן צי אַ חײם גראַדען פּאַר אַן אידעאַל, איז עס פּאַר זײַן קאַריערע פּאַטאַל. ס׳מוז ניט זײַן געגראַמט, אָבער אַז מע קען געפּינען עפּעס אַ קונציקן גראַם, איז עס ניט

קיין מניעה. אַדרבא, דאָס איז נאָך חנעוודיקער און איז אַ באַווײַז פֿון יוגנטלעכער דינאַמיק. טעמע: לאָגיק: דאָס איז לחלוטין ניט וויכטיק. מע געפֿינט אַ סך בײַשפּילן פֿון דעם מין פּאָעזיע אין אַלע שפּראַכן, יידיש בתוכם.

מוזעס זענען אַרבעטסלאָז אויפֿן ליידיקן פּאַרנאַס. אָרדינאַטאָרן אינספּירירן בעסער פֿון זיי.

~❁~

ייִדישיזם, בודיזם, בראַמאַניזם, קאָנפֿוציאַניזם, טאַאָיזם, יאָגיזם וואָס זענען גלײַכצײַטיק רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס; ערשט די וועלטלעכע פֿילאָזאָפֿיעס: צו זיי דאַרף מען האָבן אַ הונדערט טערמינאָלאָגיעס אַלע אויסצורעכענען, אָריגינעלע און מיט די נעאָס מיט זייערע סיסטעמען, טעאָריעס, אַקאַדעמיעס, מיט זייערע הומאַניזמען, פֿאַטאַליזמען, אָפּטימיזמען און פּעסימיזמען.

אַזוי פֿיל איזמען, אַזוי פֿיל איסטן, אַז מע דאַרף זײַן פּשוט משוגע דאָס אַלץ אַרײַנצושלאָגן אין קאָפּ. בפֿרט אַז קיינער וועגדט ניט אָן דאָס געטראַכטע און געזאָגטע. און צוליב וואָס: צו זאָגן אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. אַז אַ מענטש דאַרף זײַן ערלעך, אויפֿריכטיק, גוט באַטירלעך, און ניט פֿאַרתּכלעווען זײַן עקזיסטענץ מיט אומזיסטער מי, מיט מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס, מיט אַגרעסיווע פּאַראַנאָיעס, נאָר אָפּדויערן ווי געהעריק, לאָגיש, פּשוט, אין די בעסטע באַדינגונגען זײַן באַשטימטן טערמין, אָן פּאַראַזיטעווען אַליין און אָן זיך לאָזן פּאַראַזיטירן פֿון אַנדערע.

אַלע רעליגיעס מיט אַלע פֿילאָזאָפֿיעס – איין אוניווערסאַלער בלאָף, מיט קרעמערישע קאַריערעס און תּירוצים צו מאַכן אַ לײַכט לעבן. ס'איז אַ סך באַקוועמער צו זײַן אַ פֿילאָזאָף אָדער אַ רעליגיעזער גורו ווי אַקערן ערד, גראָבן קוילן, בויען הײַזער און נייען קליידער.

אָבער מיר זענען דאָך ציוויליזירטע האָמאָ-סאַפּיענסן, טאָ ווי אַזוי עפּעס זײַן פּשוט פֿרום, מיט ניט פֿאַרמענטשלעכן דאָס צו דעם וואָס

געוועלטיקט אינעם צי איבערן אוניווערס, ניט מוזנדיק דווקא וויסן וואָס, פֿאַר וואָס און צוליב וואָס ער טוט עס? האָבן אַ פּלאַבעט מיט אַ פֿרײַהייס צו קענען אים פֿאַרוואַנדלען אין אַ גן-עדן – דאָס איז צו פּשוט, צו אײַנפֿאַך פֿאַר קולטורעלע, ספּיריטועלע לײַט.

איז דאַווי – פֿילאָזאָפֿיע, רעליגיע, וויסנשאַפֿט, קאַקאָפֿאָנישע עוואָלוציעס מיט כאַאָטישע וויזיעס, היסטערישע היסטאָריעס, דראָגן, נוקלעאַרע שטראַלונגען וואָס פֿאַרסמען אַלץ אַרום זיך, און קאַנסער, סידאַ און ווער נאָר ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ מין כאָליערעס ס׳טשאַטעווען אויפֿן חכם מענטש, וואָס האַסטיקט אַרונטער מיט אַלץ גרעסערן אימפּעט צום טאָטאַלן אומקום, צוזאַמען מיט דער ביִאָספֿערע.

~❀~

וויפֿל לײַט זענען מסוגל, איידער –אָדער אַנשטאָט– זיך צו פֿאַרנעמען מיט געשעענישן פֿון פֿרעמדע עקזיסטענצן וואָס די „ליטעראַטור" שטעלט זיי צו, מיט פֿרעמדע פּראָבלעמען, פֿרעמדע עמאָציעס, פֿרעמדע באַגערן מיט וואָס אָנצופֿילן זייערע הוילע דויערן, ליידיקע לעבנס – צו פּרוּוון אַ בלעטער טון דאָס בוך פֿון זייער אייגענער עקזיסטענץ: זען דעם באַוווּסטזיניקן פּראָלאָג וואָס זיי געדענקען ביז דער איצטיקער צײַט?

יעדער, יעדער האָט זיך זײַן בוך מיט זכרונות, מיט רעמיניסצענצן, וואָס מע קען, מישנדיק די בלעטער, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אויף ס׳נײַ איבערלעבן – דאָ טרויעריק, דאָ מיט פֿרייד; דאָ אינטערעסאַנט, דאָ נודנע מאָמענטן אַפֿילו, אָבער זעלטן, זעלטן ליידיקע זײַטלער אין דעם דאָזיקן אינזיכיסטישן ראָמאַן. עס קען אויך זײַן ווי אַ פֿילם, עס קען אויך זײַן אַ... אַ... אַ...

פֿאַר מיר, וואָס כ׳טו עס אָפֿט, דאַרף מען אַ ביבליאָטעק, און כ׳לעבן, ניטאָ אַזאַ געניאַלער מחבר וואָס זאָל זײַן פֿעיִק צו שאַפֿן אַזאַ מין ריזיק, פֿילזײַטיק ווערק ווי איך קען עס טון אין שײַכות

מיט מײַן לאַנגיאָריקן דויער. כ׳בין זיכער אַז אַבסאָלוט יעדער איינער קען עס באַווײַזן, בפֿרט אַז דאָס איז נויטווענדיק צו וויסן ווי אַזוי צו קענען צוגרייטן דעם עפּילאָג.

פּלאַנק, מינקאָווסקי, אײַנשטיין, באָר... ווי אַזוי זאָל אַ פּשוטער בשׂר-ודם תּופֿס זײַן זייערע טעאָריעס? כ׳וואָלט זיי געפֿרעגט למשל: זעבען מאַטעמאַטיק, פֿילאָזאָפֿיע, רעליגיע, עטיק, עסטעטיק אאַז״וו – סובסטאַנצן, ענערגיעס, עסענצן? צי עפּעס אַנדערש? ערשט וואָס אַזוינס איז נישטיקייט, ליידיקייט, אין וועלכער אַלץ געשעט? ווי אַזוי פֿאַרשטיין אַז אָרט און צײַט זעבען אייגנשאַפֿטן פֿון דעם וואָס איז? טאַקע אמת: פֿאַר עפּעס וואָס איז ניט דאַרף מען ניט קיין אָרט, ניט קיין דויער. אָבער ס׳אָרט בלײַבט דאָך פֿאַר אַנדערע, אָדער בלײַבט ליידיק. אַזוי מיט צײַט.

וואָרשײַנלעך הייסט עס, נוסח אײַנשטיין, זעבען צײַט און דויער פֿיקציעס. ניט פֿאַראַן אַזוינס. דאָס זעבען אייגנשאַפֿטן פֿון דעם, וואָס איז אַ פֿערטע דימענסיע פֿאַר עפּעס.

אָבער וואָס איז מיט צײַט און אָרט, אַז ס׳איז ניטאָ עפּעס צו מעסטן אָדער צו דויערן? און ווי אַזוי ווענדט מען אָן דימענסיעס צו מחשבֿות, פֿיקציעס, חלומות? ווי אַזוי קען מען זיך פֿאָרשטעלן מיראַזשן, טרוימען – ווי אַן ענערגיע-מאַסע; ווי אַזוי קענען עמאַציעס צי דמיונות אָן ממשות האָבן די זעלבע אייגנשאַפֿטן ווי סובסטאַנצן? וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, פּילפּוליזם, עקוואַציעס, טעאָרעמען, רעטאָריק, לאָגיק, טעאָלאָגיע און מאַטעמאַטיק... גוט אַז ס׳זעבען פֿאַראַן קאַלטע קאָמפּרעסן, דושן און אַספּירין!

גוטענבערג! מיט אַ שיינער מתּנה האָסטו אונדז פֿאַרשאָלטן! ווען דיר וואָלטן מקוים געוואָרן די קללות פֿון אַלע וועלדער נעבעך, פֿאַרוואַנדלטע אין ביבליאָטעקן מיט קילאָמעטרישער חכמה – וואָלטסטו כּסדר זיך געוואַלגערט אין גיהנום. מקנא בין איך אַ

גרעזל צי אַ ווערעמל ערגעץ אין אַ פֿעלד, וואָס ווייסן ניט פֿון ציוויליזאַציעס און קולטורן!

דער פּראָבלעם מיט די אַטעיִסטן איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון אַ נאָמען. זיי ווילן אים ניט אָנרופֿן „גאָט". איז זאָל זײַן אַנדערש: פּאַנטעיִזם, וויטאַליזם, עסענץ, ענערגיע, עקוואַציע, טעאָרעמע, אַפֿילו נישטיקייט – אָבער קיינער מיט אַ מינימום קלאָרן שׂכל קען דאָך ניט לייקענען אַז ס'איז פֿאַראַן אַ פּלאַנעט, מיט ספֿערעס אַרום וואָס מע רופֿט הימלען און דערין אַ זון, מיט שטערן, מיט סעזאָנען, טעג און נעכט, מיט אַ רעאַליטעט וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַזוי פֿיל אַספּעקטן, מיטן אַטעיִסט בתוכם – אַ באַווײַז, ער קען לייקענען עפּעס.

איז אויב ס'איז דאָ, פּראָגראַמירט, סיסטעמאַטיזירט, דעטערמינירט מיט אַן אָנהייב, אַ רײַפֿן און אַ סוף, עוואָלוציעס און פֿרײַע ווילנס אַפֿילו צו טון ווי ס'גלוסט זיך – מוז עס דאָך זײַן אָרגאַניזירט, געוועלטיקט. ווי זאָגט וואָלטער? אויב אַלץ איז רעגולירט ווי אַ זייגער, מוז דאָך זײַן אַ זייגערמאַכער.

רופֿט עס איינער „גאָט", אַ צווייטער – צעאוס, יופּיטער, בראַמאַ, פּאַנטעיִזם צי ווי עמיץ וויל. ענדערט עס עפּעס? ערשט מיט וואָס איז מען עפּעס אַ פּראָסטאַק אַז מע גלייבט אַז ס'איז פֿאַראַן אַ מײַסטער וואָס רעגירט און באַשטימט ס'זאָל זײַן אַזוי, ניט אַנדערש? דאָס מוז דען האָבן אַ שײַכות מיט רעליגיעס? מיט פֿאַנאַטיזמען? מיט קלעריקאַליזמען? מיט ריטואַלן, צערעמאָניעס, טעמפּלען, פּראָסעליטיזמען, רעזשימען, מיטן אופֿן נערן אָדער קליידן זיך, צי מיט תּירוצים צו שנאָרן מחילות פֿאַר באַגאַנגענע געמיינקייטן, אָדער מיט אַנגסטן אַז ס'קומט די צײַט פֿון שטאַרבן? פֿאַר וואָס מוז מען זיך אײַנרעדן אַז גאָט איז אַ רעאַקציאָנער באַשר לײַט מאַכן קאַריערעס, פּרנסות מיט געטלעכקייט?

פּיפּיקע אויסטויגערס ניצן פֿרומקייט צו קענען עקספּלואַטירן זייערס גלײַכן, מיט שרעקן פֿאַר ניט פֿאָלגן און צוזאָגן גן-עדנס

אויף יענער וועלט, אויסנאַרנדיק ביי זיי וואָס מע קען אויף דער וועלט? ס׳איז דאָך נאַריש. מע קען זיין באַוווסטזיניק און אַ רעוואָלוציאָנער, ליב האָבן גאָט אינטים ביי זיך אין דער היים פונקט ווי אויף באַריקאַדעס אין קאַמף מיט טיראַנען.

ווען וועלן שוין לייט איינזען, אַז געטלעכקייט האָט אַבסאָלוט ניט קיין שייכות מיט רעליגיעס, און פאַר וואָס פּראָקלאַמירן אַז גאָט איז דווקא אַ מין סאַטראַפּ, דיקטאַטאָר, טיראַן?

אַלץ וואָס ס׳געשעט מיטן מענטשן-מין אויפן פּלאַנעט איז, חוץ דעם באַשטימטן דויער, אָפּהענגיק פונעם מענטש, וואָס האָט באַקומען אַ מתּנה אַ פריַיען ווילן מיט אַ מעגלעכקייט צו געוועלטיקן איבער אַלץ וואָס געפינט זיך. איז עס ווּעמענס שולד אַז ער פירט זיך אידיאָטיש און פאַרתכלעוועט זיין עקזיסטענץ מיט משוגענע פירונגען, צעחושטע רעזשימען וואָס פאַרקריפּלען גוף און נשמה מיט אַלץ אַרום?

ווער האָט די נאַרישע העזה צו קומען צו אַ גאָט, וואָס געוועלטיקט איבער אומענדן און אייביקייטן, און שנאָרן ביי אים ווילזיין, מחילה פאַר באַגאַנגענע חטאָים, מיט חניפה-הימנען און כאַבאַר-קרבנות זיך אויסצוקויפן אָדער איינצוקויפן פּריווילעגיעס צו יענע-וועלטיקע גן-עדנס? ווּעמען קען אייַנפאַלן אַז גאָט האָט ניט עפּעס אַנדערש צו טון, ווי-פירן בוכהאַלטעריעס מיט לייטס מעשׂים און מחשבֿות: אַכטונג טון צי עמיץ טראָגט אַ שטריימל אָדער אַ פּעסקע, עסט דאָס צי עפּעס אַנדערש, אָדער קניט צי שאָקלט זיך מיט פאַרשיידענע טעקסטן און ניגונים?

דאָס איז געלעסטערט דעם מייַסטער פון באַשאַף מיט אַזאַ קליינקעפּלדיקע השגה. אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן זיין אויפן פּלאַנעט איז אַן עסק פאַרן מענטש זעלבסט. קיינער טאָר זיך ניט אייַנרעדן אַז ער איז עפּעס אַ געטלעכער שליח, אַ פאָרשטייער, אַ זוכער פון קליינבטן מיט פּראָסעליטיזמען און פּרווון אויסניצן זיין נאָמען פאַר אינטערעסן צי קאַריערעס.

גאָט איז איבער דעם אַלעמען, און ווי אַ גוטער פאָטער לאָזט ער אונדז די פרייהייט צו קענען געניסן פון אונדזער דויער אין די

בעסטע באַדינגונגען, אין אַלע אומשטאַנדן, מײַדנדיק באַטירלעכע קאַטאַסטראָפֿעס אַפֿילו – מיטן ניט געפֿינען זיך דאָרט. ווו זיי קענען פֿאָרקומען. נאָר אַזוי איז מען פֿרום, און מע האָט ניט קיין אַנגסטן, ניט בײַם לעבן, ניט בײַם שטאַרבן.

וועט דער מענטש שלעכט עסן – איז דער רעזולטאַט בויכווייטיק. וועט ער זיך סמען מיט אַלקאָהאָלן, רויך צי דראָגן – וועט עס אים טײַער קאָסטן. וועט ער זיך לאָזן עקספּלואַטירן? איז זאָל ער זײַן פֿאַרשקלאַפֿט, און ביידע –סײַ דער האַר סײַ דער פֿאַרשקלאַפֿטער– וועלן לײַדן דערפֿון.

גאָט איז אַן אַבסאָלוטע הייליקייט, וואָס מע טאָר ניט פֿאַרשוועכן מיט מענטשלעכע השגות און אים צואייגענען קליינקעפּלדיקע אינטערעסן צי אַמביציעס. יעדער איז מחויבֿ ליב צו האָבן דעם אומבאַגרײַפֿטן מײַסטער פֿון אַלץ וואָס איז, און זײַן פֿרום מיטן אויספֿירן טאָטאַל און פֿולקום די ראָלע וואָס איז געגעבן יעדער באַשעפֿעניש מיט דער עקזיסטענץ.

~❁~

דער קאַפּיטאַליזם, מיט די קאַניבאַלישע אַפּעטיטן זיך צוצואייגענען וואָס מער פֿרעס, וואָס מער האָב און גוטס, באַרויבנדיק און עקספּלואַטירנדיק זײַנס גלײַכן, איז זיכער ניט בלויז אַ נאַרישקייט, נאָר אויך אַ חטא. מע קען דאָס אויך פֿאַרגלײַכן מיט אַ חולאת. „מיליאַרדן", „ביזנעס", קופּעס, בערג מיט דאָלאַרן, גאָלד, הײַזער, פֿאַבריקן, קראָמען, בענק – און נאָר איין מויל, נאָר איין מאָל געלעבט.

ווער וועט אַ מאָל היילן דעם חכם מענטש פֿון זײַן משוגעת? ווו נעמט מען אַ רופֿא, אַ זבאַכער צי עפּעס אַ הייליקן וואָס זאָל אים אַנסקיש באַפֿרײַען פֿון אַ דיבוק?

~❁~

ווער דערקלערן וועט / הלמאי אַזוי פֿיל לײַט זאָלן זיך האָבן אײַנגערעדט / אַז אַ גאָט / מוז זײַן אַ טיראַנישער דעספּאָט / וועמען ס׳ליגט נאָר איינס אין זינען: / וועלטן חומשדיק מיט יש-מאַיִנס שאַפֿן, / און אויף זיי מענטשן-שקלאַפֿן / זיי זאָלן אים דינען!

אויבן – הימלישע מלאכים אים זענען ווייניק. / ער וויל אויך אונטן הערשן ווי אַ קעניג / מיט זײַנס אַן ערדישן מיניסטער, / היעראַרכיע-פֿונקציאָנערן, פּריסטער, / טעמפּלען, צערעמאָניעס, ריטואַלן, קאַלענדאַרן, / מיט זײַנע געטלעכע זשאַנדאַרן / וואָס קענען אַפּיקורסימס רייד ניט לײַדן. / אָפּט מיט אַ נסיון פּרווון דעם צי יענעם; / פֿאַר זײַן פֿרום באַלױנען מיט גן-עדן, / און פֿאַר ניט פֿאָלגן, זינדיקן – באַשטראָפֿט מיט אַ גיהנום!

דאָס אַלץ דיקטירט פֿון בורא, / קאָנסטיטוציאָנעל פֿאַרשריבן אין אַ תּורה, / עוואַנגעליעס, וועדאַס און קאָראַנען, / מיט אַני-מאמינס, קרעדאָס, סוראַטס און גנאָסן. / איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַזוי באַשלאָסן, / געפֿאָלגט אָן צווייפֿל, אָן געפֿרעגט פֿאַר וואָס. / ס׳טאָר ניט זײַן געאיובֿט מיט פֿאַרדראָס, / הערעטיש. זענען סקעפּטיש הוליגאַנען? / רעליגיעזע פּאָליציי / מוז פֿאַרנעמען ווי געהעריק זיך מיט זיי!

די אַלע איזמען מיט די איסטן – / לײַט וועלן זען אין גיכן / דעם סוף דעם וויסטן / פֿון אַ פֿרײַדענקער, אַן אַטעיִסט, אַ פֿילאָזאָף, / פֿאַר אויף גלײַכע וועגט מיט וויסנשאַפֿטן קריכן, / און פֿאַרשטיין וואָס ס׳הייסט / פֿאָלגן עקזיסטענציאַליסטן, פֿענאָמענאָלאָגן / מיט אַלץ וואָס זיי כּסדר זאָגן / און מיט וואָס אַ האָמאָ-סאַפּיענס קולטורעל זיך גרייסט!

≈❀≈

פּאָעט, / אַ מײַסטער זײַ, / ווירטואָז אין ווערב און אין מחשבֿות. / וואָרט פֿון היפּאָקריטישער סעמאַנטיק פֿרײַ, / פּשוט, קלאָר / און תּמיד וואָר. / דאָ ערנסט, עמאָטיוו, דאָ מיט קאַטאָוועס. / אויב רעאַליטעט / אַ רעפֿטל ברויט –

גערײזשינקעט, געמאַנדלט, / ס׳זאָל אין פּאָעזיע זײַן פֿאַרוואַנדלט / ווי אין צירונג-גאָלד טאָג-טעגלעכער בלײַ.

פּאָעזיע האָריזאָנטאַל; / פּראָזע — ווערטיקאַל. / ווען נאָר פֿאָרם דער אידעאַל, / איז פֿאַרן מחבר דאָס פֿאַטאַל / אַ הויפֿן מיט פֿאָנעמען. / זענען ניט סתּם פּראָזע צי פּאָעמען / וואָרט, ריטם, מחשבֿה אין געפֿלעכט, / מוז זײַן ווי בײַ דעם ייִד אַ פֿאַרביקע הבֿדלה. / ווען ניט איז עס ניט עכט, / און ס׳גאַנצע שרײַבן — לבֿטלה.

הער אַן אײַנרעדעניש:

די צײַט לויפֿט,
דער זייגער גייט,
מע בײַט ס׳אָרט...

אַבסורדן! לײַט גייען, לויפֿן, דויערן. אַ זייגער דרייט זײַנע ווײַזערס, אָבער ער אַליין מיט זײַנע ציפֿערן באַוועגט זיך ניט. מיטן גיין צי לויפֿן, ווי גרויס ס׳זאָל ניט זײַן דער אימפּעט, נעמט מען גאָרניט מיט פֿונעם אָרט. אַזוי אויך מיט דויערן. אָפּגעלאָפֿן זײַן מעטע צי שליחות, פֿאַרשווינדט דער לויפֿער צי גייער מיט זײַן גיין. אָפּגעדויערט זײַן עקזיסטענץ, פֿאַרשווינדט מען, און אָרט מיט צײַט בלײַבן ווי געוועזן.

כאָטש באַגרענעצט מיט מעגלעכקייטן, פֿאַראַן דאָך אַבסאָלוטע זיכערקייטן פֿאַר מײַנע השׂגות. למשל:

כ׳קען וויסן אַז כ׳ווייס ניט עפּעס.

כ׳קען צווייפֿלען אין אַלץ, אָבער ניט אין דעם, אַז כ׳צווייפֿל.

כ׳קען באַגערן עפּעס, אַפֿילו ווען כ׳ווייס אַז כ׳וועל עס ניט באַקומען.

כ׳קען פֿעסטשטעלן געוויסע רעזולטאַטן פֿון געזעצן וואָס ווערן עקספּערימענטירט און פּראַגמאַטיש אָנגעווענדט.

כ׳קען טרוימען, טראַכטן.

כ׳בין זיכער אַז כ׳מוז שטאַרבן.

כ׳בין אָבער אויך זיכער אַז דער אוניווערס איז ניט הפקר, נאָר פּלאַנירט, דעטערמינירט, איז צוזאַמען ווי אַ לעבעדיק וועזן און ווערט געוועלטיקט ווי מיט אַן אייגנשאַפֿט פֿון עפּעס צי עמיצן וואָס פֿאַר מיר איז עס געטלעכקייט-לעבן. ניט געטלעכקייט-פּאַנטעיִזם. אויסער? דערין? כ׳קען עס ניט, דאַרף עס ניט און וויל עס ניט וויסן!

~❁~

פֿאַר לײַט איז ווי די וועלט געווען / וואָלט ווי אַ שפּיגל / ווו יעדער איז מסוגל / נאָר זיך אַליין צו זען.

~❁~

ייִדיש האָט פֿרעמדע ווערטער? אַ מין זשאַרגאָן? און פֿראַנצייזיש?

קאַוויאַר איז פּערסיש; זשיגאָ – קעלטיש; קיאָסק – טערקיש; איגלאָ – עסקימאָסיש; ביסטראָ – רוסיש; בומעראַנג – פֿונעם לשון פֿון די אויסטראַלישע שבֿטים; קימאָנאָ – יאַפּאָניש; שאַמפּוּאַנג – ציגנאַליש; אַלקאָהאָל – אַראַביש; פּאָט – ברעטאָניש; בעוף, שוואַל, שמאַן, קאַיו, טאָנאָ, מיטאָן – אַלץ קעלטיש; הול, גאָעלאַנד, קאָהו – ברעטאָניש; סריז, אָראַנזש, פּאַגאָד, שאַל, טאַפֿטאַ, פּערקאַל, דיוואַן, טאַמבור – פּערסיש; זשילע, טוליפּ, קראַוואַט, סעראַיל – טערקיש; הוסאַר, פּאַפּריקאַ, גולאַש – אונגאַריש; קאָיאָט, קאַקאַאָ, טאָמאַט – אַזטעקיש; זשונגל, בונגאַלאָוו, פּונש, פּיזשאַמאַ – ציגנאַליש; אַלאַמביק, שימי, סיראָפּ, קאָטאָן, זשופּ, מאַגאַזאַן, גודראָן, גאַזעל, אַלקאָוו, מאַטראַק, אַסאַסאַן – אַראַביש.

און פֿאַרשטייט זיך אַז כ׳קען ניט אויסרעכענען אַלע 1500 ווערטער בלויז אַראַביש!

פּרווו פֿאַרשטײ: / אָנטאָלאָגיע, עקזיסטענציאַליזם, / פֿענאָמענאָלאָגיע. / ווער פֿון זײ / איז פֿויגל אָדער איי? / אַהין, אַהער — / באַגריפֿן דרײַ. / פֿון דער דרײַ-אייניקייט ווער / איז יחסן מער?

גאָלד אין אַ מיסטקאַסטן, דימענט אין קויט, זילבער אין רינשטאָק, פּערל אין זומפּן, איידלשטיינער אין טינוף — דאָס צירט ניט בלאָטעס, שמאָדער, חזיר-פּאַסקודסטוועס — און ס׳לײַדט די צאַרטע איידלקייט פֿון פּאָעט, ווי דאָס אַלץ וואָס טרוימט פֿון יוווועלירן און ווערט געלעסטערט, פֿאַרשעמט מיט פּראָזאַישער טאָג-טעגלעכקייטס רעאַליטעט.

וויפֿל טאַלאַנט, ווירטואָזיטעט, נשמות געלעסטערט מיט פֿאַרקריפּלטע גופֿים, און אַזוי פֿיל פּראַכט פֿאַרלוירן ווערט!

אַ מיני-קרישל פֿעלדז פֿון אַ באַרג האָט עפּעס פֿון אַחריות פֿאַרן באַרג, מעג עס זײַן אַ הימאַלאַיאַ!

זײַענדיק עפּעס פּונעם, אינעם אוניוועס, מוז מען זיך פֿילן מיט פֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַפֿילו זײַענדיק אַ מיני-נישטיקל, עפּעמעריש, אין שײַכות מיט אומענדן און אייביקייטן וואָס מ׳איז ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן.

ניט מעגלעך אַז עפּעס זאָל זײַן סתּם אַזוי, אָן אַ סיבה, אָן אַ באַגער, אָן אַ ציל. בכן, אויב מ׳איז — זאָל מען מיטן לעבן, אַפֿילו מיטן אומקום, זײַן טאָטאַל, אין אַלע מעגלעכע אומשטאַנדן, אָן אַנגסט, מיט צוטרוי צום באַשאַף, אַפֿילו ניט-וויסנדיק דעם

פֿאַרוואָס, דורך וועמען, צוליב וואָס.

יעדע פֿאַרקריפּלונג, יעדע עגאָ-צי קסענאָ-פֿאָביע, יעדע איבעריקע צעשטערונג אָן נויטווענדיקייט איז זינד, לעסטערונג. פּריצײַטיקער אומקום איז אַ חטא. יעדנס עקזיסטענץ מוז זײַן מיט אַ ניצוץ פֿון כּי-טובֿ.

~❁~

ווירקלעכקייט און רעאַליטעט זענען פֿאַרשיידן.ווירקלעכקייט איז עפּעס וואָס ווירקט. ווירקלעכקייט קען זײַן אָן ממשות, אָן פֿיזישער סובסטאַנץ וואָס מע קען זען, באַרירן, אָבער זײַן דאָך סאָמאַטיש, וואָס מע קען נאָר פֿילן: ווינט, מאַגנעטיזם, אײַנפֿלוס, היץ צי השפּעה, כאָטש כּלומרשט ניט וועזנטלעך.

רעאַליטעט איז קודם גשמיות, סובסטאַנציעל פֿיזיש וואָס ס'אויג קען זען און די האַנט באַרירן, אויפֿנעמען מיט אַלע חושים: עצם, ממשות. חלומען, טרוימען, טראַכטן, צווייפֿלען, טרויערן, כאָטש ווירטועל אומהאַפּטיק, זענען דאָך רעאַליטעטן — ווײַל מע קען חלומען, טרוימען, טראַכטן.

ווירקלעכקייט קען זײַן מעטאַפֿיזיש, אָבער מעטאַפֿיזיק איז זיכער עפּעס פֿון דער פֿיזישער רעאַליטעט, כאָטש אַבסטראַקט.

רעאַליטעט קען זײַן אָן ווירקלעכקייט, אָבער ווירקלעכקייט אָן רעאַליטעט — בשום אופֿן ניט.

~❁~

„**ד**ײַטשמעריזם" — אַ מין ביטול-איראָניע, אַ זילזול-שפּאָט, אַ חוזק-סאַרקאַזם, אַ בורלעסק-פֿאַראַכטונג, אַ חטא, אויב עמיץ זאָגט צי שרײַבט עפּעס וואָס זעט אויס „הערץ-שמערציק" אָדער אַפֿילו אַ „גלײַכצײַטיק", „טרעפֿלער", „אייגנאַרטיק" צי „עמפּינדלער" אאַז״וו.

איז קודם, פֿאַר וואָס ניט נעמען אין אַכט אַז ס'רובֿ פֿון ייִדיש שטאַמט פֿון אַ דײַטשישן דיאַלעקט, כּ'ווייס ניט צי פֿון הויך- אָדער

פלאַטדײַטש (כ'בין ניט קיין לינגוויסט). וואָסי? דאָס איז בשום אופֿן ניט קיין חרפּה, ווײַל חוץ דעם ווילד-משוגענעם ריטשען פֿון אַ היטלערן, האָבן אין דער שפּראַך געשאַפֿן ווערק אַ געטהע, אַ שילער, אַ הײַנע, אַ לעסינג, אַ באַוואַליס, אַ טאָמאַס מאַן, אַ סטעפֿאַן צווײַג, אַ פֿרויד, אַ הוסערל, אַ קאַפֿקאַ, אַ ברעכט און אַ מאַרקס; ווער רעדט פֿון אַ קאַנט, אַ שאָפּענהויער, אַ ניטשע און אַ העלדערליין, אַ מענדעלסאָן און אַ בובער – נאָר ווער קען אַלץ געדענקען צי וויסן וואָס מ'האָט געשאַפֿן אין דײַטש! באשר, ווײַל פֿאַראַן אַ האָרסט-וועסל-ליד, טויגן שוין ניט בעטהאָווען, מאָצאַרט אָדער באַך, בראַמס, שובערט צי שטראַוס?

ייִדיש – שורש פֿון דײַטשיש, געאײַניקט מיט לשון-קודש, צוגערײַשט מיט סלאַוויש, געשמאָלצן מיט ווער ווייסט אַלץ וואָסערע דיאַלעקטן, אידיאָמען; געענדערט די סינטאַקס, דעם אויסלייג, די סעמאַנטיק, אַפֿילו די מאָרפֿאָלאָגיע, דעריוואַציעס, קאָניוגאַציעס, אַלץ פֿאַרראָזשינקעט און געמאַנדלט, און ס'קומט אַרויס אַ מאַמע-לשון אַ מחיה, נוסח שלום-עליכם, פּרץ, מאַנגער, באַדיר, באַשעוויס; אַפֿילו נוסח מרדכי שעכטער!... כ'בין צו באַשיידן, ווי געווײַנלעך, ביט צו דערמאַנען אויך אַן אַרן מיעדניקן!

געוויס איז ייִדיש, ווי יעדע שפּראַך, אין פּערמאַנענטער עוואָלוציע ווי עפּעס לעבעדיקס. דאָס הײַנטיקע ייִדיש איז ניט ווי ס'ייִדיש פֿון אַ גליקל פֿון האַמעלן, אליהו בחור, ניט פֿון טײַטש-חומש, ניט פֿון אײַזיק-מאיר דיקן, שמ"רן און ניט פֿון מלך ראַוויטשן אַפֿילו. וועגן ער איז געווען סעקרעטאַר, דאַכט זיך מיר, אויף טלאָמאַצקע 13!! (כ'האָב דאָ זײַנס אַ בוך מיט אַ סך דיזן-דאַזנס!...).

עוואָלוציע? אַזוי מיט אַלע שפּראַכן. דאָס פֿראַנצייזיש פֿון אַ וויִאָן, אַ מאָנטעין, אַ ראַבעלעי – קען זיך ניט גלײַכן מיט דעם פֿון אַן אַנאַטאָל פֿראַנס צי אַ פּאָל וואַלערי.

דאָ וועל איך עפּעס טון אַ זאָג וואָס וועט מיר גורם זײַן ביטול און פּעטש: מיר איז ליבער אַ וואָרט וואָס שטאַמט פֿון דײַטש, פֿאַרייִדישט, ווי דער למדניזם מיטן שיטן פּסוקים און איווריטיזמען אָן נקודות-וואָקאַלן!... און לייגט מיך אין חרם!

ערשט וויפל וואָזשנע לשונות שטאַמען ניט פֿון סאַנסקריט, מיט אַ געמיש פֿון גריכיש, לאַטײַניש, סלאַוויש און ווער ווייסט וואָס נאָך? און העברעיִש? תּרגום-אַראַמיש?...

~֍~

כּאָטש היפּאָקריטיש, דאָך – כּבֿוד דעם מענטש! נאָר ער איז מסוגל צו באַגרײַפֿן אַז ס׳זענען פֿאַראַן, אַז ס׳מוזן זײַן: אַ פּרינציפּיעלע (בכן לאָגישע) און אַ רעלאַטיווע סעמאַנטיק, מיט ממילא פּראַגמאַטישער אָנווענדונג פֿאַר באַגריפֿן ווי: אמת, שקר, גוט, שלעכט, ערלעכקייט, נאָרמאַל, ריכטונג, מאַטעמאַטיק אד״גל.

ער איז עס, אפֿשר ליידער, מסוגל, און דאָס מוז זײַן די שטראָף פֿאַרן פֿאַרזוכן עפּעס פֿונעם עץ-הדעת. לויט אים איז אַן אַבסאָלוטער טײַטש מיט אַן אַבסאָלוטער אָנווענדונג לחלוטין אוממעגלער, חוץ זעלטענע פֿאַלן. אַפֿילו אין מאַטעמאַטיק קען מען ניט אַבסאָלוט פּראַקטיש באַהויפּטן אַז צוויי און צוויי איז פֿיר. ווײַל די צוויי איז ניט אַבסאָלוט צוויי, נעמענדיק אין אַכט דעם קוואַנטיזם. ניטאָ קיין מאָמענט ווען דער צוויי איז ניט מיט עפּעס מער צי ווייניקער. בכן וועט דער פֿיר זײַן אַ רעלאַטיווער.

וואָס מיינט „אמת״, „פֿאַלש״, „ערלער״, „לאָגיש״, „גוט״, „שלעכט״ – פֿאַר אַ גרעזל, אַ שאָף, אַ וואָלף, אַפֿאַרשוין ווי אַ היטלער צי –להבֿדיל טויזנט מאָל– אַן ערלעכן מענטש? וועלכער מענטש מוז ניט אומברענגען מיליאָנען לעבנס מיט זײַן נערן זיך און עטעמען, באַוועגן זיך אַפֿילו? נו, איז אַפֿילו דער בעש״ט טאָטאַל גוט?

דער באַשאַף איז אײַנגעטיילט אין קאַטעגאָריעס: פֿאַרשיידענע עקזיסטענצן מיט פּרינציפּן און אימפּעראַטיוון. בכן מוז צו יעדנס זײַן גילטן נאָר אַ רעלאַטיווע סעמאַנטיק. די עטיק פֿון גנבֿים איז ניט די זעלבע פֿון טריבונאַלן. אַפֿילו אינדיווידועל זענען גילטיק אימפּולסן, מעשׂים און מחשבֿות וואָס האָבן אַ שײַכות מיט יחידישע אויפֿהאַלטונגס-באַגערן.

אָבער פֿאַראַן אין אַ באַוווסטזיניקן מענטשן אַ מעגלעכקייט פֿון

וויסן, פֿילן דעם וואָרן טײַטש פֿון גוטס און שלעכטס, וואָר און שקר; פֿאַרשטיין וואָס איז רעכט, יושר, רחמנות, באַגער ס׳זאָל זײַן אַנדערש און לײַדן פֿון דער אוממעכטיקייט צו זײַן אומבאַהאָלפֿן. דערמיט איז ער גרעסער פֿון געטליכקייט.

~❀~

דאָס וויכטיקסטע פֿאַר אַלע באַשעפֿענישן איז דאָס נערן זיך, שפּײַז. אַזוי אויך בײַם מענטשן זינגט תּמיד. מיט וואָס קען ער עפּעס פּועלן בײַ גאָט צי געטער און אַנדערע קאָנצעפּטן? מיטן געבן אים שפּײַז: קודם שאָף און רינדער. אַפֿילו בײַ די כלומרשט שוין אינטעלעקטואַליזירטע ייִדן ברענגט מען אים כּסדר קרבנות. און ווען די פֿאַנאַטיזירטע פֿרומאַקעס וואָלטן געקענט עס באַווײַזן, וואָלט מען צוריק געבויט אַ בית-המיקדש מיט ברענגען קרבנות פֿון נעבעך אומשולדיקע באַשעפֿענישן. טוען עס דען ביז הײַנט אַזוי לײַט מיט העבער ווי כּפּרות?

צו באַווײַזן נאָך מער די וויכטיקייט פֿון דעם, וואָס מע גיט ווי אַ קרבן, נעמט מען עפּעס וואָס איז נאָך חשובֿער ווי שפּײַז: אייגענע קינדער! אַזוי אַ מאָל מיט מולכן –געוואָרפֿן קינדער אין פֿלאַמען– אַזוי מיט די אַזטעקן און זייערע בתולות, געשאָכטענע צי פֿאַרברענטע, אַזוי מיט אבֿרהם אָבֿינו וואָס פֿירט זײַן איינציק קינד צו דער עקידה, אַזוי מיט דעם ייִדישן אַנאַרכיסט ישו, וואָס דאַרף אומקומען אויסצוקויפֿן זינד פֿון די כלומרשטע קריסטן!...

פֿון אַלע כלומרשט ווילדע חיות איז דערמיט דער חכם מענטש רוצחישער, ווײַל די איינציקע באַשעפֿעניש וואָס איז קאַניבאַליש צום אייגענעם מין און ממיתט לשם רציחה, סתּם, אָן נויטווענדיקייט. קיין שום ווילדע חיה, ווירוס צי מיקראָב וועט ניט פֿאַראַזיטעווען אָדער עקספּלואַטירן עמיצן פֿון אייגענעם מין. אַלע באַשעפֿענישן מוזן ליידער אומברענגען אַנדערע, אָבער תּמיד צו שטילן דעם הונגער. ווי באַר זאַט, וועט אַ טיגער צי אַ וואָלף ניט טשעפּען אַ שכנותדיקע שאָף. בלויז דער פֿוקס וועט אפֿשר אויסדישען אַלע הינער וואָס ער קען גרייכן, און אַזוי אפֿשר מיט

קען וואָס וועלן ממיתן אַלע מײַז וואָס זיי וועלן געפֿינען.

טראָץ מיליאָנען דורות, זענען די אינסטינקטן פֿונעם כלומרשט עוואָלוירטן מענטש ניט נאָר ניט געענדערט, נאָר האָבן עוואָלוירט אין אַנדערע אַספּעקטן און דימענסיעס. די געשיכטע פֿון אַבסאָלוט אַלע רעליגיעס צי פֿרײַדענקערישע דאָקטרינעס איז אַ באַווײַז פֿון דער ריכטיקייט פֿון דעם וואָס כ׳זאָג דאָ.

~⊛~

אפֿשר וואָלט געווען שוין צײַט אַז מע זאָל פּטור ווערן פֿון הקול קול יעקבֿ והידיים ידי עשו? מיט די ידיים מאַכט מען פֿויסטן, מע שלאָגט, מע ראַבעוועט און מע שטיקט העלדזער, אָבער מיטן קול קען מען נאָר רופֿן, שרײַען חי־וקים, ווי ס׳איז געשען זינט די אָבֿות מיטן ייִדישן פֿאָלק. עשו מיט די לאַפּעס האָט זינט דורות געבושעוועט, און יעקבֿ האָט געשריגן, גערופֿן, געפּרעדיקט, געזאָגט און אַ מאָל געזונגען — סידור קינות און כל־נדרים.

גאָט, וואָלט און לײַט, אומעטום און אין יעדער צײַט, רעספּעקטירן נאָר ידיים. מע פֿאַרשטאָפּט זיך די אויערן קעגן קולות און מע גיט וואָפֿן אין די הענט וואָס זענען שוין אָן דעם אויך געבוג שטאַרק. וואָס האָבן די רוזוועלטס, די טשורטשילס, דער וואַטיקאַן און אפֿשר די אַמעריקאַנער ייִדן געטון, אַז די היטלערס, די לאַוואַלס און אַלע זייערע מיטהעלפֿערס זאָלן ניט באַווײַזן צו דערשטיקן די קולות פֿון געמאָרדעטע? פֿריִער האָט עס געהייסן: „דער קאָמוניזם — דאָס איז דער שונא". מיט די יעקישע ידיים וועט מען פּטור ווערן פֿון די סאָוועטישע רויטע האָרדעס, אָבער אָפּגעבאַרט פֿון די נאַציס. געבושעוועט קעגן ייִדן? איז געשלאָסן די מאָרדע! זאָל ניט הייסן אַז מע פֿירט מלחמות צו פֿאַרטיידיקן ייִדן!

הקול קול יעקבֿ? אדרבא: זינגען, לאַכן, רופֿן. אָבער צײַט שוין אַז יעקבֿ זאָל אײַנזען אַז ער האָט אויך ידיים — און שונאים וועלן פֿאַרשטיין אַז זינגענדיק קען מען באַקומען אַ שאָס אין דער נאָז, אַ כמאָל אין דער מאָרדע און נאָר אַזעלכע גוטע זאַכן. די ישראלים האָבן עס שוין באַוויזן מיט די אַראַבער; שמשון האָט

אפשר ניט געוווּסט אַז די כּוחות פֿון אַ גיבור ליגן ניט אין לאָקן, נאָר אין די פֿויסטן.

~❀~

פֿאַראַן פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿון זײַן פֿאַרשקלאַפֿט. למשל, ווי עבֿדים אין מצרים, מיטן זײַן געצוווּנגען צו בויען פּתאום ורעמסס און אַרײַנבויען קינדער אין די מויערן. אָבער מע קען אויך זײַן פֿאַרשקלאַפֿט בײַ ווילזײַן און אין גלות־בבֿל, וואָס ייִדן האָבן ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן, און קוים פֿערציק טויזנט וואָרע ציוניסטן זענען אַוועק מיט עזראַן צוריק אין אייגענעם לאַנד.

אַזוי איז מען אויך הײַנט פֿאַרשקלאַפֿט בײַ אַסימילאַציעס, היברידיזאַציעס מיט געמישטע חתונות, מיטן פֿאַרגעסן אייגענע אידענטיטעט, אַזוי אין אַלע גלותן ווי אין פֿאַרסאַבּרעטן ישׂראל, צי אַפֿילו אין פֿאַנאַטיזירטן מאה שערים.

פֿרײַהייט־שמײַהייט, שפּאַלטן ים, וואַנדערן אין וויסטעניש צו זוכן מאַראַלישע ווערטן, זוכה זײַן צו טראָגן דעם נאָמען ייִד! וויכטיק איז דער טאָפּ מיט פֿלייש, ווערנדיק געשמיסן אין גושן צי סערווירט אין לוקסוס־רעסטאָראַנען — אַבי דער מאַטעריעלער פּרעס איז דאָ פֿאַרן גולם גוף, וויכטיקער ווי אַ שם־המפֿורש פֿאַר נשמה!

~❀~

וועגן אַלע תּורות, רעליגיעזע דאָקטרינעס, זינבט תּמיד, זענען לײַט יוצא מיט רייד, מיט דרשות, מיט הערן לייענען, לערנען, אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט ניט קיין שײַכות מיט זייערע לעבנס־שטייגערס, זייערע השׂגות וועגן דער אייגענער עקזיסטענץ. דאָס אַלץ איז גוט פּרינציפּיעל, שיין און פֿײַן — אָבער פֿאַר יענעם, אפֿשר שפּעטער אַ מאָל, אַז משיח וועט קומען מערצישעם, אָבער דערווײַל ווייקט מען זיך אין טאָג־טעגלעכקייט ווי חזירים אין טינוף.

ביטאָ קיין איין הינזיכט ווו מע זאָל אָנוועגדן עפּעס פֿון די פֿײַנע

אידעאַלן אין פּראַקטישן זינען. מע לייענט וועגן די געפֿאַרן פֿון רייכערן, אַלקאָהאָל, אָבער מע רייכערט און מע טרינקט און מע ווערט געניזוקט. מע נערט זיך שלעכט, און איבער הויפּט – מע דערציט קינדער, יוגנט, אָן קיין שום גילטיקן פּלאַן, און ס׳קומען אויף דורות ראַבאָטיזירטע, לעקישעוואַטע לײַט וואָס דאָ מער, דאָ ווינציקער היברידיזירט, שאַפֿן זיי מאָנאָטאָנע מאַסע-מעדיאַס צי מעדיאַ-מאַסעס וועלכע מאַרשירן, רעפּעטירן באַכגעבעבעט די זעלבע דרשות מיט די פֿײַנע רעליגיעס, קלוגע פֿילאָזאָפֿיעס, אָבער אָן קיין שום פּראַגמאַטישן ווערט עפּעס צו ענדערן. ס׳העלפֿן ניט אַפֿילו די רעוואָלוציעס, די מלחמות וואָס זענען בלויז סאָציאַלע ספּאַזמען צו קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ-עקספּאַנסיעס. קומט מען איבער די קאָנוולסיווע קריזיסן און דער סדר-העולם גייט ווײַטער אָן.

בפֿרט אַז די געוועלטיקער פֿון פּלאַנעטאַרע רעזשימען מיט זייערע פּריווילעגיעס, ריזיקע אַפּעטיטן און געוואַלטיקע מיטלען צו האַלטן אָרדענונג, ס׳זאָל זיך חלילה גאָרניט ענדערן, טוען אַלץ מאַטעריעל, פֿיזיש, פּסיכיש, רעליגיעז און וועלטלער, מיט אַלץ וואָס מע באַדאַרף, כדי עולם-גולם זאָל ניט טראַכטן פֿון עפּעס אַנדערש ווי פֿירן זיך מעשה-בהמות: זיך לאָזן מעלקן, שינדן, אַליין לויפֿן ווען מע רופֿט אין שעכטהײַזער, און אַפּלאָדירן שוחטים מיט פּאַטריאָטישע הימנען אָדער אָוואַציעס. און ווען ניט אַ דיקטאַטור מיט טעראָר, זענען דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, פּראָגרעס, ספּאָרט, ליטעראַטור, עסטעטיק און יענע-וועלטיקע אינטערווענצן מיט גן-עדן און גיהנום אויך אַ גוטער אופֿן צו האַלטן אין צוימען אָדער שטאַלן. אויב עפּעס אַ בהמה דריגעט, צי פּרווּוט ניט לאָזן זיך מעלקן, איז דאָ אַ יאַטקעקלאָץ...

אַזוי פֿירט זיך מיט אַלע רעליגיעזע און וועלטלעכע אידייען.

קען מען דאָך פֿרעגן: וואָס-זשע קום איך מיט מײַנע פּאַטשקערײַען, אַרגומענטן, רעקאָמענדאַציעס און דיאַגנאָזן צוגעבן נאָך אַ ביסל שרײַבעכץ, וואָס וועלן בלײַבן ווי אַלע אַנדערע: געמאָלן ווינט, צי געשטויסן וואַסער?

טאַקע גערעכט, לאָגיש געטראַכט. אָבער איך טרייסט מיך אַליין מיט חלשות-טראָפּנס: אפשר וועט דאָך אַ מאָל, אַ מאָל עמיץ אָנהייבן עפּעס ענדערן, קודם מיט אייגענער עקזיסטענץ, מיט אַ קינד, אַ קרײַז אאַז״וו, ווײַזנדיק אַ בײַשפּיל פיזיש, פּסיכיש, עקאָנאָמיש, ספּיריטועל, מיט געזונט, לאַנגער עקזיסטענץ, מנוחהדיק לעבן, כּדי אַמדערע זאָלן אײַנזען אַז...

נאָר – רחמנות אויפן ניצוץ בוים אינעם פּאַפּיר וואָס כ׳ניץ דאָ! דער מענטשן-מין איז אַ פאַרפאַלענער, ראָבאָטיזירטער אידיאָט, און ניט נאָר ס׳וועט גאָרניט אַרויסקומען מיטן פאַרעפנטלעכן מײַנע ביכער, נאָר כ׳וועל אָנגיין פאַר אַ פּסיכאָפּאַט, אַ בטלן. איצט איז אַ צײַט ווען משוגעים היילן די דאָקטוירים, און מע לעשט וואַסער מיט פײַער אָדער פײַער מיט באַפּט!

~※~

פרילינג קום, געטרוימטער מײַ / ציר די ערד מיט גרינס און צוויטן – / קום, משיח, וועלט באַפרײַ! / מענטש שוין לאַנג געבונג געליטן.

ערד מיט אַלץ אויף איר געפּרוירן / זון אין לאַנגע נעכט באַגערט; / מענטש שוין מיד, אין אַנגסט פאַרלוירן / לײַדט אין מאַטערניש פאַרצערט.

אַזוי לאַנג שוין ווינטער דויערט, / וויסט דער גאָרטן, וויסט דער וואַלד; / טויט אויף אַלץ מיט אומקום לויערט / אויב מיט טרייסט איר קומט ניט באַלד!

~※~

אַ בוך מוז ניט זײַן מאָנאָלאָגיש, ווי געצווונגען דעם לייענער אויסצוהערן וואָס דער מחבר וויל זאָגן אָן עווענטועלע מעגלעכקייטן פון רעאַקציע צי אינטערווענץ, אײַנגעשטימט צי אָפּגעפרעגט. פאַרקערט, אַ בוך מוז זײַן דיאַלאָגיש, ווי עמיץ רעדט מיט אַ חבר, באַריכט געוויסע פּראָבלעמען, און יענער איז מסוגל צו טראַכטן אַרגומענטן פאַר אָדער קעגן, תּמיד מיט אַ

שטויס צו פראָוואָצירן מחשבֿות; פּאָלעמיש, דיאַלעקטיש.

כ'האָב פֿײַנט סקלעראָזירטע טעקסטן. נעמען פֿאַר אַ משל: יעדע צווײַג תּמיד גרייט איז מיט אַ שפּראָץ פֿאַר אַ ווײַטערדיקער, וואָס מאַכט דעם בוים העכער, ברייטער. אַפֿילו חילוקי־דעות זענען אויך ראַציאָנעל, גילטיק. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס האָט אַ שײַכות מיט ספּיריטועלע פּראָבלעמען. ווען לאָגיק, מאַטעמאַטיק, לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, קענען ניט זײַן קיין דילעמען, פּילפּוליזמען, מיט דווקא זיך קליגלען יעזויִטיש.

גוט איז אַ בוך וואָס איז גורם רעפּליקן, פּאָלעמיק, אָבער תּמיד אָן היפּאָקריזיע, מטושטש, אָן אַרגומענטן ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן. מיר זענען ליבער מחשבֿות אוראַניום ווי מחשבֿות בלײַ. זאָל זײַן געפֿערלער — אַבי געשטראַלט!

~❀~

פֿאַר וואָס **איז** עפּעס „אויפֿן פּלאַנעט"? איז אַ פֿיש אינעם **וואַסער** צי אויפֿן **וואַסער**? דער מענטש איז אינעם פּלאַנעט. אונטער ספֿערעס, אָבער אין אַן אינעווייניק. דעריבער קען ער, ווי דער פֿיש אין וואַסער, זיך באַוועגן. ער קען קינסטלער זיך באַפֿרײַען פֿון גראַוויטאַציעס און שוועבן אין אַלע ריכטונגען לויט זײַן ווילן, אָבער ער קען ניט אַרויס פֿון דעם אין וואָס ער איז געפֿאַנגען. אַזוי איז מיט אַלץ אין קאָסמישע דימענסיעס. ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַגרײַפֿן אַ ווירטועלן, אַבסאָלוטן, ראַציאָנעלן, טאָטאַלן דרויסן; תּמיד נאָר אַן אינעווייניק אין אַ גרעסערן עפּעס, ווי דער משל מיט די סלאַווישע אייער־קוקלעס.

ווי אַזוי קען זיך שאַפֿן בײַם מענטש אַ באַגער צו באַגרײַפֿן אַ יענע־זײַט אין אָרט, אַ יענע־זײַט פֿון צײַט: ס'מוז דאָך זײַן אַן אָנהייב, אַ גרענעץ, מיט אַ פֿריִער און שפּעטער, אַן איידער און אַ דערנאָך? פֿון וואַנען? ביז ווען? אַלץ **איז** — אָבער אין **וואָס**? שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם פֿאַרוואָס, צוליב וואָס, דורך וועמען, צוליב וועמען, מיט וועמען! איינציק? מיט אַנדערע? אַ שטיינגל צי אַ מאָזאַיִק?

טאַקע נאַריש דאָס גריבלען זיך דערין, דען אַז כ'וועל עס שוין יאָ וויסן – נו, וועל איך דען ניט אומקומען, ווי באַשטימט אויפֿן עפּעמעריד-צעטל פֿון געטלעכן קאַלענדאַר? פֿאַר וואָס רייצט זיך דער באַשאַף מיטן לעקישעוואַטן האָמאָ-סאַפּיענס, מישטיינס געזאָגט? פֿאַר וואָס מוז זײַן אַן עץ-הדעת אינעם גן-עדן, און טאַקע מיט פּערוועזע שלאַנגען און אַ מעגלעכקייט צו קענען גליסטן?

נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדערע פּראָבלעם. קום איך ווידער צום אָנהייב. דער קאָסמישער אַלץ איז פֿול מיט פֿאַרשיידענע געדיכטקייטן און שפּאַנונגען, שטראַלונגען און אייביקע באַוועגונגען. אַ קעמערל אין אַ באַשעפֿעניש איז פֿרײַ ווי דער פֿיש אין וואַסער, דער מענטש אין דער לופֿט. ווער ווייסט צי עפּעס אין גראַניט באַוועגט זיך ניט פֿרײַ. יעדן זײַן סבֿיבֿה. געוויס זענען פֿאַראַן באַשעפֿענישן וואָס קענען לעבן אין צוויי ספֿערעס – וואַסער און לופֿט: טשערעפּאַכעס, היפּאָפּאָטאַמען און אפֿשר קראָקאָדילן. דער מענטש קען אַפֿילו לעבן אין פֿיקטיווע סבֿיבֿות, ווי חלומות און פֿיקציעס...

ווער ווייסט וויפֿל רעאַליטעטן רינגלען אונדז אַרום, ווי חלומות, וואָס מיר פֿילן אפֿשר אַ מאָל אָבער קענען ניט באַגרײַפֿן מיט די חושים. טויט איז אפֿשר נאָר אַן איבערגאַנג פֿון איין רעאַליטעט אין אַ צווייטער, אָבער נאָר זעלטענע קענען עפּעס וויסן דערפֿון. דערפֿאַר מעגלעכע מעדיומס אפֿשר?

~❀~

מאָדנע: די הינדוסן, וואָס האָבן אויסגעפֿונען דעם באַגריף פֿון נירוואַנאַ, האָבן אויך אויסגעפֿונען דעם ציפֿער זעראָ, נול. איז אויסטערליש טאַקע, וואָס זייער נירוואַניזם מיטן זעראָ-נישטיקייט איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַנדערע השגות בכלל און אינעם ייִדישן **יהי**, און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַז נישטיקייט איז דער יסוד פֿון אַלץ וואָס קען זײַן. ס'מוז נאָר זײַן עמיץ מיט אַ ווילן, און נישטיקייט ווערט קרעאַטיוו.

ווי אַזוי האָט מען אויסגעפֿונען עפּעס וואָס איז סעמאַנטיש נישטיקייט, גאָרניט, און דערצו האָט עס אַ נאָמען מיט אַן אַספּעקט? ערשט: צוגעאייגנט אַנדערע ציפֿערן, איז דער זעראָ נאָך אויסטערלישער. ער איז מסוגל צו רעאַליזירן סומעס, סך-הכּלען ביז אומבאַגרײַפֿטע גרענעצן ווי אומענדו! **געציילט**, **געמאָסטן** אַפֿילו אייביקייטן! מע קען תּמיד צוגעבן אַ זעראָ!...

אָבער ס'זאָל קענען ווערן אַ ווירטואַליטעט, מוז זײַן כאָטש אַן איינס, אַ ציפֿער פֿון פֿאָרנט. עס קען אָבער אויך געשען אַז דער איינס איז הינטער די זעראָס – דאָס מינערט ביז כּמעט נישטיקייט, אָבער אויך אָן מעגלעכע עקסטרעמען.

דערצו קומען נאָך וויסנשאַפֿטלער מיט זייער באַגריף פֿון אַן אַבסאָלוטן זעראָ אין קעלט, ד"ה 273 גראַד פֿראָסט. דאַכט זיך אַז מע באַקומט עס מיט קאַרבאָן-שניי. בײַ דער טעמפּעראַטור זאָל ניט זײַן מעגלעך קיין שום באַוועגונג. ווי אַזוי טוען פֿאָרט אַטאָמען? דאָס מוז דאָך זײַן אין סתּירה מיט גראַוויטאַציעס פֿון עלעקטראָנען!

איך דאַרף דאָס אומבאַדינגט וויסן!...

ניט צו פֿאַרשטיין די לאָגיק פֿונעם חכם מענטש. ער נישטערט, פֿאָרשט, געפֿינט אויס טעכניש, טעאָרעטיש, קאָנקרעטע מכשירים, אַבסטראַקטע קאַלקולאַציעס, באַווײַזט צו קריכן אויף דער לבֿנה, מעסטן די היץ פֿון אוראַנוס, אָבער קען בשום אופֿן ניט באַגרײַפֿן און קומען צום פּשוטן שׂכל-הישר. אַלץ וואָס איז קלאָר, ערלעך, נאָרמאַל, שׂכלדיק, בעסער פֿאַר דער פֿיזישער און פּסיכישער עקזיסטענץ, איז פֿאַר אים אַן אוטאָפּיע, אַן אַבסורד, אַ פֿיקציע. משוגעת זעט אים אויס פּראַגמאַטישער ווי צו זײַן בײַם קלאָרן זינען.

אַדרבא, זאָל עמיץ באַווײַזן אַז עפּעס פֿון די הײַנטיקע לעבנס-רעזשימען, יחידיש צי סאָציאַל, זאָל זײַן גילטיק צו קענען אָפּדויערן אַן עקזיסטענץ אָן קאָמפּלעקסן, אָן אידיאָטישע

פּירונגען אין אַבסאָלוט אַלע היגזיכטן און אומשטאַנדן, מיטן נערן, קליידן, וווינען, באַציִונגען מיט זײַנס גלײַכן, אַנטיש און עקאָלאָגיש... אַלץ איז פֿאַרקריפּלט, אַלץ איז סוראָגאַט, האַרמאָניזירט אַנשטאָט האַרמאָניזירט. ס׳זעט דאָך אויס ווי אַ נס אַז עמיץ קומט ניט אום פֿאַר אַ רעלאַטיוו מעגלעכן טערמין! מע דרעסירט קינדער זיי זאָלן ווערן פֿאַרקריפּלט, און... און... און... ווער קען דאָס אַלץ אויסרעכענען די אויסטערלישע משוגעתן? וואָס געשעט דאָ, אויף אַזאַ שיינעם פּלאַנעט? פֿאַר וואָס מוז דאָס זײַן אַזוי שווער צו דערגרייכן? ווו איז אַ גאָט, אַ נאַטור, אַ כּוויס אַליין ניט וואָס צי ווער, וואָס זאָל אַזוינס טאָלערירן?

אפֿשר איז דער סידאַ-ווירוס אַ וואָרענונג, אַז עפּעס רעוואָלטירט זיך קעגן דעם לעקישעוואַטן האָמאָ-סאַפּיענס מיט זײַן מעגאַלאָמאַניע, זײַנע רעליגיעזע און פֿרײַדענקערישע פֿאַנאַטיזמען, וואָס קומט צעשטערן אַ וועלט.

~❀~

ווי אַזוי זאָל מען ניט זען באַשײַנפּערלעך ווי אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, וואָס מאַניפֿעסטירן זיך אַפֿילו אין רעליגיעס, שטאַמען פֿון איין שורש מיט די זעלבע פּרינציפּן, און נאָר לײַט וואָס זוכן פּריווילעגיעס, לײַכטע פּרנסות, קאָמענטירן, אינטערפּרעטירן און פֿאַרקריפּלען סוף-כּל-סוף, לויט אינטערעסן אָדער לויט זייער פֿיזיאָלאָגישן צושטאַנד, מיט מאַטעריעלע, פֿיזישע צי פּסיכישע סיבות, די אַלטע מחשבֿות, צוגעבנדיק אַן **איזם** צי אַ **נעאָ** – און דאַוואַי אַ סטאַק מיט בײַע פֿילאָזאָפֿיעס און פֿילאָזאָפֿן, אַז מע דאַרף זײַן פֿון שטאָל, ניט נאָר פֿון אײַזן, אַלץ צו לייענען, קלאַסירן און זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן דעריך!

ווער ווייסט צי שלעכט פֿאַרדײַעט, שלעכט געשלאָפֿן, צי גאָר עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט ליבידאָ אָדער אַן אַמביציע זענען ניט גורם פֿילאָזאָפֿישע טעאָריעס!...

למשל, פֿאַר די כינעזער פֿון נאָך פֿאַר קאָנפֿוציוסן איז דער יסוד פֿונעם אוניווערס אַ פּראָבלעם פֿון מאַטעמאַטיק מיט צאָלן –

„נומעריש"... אין שײַכות מיט נומעראַלע גרײסן, סכומען, קוואַנטיטעטן. ציפֿעריש, געאָמעטריש צי אַריטמעטיש, מיט זײערע רעלאַטיװע אײַנפֿלוסן אד"גל. איז דערנאָך געקומען פּיטאַגאָר און אַנטפּלעקט דאָס זעלבע, נעמענדיק אויך בײַ די כינעזער דעם אויספֿיר אַז מוזיק נוסח קאָנפֿוציוסן איז װיכטיק אין דער האַרמאָניע פֿון יחידישן און סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, עמאָטיװ און מאָראַליש. נאָר ער האָט דעם פּרינציפּ פֿון די גאַמעס אָנגעװענדט קאָסמיש! איז געקומען דערנאָך לאַאָ-טסעו און אויסגעפֿונען אַז דער אײנציק גילטיקער פּרינציפּ פֿונעם אוניװערס איז טאַאָ: מאַכט, מעטאַפֿיזיש געװעלטיקן איבער אַלץ און איבער זיך זעלבסט, גרײכנדיק די מעגלעכקײט צו באַפֿרײַען זיך פֿון אַלע עמאָציעס און אײַנפֿלוסן ביז דערמעגלעכט אַ מין נירװאַנאַ-צושטאַנד אָדער -עקסטאַז! חוץ דעם איז טאַאָ סטריקט אינדיװידועל, אָנערקענט ניט אַפֿילו קײן רעכט צו געװעלטיקן פֿון עמיצן. פּונקט ס'פֿאַרקערטע פֿון קאָנפֿוציוסן און זײַן סאָציאַלע פֿילאָזאָפֿיע, איז טאַאָ אַנאַרכיש, אינדיװידועל. קעניג, האַר — אוזורפּאַטאָרן. קומט ניטשע און אײגנט זיך צו די דאָקטרינע פֿון „װילן צו מאַכט", מיטן אידעאַל פֿון אײבערמענטש און הערנפֿאָלק. און אַ טשערנישעװסקי, באַקונין, עליזע רעקלוס און קראָפּאָטקין מיטן אַנאַרכיזם — ביז אפֿשר דעם ייִדישן קיבוציזם.

מאָדנע װאָס די קריסטן, מיט זײער געטלעכן זון פֿון מאַריען, װאָס איז געלעגן געװאָרן מיט דער אינטערװענץ פֿון געטלעכן גײַסט, איז אויך געפֿונען בײַ די כינעזער. כ'געדענק ניט אַקוראַט װעלכע דינאַסטיע שטאַמט פֿון אַן ערדישער בתולה, באַפֿרוכפּערט מיט אַ געטלעכן גײַסט, און ס'איז אויפֿגעקומען אַ געטלעכער זון װאָס האָט געשאַפֿן דעם האַר פֿון זײַן ערדישער אימפּעריע.

פֿאַרשטײט זיך אַז איך בין ניט מסוגל, ניט בכּוח צו ברענגען נאָך פֿאַרגלײַכן װי אַזױ לײַט נעמען תּמיד אַמאָליקע דאָקטרינעס, מיטאָסן, מע מאָדערניזירט עס מיט אַ נײַער דיאַלעקטיק און ס'קומט אויף אַ נײַע פֿילאָזאָפֿיע, אַ נײַע סעקטע צי רעליגיע. אפֿשר איז דאָס אַלץ אײן שטאַם, געװאָרצלט אין דער זעלבער

ערד, אָבער מיט תּמיד נײַע צווײַגן, צוויטן און פּירות? מוז דאָס זײַן דער עץ־הדעת פֿונעם פֿאַרלוירענעם גן־עדן, וועמענס זוימען, ווי אַלע עפּל, ווערן ניט פֿאַרדײַעט, און כאָטש פֿאַרטריבן, האָבן לײַט וואָס שטאַמען פֿון ערשטן פּאָרל זיך געפֿרוכפּערט און געמערט, און אַצינד איז שוין ניטאָ איין בוים, נאָר אַמאַזאָניע־וועלדער מיט וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, רעליגיעס. דאָקטרינעס און אמונות זיך וואַלגערן אויף אַלע יאַרידן, אין די באַזאַרן, און דער פּלאַנעט איז פֿול מיט דור־הפֿלגהס, סדום־ועמורהס, קיִביזמען, עשוויזמען. פֿון צײַט צו צײַט אַ מבול: ניט וואַסער – בלוט, טרערן פֿאַרפֿלייצן אַ קאָנטינענט און...

כ'לאָז דאָס ווײַטערדיקע פֿאַר מײַנע עווענטועלע לעזערס, וואָס קענען זיכער די אַלע פּראָבלעמען בעסער ווי איך, אַלטער בטלן, וואָס פֿאַרתּכלעוועט זײַנע לעצטע טעג מיטן טראַכטן פֿון טאַאָ, בראַהאַמאַ, בודהאַ, סאָקראַטעס, שפּינאָזע, קאַנט צי בערגסאָן, און אַפֿילו פֿונעם אינטעלעקטועלן נאַצי מאַרטין הײַדעגער.

~✻~

עוואָלוציע? אַריסטאָטעלעס, דאַרווין, לאַמאַרק, בערגסאָן, טעיאַר דע שאַרדען, עטצ'? אָבער פֿאַר וואָס עוואָלויִרן ניט אַמיבן? מוראַשקעס? בינען צי טערמיטן, און אפֿשר נאָך ווער ווייסט וויפֿל באַשעפֿענישן צי עלעמענטן? פֿאַר וואָס איז הידראָגען תּמיד הידראָגען, יאָ צי ניט געאייניקט מיט עפּעס אַנדערש? ווער קען ענטפֿערן אויף אַזאַ פּראָסט־פּשוטער קשיא?

סובסטאַנץ גײַסטיקט זיך? פֿאַר וואָס נאָר בײַם מענטש? פֿאַר וואָס זענען פֿאַרשוווּנדן דינאָזאָרן, און מאָנאָ־קעמערלדיקע באַשעפֿענישן, אין אַ דרויסן צי אין אַן אָרגאַניזם, דויערן כּסדר? ס'מוז זײַן עפּעס אַן אַנדערע סיבה דאָס זאָל קענען געשען. ווער ווייסט צי די דאָזיקע גײַסטיקייט איז ניט פּאַטאָלאָגיש, מיט מעטאַסטאַזן אינעם באַשאַף, ווײַל דעם מענטשן איז שוין ניט גענוג זײַן אידיאָטישקייט אויפֿן פּלאַנעט. ער וויל ציוויליזירן זונס אַנדערע סאַטעליטן מיט סטעלאַרע עקספּאַנסיעס!...מע געפֿינט שוין

תּירוצים צו מאַכן עקספּערימענטן אין ספּערעס אָן גראַוויטירונג.

ווי נאַריש דאָס אײַנרעדן זיך אַז מע קען נעמען געטלעכקייט פֿאַר אַ מין יאָלד וואָס וועט גלײַכגילטיק טאָלערירן מע זאָל פֿאַרקריפּלען דעם באַשאַף!..

≈❀≈

זינט תּמיד האָבן אַלע פּרעכטיקע רעליגיעזע דאָקטרינעס, רעוואָלוציעס, זיך אָנגעהויבן מיט פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברודערשאַפֿט, און זיך געענדיקט מיט גיליאָטינעס, מיט אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס ווי באָנאַפּאַרטיזם, ביז היטלערן און זײַנע מיתה-משונות. און אַזוי מיטן פּטור ווערן פֿון די סאַמאָדערזשאַווגע צאַרן, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין סטאַליניסטישע מאָרדגעפֿאַרן מיט די בוטירקעס, גולאַגן.

מילא, ווי אַזוי די הייליקע עוואַנגעליעס פֿאַרשפּרייטן ליבשאַפֿט צווישן קריסטן גופֿא, און טאַקע צו אַלע מענטשן בכלל און ייִדן בפֿרט, איז דאָך ניטאָ ווער ס'זאָל ניט קײַכן מיט ליבשאַפֿט פֿון די אינקוויזיציעס, קרײַצציגלער, סענט-באַרטעלעמיס, אירלענדער און די כּמעט 500 סעקטעס וואָס טײַטשן דעם הייליקן פּאַולוסעס דאָקטרינע –וואָס ער האָט אַפֿילו ניט געקענט יעזוסן–, אָדער דעם הייליקן פּעטרוסן, וואָס מע האָט אים גיליאָטינירט מיט טויזנטער יאָרן פֿאַר ראָבעספּיערן.

וועגן איסלאַם, ווי אַזוי זיי ווענדן אָן די סוראַטס פֿון קאָראַן צווישן זיך און די רומים, אַפֿילו מאָנאָטעיִסטן – דערין זעענען אַראַפֿאַט און כאָמייני ספּעצן!

≈❀≈

קען אַ קעמערל פֿון מײַנס אַ נאָגל באַשטימען מיר, גאַנצן מענטש, וואָס כ'זאָל טון, וואָס לערנען, ווו גיין, שרײַבן צי לייענען, זיך אָנטון אַ רויטן צי בלויען קראַוואַט, ליב האָבן עמיצן צי עפּעס אד״גל?

ווער קען זיכער זײַן אַז אונדזער פּלאַנעט, זונסיסטעם, גאַלאַקציע, צי דאָס וואָס מיר פֿאַרשטייען ווי אוניווערס, איז ניט עפּעס ווי ס׳קעמערל פֿון נאָגל אין שײַכות מיט עפּעס צי עמיצן וואָס איז אומבאַגרײַפֿלעך פֿאַר אונדזערע השׂגות?

אָבער דאָך, אַז מײַן נאָגל קען זיך רעוואָלטירן און גורם זײַן אַ בלאָטער צי אַ פֿאַרקריפּלונג, לײַד איך, גאַנצער חכם מענטש, און בין אין געפֿאַר אויב ס׳גאַנגרענירט עפּעס.

באַוווסטזיניקער מענטש! שטעל ניט אין געפֿאַר געטלעכקייט מיט דײַנע נאַרישע פּירונגען!

≈❁≈

נאָך אַ באַווײַז אַז צו יעדער צײַט, אומעטום, קענען זיך מאַניפֿעסטירן די זעלבע מחשבֿות, האָב איך ווידער פֿעסטגעשטעלט מיט מיר זעלבסט. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז די וועלט איז אפֿשר ווי אַן איי: געוועזן, געוואָרן צי האַלט נאָך הײַנט אין ווערן, אד״גל. צופֿעליק געזען אַ בוך וועגן סימבאָלן און געפֿונען אַז זינט די ווײַטסטע אַנטיקיטעטן האָבן לײַט געהאַט די זעלבע מחשבֿה אין פֿאַרשיידענע ערטער און עפּאָכעס, מיט פֿאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס, אָבער תּמיד וועגן איי.

ווײַזט אויס אַז אַן עפּלבוים קען, מוז און וועט אומעטום שאַפֿן נאָר עפּל.

≈❁≈

וויפֿל כ׳זאָל זיך ניט באַמיִען, קען איך בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס אַזאַ פֿלינקער פֿאַרשוין ווי אַכילעס קען ניט דעריאָגן די קוים קריכנדיקע טשערעפּאַכע. כאָטש אַכילעס לויפֿט צוואַנציק מאָל גיכער ווי די טשערעפּאַכע. כ׳האָב עס געלייענט, באַוויזן איז עס מאַטעמאַטיש, אָבער כ׳קען עס ניט תּופֿס זײַן.

כ׳ציטיר עס צו באַווײַזן ווי וואָרשײַנלעך ס׳איז די גאַנצע ציוויליזאַציע מיט איר לאָגיק, איר וויסנשאַפֿט, אירע רעליגיעס: אַ

סאָפּיסטישער בלאָף, טראָץ אַלע דיאַלעקטישע המצאָות וואָס זייען אויס צו זײַן גילטיק, אַפּילו ווען אָנגעווענדט פּראַגמאַטיש, אָדער איך בין אַן אידיאָט.

~❀~

די שנעלקייט פֿון ליכט איז 300.000 קילאָמעטער אַ סעקונדע. אַ ליכטיאָר – דאָס הייסט אַ דימענסיע, אָדער אַ שטח, אַ שטרעקע וואָס באַשטייט פֿון 9.490 מיליאַרד קילאָמעטער... די אַסטראָנאָמען און אַסטראָפּיזיקערס מאַנעווורירן מיט מיליאַרדן ליכטיאָר.

ווי אַזוי זאָל דאָס קענען זײַן געציפֿערט, געציילט און געמאָסטן אין אַ נישטיקל מענטשל אין פֿאַרגלײַך מיט דעם אַלעמען – און לײַט פֿירן זיך ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאָרמאַלער פֿענאָמען, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז זינט דעם אָנהייב פֿון דער קריבעלעכער עפּאָכע האָט געדויערט ביז 1935 צו האָבן אַ מיליאַרד מינוטן! אַ מענטש זאָל לעבן הונדערט יאָר, וועט ער ניט באַווײַזן צו ציילן אויף אַ קול ביז אַ מיליאַרד.

פֿאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב דאָס אַלץ אַליין ניט קאָנטראָלירט פּיטאַגאָריש, נאָר געגלייבט, כ׳געדענק אַליין ניט ווו און ווען. אָבער ווי אַזוי קען מען ניט זײַן פֿרום און ניט פֿאַרתּכלעווען אַזאַ מין אוצר מענטשלעכן דויער?

~❀~

פֿון אַן אַטאָם, וואָס איז שוין אַן אָרגאַניזירטע וועלט פֿאַר זיך ווי אַ זונסיסטעם, ביז אַן אוניווערס ווו גאַלאַקציעס זענען אפֿשר אַטאָמען; פֿון אַ ווירוס וואָס מע דאַרף אַן עלעקטראָניש אויג עס צו קענען זען, ביז אַ בלאָען וואַלפֿיש וואָס וועגט מער ווי הונדערט טאָן און האַלט דרײַסיק מעטער די לענג. און צווישן דעם אַלעמען – אַ מענטשל, וואָס וויל דווקא אַלץ וויסן, אַלץ פֿאַרשטיין, זײַן אַ שותּף צום געוועלטיקער.

איז עס ניט פּאַראַדאָקסאַל, אידיאָטיש, פּאַטאָלאָגיש? פֿאַר וואָס

ניט איינזען אַז מ'איז ניט מסוגל צו ענדערן עפּעס אינעם קאָסמישן סיסטעם מיט זיין ציל און ווילן, און יוצא זיין מיט דער מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אינעם בעסטן וווילזיין, ווי לאַנג נאָר געקענט? ווער דאַרף אַזוי פֿיל וויסנשאַפֿט, אַזוי פֿיל רעליגיעס, אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס, מיט אַזוי פֿיל איזמען, איסטן, לאָגיעס און לאָגן, קלאַסן-פּריווילעגיעס, פּאַראַזיטיזמען, דיקטאַטורן, טעראָר און סתּם אידיאָטישע אַמביציעס וואָס זענען גורם אַנטאַגאָניזמען, קאָנפֿליקטן, עגאָ- און קסענאָ-פֿאָביעס?

מע סמט זיך פֿיזיש און פּסיכיש און מע קומט אום פֿאַרקריפּלט, פֿריצייטיק, אין אַנגסט און יסורים, מיט פּחד פֿאַרן טויט און צרות פֿאַרן לעבן, מ'שטיינס געזאָגט. פֿאַר וואָס זעען לייט ניט איין אַז דער פּלאַנעט מיט דער ביָאָספֿערע איז די היים פֿאַרן גאַנצן מענטשן-מין, איין משפּחה מיט פֿאַרשיידענע אייגנאַרטיקייטן, אַלע צוזאַמען?

~❁~

האָבנדיק געזען אַ ליסטע פֿון אַ הונדערט פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס און אפֿשר 300 פֿילאָזאָפֿן, בלויז זינט די גריכן און רוימער, ניט בעמענדיק אין חשבון די אַלע וואָס ראַיִען אין דעם וואָס הייסט רעליגיע, מיטאָלאָגיע צי סתּם דענקעניש זינט די כינעזער, עגיפּטער, הינדוסן מיט ייִדן בתוכם, טאָר איך אין מיינע יאָרן ניט גריבלען זיך אין דעם אַלעמען און כ'בין געקומען צו אַזאַ מין אויספֿיר, אַז די בעסטע זאַך פֿאַר מיר איז אַ מנוחהדיקע עקזיסטענץ, אַ פּראָזאַישע צי באַנטשע-שוויַיגישע בולקע מיט אַ ראָזשינקע אַ מאָל דערין; בעסער פֿון די בייקאָנס, דעקאַרטס, בעסער ווי די סאָקראַטעסן, פּלאַטאָנס, העגעליאַנער און די אַלע וואָס קומען דיאַלעקטעווען מיט געאָמעטרישע פּאַראַגראַפֿן צי מיסטישע פּאָסטולאַטן און סענטענצן, מיט זייערע זיכערקייטן און קאַריערעס.

זיי זענען די פֿאָרדן, די אָרדינאַטאָרישע פּראַגמאַטיקער פֿאַרן בשמה-דראָגסטאָריזם, מיט די סופּערמאַרקן פֿון טעאָריעס און

דאָקטרינעס אין אַלע ראַיאָנען. מע פּילאָזאָפירט אויף טיש און אויף בענק, עולם-גולם אַפּלאָדירט און... און... און...

בײַ דעם וואָס מײַנע אַרגומענטן זענען ניט מסוגל אים צו געפֿעלן, בעט איך איבער מיט אַ גרויסן פּאַרדאָן, איזווינִיטע, פּשעפּראַשאַם – מיר מוחל צו זײַן די פּאַרלוירענע צײַט מיטן לייענען ס׳דאָזיקע. כ׳בין אָסור ניט אויסן צו נעמען עפּעס פֿון עמיצנס דויער. און האָט מיר אַ גוטן...

~❁~

מײַן וועג צו דיר, גאָט, פֿירט ניט דורך קיין לאַבירינטן, איניציאַציעס, תּעניתים, קבלות, עזאָטעריזמען. כ׳דאַרף ניט קיין וועגפֿירערס, קיין עצה-געבערס, קיין ווונדערשפּרוכן, קיין שום קאָמענטאַרן פֿאַר געהיימע שריפֿטן, מאַגיעס. כ׳דאַרף גאָרניט דעשיפֿרירן, דערגייִן, זיך דראַפּען אויף גלײַכע ווענט צי מאַכן לאַנגע, שווערע נסיעות.

מײַן וועג צו דיר, גאָט, איז אַזוי פּשוט, איינפֿאַך, קלאָר! אָט שטיי איך קעגן דיר, אַ נאַקעטער אין מײַן אייגענעם אמת, ניט קיין פֿאַרשלייערטער, קיין היפּאָקריטיש פֿרומער, קיין קנײַענדיקער,

כורעים-פֿאַלנדיקער, דערשלאָגענער, בעטלענדיקער מיט אַ טאָרבע באַגערן און טענות. און אָט ביסטו קעגן מיר אַ גוטער, ווי אַ פֿאָטער צו זײַן קינד, אַ מײַסטער צו זײַן ווערק.

מײַנע ליפּן דאַרפֿן דיר ניט דערציילן עפּעס פֿון מײַנע פֿאַרבאָרגענע מחשבֿות. דו ווייסט אַלץ אַליין בעסער פֿון מיר זעלבסט. כ׳שטיי פֿאַר דיר אַ באַוווּסטזיניקער, שטאָלצער אין מײַן פּשוטער פֿרייד פֿונעם זײַן, פֿון וויסן אַז כ׳בין תּמיד אַזוי נאָענט צו דיר, אַז דו ביסט זיכער געדעכט אין אַלץ. איז אַ מאָל מיר שלעכט? שווײַג איך. כ׳שעם זיך מיט מײַנע זינד. כ׳וועל דיר קיין וואָרט ניט דערציילן דערפֿון. ווייסטו דען ניט אַלץ אַליין?

כ׳בין דאָ אַנטקעגן דיר, תּמיד פֿרײַ און תּמיד גרייט צו אַלץ וואָס דו באַגערסט כּדי די וועלט, דײַן וועלט, מײַן וועלט, אונדזער וועלט – זאָל האָבן אַ קיום. כ׳ווייס, האָסט מיר פֿאַרטרויט אַ

שליחות מיט מײַן זײַן. כ'בין ניט סתּם אַ פֿאַרבײַגייער; כ'טו עפּעס אויף, אפֿשר אַליין ניט ווייסנדיק דערפֿון. נו, וועל איך חלילה פֿאַרפֿעלן, ניט אויספֿירן מײַן ראָלע?

וואָס ווילן זיי, די אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע גאָטזוכערס, מיסטעריע-מאַכערס, תּורה-טײַטשערס און קאָמי-וואָיאַזשאָרן פֿון הימלען און יענע-וועלטן – ווען ס'האַנדלט זיך צווישן גאָט און מענטש? די אַלע אמונה- און פֿילאָזאָפֿיע-פֿירמעס מיט זייערע „טרייד-מאַרקס", דעפּאָזירטע שילדן, אויף אַלע שפּראַכן פֿאַרשטענדלעכע און פֿאַרבאָרגענע, קליינע האַנטווערקערישע און ריזן-טראָסטן, מיט זייערע דירעקטאָרן און פֿאַרטרעטערס, מיט זייערע האָלדינגס (מען אייביקט זיך אַז מע דאַרף, כאָטש מ'איז קאָנקורענטן), די אַלע גרויסע און קליינע נשמה-ביזנעס, וואָס ווילן זיי דאָ צווישן אונדז – גאָט און מענטש? ווער דאַרף זיי? וועמען באַרן זיי? וועמען טשאַקען זיי מיט זייערע צערעמאָניע-ספּעקטאַקלען, גיהנום-שרעקענישן און גן-עדן-בלאָף?

אַוועק, אַרויס פֿון דאַנען, קרעמערס מיט אומריינע הענט און טונקעלע געוויסנס!

גאָט מײַנער, ווי פּשוט קלאָר ווערט דאָס געמיט ווען כ'פּיל אויף זיך דײַן בליק. כאָטש בלינד פֿון צו פֿיל ליכט, זיכער זעסטו מײַן אָפֿן אויג מיט צוטרוי און טאָטאַלער ליבשאַפֿט. דו ביסט מײַן עגאָ:זם ווי איך בין דײַנער, גאָט. זיך ליב האָבן איז אונדזער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו.

פֿאַר וואָס אַנטלויפֿן פֿון דער אַפֿילו צײַטווײַליקער ווירקלעכקייט? פֿאַר וואָס היפּנאָז, שיכּרות, האַלוצינאַציעס, מיראַזשן, חלומות, נאַרקאָטיקס, מיסטעריעס, איניציאַציעס? די וועלט דאָ איז דאָך וווּנדערלעך, פֿול מיט פּראַכט און תּענוג, פֿרייד פֿאַר אַלע חושים. פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל מי צו אַנטלויפֿן דערפֿון? מיט ווייניקער מי וואָלט מען דאָך געקענט רייניקן די וועלט פֿון מיאוסקייט און שלעכטס וואָס פֿאַרפּעסטיקן די סבֿיבֿה, פֿאַרקויטיקן דאָס גאָלד, פֿאַרנעפּלען בליקן און צעשטערן אייגנשאַפֿט פֿון חושים, אַלץ צו זען, צו פֿילן, צו פֿאַרשטיין. וועלט און לעבן אומעטום איז

כולו-פֿרייד און תּענוג.

דער באַשאַף איז עצם גליק; ניטאָ אַזוינס וואָס זאָל ניט זײַן באַשאַפֿן צו געניסן פֿרייד. אויב עס איז ניט אַזוי – איז עס דעם מענטשס שולד. די מענטשהייט איז קראַנק. גייך אונטערזוכן, געפֿינען דעם דיאַגנאָז און היילן. די רפֿואה ליגט אונטער דער האַנט. דער אָרגאַניזם, אייביק יונג, בעט זיך: לאָזט מיך זיך היילן, און מיר קערן צוריק צום אייביקן כּי-טובֿ!

≈❀≈

דער סימבאָל פֿון דײַן לעבן – די זון. די זון איין אַלע הינזיכטן, אַלע אומשטאַנדן, אַלע צושטאַנדן. זאָל אַלץ תּמיד זײַן ליכטיק קלאָר, זוניק. היט זיך פֿון פֿאַרשאָטנטע ווינקלען סײַ אינעם מאַטעריעלן, סײַ אינעם פּסיכישן – סיבות פֿון קאָמפּלעקסן און קאָנפֿליקטן. אַפֿילו אין די ערגסטע פֿאַלן ניט פֿאַרדעקן, ניט באַהאַלטן; אָפֿן, באַלויכטן און באַזונט. נאָר אַזוי היילט מען וווּנדן.

זאָלן ליכט און זון תּמיד שטראַלן אין דײַן געמיט. אַזוי אַרום וועלן פֿאַרטריבן ווערן אַלע היפּאָקריזיעס, אַלע קרומע טוונגען, אַלע פֿינצטערע מחשבֿות, אַלע טונקעלע אומזיסט-און-אומנישטע אַנגסטן און פּחדים. נאָר אין דער פֿינצטער לויערן צווייפֿלען און שרעק. זון און העלער טאָג – זע מיט וועמען האָסט צו טון.

דו זײַ אַזוי פֿאַר דיר זעלבסט ווי פֿאַר יענעם, און שטראַל מיט דײַן אויפֿריכטיקייט אויף דײַן גאַנצער סבֿיבֿה, אין פּערמאַנענטן יהי אור. ליכטיק זאָלן זײַן דײַנע מחשבֿות, ליכטיק דײַנע געפֿילן, ליכטיק דײַנע באַגערן, און ליכטיק וועלן זײַן סײַ דײַן לעבן, סײַ דײַן שטאַרבן. ווײַל דו שטאַמסט פֿון זון, און צו זון קערסטו זיך אום. דער „אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר" איז אַן אויפֿטו פֿון אַ קראַנקן פּעסימיסט, וואָרעם דער עפֿר – איז עס דען ניט אויך עפּעס פֿון דער זון?

ווייל וועט זײַן דעם מענטש ווען די דאָזיקע מחשבֿות וועלן ווערן עפּעס פֿון זײַן אינטעלעקט, זײַנע אינסטינקטן. אַ גן-עדן וועט זײַן

די וועלט, און צום בית-עולם וועט מען ברענגען געשטאָרבענע מיט מנוחה-שמייכלען אויף די ליפּן, ניט מיט קרומע צורות פֿון אַנגסט און יסורים!

~❀~

דער מענטש איז ווײַזט אויס משוגע מיט אַלע זײַנע מעשׂים און מחשבֿות, זײַן עגאָפּאָביע, זײַנע פֿאַרקריפּלונגען, זײַנע היפּאָקריטישע אַרגומענטן צו באַרעכטיקן סאָציאַלע רעזשימען, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, עסטעטיק און בכלל לעבנס-שטייגערס.

און איך אַליין, זײַענדיק אויך עפּעס דערין ווי אַ מענטש מ׳שטיינס געזאָגט, בין איך דען ניט משוגע מיט מײַן עקשנותדיקן קריטיקירן, פּאָלעמיזירן, פּריידיקן, האָבן טענות צו גאָט און צו לײַט, בפֿרט אַז כ׳וויס אַז ס׳איז ווי געַרעדט צו דער וואַנט?

אָבער עפּעס ערגער נאָך: ניט נאָר דער מענטש, און אפֿשר די ביַאָספּערע מיט אונדזער פּלאַנעט איז משוגע, נאָר אַזוי ווי דאָס אַלץ איז אַ טייל פֿונעם אוניווערס, און זעענדיק וואָס ס׳געשעט מיט טעלורגישע און סטעלאַרע קאַטאַסטראָפֿעס מיט אַזוי פֿיל אומקום, מיט אַזאַ מין נאַרמאַלן מאָרד-קאַרנאַוואַל — איז זיכער דער גאַנצער אוניווערס אין פּערמאַנענטן קריזיס מיט קאָשמאַרן וואָס הייסן רעאַליטעטן, קאָנוולסיעס, פּאַראַנאָיעס, און אפֿשר דער, דאָס צי די וואָס געוועלטיקן איבער דעם צי אין דעם אַלעמען, זענען אין תּוך עפּעס...

כ׳האָב מורא ווײַטער צו טראַכטן וועגן דעם אַלעמען. ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרט מיך ערגעץ אין אַ גיהנום? וווּ, ווען, ווי אַזוי, צו וועמען זיך ווענדן כּדי צו האָבן אַן ענטפֿער אויף דעם אַלעמען?

~❀~

אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס קען טראַכטן, פֿילן, באַגרײַפֿן צי וויסן אַ וואַלפֿיש וואָס מ׳האָט לעצטנס געראַטעוועט, אַ געפֿאַנגענעם אין אײַז. ווי אַזוי קען ער פֿאַרשטיין עפּעס פֿון דעם וואָס אַנדערע באַשעפֿענישן, אפֿשר אויסטערלישע פֿאַר אים, האָבן געטון אים צו באַפֿרײַען? ווער קען זײַן זיכער אַז עפּעס אינעם אוניווערס טוט ניט אַזוי צו באַפֿרײַען אונדז, די פֿאַרקריפּלטע לײַט וואָס זענען פֿאַרקראָכן אין ציוויליזאַציעס, אונדז צו באַפֿרײַען, מע זאָל קענען צוריק האָבן אַ נאָרמאַלע עקזיסטענץ.

~❀~

ס׳רובֿ הײַנטיקע דענקער, פֿילאָזאָפֿן, פּאָעטן און רעליגיעזע שאַמאַנען זענען ניט קיין מאַרקסיסטן, און דאָס צוליב אַ פּשוטער סיבה וואָרשײַנלעך: אין אַ סאָציאַליסטישן רעזשים וועט ניט זײַן קיין סיבה עקאָנאָמיש צו בענקען, פּסיכיש צו קרענקען און פֿילאָזאָפֿיש צו דענקען. ממילא וועלן ניט זײַן קיין תּירוצים צו מאַכן אינטעלעקטועלע קאַריערעס, זײַן ספּיריטועלע פּאַראַזיטן, און מע וועט מוזן צולייגן אַ האַנט צו דער אַלגעמיינער מי, וואָס קיין שום יונגער און געזונטער פּאַרשוין וועט ניט קענען מײַדן. נו, אָן מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמען, דענקעניש, בענקעניש און קרענקעניש – מיט וואָס פּאָעמעווען, דיכטעווען און פֿאַרכליניען זיך מיט ליריק און מיט דיאַלעקטיק?

אַזוי אויך מיט רעליגיע און יענע-וועלטיקע פּראָבלעמען. אַז מע וועט ניט האָבן קיין סיבה צו זינדיקן, וועט מען ניט דאַרפֿן אַזוי פֿיל תּפֿילה טון, אַזוי פֿיל בעל-תּשובֿות, אַזוי פֿיל מחילות מיט אַזוי פֿיל גאָטס סטראָפּטשעס, אַז זיי זאָלן זײַן פֿאַרמיטלערס צווישן דעם זינדיקן מענטשן, נעבעך, און דעם גוטן גאָט.

מאַרקסיזם איז אַ געפֿאַר פֿאַר די אַלע לײַט.

~❀~

זינט שוין כמעט 85 יאָר ווי כ'האַלט אין איין פֿרעגן קשיות, אָנגהויבן מיט די פֿיר בײַם טאַטנס סדר, און זינט דעמאָלט האַלט איך אין איין פֿרעגן. דער טאַטע אַ מאָל האָט מיר געקענט ענטפֿערן „עבֿדים היינו", אָבער ווײַזט אויס ניטאָ מער דער „היינו", ווײַל מיר זענען כּסדר עבֿדים ביז הײַנט, כאָטש שוין ניט איין ים געשפּאָלטן, און מע האַלט כּסדר אין איין גיין אין די וויסטעניַשן, תּמיד וואַנדערן, האָפֿן אַז ס'זאָל פֿאַלן עפּעס אַ מן פֿון הימל און מע זאָל געפֿינען עפּעס אַ קוואַל אין אַ פֿעלדז כּדי צו שטילן דעם דאָרשט.

שלעפּט מען זיך אַרום, ניט מיט איין תּורה, נאָר מיט פֿאַרשיידענע, הייליקע און פּראָפֿאַנע. לײַט, אייגענע און פֿרעמדע, האַלטן ניט דערפֿון. זיי איז ליבער אַ גאָלדענער קאַלב און זיי באַדויערן די אַמאָליקע טעפּ מיט פֿלייש, פֿאַרגעסנדיק די שמיץ און דאָס בויען פֿרעמדע טעמפּלען און פּיראַמידן.

איך פֿרעג: בײַ וועמען זענען מיר עס עבֿדים הײַנט? ניט בײַ איין פּרעה, נאָר ווער ווייסט וויפֿל. און ערגער נאָך: מיר זענען פֿאַרשקלאַפֿט בײַ זיך זעלבסט. קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס, היפּאָקריזיעס, דעמאַגאָגישע זיכערקייטן, פֿאַנאַטיזמען. ערשט, די וואָס זענען עס בײַ דראָגן, אַלקאָהאָלן, נאַרקאָטיקס, אידעאָלאָגיעס, פֿאַנטאַזמען, סתּם משוגעתן...

הכּלל, איך פֿון מײַן זײַט, פֿאַרשקלאַפֿט בײַ מײַן פּסיכאָפּאַטישן יונהיזם, האַלט אין איין פֿרעגן קשיות און באַקום ניט קיין שום ענטפֿער פֿון קיינעם. פֿון די אַמאָליקע קניידלעך, כרעמזלעך און אַרבע־כּוסות – ניטאָ מער קיין געדעכעניש, געבליבן נאָר ס'ביטערניש פֿון מרור, דאָס טרוימען פֿון אַפֿיקומן וואָס מע האָפֿט צו געפֿינען. און די שכנים – געבליבן זענען נאָר: דער רשע, דער תּם, דער שאינו יודע לשאול.

~❀~

וי גוט וואָלט געווען ווען מע וואָלט געפֿונען אַ פּראָפֿילאַקציע פֿאַר לעבנס-שטייגערס און השגות, אַ פּראָפֿילאַקציע פֿאַר דער ליטעראַטור, דער עסטעטיק, דער מאָראַל און דער עקאָנאָמיע. פֿיזישע, פּסיכישע, קולטורעלע און מאַטעריעלע פּראָפֿילאַקציעס אין אַלע היבזיכטן. ווי אַזוי ווערט מען באַפֿרײַט פֿון אַלע סוראָגאַטן, אַלע בלאָפֿן, אַלע פֿאַלשקייטן, אַלע היפּאָקריזיעס, דעמאַגאָגיעס, פֿאַרקריפּלטע אידעאָלאָגיעס פֿון שקר, שקר, שקר אומעטום אין אַלע היבזיכטן? זיך אויסגעטון פֿון די כּלומרשט ספּיריטועלע דראָגן, סנאָביזמען, עגאָיזמען, פֿאַנאַטיזמען און ווער ווייסט וויפֿל נאָך איזמען. זיך אַ טובֿל געטון אין אייבפֿאַכקייט, אין עפּעס וואָרס, קלאָרס...

ווי גוט וואָלט געווען אַזאַ גײַסטיקע היגיענע פֿאַר אַן ערלעכער מענטשלעכער עקזיסטענץ, מיט ווילזײַן, פֿיזיש און פּסיכיש, סײַ פֿאַר זיך, סײַ פֿאַר אַלץ אַרום. מוז דאָס זײַן אַן אוטאָפּיע?

≈❀≈

אוי, גאָטעניו גוטער! באַפֿרײַ דעם מענטש פֿון אַזוי פֿיל איבעריקער חכמה, אַזוי פֿיל קענטעניש, אַזוי פֿיל וויסנשאַפֿט. אַראָפּגעשלונגען אַ מאָל דעם עפּל פֿון עץ-הדעת מיט אַלע זײַנע זוימען, איז ער נאָך אַזוי פֿיל דורות אַלץ נאָך ניט פֿאַרדײַעט. צעשפּרייט אינעם מענטש ווי עפּעס פֿרעמדס פֿאַר זײַנע השגות. שלעפּן זיך די הבֿלס און די קינס אַרום מיט אַ פֿאַרשאָלטענער ירושה. און ניט נאָר פֿון די זוימען פֿון עץ-הדעת איז געוואָרן אַ וואַלד, נאָר אומעטום ראַיען שלאַנגען, רייצן מיט גלוסטונגען. און כאָטש שוין לאַנג פֿאַרטריבן – אָדמס אייניקלעך חלומען, טרוימען, בענקען נאָכן פֿאַרלוירענעם גן-עדן.

≈❀≈

אַנאַרכיע ווי סינאָנים פֿון כאַאָס – שעדלעך און געפֿערלעך. אַנאַרכיזם ווי אַ דאָקטרינע: אָן שום רעגירונג – אַן אוטאָפּיע. עס מוז זײַן אַ פּלאַן, אַ פּראָגראַם, אַ פֿליכט, אַן

אָרגאַניזאַציע, מיט אַ דיסציפּלין. אַבסאָלוטע פּרײַהייט? כּסדרדיקע אימפּראָוויזאַציע? אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די וועלט! אַפילו די זון גייט אויף דיסציפּלינירט תּמיד אין מזרח און פאַרגייט תּמיד אין מערבֿ. סעזאָנען און ציקלען בײַטן זיך תּמיד לויט אַ סדר. אַפילו גאָט איז מסתּמא אונטערגעוואָרפן זײַנע געזעצן!

שטעלט מען זיך פאָר די זון וואָס זאָגט: הײַנט שטראַל איך ניט; ציכּיקער איבער די יוצרות – גיי אויף אין מערבֿ און פאַרגיי אין מזרח?

אַנאַרכיע, אַנאַרכיזם? פרײַהייט צו טראַכטן וואָס מע וויל, אָבער מע מוז אָנווענדן באַשטימטע געזעצן אין אַ באַשטימטער אָרדענונג, ס'זאָל קענען גילטן אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן.

~❀~

גאָטעניו! האָסט מיך באַשאַפן מיט דער אייגנשאַפט צו קענען צווייפלען; מיט דער מעגלעכקייט ניט צו גלייבן בלינד, סתּם, נאָר וועלן פאַרשטיין; מיטן באַגער צוצופּאַסן אַלץ צו מאָסן, צו לאָגישע אויספירן; מיטן אינסטינקט פון רעוואָלט, וואָס פאַרטראָגט ניט קיין אומרעכט, קיין שלעכטס, קען ניט זײַן קיין שקלאַף אָן מעגלעכקייט פון באַפרײַונג. פאַר וואָס-זשע שטראָפסטו מיך דערפאַר? איז אַ זינד אויסצוניצן די אַטריבוטן וואָס ליגן אין מײַן גײַסט? פאַר וואָס-זשע האָסטו מיר געגעבן אַ נשמה? פאַר וואָס מיך געלערנט האָפן, באַגערן הילף, טרוימען פון באַפרײַונג, פון משיחס צײַטן, פון באַחרית-הימים, פון תּחית-המתים, פון גערטער און מלאכים? האָסטו געוואָלט פאָלגנדיקע קנעכט, זעענדן געווענלעכע גופישע גולמס. פאַר וואָס אַרײַנגעלייגט אין אונדז דעם שם-המפורש? שטראָף אונדז ניט אומזיסט און קליינלעך, ווי ספּאַסט אפשר פאַר אַ קליינקעפּלדיקן מענטש, דו גרויסער, אָמנימעכטיקער גאָט! דאַרפסטו האָבן די געפאַלנקייט פון מענטש, דײַן ווערק?

~❀~

גראַבבײַכיקע ביכער ווערן געשריבן פֿון לײַט, וואָס האָבן מורא פֿאַרן שטאַרבן, און זוכן אָדער סתּם צו אַנטלויפֿן (שווער, שווער דאָס צו באַווײַזן), אָדער דורכצוזגבֿבענען זיך די גרענעץ צווישן טויט און לעבן מיטן גריבלען זיך אין מיסטיציזמען, איניציאַציעס און פּסיכאָאַנאַליזן, מיט דעשיפֿרירן טוונגען, רייד און רמזים פֿון פֿאַרשיידענע אַמאָליקע הייליקע פֿון אַלע אמונות, פֿילאָזאָפֿיעס און דאָקטרינעס, און פּרוּוון זיך אײניקן מיט גאָט, מיט נירוואַנאַ, דורך אָרגאַזמען, עקסטאַזן, חלומות אד״גל.

זיי שאַפֿן אַ ספּעציעלע דיאַלעקטיק וועגן אומקום, מיט אַ טעכניק, מײַסטערשאַפֿט, מיסטעריעס, מדרגות, און מע בידערט אין גיהנומס, מע סימולירט דעם טויט, מע וויל צוריק אין דיר אַרײַן, מוטער. אומעטום געפֿינט מען סימבאָלן: אין דער פּאָעזיע, אין פֿאָלקלאָר, אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין לעבנס-שטייגער, אין אינסטינקט, אין אַגרעסיוויטעט, און פֿאַרשטייט זיך — אין עראָטיזם: נעווראָזן, פּסיכאָזן, מעטעמפּסיכאָזן און באַך אַזעלכע אָזן מיט איזמען, און גיי, רעכן אַלץ אויס! עס שווינדלט אין קאָפּ פֿון בלויזן לייענען, אַפֿילו ניט פֿאַרדײַענדיק אין גאַנצן דאָס געלייענטע.

מע נעמט צו הילף די הינדוסן, גרויסע ספּעציאַליסטן אויף נשמה-פּראָבלעמען, כאָטש זייער קליינע (און דערצו — אפֿשר אַ ביסל פֿויל) פֿאַר גופֿישע ענינים; די גריכישע מיטאָלאָגיעס מיט די מיסטעריעס פֿון אָרפֿעי, דיאָניזאָס, מיט אַלע קאָמפּלעקסן און ספֿינקסן; די עגיפּטער מיט זייערע הערמעסן און טויטשריפֿטן; די טיבעטאַנער מיט זייער באַרדאָטאַדאָל, און דעם אַלטן טעסטאַמענט אַפֿילו מיט משה רבינו, וואָס קומט אום דורך אַ געטלעכן קוש. שוין ניט רעדנדיק וועגן נײַעם טעסטאַמענט, מיט יאָהאַנס עוואַנגעליע און זײַנע אַלע הייליקע.

אַ כּלל — איר בלײַבט צעטומלט און ווייסט ניט ווי אַרויס און ווי אַרײַן. די גאַנצע מי איז דאַכט זיך שוין ערגער ווי דער טויט גופֿא. אויב אויסצומײַדן די אַנגסט פֿון טויט דאַרף מען פֿאַרלירן דאָס ביסל פֿרייד פֿון לעבן, וואָס-זשע איז דאָ דער גאַנצער אויפֿטו?

מײַן פּשוטער שׂכל דיקטירט מיר אַ גאַנץ פּשוטע רפֿואה צו די אַלע טויטאַנגסטן: צוריק צו אײנפֿאַכקײט אין לעבן! די אײנציקע אַנגסט וואָס שרעקט, איז אַ ביסל קלאָר געוויסן. דאָס מינדסטע שפּרינקעלע אויפֿן געוויסן מוז זײַן ווי אַ באַרג אויף דער שוועל פֿון יענער זײַט. האָסט קײנעם ניט באַוועלט? ניט געווען קײן פּאַראַזיט? אָפּגעצאָלט מיט דײַן מי די מי וואָס אַנדערע האָבן געטון פֿאַר דיר? ניט אומגעבערענגט מער ווי דאָס וואָס דו מוזסט כּדי צו קענען זײַן דאָס, וואָס דו דאַרפֿסט זײַן? ניט צעשטערט דײַן גוף, ניט דײַן נשמה, מיט ניט-באַרעכטיקטע באַדערפֿענישן, אַמביציעס? ליב געהאַט אַלץ און אַלעמען? ניט געצווייפֿלט ניט אין דיר, ניט אינעם באַשאַף, ניט אין דעם צי די באַשעפֿער? ניט געקראָכן אויף גלײַכע ווענט? דעם שמייכל ניט פֿאַרלוירן אין קײן שום אומשטאַנדן? ניט פֿאַרמאַכט די אויגן כּדי ניט צו זען עפּעס, וואָס מע מוז זען? געהאָלפֿן אַלץ און אַלעמען, פֿון אונטערהאַלטן אַ צווײַג וואָס ברעכט זיך, ביז העלפֿן אַרויסקריכן אַ ווערעמל, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין אַ גרוב? ניט באַרעדט קײנעם, ניט אויסגעלאַכט קײנעם, ניט געשטאַנען אין גרויסן, זיך ניט געלאָזט דערנידעריקן און ניט דערנידעריקט קײנעם? מעגסטו זײַן זיכער אַז ווען דער טאָג ענדיקט זיך, וועסטו אײַנשלאָפֿן ווי אַ פֿייגעלע אין נעסט, זיכער מיט דײַן טויט ווי זיכער מיט דײַן לעבן, זיכער מיט דײַן גאָט ווי זיכער מיט דיר און מיט דײַנס גלײַכן.

דאָס אַלץ איז פּשוט, ניט קאָמפּליצירט. מע דאַרף ניט קײן מיסטעריעס, קײן גורוס, קײן שאַמאַנס, קײן איניציאַציעס און דאָס אַרויסגיסן ס'אומרייניע פֿאַרן רײנעם. פֿאַר וואָס קאַליע מאַכן ס'לעבן מיט די היפּאָטעטישע פּחדים פֿון אַ יסורימדיקן טויט? ס'איז גוט אַ טעאָריע פֿון לאָגישן דענקען, מיטן אָנגײן פֿאַר אַ סאָקראַטעסיסט, אַריסטאָטעליסט צי סתם אַ שפּינאָזישן העגעליאַנער. ס'גייט ניט אין אָנוועגדן שיינע רייד פֿאַר יענעם, נאָר פֿירן זיך לאָגיש מיט אײגענער עקזיסטענץ. וואָס זאָגסטו? די נשמה האָט זיך איר לאָגיק, ווי אפֿשר אירע ספּעציפֿישע אינטערעסן, מיינונגען און אַנגסטן, און מײַנע אַלע שפּעקולאַציע-אַרגומענטן זענען גופֿיש-שׂכלדיק? נו, ווער-זשע ביז

איך? ווי אַזוי מאַניפֿעסטירן זיך די אַלע מחשבֿות פֿאַר מיר? ווי ס'זאָל ניט זײַן – איך וועל זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון קיין פּעסימיזם. געפֿערלעך איז זיכער נאָר איינס: אומקומען פֿאַרן באַשטימטן דויער.

~~❀~~

צי מוזן אַלע בודהאַס, שאַמאַנען מיט אַלע גורוס און סופֿיס, איניציאַטאָרן פֿון די יאָגיס, אַבסאָלוטקייט־זוכערס, נירוואַנאַ־באַגערערס, זעראָ־נישטערערס מיט נאָך אַזעלכע מיסטישע נשמה־גריבלערס, וואָס דאָס לעבן איז פֿאַר זיי בלויז אַן אַפּקומעניש און דאָס שטאַרבן בלויז אַנגסט – צו וואָס ווילן זיי דווקא אומברענגען דעם פֿאַרשטאַנד, די חושים און די לאָגיק, דעם באַגריף פֿון זײַן און אַפֿילו דאָס ניט־זײַן? דער אידעאַל איז אויסלייזדיקן דעם עלעמענט מענטש פֿון אַלץ, אַפֿילו פֿון זוכן און באַגערן זיך אייניקן מיט אַ ליידיקייט, וואָס איז אַפֿילו ניט קיין ליידיקייט.

אָסור אויב –טראָץ יאָרן מי שוין– כ'קען אַזוינס אַרײַנברענגען אין מײַן פּשוטן שׂכל. פֿאַר וואָס זאָלן אַנדערע ווירקלעכקייטן אָפּלייקענען מײַן הײַנטיקע רעאַליטעט? וואָס האָט די וועלט געזינדיקט אויב איך בין נאַריש און האָב ניט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי צו זײַן גליקלעך? אַז איך קען ניט שווימען – דאַרף מען אומברענגען דעם טײַך, צי דעם ים?

אָך און וויי איז צו די לײַט פֿאַר וועמען עקזיסטענץ, לעבן, איז נאָר עול. זיי זענען ווי ליימענע געצן: אויגן האָבן זיי – און זעען ניט; אויערן האָבן זיי – און הערן ניט; פֿיס – און גייען ניט אין ערגעץ; הענט – און טוען גאָרניט. הערצער האָבן זיי – און ליבן ניט; ליפּן האָבן זיי – און שמייכלען ניט, זינגען ניט, שעפּטשען ניט קיין תּפֿילות אַפֿילו צום באַשאַף. ליידיקייט, נאַכט, זעראָ, ניין, גאָרניט, נירוואַנאַ. לויט מאַרי שואַזיס ווערטער־אָרדענונג, זענען די באַגריפֿן וואָס גרייטן צו, שאַפֿן דעם צושטאַנד פֿון ענדגילטיקסטן עקסזטאַז, פֿון אַ נאָך־ניט־געוועזנס וואָס דאָס איז

בײַ זיי אַ העכערע מדרגה פֿון שוין ניט זײַן. דאָס באַגערן דעם אמתן סאַממאַטי – אַ מין התבודדות, אַ התלהבֿות, אַ צעטומלונג, אַ שיכּרות, אַ נאַרקאָטישער צושטאַנד, אַ דעזערציע, אַ פּחדנות, אַ פֿוילקייט, אַ רעכטפֿאַרטיקונג פֿאַר אַ ניט קלאָר געוויסן – דאָס אַלץ, לויט מײַנע השׂגות, איז אַ וויסט משוגעת!

אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם, אין וואָס פֿאַר אַ צײַט, אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד און אומשטאַנדן מײַן גאַנצער איך צי אַ פֿראַגמענט, אַ טיילעכל דערפֿון, באַוווּסטזיניק צי ניט, אַליין צי באַהאָפֿטן אין נײַע אויסזענס, זאָל זיך נאָר ניט געפֿינען – באַגער איך מיטן גאַנצן ווילן אויצוניצן אַלע טאָטאַלע מעגלעכקייטן פֿון קענען געניסן, סײַ אינדיווידועל, סײַ סאָציאַל. אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם ס'זאָל זיך נאָר ניט מאַניפֿעסטירן. כ'וועל תּמיד דאַנקבאַר זײַן דעם אומבאַקאַנטן און אומבאַגרײַפֿטן באַשאַף פֿאַר מײַן חלק דויער. כ'וועל תּמיד האָבן אַ טאָטאַלן צוטרוי און זיכערקייט אינעם „כּי-טובֿ". כ'טו נאָר תּפֿילה צו זיך ווי צו גאָט: הלוואי זאָל איך האָבן דעם מוט און די קראַפֿט ניט צו פֿאַרתּכלעווען מײַן זײַן מיט שלעכטס און מיאוסקייט, און האָבן תּמיד אַ ריין געוויסן.

~❀~

דער בעכער, די קרוג, מוז זוכה זײַן דעם ווײַן. דער גוף מוז זוכה זײַן די נשמה. דער מענטש מוז זוכה זײַן צו קענען באַגרײַפֿן עפּעס פֿון געטלעכקייט. נאָר אין פֿיזיש ריינעם, גוטן, דערהויבענעם – קען זיך מאַניפֿעסטירן דאָס פּסיכיש ריינע, גוטע און דערהויבענע. אַ דימענט געפּאַסט אין זשאַווערדיק אײַזן? אַן אַבסורד! אין גאָלד, פּלאַטין, אין שכנות מיט די שענסטע איידלשטיינער!

מענטש, זײַ פֿיזיש און פּסיכיש ווערט, די מחשבֿה פֿון געטלעכקייט זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אין דײַן דמיון. טו אַכטונג אויף דײַן אייגן זײַן, ווי אויף דײַן סבֿיבֿה. די גאַנצע וועלט איז אַ קדשי-קדשים, וווּ געטלעכקייט אַנטפּלעקט זיך. זאָל דער פּלאַנעט ניט ווערן פֿאַראומרייניקט מיט שלעכטע מידות, מיאוסע

לעבנס-שטייגערס, אומרעכט, געוואַלט, שאַנד און לעסטערונג — אַלץ אויסדריקן פֿון חוצפּהדיקע, אידיאָטישע באַרישקייטן.

אַז דער מלך קומט צו גאַסט — גרייט מען דען ניט, פּוצט מען דען ניט זיך אַליין, ס'הויז, די גאַס, די שטאָט? איז מען ניט אים מקבל מיט פֿרייד? קען דען געמאָלט זײַן אַ גרעסערער האַר ווי דער מײַסטער פֿון באַשאַף, צי אַפֿילו דער באַגרענעצטער באַגריף פֿון געטלעכקייט: דײַן גאָט, וואָס איז דײַן אַלץ, און דו — עפּעס פֿון אים?

זײַ זוכה, מענטש, און תּמיד גרייט אויפֿצונעמען דעם שענסטן, דעם בעסטן גאַסט: דעם באַגריף פֿון געטלעכקייט, עפּעס וואָס דערמעגלעכט אַז דו זאָלסט בכלל קענען זײַן און טראַכטן פֿון דעם אַלעמען. מע קען עס אָנרופֿן מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעזע צי ויסנשאַפֿטלעכע נעמען, זײַן אַפֿילו אַן אַטעיִסט, אָבער קיינער קען ניט לייקענען די אייגענע ווירטועלע עקזיסטענץ. און אויב מע איז — מוז מען זײַן דאַנקבאַר פֿאַרן קענען זײַן. ס'האָט ניט קיין שום שײַכות מיט רעליגיעס, מיט פֿאַנאַטיזם, מיט פֿילאָזאָפֿיעס, מיט וויסנשאַפֿט. ס'איז עפּעס, כאָטש אומבאַגרײַפֿט, נאָך העכער און איבער דעם אַלעמען.

מענטש, אויב דו האָסט די זכיה צו קענען אַפֿילו טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, זײַ פֿרום מיט דאַנקבאַרקייט, אַפֿילו ניט ווויסנדיק מיט וועמען דאָס האָט אַ שײַכות.

≈❁≈

געוואַלד, ייִדישע באַרישע ייִדן! וואָס טוט איר, שאָף, צווישן וועלף? וועלף וואָס פֿאַרטיליקן כסדר און ביסלעכווײַז אײַערס גלײַכן, וואָס האָבן שיעור ניט חלילה אײַך אַלעמען אומגעברענגט מיט זייער ענדגילטיקער לייזונג? וואָס טוט איר, פֿאַרשאָלטענע, באַזיווע, צווישן מאַקיאַוועלישע וועלף; וואָס קומט איר רייצן זייערע וועלפֿישע אינסטינקטן און שטעקן העלדזער צו זייערע תּמיד שאַרפֿע און גרייטע ציין?

ניט תּמיד האַלטן פֿאַסטעכער אָפּן ס'אויג; ניט תּמיד גילטן הונט

און שטעקן; ניט תּמיד וועט דער שיצער אײַערער אײַך באַשירעמען מיט זײַן געבאָד. אָפּט פּיטערט ער אײַך אַליין אין שטאַל כּדי אַליין אײַך צו שינדן און שעכטן. אָפּטער נעמען וועלף דעם אויבנאָן אין וועלטס געזינטל, ווערן ווידער פּילצאַליק, שטאַרק חוצפּהדיק און אַראָגאַנט, און ווידער איז אויס מיטן וויען אין נאַכטיקע וועלדער: אין העלן טאָג וואַרפן זיי זיך אויף אײַערע סטאַדעס, און הבֿלס בלוט פאַרבט אויף רויט די זינדיקע ערד!

קין אַנטפּלעקט זיך אין אייביקן באַגער צו טויטן. דעמאָלט איז גאָט אַליין אומבאַהאָלפן. מיט צוויי ברידער אין גן-עדן האָט ער זיך ניט געקענט אַן עצה טון און מײַדן מאָרד. ווי אַזוי זאָל ער זיך אַן עצה טון מיט גיריקע האָרדעס, וואָס מאָרד און בלוט איז זייער אייביקער עלעמענט, בפּרט אַז גאָט שיצט תּמיד דעם מערדער, טראָגט זײַן קין-צייכן. פאַרקערט! זיבן מאָל נקמה נעמט ער פון ווער ס׳טוט אים שלעכטס, און זיבן-און-זיבעציק מאָל פון וועמען ס׳טשעפּעט זײַנס אַ יורש. שטייט דען ניט אַזוי אין דער הייליקער תּורה, וואָס איז זייער געזעץ און לעבנס-שטייגער?

באַרישע שאָף, וואָס אַנטלויפט איר ניט פון ווילדן וואַלד, ווו וואָלף איז אייביק האַר? וואָס ציט אײַך צו אים און צו זײַנס גלײַכן? צו זײַנע אינסטינקטן? ניט געבנוג קרבנות? ניט גענוג געווייקט זײַן לאַנד מיט אײַער בלוט, מיט אײַערע גופים געמיסטיקט זײַן ערד, כּדי ס׳זאָל ווידער בליִען זײַן ערדישער גן-עדן? שאָף באַרישע, וואָס טוט איר אין די וועלפּבאַרעס, וועלפהיימען? שלעכטע אויגן בלישטשען, און בייזע ציין מיט גיפּטיקער סלינע שטשירען אין אייביקער שינאה!

שאָף, פאַרשאָלטענע צו זײַן אייביק קרבן, וואָס קריכן אונטער האָרסט-ווענסל-מעסער! וואָלט כאָטש אײַער קרבן-גיריקייט געניצט צו עפּעס, פאַר אַ גילטיקן אידעאַל... ס׳איז דאָך אָבער אַ קרבן לבטלה, אומזיסט און אומנישט, צו שטעלן גאָט אין אַ נסיון. אַזאַ נסיון איז בזיון. בזיון פאַר אַ גאָט און דעם גאַנצן קאָסמישן עקזיסטענץ-סיסטעם. פאַר וואָס פאַרשעמען גאָט מיט זײַן אומבאַהאָלפנקייט, גאָט וואָס איר האָט אים אַזוי באמת ליב?

טײַערע נאַרישע שאָף, עלעמענט פֿאַר מזבחות, שאָף! וואָס אַנטלויפֿט איר ניט פֿון די וועלף מיט זייער כּלומרשטער זעט, מיט זייער כּלומרשטן גלעט? אַנטלויפֿט ווי לאַנג ס'איז נאָך ניט צו שפּעט!

כ'טראַכט דאָס אַלץ זעענדיק ווי יִדן לויפֿן צוריק קיין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך, אין פּוילן, און נאָך אין אַנדערע ערטער, אומעטום זוכן קאָנטאַקטן מיט די, וואָס האָבן געהאָלפֿן פֿאַרטיליקן אַזוי פֿיל פֿון אײַערע נאָענטע און טײַערע.

~※~

א לײַטישע באַלעבאָסטע, אַ בריה, קען טאַקע צונויפֿשטעלן אַ בוקעט בלומען, ווייסט פּונקט ווו אים צו שטעלן, עס זאָל זײַן היימיש און שיין. זי קען אויך נעמען אַ בעזעם און אויסקערן די שטוב, צי אַן עמער וואַסער מיט אַ שטשערקע, פֿאַרקאַטשען די אַרבל און וואַשן די טרעפּ; און זי שעמט זיך אויך ניט צו רייניקן אַפֿילו דעם אָפּטריט. אַלץ מוז זײַן ריין, אַלץ קען זײַן קאָקעטיש. נאָר אַ מפֿונק איז אָפּט אַ מנוול, ווײַל פֿויל, כּלומרשט ראַפֿינירט, און דערצו נאָך ציניש שלעכט. אוי, האָב איך פֿײַנט די לײַט וואָס קוקן מיט שרעק אויף אַ בעזעם! מסתּם האָבן זיי דעם פֿאַרגעפֿיל, אַז מיט ריטער שמײַסט מען.

~※~

מחבר, שרײַב ווי די מוזעס שושקען דיר און דער שׂכל דיר דיקטירט. קומט אַ שורה פּאָעזיע אינעם קאָנטעקסט, דערגאַנצן די פּראָזע – איז עס ניט וווּלגאַריזירט. אַדרבא, אַלע זשאַנערן, אַבי איראָניש, שעלמיש, שיין, קורץ און שאַרף, פּרעציז און קלאָר. נאָר ניט געגאַנגען אויף שטאָלצן. אַזוי געשריבן איז אַ פֿרייד פֿאַרן מחבר און אַ מחיה פֿאַרן לייענער.

נו, ס'איז לײַכט צו געבן עצות! דאַרף מען דאָך קענען, וויסן וואָס מע וויל, און האָבן אַ פֿלינק הענטל, אַ לײַכטע פֿעדער, קלאָר פּאַפּיר, און טינט / וואָס ווי פֿון הימל רינט?

קענסט ניט? איז שרײַב ניט, ווער צווינגט דיך? ווען ניט – טו ווי איך: פּרווו כאַטש!

~❀~

אמת – לאַגיש, וואָר, / ריין ווי גינגאָלד, ווי וואַסער לויטער קלאָר. איז אָבער מיט אמת טאַקע ווי מיט בײדע. מיט ריין גינגאָלד קען מען גאָרניט אויפֿטון: מע מוז צוגעבן אַ וואָלגאַרן מעטאַל. און דיסטילירט וואַסער איז זיכער סם, געפֿערלעך פֿאַר אַן אָרגאַניזם. מע מוז צוגעבן פֿאַרשיידענע זאַלצן, עלעמענטן, וואָס מאַכן עס גילטיק פֿאַרן געברויך.

וועלכע אידעאַלן מוז מען ניט צופּאַסן, קאָרעגירן, דער מענטשלעכער יחיד און די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט, מישטיינס געזאָגט, זאָלן עס קענען ניצן? אַזוי איז ער, דער מענטש: ער מוז האָבן צו אַלץ אַ קאָמפּראָמיס. אפֿשר איז עס אַזוי מיטן לעבן גופֿא. קען זײַן אַז נאָר שטויב, שמוץ צי קויט זענען מסוגל עס זאָל קענען ווערן עקזיסטענץ. אַ שיינער טרוים! זאָל דאָס זײַן דער צלם-אלוהים? אַלמעכטיקער גאָט, דו אָמנימעכטיקער און אָמני-חכם און...

~❀~

וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפֿן אָרעמען מענטש, איר חכמים מיט אײַער קענטעניש און חכמה; איר, הייליקע לײַט מיט אײַערע מופֿתים און מיסטעריעס; איר, געלערנטע מיט אײַער צעשטער-וויסנשאַפֿט, און איר, נבֿיאים, מיט אײַערע הימלישע גן-עדנס און ערדישע גיהנומס?

ווײ איז אונדז! באַלד וועט מען קענען ניצן עלעקטראָנישע זעץ-און דרוקמאַשינען, טעלעקאָמוניקאַציעס וועלן ווערן בחינם, אַ נײַער מבול פֿון ליטעראַטור וועט אונדז פֿאַרפֿלייצן, צוגעלייגט צו דעם כּלומרשטן אוצר פֿון טויזנטער יאָרן ציוויליזאַציעס. מע וועט ווערן משוגע פֿון קענטעניש און גײַסטרײַכקייט. דער משל מיט געטהעס כּישוף-מאַכערס לערן-ייִנגל – ווערט רעאַליזירט.

וואָס ווילט איר פֿון אונדז חכמים, קינסטלער, הייליקע לײַט? זענט איר ווירקלעך קלוג, מײַסטעריש און הייליק ווי איר זאָגט – פֿאַר וואָס קענט איר ניט אין עטלעכע קלאָרע פּראָזן קאָנדענסירן אײַער חכמה, אײַערע מחשבֿות, מע זאָל עס לײַכט פֿאַרשטיין, קענען געדענקען און עס אָנווענדן פּראַקטיש אין לעבן? ווער דאַרף אַזוי פֿיל ליטעראַטור, רחמנא-ליצלן? און איר זענט פּרעטענציעז: איר פֿאָדערט מע זאָל אײַך לייענען, געדענקען! גייט צו אַל-די גוטע יאָר און לאָזט אונדז אַ ביסל הנאה האָבן פֿון אייגענעם לעבן; ווי לאַנג דויערט עס, מישטיינס געזאָגט?

וואָס דרייט איר אונדז אַ ספּאָדעק מיט אײַערע העלדן מיט זייערע אַוואַנטורעס, מיט זייערע אַרגומענטן און קאָשמאַרן? ווער דאַרף אַזוי פֿיל וועלדער פֿאַרוואַנדלטע אין פּאַפּיר, פֿול מיט אײַערע חכמות און מיט אַזוי פֿיל דיאַלעקטיק און אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס? ווער דאַרף אַזוי פֿיל גרודעס מיט אַזוי פֿיל מינעראַלן, געקרישלט פֿון בערג צי געגראָבן אין מינעס? רייניקט, לײַטערט אײַערע רייד און מחשבֿות, ברענגט אונדז גאָלד, געמײַסטערט מיט ראַפֿינירטע קענטעניש! מיינט איר דען אַז אַ מענטש דאַרף זײַן אַ בהמה און קײַען טאָנען שטרוי אַרויסצובאַקומען אַ גראַם וויטאַמינען?

אין אַלע הינזיכטן זוכט מען צו מיניאַטוריזירן, פּיגולקעווען מעכאַניק און נערונג. איר, חכמים, געלערנטע, הייליקע, טעאָלאָגן, האַלט אין איין שאַפֿן ווערק. ליטעראַטור וואַקסט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. וואָלטן עס געווען כאָטש גוטע שוואָמען... ס'רובֿ זענען זיי גיפֿטיקע, לײדער.

≈❁≈

רבונו-של-עולם, דו, זיכער אַלמעכטיקער, פֿון קיינעם ניט פֿאַרקאָנקורירטער גאָט! צו וואָס האָסטו געדאַרפֿט האָבן פֿאַר אַ שותּף דעם טײַוול? ער זאָל זיך רייצן מיט דיר און נאָך דיר אונטערשטעלן אַ ציגנפֿיסל? אין דײַנע הייליקע שריפֿטן ווערט ער דערמאָנט, ווי למשל בײַ איובֿן. האָסטו ניט געקענט באַשאַפֿן אַ

וועלט טאַקע פֿולקום? פֿאַר וואָס מוזן זײַן אַזעלכע עלעמענטן ווי מיאוסקייט, שלעכטס, פּײַן, צער, גריזאָטע, טרויער, מאָרד און קינאה-שינאה? אַפֿילו צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל; צווייפֿל אין דיר זעלבסט אַפֿילו.

ווי אַזוי האָסטו ניט געקענט פֿאַרויסזען זינד: דעם הבל-מאָרד, דעם בבל-טורעם מיטן מבול, מיט אַלע אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אומגליקן, ביז אַזעלכע מאָנסטערס, פֿאַזעעניש ווי היטלערס באַנדע? מיטן בעסטן ווילן, מיטן גאַנצן צוטרוי צו דײַן באַשאַף – ווי אַזוי זאָל זיך ניט פֿאַרגנבֿענען עפּעס אַן אַפּיקורסישע מחשבֿה, אַפֿילו בײַם פֿרימסטן, באַװוסטן צדיק? און זײַן אַ צדיק איז אַ נסיון!

ווער האָט ווען באַוויזן אַז גאָט האָט געהאַט אַ טײַוול פֿאַר אַ שותּף צי אַ שמש? ווער האָט געשריבן די אַלע הייליקע שריפֿטן, מיט די מחשבֿות, לעגענדעס, מיטאָלאָגיעס, מיטן שלעכטס, מיט די זינד, מיטן גיהנום, מיט אַלע טעאָזאָפֿישע מאַכערײַקעס און מײַסטערישע מאַכינאַציעס פֿון הייליקע לײַט? ווי, וואָס, ווען, ווער? קען מען גאָר אין געדאַנק אַפֿילו באַליידיקן דעם געטלעכן גײַסט, דעם מײַסטער פֿון אַלץ, און מסתּמא אַליין אַ טייל פֿון אַלץ – מיט אַזעלכע מענטשלער-באַרישע מחשבֿות?

די כּלומרשטע געטער וואָס פֿירן זיך ווי טײַוולאָנים, ווי משחיתים – דאָס האָבן דאָך מענטשן געשאַפֿן. ווי קומט אַזוינס צו גאָט פֿון כּולו-ליכט, ליבשאַפֿט און תּענוג? ווי קען מען האָבן טענות צום מײַסטער ווײַל ער האָט אונדז געגעבן פֿרײַהייט ווי אַ סופּרעמע מתּנה?

איז עס עמיצנס שולד אַז די דאָזיקע פֿרײַהייט ווערט שלעכט אויסגעניצט? אַז לײַט האָבן געשאַפֿן און לאָזן נאָך אָנהאַלטן אַזאַ מין נאַרישן סיסטעם מיט אַזעלכע רעזשימען, וווּ אַלע –סײַ די רײַכע, סײַ די אָרעמע, סײַ די מעכטיקע, סײַ די שוואַכע– פּײַניקן זיך איינס ס׳אַנדערע, אַלע וואַלגערן זיך אין שלעכטס און מיאוסקייט, אין אַנגסט פֿאַרן טויט און פּחד פֿאַרן לעבן? דער בודזשעט זיך פֿון צו-פֿיל, און יענער גייט אויס פֿון צו-ווייניק.

איז עס גאָטס שולד אַז דער מענטש איז משוגע? אָבער גאָטעניו, האָסטו באַשאַפֿן דעם מענטש ער זאָל קענען זײַן משוגע און זאָל קענען אַזוינס טראַכטן בכלל? ברענג ליכט אין אונדזער פֿינצטערניש פֿון ניט באַגרײַפֿן, פֿון ניט וויסן. כּוועל קיין מאָל ניט תּופֿס זײַן אַז אַ ווערק זאָל ניט זײַן פֿולקום. און וועלט, מענטש — מוז דאָך זײַנס עמיצנס ווערק, געשאַפֿן דורך עמיצנס ווילן און לטובֿת אַ באַגערטן כּי־טובֿ.

≈❀≈

מיט העגעלס דיאַלעקטישן סיסטעם אָנגעווענדט צו אידייען, קען געשען אַזוי: אָדער דורכן אַנאַליזירן און צעגלידערן אַן אַנטיטעזע געשעט ווי מיטן ייִנגל וואָס צענעמט אַ זייגערל, און כאַטש אַלע טיילן זענען דאָ, קען ער עס ניט צוריק צונויפֿשטעלן, אָדער ווי מיטן וויסנשאַפֿטלער, וואָס קען לײַכט —אפֿשר צו לײַכט־ טויטן אַ באַשעפֿענישל, אָבער בשום אופֿן ניט עס מאַכן צוריק לעבעדיק.

עס קען אויך געשען, אַז בײַם קריטיקירנדיקן צעגלידערן אַ טעזע, זאָל זיך אַרויסווײַזן אַז ס׳איז גאָרנישט פֿאַראַן דערין. ס׳איז אַזוי ווי אַ מין אוגערקע צי מעלאָן, וואָס באַשטייט פֿון 98 % וואַסער: אויסערלעך שיין, גוט און שטאַרק, אָבער נאָך אַן אַנאַליז בלײַבט גאָרניט.

וואָס איז דערפֿון געדרונגען? דער ראַציאָנאַליזם איז ניט גערעכט. אין פֿײַפֿל איז מוזיק, ניט בלויז ווינט און עכאָ, אין פּאָעזיע איז עפּעס מער פֿאַראַן ווי רייד. די נשמה בלײַבט אַ סוד; זי קען ניט אויסהאַלטן קיין אַנטיטעזע־באַהאַנדלונג. עס קען ניט זײַן קיין פֿראַגע פֿון סינטעזע. אַזוי איז מיט לעבן, מוזיק און פּאָעזיע.

למשל, וואָס וואָלט אַ מאַרסיאַנער געזאָגט ווען ער געפֿינט אַ פֿידל, אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט? ער וואָלט עס ראַציאָנעל אַנאַליזירט, און וואָלט אויסגעפֿונען אַז אַ זאַך ווי אַ פֿידל באַשטייט פֿון האָלץ, און אַ טעלע־אַפּאַראַט פֿון מעטאַל און גלאָז.

ממילא וואָלט ער אויסגעפֿירט אַז אַ טיש, אַ בוים, אַ פֿידל – האָבן די זעלבע אייגנשאַפֿטן, און אַז אַ פֿענצטער, אַ שטיק אײַזן צי אַ זייגער האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן ווי אַ טעלע-אַפּאַראַט. ווי אַזוי וואָלט מען אים דערקלערט אַז די אַלע עלעמענטן זענען נאָר אַ מיטל זיך אויסצודריקן פֿאַר עמיצן צי עפּעס, וואָס האָט גאָר ניט קיין שײַכות מיט די עלעמענטן, די קעגנשטאַנדן?

אפֿשר איז דער מענטש מיט זײַן גוף, און אפֿשר מיט זײַן נשמה, ניט אַ מאָל בלויז דאָס האָלץ פֿון פֿידל, צי ס׳מעטאַל פֿון טעלעוויזאָר? פֿאַר וועמען? דאָ הייבט זיך אָן די שוועריקייט. גיי שאַף אַן אַנטיטעזע און סינטעזע, ווען טעזעס גראַמט זיך כּמעט, צי פֿאַסט, מיט פּראָפּעטיזירן אָדער פֿאַנטאַזירן.

≈❀≈

אַמר פּיער די-קאַסע וועגן בערגסאָנען: „דער אינסטינקט און די אינטעליגענץ אָדער שׂכל, זענען די צוויי גרויסע וועגן וועלכע דאָס לעבן ניצט זיך אויסצודריקן, אָדער זיך צו מאַניפֿעסטירן. דער וועג פֿון אינסטינקט פֿירט צו דער זיכערער און סטאַבילער אינזעקטן-געזעלשאַפֿט, און דער וועג פֿון שׂכל – צו דער מענטשלעכער אַנטי-זיכערער, ניט-פֿולקומער אָבער נאָך אָפֿענער צום לעבנסדראַנג".

ליידער פֿירט דער דאָזיקער צווייטער וועג, בײַ לײַט כּלומרשטע חכמים, ניט צו פֿלאַנעטאַרער ווירקלעכקייט, נאָר צו וואָלקנשפּיל, צו סטעלאַרע ספֿערעס. דער אינסטינקט איז זיכערער מיט זײַן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מע טאָר ניט פֿאַרגעסן אַז אַלע סאָציאַלע טעאָריעס וואָס שאַפֿן זיך אָן דעם זיכערן מאַטעריעלן באָדן אונטער די פֿיס, זענען אוטאָפּיעס וואָס לאָזן זיך אויס מיט ווינט-אידעאָלאָגיעס און ניהיליסטיש-פּעסימיסטישע עקזיסטענציאַ-ליזמען.

פֿאַר וואָס זיך פֿאַרנעמען בלויז מיט הויכע צווייגן, פֿרילינגסצוויט און האַרבסטיק בלעטערגאָלד-סימפֿאָניעס? עס זענען דאָ שטאַם און וואָרצלען, וואָס זיי זענען דאָך ס׳וויכטיקסטע, דער גרויסער

טייל, דער עיקר. פֿאַר וואָס ניט די פּאָעזיע, דעם אידעאַלן — אינעם האַרמאָנישן זײַן פֿון ביידע: שכל, אינסטינקט, האַרמאָניש-שיינע גלײַכגעוויכט און ווילזײַן? מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם קענען דאָך זײַן געקניפּט און געבונדן. פֿאַר וואָס מוז זײַן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן ביידע? פֿאַר וואָס ניט טערמיטן- ציִ מוראַשקע-נעסט סאָציאָלאָגיע, און גלײַכצײַטיק — מאָצאַרט, און פּאָעזיע מיט פּראַגמאַטיזם?

~❁~

ניט צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס די האַרשפּאַלטערס פֿון אונדזער גײַסטיקייט, וואָס מאַניפֿעסטירן זיך מיט פֿילאָזאָפֿיעס, נעמען זיך אָן פֿאַר אַזעלכע וויכטיקע, און איבערהויפּט ערנסטע לײַט, וואָס מאַכן אַפֿילו ניט קיין פּרווו צו באַניצן זיך מיט הומאָר. אַחוץ אַ מאָל אַ סאָקראַטעס, וואָס פֿלעגט אָנקומען צו איראָניע, הערט מען זעלטן עפּעס אַ פֿריילער וואָרט ווען ס׳גייט אין פֿילאָזאָפֿיע.

אויב עס קומט אַ מאָל אָן צו רעדן פֿון געלעכטער, איז עס כּדי צו נעמען דעם באַגריף און לייגן אויפֿן דיאַלעקטישן אָפּעראַציע-טיש, כּדי צו פּאַלמעסן. כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס ס׳מוז אַזוי זײַן. אָמר שפּינאָזע: „ניט לאַכן, ניט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין". בלויז פֿאַר אַזאַ מין זאָג האָבן אונדזערע ייִדן גוט געטון וואָס זיי האָבן אים געלייגט אין חרם אַרײַן.

מילא, בײַ דעם עפּיקורעער פֿילט מען כאָטש אַ גוטמוטיקן שמייכל; בײַ אַ לייבניצן — אַ כּי־טובֿ; אָבער ס׳רובֿ ענדיקט זיך עס מיטן פֿינצטערן פּעסימיזם, ווי בײַ שאָפּענהויערן, אָדער רחמנא־ליצלן, די מאָדערנע עקזיסטענ- ציאַליסטן. זעט נאָר די טיטלען פֿון סאַרטרס ווערק. הלמאַי גייען זיי ניט, די אַלע פֿילאָזאָפֿן, זיך לאָזן אונטערזוכן פֿון אַ דאָקטער, אַ פּסיכיאַטער. ווען כ׳וואָלט געווען אַ פֿרוידיאַנישער פּסיכאָאַנאַליטיקער, וואָלט איך געזאָגט אַז די אַלע לײַט מאַטערט עפּעס אַ ניט קיין קלאָר געוויסן. זיי ווילן רעכטפֿאַרטיקן אַ סאָציאַלע אומרעכט, פֿאַרטיידיקן אַ

פּאַראַזיטיזם, אַן אינטעלעקטועלע קלאַסן-פּאָליטיק, אַ גײַסטיקע עליטע, ווײַל ס'איז אַוודאי לײַכטער צו שאַפֿן קונסט-סאָפֿיזמען זיך צו פֿאַרנעמען מיט געטלעכקייט און הויכע נשמה-עסקים, ווי צו גראָבן קוילן צי פֿלאַסטערן גאַסן.

~❁~

יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט דער פֿעיִקייט צו זײַן אַ חכם, און מיט דער מעגלעכקייט צו בלײַבן אַ נאַר. בראשית זענען אַלע נאַיִוו. די חכמה באַשטייט אין זען, פֿילן, פֿאַרגלײַכן, אורטיילן און מאַכן אויספֿירן. נאַרישקייט איז גיכער אַ קרענק ווי אַ פֿעלער. עס מוז קומען פֿון אַ דריז וואָס איז אַטראָפֿירט צי היפּערטראָפֿירט, און איז גורם פֿוילקייט. פֿוילקייט אין דענקען ווי אין טון עפּעס.

אַלע ווערן באַטירלעך גלײַך געבוירן. אַ נאַר איז דער, וואָס איז ניט געוואָרן קיין חכם. חכמה איז אַ פֿעיִקייט, און ווי יעדע פֿעיִקייט, דאַרף זי האָבן איבונג. דער חכם וואָס פּראַקטיצירט ניט קיין חכמה ווערט סקלעראָזירט, און אַ סקלעראָזירטער חכם איז צוריק אַ נאַר. דאָ קומט אַ קלאָץ-קשיא: מיטן זאָגן ס'דאָזיקע בין איך אַ חכם צי אַ נאַר?

~❁~

גאָטעניו, איך וועגד זיך צו דיר ניט ווי צו אַ האַר, נאַר ווי צו אַ פֿרײַנד און אַפֿילו אַ חבֿר. פֿאַר מיר איז ניט וויכטיק צו וויסן דעם אַלץ פֿון אַלץ. מײַן —כאָטש אומגעהײַערע— מעגלעכקייט, ווי אַ מענטש, צו באַגרײַפֿן צײַט און רוים, שטעלן דײַן קאָסמאָס אַפֿילו אין אַ גרענעץ, זוכנדיק תּמיד אַ יענע-זײַט – איז דאָך אַ בישטיקייט אין פֿאַרגלײַך מיט די מיליאַרדן ווירקלעכקייטן וואָס דו ביסט מסוגל צו קענען; אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס כ'פּרוּוו זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן.

ניט וויסנדיק דאָס אַלץ, בין איך איבערצײַגט אין דער ריכטיקייט פֿון מײַן עקזיסטענץ, אין דער גרויסקייט פֿון ציל ווי אין דער

הערלעכקייט פֿון אונדזער שטאַמען, פֿון אונדזער אורזאַך און ווערן. כ׳בעט דיך נאָר איינס: אַנטפּלעק פֿאַר מײַן מחשבֿה די גילטיקייט און די ריכטיקייט פֿון מײַן אופֿן עקזיסטענץ.

כ׳וויל ניט זינדיקן מיט אַ ניט-פּאַסיק זײַן. כ׳וויל ניט באַריש פּטרן מײַן דויער מיט פֿאַלשע געדאַנקען און אידיאַטישע טווּנגען. היט מיך פֿון דעם חטא, צו פֿאַרסמען מײַן גוף און מײַן נשמה, און דערמיט שטערן דאָס באַרמאַלע זײַן פֿון אַלץ אַרום מיר צי אין מיר, ווי אַ פֿראַגמענט פֿון אוניווערסאַלן אַלץ.

נאָר די מורא ניט צו באַגרײַפֿן די איינפֿאַכע געזעצן פֿון אַ גילטיקער עקזיסטענץ, דאָס שלעכט טײַטשן דײַן ווילן, דאָס חוזקן פֿון קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו ניט צו פֿעלשן, ניט נאַרן מיט קיין שום מעשׂים און מחשבֿות קיינעמען – נאָר דאָס איז זיכער, דער באַגער צו מײַדן ס׳גיהנום פֿון מײַן געוויסן.

ווײַז מיר, גאָטעניו, דעם גלײַכן וועג וואָס פֿירט אין פֿרייד, דורך לעבן און טויט, צו דײַן באַגערטן ציל.

~֍~

מיטרידאַטיש צוגעווינט זיך מיט מחשבֿות וועגן שטאַרבן? ווי נאַריש! שוין זיך לעבעדיק באַגראָבן? איינס פֿון דיביידע: אָדער כ׳בין ענדגילטיק טויט, און דער שפּעטער גייט מיר בכלל ניט אָן, אָדער עפּעס פֿון מיר לעבט ווײַטער אין אַ צווייטערווירקלעכקייט, און די הײַנטיקע רעאַליטעט פֿאַלט פֿון מיר אַראָפּ ווי אַן אַלט קלייד, ווי אַ שאָלעכץ פֿון אַן איי נאָכן אויספּיקן זיך פֿון אַ פֿייגעלע צי אַ פֿלאַטערל פֿון אַ כריזאַליד. אָבער שוין איצט פֿאַרסמען מײַן געמיט מיט טויט-מחשבֿות? ס׳איז אַן אַבסורד!

דער גיפֿט פֿון טויט איז געפֿערלעכער ווי אַלע שלאַנגען-גיפֿטן. מע ווערט ניט מיטרידאַטיש באַשירעמט; מע שטאַרבט יעדעס מאָל ווירקלעכער און ביסלעכווײַז. זאָלן די לעבעדיקע לעבן אָנן די שטאַרבנדיקע שטאַרבן. מע קען פֿאַרביידן געפֿינען רו און מנוחה. אין אַלץ וואָס עמיץ טוט ליגט תּענוג, אָפּט ווי אַ קערן אין אַ

האַרטער שאָל: מע דאַרף עס קענען אַרויסבאַקומען. בכלל, ליגט אַלץ אין דער נאַטור אונטער אַ שאָל, אַ הויט – אַפּילו טויט.

~~❀~~

דאָרט ווו ס'זענען פֿאַראַן אַ סך פֿילאָזאָפֿן איז אַ סימן אַז ס'איז ניט אין אָרדענונג מיטן סאָציאַלן רעזשים און ס'האַלט שמאָל מיט דער מאָראַל און מיט לעבנס-שטייגער. אַ וועג – איין מאָל אויסגעפֿונען, אויסגעפּלאַסטערט און באַקאַנט – צו וואָס כסדר נישטערן און זוכן נײַע שטעגן און וועגן? אָדער דער וועג פֿירט אין דער גוטער ריכטונג, אָדער ניט.

וויסנשאַפֿט קען האָבן אַ כסדרדיקן פּראָגרעס, מיט נײַע אַנטפּלעקונגען, דערפֿינדונגען אד"גל. אָבער פֿילאָזאָפֿיע? איין מאָל אויסגעפֿונען דעם אמת, איין מאָל באַשטימט אַ יחידישע און סאָציאַלע עטיק – איז לעבנס-פֿילאָזאָפֿיע ווי די קונסט פֿון גיין, פֿון עסן. עס ווערט אַ טייל פֿון דער דערציִונג, מיט באַשטימטע אַקסיאָמען, מאַקסימען און דירעקטיוון.

וואָס-זשע איז דאָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסיע: פֿילאָזאָפֿיע? פֿאַרדעכטיק, דאָס זוכן און דאָס געפֿינען כסדר נײַע טעאָריעס, נײַע דאָקטרינעס. „עפּעס איז ניט אין אָרדענונג אינעם דענישן קעניגרײַך", וואָלט געזאָגט אַ האַמלעט, ווען שעקספּיר וואָלט אים געהייסן צי געלאָזט עפּעס זאָגן.

~~❀~~

פּאָעזיע לייענט מען ניט. פּאָעזיע תּפֿילהט מען. דער וואָס קען ניט דאַווענען פּאָעזיע, זאָל ער דאָס לאָזן פֿאַר אַנדערע. פֿרומע, גאָטספֿאָרכטיקע, גאָט-פֿאַרליבטע פּאָעזיע לייענט מען ניט; פּאָעזיע שעפּטשעט מען, זינגט מען, שווײַגט מען. פּאָעזיע לייענט מען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי מע האָרכט מוזיק, ווי מע הערט מלאכים זינגען. פּאָעזיע לייענט מען ניט גלײַכגילטיק צי קריטיש, נאָר מיט אָפּשײַ, מיט יראת-הכּבֿוד, מיט דאַנק. מע זוכט ניט קיין נאָמען פֿון מחבר בײַ אַ תּפֿילה. עס איז אַ

חילול-הפּאָעזיע. טו אויס די שטויביקע שיך, און טובֿל אין מנוחה גוף און נשמה ווען דו קומסט, ווען דו ווילסט זיך הייליקן אין תּענוג-פּאָעזיע. געדענק אַז דער פּאָעט איז ווי אַ כּהן וואָס דוכנט. די אַנדערע שווײַגן און טוען תּפילה, הכנעדיקע, גליקלעכע און שטילע. פּאָעזיע לייענט מען ניט; פּאָעזיע איז אַ צושטאַנד, אַן עקסטאַז, אַ מיסטישע אַנטפּלעקונג. נאָר אַזוי געלייענט געשעט מיט לידער ווי מיט אויפריכטיקע תּפילות: מען איז זיי מקבל. אַזוי איז מיט פּאָעזיע.

~❁~

אינדיע, לאַנד פֿון קרישנאַ-מוטרי, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר; ווונדערלאַנד פֿון סאַנסקריט, פֿון די וועדאַס! דײַן נשמה איז אפשר נאָך לויטער ריין, ווי באַזונגען אין די אופּאַנישאַדס, אָבער דײַן גוף איז לעפּרע-קרעציק, און שטינקט מיט פֿוילנדיקע ווונדן. קלינגען די אימה-גלעקלעך אין די האַלב-צעפֿוילטע הענט; קלינגען, וואָרענען די וועלט: „היט זיך, לײַט, דאָ גייט אַ קרעציקער!".

ווי אַזוי קען אַזוינס געשען? ווי אַזוי פֿילן אַזאַ גלײַכגילטיקייט צום גוף, צום לײַב וואָס קען די פֿרייד פֿון קאַמאַ-סוטראַס? זאָל דאָס זײַן דער רעזולטאַט פֿון דײַנע ספּעקולערע יאָגאַס: פֿאַרשעמען דײַן נשמה-נירוואַנאַ מיטן קויט פֿון דײַנע פֿוילנדיקע לײַבער, וואָס האָבן ווייניקער ווערט אין דײַנע אויגן ווי סיטינוף פֿון די הייליקע.

בראַהמאַ ווערט געלעסטערט מיט דײַן קאַסטע-סיסטעם, און דאָס וואַלגערן זיך פֿון די בערדיקע סקעלעטן בײַ די ברעגן פֿון בענאַרעס. ווי אַזוי האָט אַ גאַנדי געקענט אַזוינס טאָלערירן אינעם הײַנטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?

~❁~

פֿויערבאַך, בובער, איך-און-דו-פּראָבלעמען. דײַן „דו" דעטערמינירט מײַן „איך". עפּעס קלעפּט זיך ניט צו מיר די גאַנצע פּראַזעאָלאָגיע; עס לייגט זיך מיר ניט אויפֿן שׂכל דער

קאַרטעזיאַנישער אַבסטראַקטער מענטש פֿונעם „קאָגיטאָ, ערגאָ סום". ווער צווייפֿלט, ווער דענקט? כ'האָב ניט ליב די סובטעלע גריבלענישן. מײַן שכל איז פשוט, און פֿאַרטראָגט ניט קיין פּלאַטאָנישע אידעאַליזאַציעס פֿון מאַטעריעלע פֿאַקטן און פּראָבלעמען. איך בין אַ באַשעפֿעניש ווי אַלע באַשעפֿענישן, צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿיזישס און פסיכישס, אַ קאָמפּאָזיציע פֿון עלעמענטן וואָס קענען לאַבאָראַטאָריש ווערן אויסגעפּרוווט. און אויב געוויסע מאַניפֿעסטאַציעס זענען ניט אויס צו האָבן אַ מאַטעריעלע באַזע, איז עס מן־הסתם נאָר אַ פֿראַגע פֿון צײַט. מײַן גוף און מײַן נשמה זענען איין ווירקלעכקייט, וואָס איז פֿעיִק צו דענקען, טרוימען, זיך געפֿינען אין פֿאַרשיידענע ווירקלעכקייטן. איך באַוועג זיך אין איינער צי אין עטלעכע רעאַליטעטן, וואָס באַאײַנפֿלוסן זיך איינע די אַנדערע און נעמען אָן אַ ספּעציפֿישן אויסזען, וואָס איז וואָרשײַנלעך אַבסאָלוט אייגנאַרטיק, און ווערט דעטערמינירט לויט מײַן פֿיזיאָלאָגיע, מײַן פּסיכיזם.

ניטאָ קיין צוויי אידענטישע מענטשן. בכן, זענען אַלע רעאַליטעטן, אַלע פֿענאָמענען – נאָר רעלאַטיוו, צוגעפּאַסט צו דער אויפֿנעם־פֿעיִקייט פֿון יעדן איינעם. מע קען טאַקע מעסטן אַלץ מיט דעם זעלבן קאָנווענציאָנעלן מעטער, אָבער דער מעטער קען אויסזען אַנדערש בײַ דעם צי בײַ יענעם. מײַן גאַנצער פֿיזישער און פסיכישער איך איז אַ רעזולטאַט און אַ צוזאַמענשטעל פֿון אַ קאָלעקטיוו, אַ מין פֿאַרבאַנד פֿון עלעמענטאַרע קעמערלעך וואָס אָרגאַניזירן און ספּעציאַליזירן זיך כּדי בעסער אויסצוניצן סבֿיבֿות און געניסן וואָס מער פֿרייד, תּענוג. אויב איך בין דאָס וואָס איך בין, איז עס ווײַל אַ דעטערמינירטער פּראָגראַם פֿון לעבן, וואָס איז צוגעגרייט אין דער דאָזיקער גרופּע אַטאָמען, מאָלעקולן און קעמערלעך, האָט באַשטימט אַז אין אַ געוויסן מאָמענט, אין אַ געוויסער פֿאָרעם, אין אַ געוויסן צושטאַנד, דורך אַ געוויסער צײַט, זאָל עפּעס אין מיר צײַטווײַליק באַשטימען, רעגירן איבער

דער אימפּעריע קעמערלער וואָס רופֿט זיך מענטש: באַשטימט און אויסגעוויילט מוח אין אַ קאָפּ.

דערבײַ דאַרף איך געדענקען אַז — זײַענדיק אַ גובערנאַטאָר אין אַ פּראָווינץ וואָס הייסט מענטש, בין איך אונטערגעוואָרפֿן העכערע אינסטאַנצן: פֿעדעראַלע רעגירונגען, און אפֿשר גאָר אַן אַבסאָלוטן האַר, וואָס טראָגט אַ סופּער- און אפֿשר אָמני-מאַכט. איז ער נאָר, וואָרשײַנלעך, אַ ווײַטערדיקער שטאַפּל צו עפּעס נאָך העכערס? ביז וואַנען? ביז דאָס איז מײַן ראָלע, ביז מײַן מעגלעכקייט צו וויסן. כ׳בין אַ פּשוטער פֿונקציאָנאַר, אַן אַדמיניסטראַטאָר; ערגעץ זיצן אין שטאַבן קאָמאַנדירן, און אפֿשר אַ גענעראַל, צי אַ מאַרעשאַל, וועמען מע מוז פֿאָלגן און ביט אַלע מאָל פֿאַרשטיין. אָבער נאָר מיט צוטרוי געווינט מען מלחמות, און מ׳איז זיכער און רויִק.

בכן בין איך, מענטש, פֿיזישע און פּסיכישע ענטיטעט, אַן עלעמענט וואָס איז מאַטעריעלע עקזיסטענץ, ווי עס וויל אַ קירקעגאַרד, מיט גײַסטיקע דענק-פֿעיִקייטן, ווי ס׳וויל אַ דעקאַרט. כ׳בין פֿיזיש און איך דענק. אין איינעם בין איך פּשוטער מענטש, און שאַף די פֿילאָזאָפֿיע וועגן דעם אַלעמען. כ׳בין ניט קיין פּראָדוקט פֿון פֿילאָזאָפֿישע טעאָריעס. כ׳בין געווען איידער די פֿילאָזאָפֿן האָבן אויסגעדאָקטרינעוועט זייערע מחשבֿות אָדער אויסגעמחשבֿעט זייערע דאָקטרינעס; כ׳בין טראָגן זיי, מיט צי אָן זיי, אַפֿילו קעגן זיי. אַפֿילו אַליין אויף אַן אינדזל, אָן קיינעמס „דו", בין איך דער גאַנצער „איך": אַ פֿראַגמענט פֿון דער מענטשהייט, פֿון דער ביִאָספֿערע, אַ נײַער עפּעס אין טויזנטער מדרגות, דער סך-הכּל פֿון מיליאַרדן מיני-קאָסמאָסן, אַטאָמישע אַלצן.

כ׳קען ניט באַגרײַפֿן פֿון וואַנען ס׳נעמען זיך די שווערקייטן און דאָס גריבלעניש צו ווען דערגיין די סובסטאַנץ פֿון דעם וואָס ס׳איז דער מענטש מיט זײַן באַוווסטזײַן. לײַט פּרווון געבן געטער אַזעלכע אַטריבוטן פֿון אימאַנענץ, און אַליין שטייען זיי

אומבאַהאָלפֿן, ווייסן ניט אויף זיכער צי די מחשבֿה שאַפֿט דעם מענטש, צי דער מענטש – די מחשבֿה. אָביעקטיוו, סוביעקטיוו, צוזאַמען, איז עס מענטש. אַנשטאָט צו שאַפֿן גאָט מיט אַלע אייגנשאַפֿטן וואָס אַ מענטש טראָגט אין זיך, בעסער אַז מע האַלט אַ ביסל דערפֿון פֿאַר זיך זעלבסט, חכמים!

הכּלל: איך בין, ניט צווייפֿלענדיק ניט אין מײַן פֿיזישקייט, ניט אין מײַן גײַסטיקייט. מײַן ראָלע איז צו פֿאַרנעמען ס'ריכטיקע אָרט אין דער בי/אָספֿערע, אויסצופֿירן פּינקטלעך מײַן באַשטימטע מיסיע, מײַן פֿליכט, געננוי ווי ס'באַגערט דער אַלגעמיינער אַלץ, וואָס כ'קען אים ניט באַגרײַפֿן, אָבער ווען מע מוז זיכער פֿאָלגן. דעריבער איז גילטיק און נייטיק אַ וויסנשאַפֿט, אַ פֿילאָזאָפֿיע, וואָס זאָל ניט פֿאַרקריפּלען, נאָר אַרויסהעלפֿן די אינסטינקטן; אַ מאָראַל מיט אַ וועלט-אָרדענונג, און אַז מע וויל – אַ וועלט-אַנשויונג. מע טאָר זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון ראַפֿינירטע האָר-שפּאַלטערס און גײַסטיקע פּראָבלעמען מיט טעזע, אַנטיטעזע, סינטעזע, צי די מיסטיקערס אָדער די פֿאַראיזמעטע אינטעלעקטואַליסטן.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם? אַוודאי! שפּינאָזע? אַדרבא! עקזיסטענציאַליזם אָן מרה-שחורה? טאַקע! אָבער נאָר ווי אַן עלעמענט אין אַ לעבנס-שטייגער. אַבי ניט קיין אַנאַרכיזם; אַבי ניט קיין פּריווילעגיעס; אַבי ניט קיין פּאַסיווע נירוואַנאַס, מיט פֿיזישע און פּסיכישע פֿאַרקריפּלונגען. לעבן מוז זײַן אַ יום-טובֿ. זאָל שפּילן די פּיטאַגאָרישע ספֿערן-מוזיק! זאָל זיצן אויבן אָן משה רבנו מיט זײַנע לוחות! זאָלן זינגען די נבֿיאים! זאָל זיך באַווײַזן אַ רבי הילל, דוד המלך מיטן תּהילים! זאָלן קומען צוזאַמען סענט פֿראַנסואַ ד'אַסיסיס מיטן בעל-שם-טובֿ און זאָלן ניט שטערן די פֿרייד פֿון באַוווסטזיניקער עקזיסטענץ! די סקעפּטיקער, די אַפּאָקאַליפּטיקער, די שאָפּענהויערס, מיט אַלע זייערע שוואַרצזעערישע און קלאָגמוטערישע שטיק – ווער דאַרף זיי?

איך און דו – צוויי באַזונדערע איכן וואָס קענען זיך אינטים חבֿרן צוזאַמען? אַדרבא: אַן אוניווערסאַלער איכישער פֿאַרבאַנד. אָבער נישט קיין איך-מיט-דו-קאָמפּלעקסן. איך, אָריגינעלער, אייגנאַרטיקער עפּעס, אַ גאַסט און אַ שליח אויף אַ וועלט, אויף אַ לעבעדיקן יריד ווו אַנדערע איכן קומען מיט זייער האָב-און-גוטס. נעם און גיב, גיב און נעם! לאָמיר זיך באַרײַכערן מיט אונדזערע פֿאַרשיידענע אייגנאַרטיקייטן, אָדער אייגנאַרטיקע פֿאַרשיידנקייטן, ווי ס'האָט לפּי ערך געזאָגט פּאָל וואַלערי – אַ חכם וועמענס רייד מע קען נעמען פֿאַר אַ משל, אָבער ניט נעמען זײַן לעבנס-שטייגער ווי אַ בײַשפּיל. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. און אפֿשר יאָ?

~❀~

וואָס וויל מען נעבעך האָבן פֿון דער ייִדישער יוגנט, פֿון אונדזערע יונגעלײַט? וואָס פֿאַרלאַנגט מען פֿון זיי? וואָס פֿאַר אַ ייִדישקייט ווײַזט מען זיי? ווער גיט זיי ווירדיקע בײַשפּילן, מיט וואָס, מישטיינס געזאָגט? בלויז מיט רעדן ייִדיש? נו, וועלן זיי זײַן גויִים וואָס רעדן ייִדיש. דערמיט איז מען שוין יוצא?

ניין, ניט דאָס איז דער וועג! אויב ייִדישקייט איז ניט פֿאַרבונדן מיט אַן אידעאַל, איז עס איבעריק! אַתּה-בחרתּנו-פֿאָלק? אַדרבא! אומבאַדינגט! אויב אַלע אַנדערע פֿעלקער זענען פֿאַרגרעבט און פֿאַרקריפּלען אַלע הומאַניטאַרע אידעאַלן, דאַרפֿן ייִדן זײַן אַנדערש, און ניט נאָר פּריידיקן, נאָר ווײַזן אַ בײַשפּיל מיט זייער אייגענעם לעבנס-שטייגער, וואָס אַזוינס ס'הייסט אַן אידעאַל.

ניט נעמען דעם הומאַניזם ווי אַן אַנטידאָט קעגן רעליגיע. אונדזער הומאַניזם דאַרף ניט זײַן, קען ניט זײַן, טאָר ניט זײַן אַ פּריִאָרי אַטעיִסטיש. בכן דאַרף מען קודם וויסן וואָס מע פֿאַרלאַנגט פֿון אונדזער יוגנט. פֿאַר וואָס ייִדישקייט? ווי אַזוי? פֿאַר וועמען? און ניט סתּם גערעדט, נאָר פּראַקטיש אָנגעווענדט. ייִדיש אָן ייִדישקייט איז אַן אילוזיע, און ייִדישקייט אָן אידעאַל איז אַן אַבסורד.

וואָס פֿאַר אַן אידעאַל? דאָ האָבן מיר דעם גרעסטן אוצר־רעזערוו. איידער מע טשעפּעט זיך צו אונדזערע גוטע יונגעלייַט, דאַרף מען זייַן אַליין אויסגעהאַלטן, און ניט פֿירן זיך ווי דער וואָס פּריידיקט אַנטי־אַלקאָהאָליזם און איז אַליין שיכּור ווי לוט. ייִדיש? טאַקע ווונדערשיין. אָבער ניט די שפּראַך איז אַלץ. וווּ איז תּוך? וווּ איז אינהאַלט, רבותי?

~❀~

— „אַלץ וואָס כ׳לייען פֿליסט דורך מייַן געמיט ווי אַ טייַך וואָס לויפֿט פֿאַרביי אַ פֿעלד, אַ גאָרטן צי אַ וואַלד. עס פֿליסט פֿאַרביי ניט־לאָזנדיק קיין זכר פֿונעם שטראָם. די כוואַליעס זענען אַלע מאָל נייַע".

– אַ טעות, חבֿרו! דאַכט זיך טאַקע: טייַך פֿליסט גלייַכגילטיק פֿאַרביי. אָבער זע דאָך ווי אַלץ גרינט, בליט, זינגט מיט טויזנט נעסטן. וואַלד, פֿעלד, גאָרטן אָנגעטרונקען רוישן, צוויטשערן, טרילן, זשומען אַ דאַנק. דו לייענסט דאַכט זיך גלייַכגילטיק, אָבער ניט ווילנדיק לערנסטו עפּעס. עמיץ, דאַכט זיך הערריאָ, האָט געזאָגט: „קולטור איז דאָס, וואָס בלייַבט ווען מע האָט אַלץ פֿאַרגעסן".

~❀~

מרה־שחורה, אומעטיקע מעטאַפֿיזיק. מיט דעם זענען פֿול אַלע ייִדישע פּאָעמעס, אָדער ווי מע רופֿט זיי שלעכט אָן, לידער. ס׳וואָלט געווען כּדאַי עמיצער זאָל מאַכן אַ סטאַטיסטישע רשימה פֿון די אינהאַלטן וואָס אונדזערע פּאָעטן באַהאַנדלען. אמת: אַ סך מעטאַפֿיזיק, אַנגסט און סורעאַליסטישע צעקראָכנקייט איז אויך פֿאַראַן ביי אַנדערע פֿעלקערס פּאָעטן, אָבער ביי אונדז איז עס גאָר שאַרף און סימפּטאָמאַטיש פֿאַר אַ קרענקלעכן נשמה־צושטאַנד, פּאַטאָלאָגיזם און פּסיכאָפּאַטיע. שוין ניט רעדנדיק פֿון דעם, אַז דער אינטעלעקטואַליזם איז פֿאַר הייַנטיקע

פּאָעטן דער סימן פֿון אַריסטאָקראַטיע. מע בענקט, מע דענקט, מע קרענקט און מע שענקט אונדז אַ מין פּאָעטישע טונקעלע פּאָווידלע פֿאַר אונדזער טעגלעך ברויט, אַז עס גלוסט זיך גאָרנישט דערפֿון צו געניסן. שוין בעסער אַ טרוקן רעפּטל.

ביי אַ סך פּאָעטן אונדזערע זענען פֿאַראַן אמתע פּערל. אָבער זיי האָבן ניט דאָס, וואָס האַלט זיי צוזאַמען אָדער צונויף. בכן קומט אַרויס אַ פּערל דאָ, אַ פּערל דאָרט, אָבער ניטאָ קיין פּערלשנור פֿאַר אונדזער בת-מלכּה, די ייִדישע פּאָעזיע.

בכלל זענען ניט געווען און זענען ניטאָ קיין סך מאַנישעס ביי אונדז, קיין סך איציק מאַנגערס אויך ניט. אַ ביסל מאַני-לייב, אַ ביסל סוצקעווער, אַ ביסל האַלפּערן, אַ ביסל גלאַטשטיין, און נאָך אַנדערע. אַ שאָד. דאָס דריקט זיך אויס ווי אין דער אַבסטראַקטער מאָלעריי: די פֿוילקייט צו צייכענען, מאָלן, אַרבעטן איבער אַ בילד, מאַניפֿעסטירט זיך אויך אין דער ליטעראַטור בכלל און אין דער פּאָעזיע בפֿרט. מע סורעאַליזמעוועט, מע לאָזט נאָכלעסיק קומען ווי ס'קומט, און מע באַרעכטיקט די פֿוילע אומגעלומפּערטקייט מיט די איזמען און אַנדערע טערמינאָ-לאָגיעס, אָבער ס'איז אָן גילטיקן ווערט. ס'איז עפּעס ווי געשטויסן וואַסער, אָדער געמאָלן ווינט.

~❁~

ווי עפּעס אַ געהיים זומער-פֿלאַטערל וואָס לייגט זיין אייעלע אויף דער בלום, אויפֿן צוויט פֿון בליִענדיקן בוים, און די פֿרוכט מוז אויסהאָדעווען די לישקע, נערן עס מיט איר לעבנס-סובסטאַנץ, און קען נאָר פּטור ווערן דערפֿון ווען ס'פֿליט אַוועק ווי אַ ניי זומער-פֿלאַטערל, אַזוי קלאַפּט אויס עפּעס אַ געהיימער גייסט זיין מחשבֿה און לייגט זי אינעם פּאָעטס דמיון. מיט זיין לעבנס-סובסטאַנץ נערט ער און היט עס, ביז עס ווערט דערפֿון אַ פּאָעמע וואָס שוועבט אַוועק ערגעץ אין דער אייביקייט פֿון אומבאַגרייפֿטעווירקלעכקייטן.

אָבער יעדע פּאָעמע נעמט מיט עפּעס פון פּאָעטס לעבן. סוף כּל סוף פאַרשווינדט זײַן עקזיסטענץ אין שאַפן פּאָעמעס, גײַסטיקע פּאַראַזיטן פאַר אומשולדיקע נשמות.

~❀~

א תּפילה פון גאָט צו מענטש:

ווי פּיטאַגאָר די מוזיק פון ספערן — וויל נאָר און וועסט הערן מײַן געבעט וואָס טרוימט און בענקט נאָך דער ליבשאַפט צו זײַן מוזיניקל, דעם מענטש.

מע האָט דיר געשאָנקען אַלץ וואָס אַ גאָט קען געבן דעם מענטש, אַ קעניג זײַן בן-מלך, דעם פּרינץ פון באַשאַף. נעמסט אַרום אינעם דמיון אַלע קאָסמאָסן און אייביקייטן; קענסט טרוימען אַ יענע-זײַט פון אַלץ; האָסט אַ מעגלעכקייט צו אַנאַליזירן מײַן אייגענע געטלעכע סובסטאַנץ, מיט אַלע מײַנע אַטריבוטן. האָסט די שליטה איבערן פּלאַנעט און אַפילו זונסיסטעם: קענסט ניצן די זון-ענערגיע און לאַנדן אויף אירע ווײַטסטע סאַטעליטן. קענסט ענדערן דעם אויסזען פון דער ערד, און באַצווינגען ים, ווינט און אַלע ענערגיעס דיר צו דינען. קענסט באַשטימען וועלכע מינים פלאַנצן און באַשעפענישן זאָלן זיך מערן און וועלכע אומקומען, פאַרשווינדן. קענסט מיך זוכן און געפינען דורך מיסטיציזמען צי מאַטעמאַטישע עקוואַציעס. קענסט זיך באַהעפטן מיט מיר אין עקסטאַז- און נירוואַנאַ-זוכענישן צי פּאַסיווע קאָנטעמפּלאַציעס. קענסט זײַן פּאָעט און קינסטלער, מוזיקער און טענצער, מײַסטער צי אייביק לערן-ייִנגל. קענסט אַלץ באַגרײַפן און לערנען, פון אַלץ דענקען. און אויב דו ווילסט זײַן אומשטערבלער, פיזיש און גײַסטיק — האָב איך דיר געגעבן אַ גן-עדן מיט אַלץ וואָס דערין און דערויף לטובֿת דײַן כּי-טובֿ, פאַר דײַן גײַסט און פאַר דײַן גוף. דו קענסט די פרייד פון שיר-השירים-ליבשאַפט, און קענסט בײַקומען איובֿ-פּײַן אויסהאַלטנדיק יעדן נסיון. קענסט שמייכלען פון דײַנע קוהלתן און חוזקן פון די פּעסימיסטן און עפּיקורועער.

כ׳האָב אַלץ געלאָזט אין דײַן רשות, און פאַרלאַנגט פון דיר נאָר

איינס: פֿאַרקריפּל ניט דײַן גוף, ניט דײַן נשמה. בלײַב שיין און גוט, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר מײַנס אַ באַליבט קינד. און דו? שלאַנגענרייד דיר זענען ליב; הבל־מאָרד איז דיר נאַטירלעך. צעשטערסט אויסטערליש־משוגע דײַן לעבן, ווי אַלץ אַרום דיר. אַנטלויפֿסט פֿון ערדישן גאָרטן און פֿילסט תּענוג אין דאַנטישע גיהנומס. שלעכטס, מיאוסקייט, אומרעכט, פֿוילקייט, אַראָגאַנץ און אַלץ וואָס קען נאָר שטערן די קאָסמישע האַרמאָניע געפֿינט חן אין דײַנע אויגן, פֿאַנגט דײַן באַגער, כּישופֿט דײַן ווילן.

מענטש, ליב קינד מײַנס, האָב רחמנות אויף מיר, דײַן גאָט! ווי אַ מוטער וואָס לײַדט זעענדיק ווי איר באַליבט קינד לויפֿט צום עשאַפֿאָט, לײַד איך זעענדיק דײַן אויסטערלישע פֿירונג. דער נאָמען מענטש ווערט אויסגעחוזקט פֿון מינדסטן אַמיב. דו לאָזסט צעפֿרעסן, ווי ס׳פֿרעסט זשאַווער אײַזן, די פּרעכטיקע פֿאָרמען דײַנע, דעם שיינעם גוף, די שיינע נשמה.

גאָט, דײַן גאָט טוט תּפֿילה צו דיר! עס טרערן די אויגן; אָט זע: כּ׳קני פֿאַר דיר. צעשטער ניט דאָס שענסטע פֿון מײַן באַשאַף! זאָל ניט פֿאַריתומט ווערן מײַן וועלט מיט דײַן אומקום. אָט לויפֿסטו מיט ווילדן אימפּעט באַרג־אַראָפּ; אָט באַלד און – דער תּהום וואָס שלינגט דיך אײַן.

כ׳וויים: איך, גאָט, קען דיר אויפֿצווינגען דערלייזונג. אָבער עס באַליידיקט מיך דיר, מענטש, אויפֿצוצווינגען עפּעס. האָב איך דען דיר ניט געגעבן דעם פֿרײַען אויסוואַל? ווי גוט איז דעם פֿאָטער ווען זײַן זון מײַדט חטאָים, ניט צוליב מורא פֿאַר שטראָף, נאָר ווײַל ער וויל אַזוי אַליין.

פֿאַרשאַף פֿרייד דײַן גאָט, מענטש, ליב קינד מײַנס! ווער צוריק דאָס, וואָס דו ביסט באַשטימט צו זײַן: מײַן יורש אפֿשר; יעדנפֿאַלס – מײַן טרייסט. אָמן סלה!

~❀~

זאָל זײַן װאָרשײַנלער אַז, װען גאָט האָט אָנגעפֿאַנגען זײַן קאָסמישן מעשה־בראשית, זאָל ער האָבן געהאַט אין זינען רום, ריווח, אַקאַדעמישע פּרײַזן, אָוואַציעס, יובילעומס, לאָרבערקרענץ, סוקצעס בײַ פֿרויען, אַן אויבנאָן אין אַ פּאַנטעאָן, אַ גאָלדענעם מעדאַל צי סתּם קאָמפּלימענטן?

זיכער ניט! גאָט האָט ניט געשאַפֿן קיין װעלט אויף אַ בינע צי אַן אַרענע, אַרומגערינגלט מיט אַ געטער־פּובליקום פֿון עסטעטן, עקספּערטן און קריטיקער, מעשה ספּעקטאַקל. װי אַ מײַסטער האָט ער געשאַפֿן די װעלט צוליב שאַפֿונגס־דראַנג און צוליבן תּענוג־הבריאה, װאָס איז אַן אימאַנענטע אײגנשאַפֿט פֿון יעדן מײַסטער אין יעדער שאַפֿונג. מע קען עס פֿעסטשטעלן. ביזן הײַנטיקן טאָג איז יעדע שאַפֿונג גורם תּענוג, װאָס מ׳איז מסוגל פֿיזיש צי פּסיכיש צו פֿילן: ענטוזיאַזם, עקסטאַז, אָרגאַזם, ליבשאַפֿט צום געשאַפֿענעם. דאָס איז זיכער עפּעס פֿונעם תּענוג װאָס גאָט האָט אַװדאי געפֿילט און פֿילט װאָרשײַנלער תּמיד בײַ זײַן אײביקן מעשה־בראשית, און פֿון װעלכן אַן עכאָ פֿילט זיך אויך אין יעדן מײַסטערישן שאַפֿן פֿון עפּעס דורך אַ מענטש. יעדע שאַפֿונג איז אַ מיט באַהעפֿטונג מיט אַן אומבאַגרײַפֿטער גײַסטיקייט, און איז באַגלײט מיט פֿיזישער און פּסיכישער פֿרייד.

פֿאַר װאָס־זשע, מײַסטער מענטש, דאַרפֿסטו האָבן די אַפּלאָדירערס, כּדי דײַן קינסטלערישע סאַטיספֿאַקציע זאָל זײַן פֿולקום? דאַרפֿסט האָבן דיפּלאָמען, עפּאָלעטן, לענטעס, קרוינען? ס׳איז לעכערלעך און קלײנקעפּלדיק; ס׳איז אַ חילול־הקונסט, װי אַ חילול־הגײַסט. װען דו, קינסטלער, פּאָעט, מוזיקער, טענצער, סקולפּטאָר, מאָלער, אַרכיטעקט צי סתּם האַנטװערקער װאָלטסט געװוען אַלײן, אויף אַן אינדזל, װאָלטסטו דען ניט געשאַפֿן פּאָעמעס, געזונגען צי געשפּילט, געטאַנצט, געשניצט, געצײכנט, געבויט צי געמײַסטרעװעט װאָס נאָר אונטער די הענט, סתּם לשם שאַפֿונגס־תּענוג? באַלײדיקט מען דען ניט, דערנידעריקט מען ניט דעם עצם־באַגריף קינסטלער, מײַסטער, װירטואָז צי געניטער קענער מיטן זוכן די גאַלעריע־ספּעקטאַקלען, די מאַטעריעלע

קאָמפּענסאַציעס צי די היעראַרכיע-שליפּעס פאַר דעם געשאַפענעם ווערק?

זײַ פרײַ, אומאָפּהענגיק, ניט אונטערגעוואָרפן קיינעמס אימפּעראַטיוון און קריטעריעס, און שאַף, אויב דער שאַפונגס-דראַנג צווינגט דיך עס צו טון, קודם פאַר זיך אַליין. זײַ דײַן גרעסטער קריטיקער, און געפין דײַן אייגענע סאַטיספאַקציע באַטראַכטנדיק דײַן ווערק. ס'איבעריקע איז נאָר ליטעראַטור, סנאָביזם און סאָרדידע אינטערעסן, פּאָליטיק. דער וואָרער קינסטלער טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פונעם מעשה-בראשית-תּענוג, וואָס נאָר אַ גאָט קען פילן. און וועלכער מײַסטער-ווירטואָז טראָגט ניט אין זיך עפּעס אַ ניצוץ פון דער דאָזיקער געטלעכקייט?

~❁~

— פרוון מיט אַ וועגדקע כאַפּן אַ וואַלפיש, מיט אַ קינדער-לאָפּעטקעלע איבערטראָגן אַ הימאַלאַיאַ-באַרג, און פאַר וואָס ניט – מיט אַ לעפל אויסשעפּן אַן אָקעאַן? וויפל לײַט נעמען זיך ניט פלײַסיק אונטער אַזוינס צו טון, און פּטרן זייער עקזיסטענץ פאַרביטערט ווײַל זיי איז דאָס ניט געלונגען?

– נו, און דו, חכם מײַנער, אַרן,‐ביסטו דען ניט איינער פון די דאָזיקע דאָן-קיכאָטן, מיט דײַן מנחם-מענדליזם?

– אוי, גוטער ברודער, ביסט אפשר גערעכט! וואָס גייען אָן מיר מענטש און וועלט? הלמאי נאָך אַנאַנד געפּאַטשקעט פּאַפּיר? ניט גענוג שוין אָנגעזאַמלט שרײַבעכץ? נו, טאַקע גערעכט. און ליידער וועט מיט דעם, וואָס איך זאָג דאָ, זײַן מיט אַ פּאַפּירל מער.

~❁~

לויט די וויסנשאַפטלער, ווען מע מוז גלייבן און מע מוז האָבן צוטרוי צו זיי –אַ ברירה האָט מען?– ווערט אונדזער פּלאַנעט כסדר און נאָך אַנאַנד באָמבאַרדירט פון דער זון מיט פאַרשיידענע גוטע און געפערלעכע שטראַלונגען, וואָס, פאַרשטייט

זיך, כ׳קען אַפֿילו ניט אויסרעכענען: רויטע, פֿיאָלעטע, לאַנגע, קורצע... אַ נס וואָס מיר זענען געשיצט מיט פּאַנצערן פֿון ספֿערעס!

פֿאַראַן אָבער אַזעלכע וואָס קומען ניט דירעקט, נאָר אָפּגעשטראַלט נאָך אַ וויזיט אויף דער לבֿנה, וואָס שיקט זיי אונדז צוריק בײַ נאַכט, און אפֿשר תּמיד, כאָטש שווער צו זען ווען די זון פֿאַרפֿלייצט אַלץ מיט איר מבול ליכטיקייט. מע קען זײַן זיכער, אַז די לבֿנה באַשטייט סײַ פֿון עלעמענטן ווי אונדזער פּלאַנעט, וואָס זענען אַנדערש ווײַל זיי געפֿינען זיך אין אַנדערע אומשטאַנדן ווי אין ערדישע ספֿערעס, און אפֿשר נאָך אַנדערע, אומבאַקאַנטע. ווער קען זאָגן אַז די זון-שטראַלונגען ווערן ניט באַאײַנפֿלוסט פֿונעם קאָנטאַקט מיט דער לבֿנה, און ברענגען נײַע אייגנשאַפֿטן וואָס בײַ טאָג האָבן זיי נישט, זענען אַנדערש מאַגנעטיזירט און ווירקן, מיט צענדליקער אויף- און אָפּ-גוסן אויף אָקעאַנען, און מאַניפֿעסטירן זיך בײַ נאַכט אפֿשר גאָר אַנדערש. ספּעצן קענען געפֿינען דעם אופֿן פֿעסטצושטעלן דעם פֿענאָמען, זײַנע סיבות און רעזולטאַטן, וואָס זענען מסוגל צו ווירקן סײַ פֿיזיש, סײַ פּסיכיש.

ס׳איז דאָך אינטערעסאַנט צו וויסן: פֿאַר וואָס פֿאַרגעסן לײַט, אַז אויב די לבֿנה ווירקט אויפֿן ים, ממילא מוז זי ווירקן אויף יעדן טראָפּן וואַסער, און — וועלכע באַשעפֿעניש באַשטייט ניט פֿון אַ מאַקסימום וואַסער? ערשט פֿאַר וואָס בלויז אויף וואַסער און ניט אויך אויף אַנדערע עלעמענטן? חוץ דעם, פֿאַר וואָס זאָל ניט זײַן אַזוי מיט אַלע אַנדערע שטראַלונגען וואָס ס׳אויג זעט און זעט ניט, זייער געמיש פֿון מוטועלע קאָנטאַקטן, עכאָס, ווײַכונגען נאָענטע און ווײַטע, און אַלע דימענסיעס, קאַטאַסטראָפֿעס, גראַוויטאַציעס, אַטראַקציעס און ווער ווייסט צי אויך אַנדערע פֿענאָמענען, מיט זייערע השפּעות און באַשטראַלונגען? די אַסטראָלאָגן זענען זיכער מיט עפּעס גערעכט. שווער צו פֿאַרשטיין, אינטערפּרעטירן צי קאָמענטירן דעם דאָזיקן שטראַלן-פּלאָנטער. אַפֿילו פֿאַר די אַסטראָפֿיזיקער מיט די אײַנשטיינישע אַקסיאָמען וועגן די עלעקטראָ-מאַגנעטישע אָפּווײַכונגען אין שײַכות מיט מאַסע-רעלאַטיוויטעט — דאָס מוז

זיכער האָבן אַן איינפלוס, אַ ווירקונג ניט נאָר אויף די דימענסיעס פון פלאַנעטן צי זונען, נאָר אויף דעם מינדסטן אַטאָם. אין דער פראַקטיק ווייס איך אויף זיכער, ווייל כ'האָב עס פעסטגעשטעלט: אין מיין גאָרטן פלאַנצט מען ניט קיין בלומען אין געוויסע פעריאָדן פון חודש, און אויב יאָ – וואַקסן זיי אין איבערגעטריבענער הייך, אָן צו געבן די באַגערטע בלומען. בכן, פאַרקריפלטע.

איך פיל לבנה-שיין מיט אומרו. פּאָעטן, סאָלאָווייען און פאַרליבטע פילן עס אפשר אויך, ווי אַ צושטאַנד וואָס מע רופט ראָמאַנטיזם, און וואָס ווירקט מיט הערץ-שמערץ-בענקשאַפטן אויף צאַרטע נשמות. איך פיל אויך, אָן שום צווייפל, פיזיש און פסיכיש, די ענדערונגען פון וועטערן, פון סעזאָנען, און אפשר אין שייכות מיט די פּאָזיציעס פון די קאָנסטעלאַציעס. כ'קען ניט זאָגן עפּעס וואָס קען זיין אַלגעמיינס, נאָר וועגן מיר בין איך אַבסאָלוט זיכער, אַז כ'בין ניט דער זעלבער אין קיין שום הינזיכטן, אין יעדער צייט, און אפילו אויך בשעת אַ ווייטער רייזע. פסיכיש בכלל פיל איך זיך ניט נאָר ווי אין אַ דרויסנדיקן קאָנטאַקט מיטן קאָסמישן אַלץ, נאָר באַשיימפערלער ווי כ'וואָלט געווען עפּעס דערין, ווי כ'וואָלט געווען ניט נאָר אַ באַווירקטער, נאָר אַ ווירקער אויף עפּעס אין מיר אָדער אַרום מיר.

ווי מע קען זען, קום איך מיט מיינע פיזישע און מעטאַפיזישע אַרגומענטן עפּעס דערקלערן, וואָס כ'קען אַליין בשום אופן ניט פאַרשטיין.

~❁~

די מענטשהייט, מישטיינס געזאָגט, מיטן האָמאָ-סאַפּיענזים, ווערט וואָס אַ מאָל ערגער, וואָס אַ מאָל מיאוסער, אַלץ מער מעטאַסטאַזיש גאַנגרענירט, אַלץ מער פאַר-דור-הפלגהט, און דאָס מאַניפעסטירט אין אַלע אַספּעקטן פון אירע קאָנצעפּטן, פון אירע מעשים און מחשבות, אָבער ערגער ווי ביי וועלף, היענעס, שטשורעס, אַפילו ווי ביי מיקראָבן וואָרשיינלער, צי ווירוסן. ווייל די

אַלע מינים מאָרדן זיך ניט צווישן אייגענע, אָבער אַזוי איז עס ניט בײַ די ציוויליזירטע לײַט. ערגער נאָך: מע פּרעסט זיך זעלבסט, מען עגאָפּאָביעט; ס'איז ווי משוגעים וואָס גריזשען זיך די אייגענע הענט.

רעליגיעזע, וועלטלעכע, קאַפּיטאַליזם, כּלומרשטער סאָציאַליזם – אומעטום פֿאַנאַטיזם מיטן נוסח אינקוויזיציעס, פֿאַשיזמען, היטלעריזמען, סטאַליניזמען, כאָמייניזמען. די קאַניבאַלישע אַפּעטיטן פֿון די מאַכטהאָבערס שטײַגן נאָך אַנאַנד. וואַמפּיריזם, פּיִאַוקיזם, שלאַנגיזם און סתּם מאָרד-אַמביציעס צו טון שלעכטס צוליב גאָרנישט. פֿאָביעס, מאָרד-קאָמפּלעקסן, פּאַראַנאָיעס – דאָס זענען זייערע אידעאַלן.

דער קאַפּיטאַליזם – אַלץ מער קאָנצענטרירט, אַלץ מער עקספּלואַטירט לײַט; פֿאַרגינט ניט אַפֿילו די שיריים פֿון די טראָסטן און פֿינאַנציעלע אונטערנעמונגען. מיט בערזע-קאָמבינאַציעס נאַרט מען אויס די עטלעכע גראָשנס וואָס נאַיִווע לײַט מיינען אַז זיי האָבן עס אָפּגעשפּאָרט, און מע שווינדלט זיי אויס קודם מיט פֿיקטיוון הייבן די פּרײַזן און פֿאַלשע בילאַנסן. לויפֿן די לעקישעוואַטע גולמס כאַפּן אַקציעס, וואָס מע וואַרפֿט זיי צו ווי מע וואַרפֿט דעם הונט אַ מאָגערן ביין. דערנאָך פּראָוואָצירט מען אַ קריזיס, און די זעלבע לעקישן אײַלן זיך צו פֿאַרקויפֿן די זעלבע שמאָכטעס בחצי-חינם, וואָס יענע קויפֿן אָפּ הינטן-אַרום, אַזוי אַז זיי באַקומען צוריק זייערע אַקציעס, חוץ די מערווערט וואָס באַשטייט פֿון די פּאָר אָרעמע גראָשנס.

די רעליגיעזע ווערן וואָס אַ מאָל מער פֿאַנאַטישער. דער סאָוויעטיזם גאַנגרענירט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און די אַנדערע פֿונעם נאַיִון, פּערווערזן אָדער סתּם לעקישעוואַטן עולם-גולם, מאַניפּולירט פֿון אינטערעסן און אַמביציעס מיט אַ פֿראַזעאָלאָגיש פֿײַערווערק וועגן פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם אד״גל – מאַרשירן, מאַרשירן, מאַרשירן, מיט אַ שאַגאָם! מאַרש!, צי גאַלאָפּירן צום פֿאַטאַלן אָפּגרונט: די צוקונפֿטיקע אַטאָם-קאַטאַסטראָפֿע.

די יוגנט? מע פֿאַרטשמעליעט זיי מיט דראָגן, מיט קסענאָפֿאָביע, מיט פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניסטישע ספּאָרט־פֿאַרמעסטונגען, פּערוועזע אידעאָלאָגיעס, מאָדעס, מעגאַלאָמאַניעס, קאָמפּעטיציעס, נײַע קונסטן, נעאָ־פֿילאָזאָפֿיעס און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ פֿיזישע און פּסיכישע אַנעסטעזיעס, קאָמפּלעקסן און סתּם משוגעתן.

און בײַ אונדז ייִדן? אויך ס'אייגענע! דער ציוניסטישער אידעאַל מיט חלוצים איז געוואָרן אַ יורדיזם, פֿאַנאַטיזם, ספֿרדיזם, אַשכּנזיזם, סאַברע־שאָוויניזם און פּראָגרעס מיט סעקטע־יודאַיִזם. האַלב אַסימילירט, פּאָלאָווינע עוואַנגעליזירט, אָן שום שײַכות מיטן אַמאָליקן עם־ישראל, געאייניקט טראָץ פֿאַרשיידענע טענדענצן און אידעאָלאָגיעס. וווּ ביסטו, טײַערע וואַרשע, ווילנע און ביזן מינדסטן שטעטל, מיט זייערע שטיבלעך צי קולטור־פֿאַראייגען.

אוי, וויי איז צו זען ווי עפּעס אַן אומבאַגרײַפֿטער ווירוס, אַ מין שליח פֿון אַשמדאי, צעשטערט אַלץ האַסטיקער דעם מענטשן־מין פֿון אַלער ראַסן און קלאַסן, און דערנענטערט די טאָטאַלע ירידה פֿונעם כּלומרשטן האָמאָ־סאַפּיענס. ניטאָ אַפֿילו קיין האָפֿענונג אַז דער מענטש זאָל, צוריק פֿאַרמאַלפּעוועט, אַרויף אויף אַ בוים: וועלדער קומען אום ווי לײַט. אין גיכן וועט ניט בלײַבן קיין זכר אַפֿילו פֿון די אַמאַזאָנישע וועלדער, לונגען פֿון פּלאַנעט, ווײַל דער חכם מענטש באַגייט ניט נאָר אייגענעם זעלבסטמאָרד, נאָר ער צעשטערט אויך אַלץ אַרום זיך, דאָס וואָס ער רופֿט „עקאָלאָגיע".

וווּ איז גאָט, צי ווי איר ווילט אים אָנרופֿן? ס'מוז דאָך זײַן אַ שׂכל אינעם באַשאַף. זאָל אַן אוניווערס זײַן כּולו אידיאָטישע אַנאַרכיעס? די זון גייט דאָך תּמיד אויף אין דער זעלבער זײַט! לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן און פּראַגמאַטישע אָנווענדונגען ווײַזן דאָך אַז ס'זענען פֿאַראַן געזעצן, אַ ס'גילט מאַטעמאַטישע לאָגיק, אַז ס'זענען פֿאַראַן סעזאָנען, באַשטימטער דויער, מעגלעכקייט פֿון דעם אַלעמען צו קענען טראַכטן. בכן מוז דאָך זײַן עמיצער צי עפּעס וואָס געוועלטיקט. פֿאַר וואָס קען זיך

מאַניפֿעסטירן אַזאַ מין קאַנסער־אַנאַרכיע, אַזאַ מין סידאַ־בירוואַניזם? זאָל טאָטאַלער אומקום אָן ווידערשטאַנד זײַן דער גורל פֿון אַזאַ ריזיק ווערק ווי דער באַשאַף? פֿון וועלכע סידאַס לײַדן די מײַסטערס פֿון מעשה־בראשית? ווו איז דער כּי־טובֿ? זאָל דער אוניווערס זײַן משוגע? ווײ איז אונדז, צו מוזן טראַכטן דערפֿון!

≈※≈

געהערט אַ ביסל? נאָר געמעקעט: „מאָרד!" „רציחה!". ביט צו פֿאַרשטיין די נאַרישע באַשעפֿענישן: די ציגן מיט די שעפֿעלער. נאָר באַקלאָגט זיך, נאָר רעוואָלטירט! אַנשטאָט דאַנקבאַרקייט: געוועזן ביז איצטער אַ לעקישעוואַטע שאָף, נו, וועסטו איצט זײַן עפּעס אין אַ שטאַרקן וואָלף! איז עמיצן אַזאַ מין לוין באַשערט — / כּ׳לעבן, איז עס אַ ביס, צי אַ ביסל בלוט דאָרט אין אַ וווּנד אויך ווערט! צו ווערן עפּעס שטאַרקערס, בעסערס, שענערס — מוז מען פֿאַרטראָגן פּײַן!

אַזוי אויך מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. פֿאַרסמט מיט מאַרקסיזם קעגן דעם מערווערט־קאָמפּלעקס! געוויס איז פֿאַראַן מערווערט, און דער פֿאַבריקאַנט נעמט עס צו. נו, קומט אים ניט אַ דאַנק? אַנשטאָט שפּאָרן גראָשנס אין אַ קניפּל, אָן שום אינטערעס — ווערט עס עפּעס צוגעאייגנט צו אַ קאַפּיטאַל, אַ באַנק, אַ טראַסט מיט גאָלדענע אותיות אויף אַ שיינער שילד און אַ נאָמען אויף בערזעס. אַנשטאָט דאַנקען פֿאַר דער דאָזיקער זכיה, איז נאָר געשטרײַקט, זיך רעוואָלטירט, געשאָלטן די „בלוטזייגערס", די וואַמפּירן. ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט!

די אַלע וואָס קומען רייצן מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, קלאַסן־קאַמף און נאָר אַזעלכע שאַלעמויזן, זעגען ווערט דעם שטעקן, און עפּעס מער נאָר!

≈※≈

דער מענטש איז נאָך אַלץ אַ מאַלפּע. אַ מאַלפּע וואָס איז אַרויף אַ ביסל העכער אויפֿן בוים, אָבער אַפֿילו גרייכנדיק כּמעט דעם שפּיץ פֿון סעקוואָיאַס צי באַאָבאַבן, בלײַבט ער נאָך אַלץ מאַלפּע, טראָץ זײַן ערעקטוס-מאָרפֿאָלאָגיע, מיט זײַנע שימפּאַנזע-רעליגיעס און אוראַנג-אוטאַנג-פֿילאָזאָפֿיעס, וויסנ-שאַפֿטן, לאָגיק, מאָראַל און אַפֿילו עסטעטיק. אפֿשר טליִעט עפּעס אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן פֿון אַ באַגער תּמיד צו שטײַגן העכער, אַלץ העכער, העכער... אָבער צו קענען גרייכן סטעלאַרע הייכן און זען וואָס ס׳טוט זיך אין די הימלען, מיטן קענען זיך מישן אין מעשי-בראשיתן, מוז מען האָבן פֿליגל, ווערן אַ מלאך. ס׳איז נאָך ווײַט פֿון דער דאָזיקער מדרגה.

פֿאַרקערט, די זומפּן, די קויטיקע ערד רופֿט, ציט אינסטינקטיוו דאָס אַל-חיהשע אַרונטער, אַרונטער. בפֿרט אַז ס׳זענען דאָ אין דער נידער אַזעלכע עוואָלויִרטע שימפּאַנזעס, גאָרילעס, באַבויִנען וואָס פּרוּוון אונטערהאַקן דיביימער, און ס׳וועט אין גיכן ניט זײַן מער קיין אופֿן צו שטײַגן. די פֿיקטיווע זיסע פּירות וואָס רײַפֿן כּלומרשט תּמיד אויבן, אויפֿן סאַמע שפּיץ, וועלן בלײַבן ווײַטער אילוזאָריש, און דאָס וועט זײַן אַ סוף פֿון ציוויליזאַציע פֿאַרן האָמאָ-סימיענסן. ניט פֿאַרגלײַכן האָמאָ-סימיענסן מיטן האָמאָ-סאַפּיענסן. ער וועט ווערן צוריק אַ קריכנדיקע באַשעפֿעניש, אַן אָבעזיאַנע אין מאָסקווע און אַ מאַנקי אין ניו-יאָרק, און צווישן – פֿאַרשיידענע היברידן: אַזוי די, וואָס מע רופֿט גויִים, ווי די, וואָס זיי רעדן זיך אײַן אַז זיי זענען ייִדן.

~❁~

גוט טוט לעווענבערג מיטן דערמאָנען, אַז צווישן די באַפֿרײַערס פֿונעם סאַמאָדערזשאַווגעם צאַריזם פֿאַרן רוסישן פֿאָלק זענען געווען אַ סך ייִדן. אָבער אַלע כּמעט האָבן געלײַקנט זייער ייִדישע אידענטיטעט. מאַרק באַטאַנסאָן, זונדעלעוויטש, ביז טראָצקין און קאַמעניעוון, ראַדעק, סוויערדלאָוו, אַקסעלראָד,

מאַרטאָוו, זינאָוויעוו און אַנדערע וואָס איך קען ניט געדענקען.

אַזוי איז אויך געשען אין אַלע לענדער מיט סאָציאַליסטן פֿון ייִדישן שטאַם. מיר זעט עס אויס ווי למשל שיינע ייִדישע פֿרויען וואָלטן געפֿירט זיך קורטיזאַנטיש מיט גוייִשע שמײַסערס. פּאַרדאָן, שיינע אידעאַליסטן, פֿאַר מײַן חוצפּהדיקן פֿאַרגלײַך מיט אַזאַ אויסגעלאַסענעם עפּיטעט.

לייקענען אייגענע אייגנאַרטיקייט איז עפּעס אַן אויסטערלישע פּאַטאָלאָגיע. וואָסי? ניטאָ עפּעס אַזוינס וואָס זאָל באַרעכטיקן אַן אָריגינעל ייִדיש פֿאָלק? האָט זיך ייִדישקייט מיט עפּעס צו שעמען? אַדרבא! דאַכט זיך: קיין שום פֿאָלק האָט ניט אַזוי פֿיל אויפֿגעטון לטובֿת דער מענטשהייט אין אַלע הינזיכטן, ווי ס׳ייִדישע. און טאַקע ס׳ייִדישע איז זיכער עטיש און מאָראַליש מער ווי דער העלעניזם צי בראַהמאַניזם, אָדער עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט כינע, עגיפּטן, פּערסיע.

איבעריקנס – אַלע פֿעלקער זענען וויכטיק, מיט זייער אייגנאַרטיקייט, ווי אַלע פֿלאַנצן זענען וויכטיק אין אַ גאָרטן, אַ סאָד, אַ וואַלד צי אויף אַ פֿעלד: אַ פּאַלמע ווי אַ סאָסנע, אַ רויז ווי אַ זאַנג, אַ ציבעלע און רעטעך ווי ווײַנטרויבן און באַנאַנעס. ווייץ איז גוט, שענקט מעל צו מאַכן זעמל און קרעפּלעך; עפּל זענען שיין, גוט רויט צי אין קאָמפּאָט. און מיט כריין זענען געפֿילטע פֿיש אַ מחיה. ווער לאָזט ניט עמיצן זײַן אַ טאָטאַל פֿולקומער מענטש, געהערן צו אַ נאַציע, און גלײַכצײַטיק זײַן אַ גוטער ייִד, צי אַ גוטער טערק, צי אַ גוטער כינעזער? צי ליב האָבן שאַך אָדער לעקער מיט בראָנפֿן, שפּילן אין פֿוטבאָל, זינגען אָדער טאַנצן. אַדרבא!

קיין שום אויפֿריכטיקער, ערלעכער מענטש קען ניט לייקענען דעם צושטײַער פֿון ייִדן אין אַלע הינזיכטן, אין אַלע אַספּעקטן פֿון מענטשלעכע טווּנגען און שאַפֿונגען בכלל, און בפֿרט ווען ס׳גייט אין מאָראַלישע ווערטן, ספּיריטועלע, פֿילאָזאָפֿישע צי

קונסט-דערגרייכונגען. פֿאַר וואָס מוז מען זײַן אַ קאָמופּלירטער ייִד, אַ רענעגאַט צום אייגענעם שטאַם, פֿאַרלייקענען טאַטע-מאַמע און אייגענעם ווערט צי ייִחוס? אוי, לעקישעוואַטע חכמים וואָס זענען מקנא די גויִשע ביס-פֿאַרגינערס! שאַף וואָס חנפֿענען זיך צו די וועלף! פּרויד, דאַכט זיך, האָט זיך געטשעפּעט צו משה רבינו; ער האָט זיך געדאַרפֿט לייגן אויפֿן פּסיכאָאַנאַליטישן בעטל און על-חטאווען קעגן אַ שפּיגל.

אַ מאָל זענען געווען אַן אַנטיגאָנוס, דער מלך פֿון ישראל, וואָס האָט קאָקעטירט מיט העלעניזם, ווי אויך פֿלאַוויוס; שבתאי-צבֿי וואָס האָט זיך פֿאַראיסלאַמעוועט. כ'קען ביט אַלע רענעגאַטן וואָס האָבן טאָטאַל צי אַ ביסל געשאַרט זיך צו פֿרעמדע: הײַנע, מאַקס זשאַקאָב, סימאָן וויל (ביט די מיניסטאַרשע!), די מענדעלסאָנס-דינאַסטיע... מילא, אַ קאָלומבוס, אַ מאָנטעין ווי אַ טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס האָבן געמוזט צי זענען געווען באַאײַנפֿלוסט, אפֿשר גוטווייליק צי קאַריעריסטיש, מיט... מיט... מיט... מיט...

נאָר געבוגן! כ'קום צוריק צום אָנהייב: שיינע ייִדישע פֿרויען, קריכט ניט אין פֿרעמדע בעטן, שלעפּט זיך ביט אויף טראָטוארן מיט ווינקען צו פֿרעמדע און לייקענען אײַער אייגענע שיינקייט. איר קענט זײַן פֿײַנע דאַמעס און גלײַכצײַטיק געפֿינען דעם אויבנאָן אין גויִשע סאַלאָנען ווי אין ייִדישע היימען.

~❀~

אוי, וויי, ווּ זענען זיי, די אַמאָליקע שפּיגלען, ווּ איך זאָל ווידער קענען זען אַ פּנים, שמייכלענדיק, מיט אַ טשופּרינע; ביט ווי הײַנט! ביט צו פֿאַרשטיין די הײַנטיקע שפּיגל-מאַכערס. קוק הײַנט, קוק מאָרגן – צורות זעט מען נאָר אומעטיקע, מיט זאָרגן. פּליכן, קנייטשן, און אָרום – אַזוי פֿיל שלעכטס צי מיאוסקייט!

~❀~

פרײַהייט, שמיַיהייט... שפינאָזע, קאַנט, רוסאָ, טאָלסטאָי, בערגסאָן, שאָפּענהויער... אַזוי פּיל פֿאַרקריפּלטע אָנווענדונגען פֿון פּראָבלעם פֿרײַהייט! פֿריַי צו קענען מאָרדן, רויבן, שווינדלען און נאַרן. אַ פֿרײַער מענטש איז דער, וואָס קען טון אַלץ לויט אייגענעם באַגער און ניט לויט אַ פֿרעמדנס ווילן, פֿריַי פֿון זײַן דרעסירט, אויפֿגעצווונגען אָדער אַליין זיך אונטערגעגעבן...

אָבער דאָס אַלץ איז דיאַלעקטישע טעאָריע, ווײַל פּרינציפּיעל איז אין דער נאַטור ניט פֿאַראַן קיין אַבסאָלוטע פֿרײַהייט. אײַנשטיינס גילט מיט מאַסע- און ענערגיע-רעלאַטיוויטעט. אַלץ איז געפּאַנגען אין אָרביטן, קרײַזן, ווירטועלע און אַבסטראַקטע. מע קען זאָגן אַז מיטן אײַנרעדן זיך אַז מע קען זײַן פֿרײַ, איז מען שוין פֿאַרשקלאַפּט בײַ עפּעס אַן אידייע אַפֿילו. ס'רובֿ איז עס נאָר אַן אידעאָלאָגיע. וואָלט עס כאָטש געווען אַ גוטע, גילטיקע, שיינע, לטובֿת ליבשאַפֿט, טאָלעראַנץ...

איידער מאַניפּולירט מען מיט דער סעמאַנטיק פֿון ווערב לויט ס'רובֿ פּערזענלעכע אַמביציעס. דאָס געשעט ניט נאָר מיט פֿרײַהייט, נאָר מיט לאָגיק. וויפֿל לאָגיקן זענען דען ניט פֿאַראַן בײַ דעם האָמאָ-סאַפּיענס?

~~*~~

דאָקטאָר, פּראָפֿעסאָר, גאון, רבֿ, רבי, דיכטער, דענקער, קעניג, פּרינץ, פֿירשט, באַראָן, גראַף, פּאָעט... דער שענסטער, בעסטער און גרעסטער עפּיטעט וואָס מ'איז מסוגל צו האָבן, איז דער נאָמען מענטש: ערלעכער, באַוווסטזיניקער מענטש. אַז מע קען נאָר האָבן די זכיה צו זײַן ייִד דערצו, איז זיכער נאָך בעסער. אָבער מענטש הייסט ניט: צווייפֿיסיקע באַשעפֿעניש, האָמאָ ערעקטוס, האָמאָ סאַפּיענס צי עפּעס ענלעכס; ייִד מיינט ניט דאָס לייגן תּפֿילין, קוועטשן בענק אין ישיבֿות, טאַנצן מיט דער תּורה און על-חטאָוען יום-כּיפּור.

ייִד מוז קודם זײַן אַ באַוווסטזיניקער, ערלעכער, גוטער מענטש, ווײַזנדיק אַ בײַשפּיל מיט אייגענער עקזיסטענץ. זײַן דאָס, וואָס אַן

אומבאַגרײַפֿטע געטלעכקייט באַגערט וואָרשײַנלעך, וואָס ווערט פֿאַרלאַנגט פֿון עפּעס צי עמיצן מיט זײַן עקזיסטענץ אויפֿן פּלאַנעט. פֿולקום, ערלעך, גוט, סײַ לגבי זיך זעלבסט ווי צו זײַנס גלײַכן, צום באַשאַף און צו דעם וואָס געוועלטיקט, וואָס פֿאַרלאַנגט אַלץ זאָל זײַן מיט אַ כּי־טובֿ.

~❁~

אַ מענטש וואָס האָט ניט אינסטינקטיוו דעם חוש פֿאַר עסטעטיק, האַרמאָניע אין אַלע הינזיכטן, איז פּסיכיש קראַנק, אָדער אַ וואָרע קאַליקע. חוץ דעם מענטש וואָס איז ליידער פֿאַרקריפּלט, איז אַבסאָלוט אַלץ אין באַשאַף האַרמאָניש שיין פֿאָרמירט, געצירט מיט אָריגינעלע קאָלירן, ניואַנסן, פֿון מינדסטן ווירוס, צי אפֿשר אַטאָם, ביז ווער ווייסט וועלכע דימענסיעס. ווער ווייסט צי די כּלומרשטע כאַאָסן זענען ניט אפֿשר צוזאַמען אַ סטרוקטור, אָדער עפּעס וואָס זוכט אַספּעקטן.

ליידער איז דער כּלומרשט ציוויליזירטער מענטש פֿיזיש און פּסיכיש פֿאַרקריפּלט, און ס׳רובֿ פֿון עולם־גולם האָט בכלל ניט קיין אַנונג פֿון עפּעס חנעוודיקס, גראַציעזס. ערשט די פּראָפֿעסיאָנעלע עסטעטן נוסח אַ מפֿונק ווי אַ פּיקאַסאָ, סאַלוואַדאָר דאַלי צי אַלע דאַדאַס, צאַראַס און סתּם משוגעתן — איז דאָס ניט אַ באַווײַז, אַז מ׳איז ניט מיט אַלעמען?

~❁~

ריזיקע דערקענטעניש און פֿילאָזאָפֿישע באַגרײַף־פֿעיִקייטן, און וואָרשײַנלעך נאָך אַנדערע ענערגיעס און פּסיכישע מעגלעכקייטן זענען פֿאַראַן אימאַנענט אינעם מענטש. דאָס איז זיכער נוגע נישט נאָר אין פֿיזישן, נאָר אויך אין פּסיכישן זין. מע קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן וואָס אַ באַוווסטזיניקער מענטש איז מסוגל צו דערקענען, פֿאַרשטיין, באַגרײַפֿן, אויפֿצוטון מיט זײַן ווילן און מיט זײַן אונטערבאַוווסטזײַן, מיט זײַנע אינסטינקטן — טראָץ זײַן ווילן.

מע דאַרף ניט קיין שום פּאַראַפּסיכאָלאָגיע צי מעטאַפּיזיק דאָס צו באַווײַזן. ס'איז נאָר אַ פּראַגע פֿון קאָנצענטרירטן באַגער. דער יאָגאַ-סיסטעם איז אַ באַווײַז דערצו. יעדער ווייסט ניט דער מענטש דעם אוצר וואָס ליגט אין אים פֿאַרבאָרגן. אין דער הינזיכט דאַרף מען תּמיד אַ סאָקראַטעס, וואָס זאָל מיט זײַן מאַיעטיק אַרויסברענגען די דאָזיקע כּוחות. דאָס איז די ענערגיע וואָס ליגט אין מינדסטן אַטאָם. אומגעהײַערע שפּאַנונגען האַלטן אַלץ צוזאַמען אין אַ געוויסן גלײַכגעוויכט. ניט נאָר אוראַניום, פּלוטאָניום צי נאָך ווי זיי הייסן דאָרט קענען אויפֿרײַסן מיט געוואַלטיקער האַסט. אַ מענטש איז צי מוז זײַן אַ קאָנדענסירטע פּיזישע און פּסיכישע באָמבע, וואָס קען מאַכן אַ חורבן, אָדער גאָר באַהערשן זײַן ענערגיע פֿאַר גוטע אַקציעס.

דער צלם-אלוהים איז ניט נאָר אַ פּראַגע פֿון מאָרפֿאָלאָגיעס, אַנטאָלאָגיעס צי טאָפּאָלאָגיעס, ווי ס'איז הײַנט די מאָדע צו זאָגן, נאָר אויך אַ מאָדעל פֿון אימאַנענטע מעגלעכקייטן, אַטריבוטן פֿון גאָט צי געטער, צי ווער ווייסט ווי מע קען עס אָנרופֿן מיט פֿאַרשיידענע טערמינאָלאָגיעס, רעליגיעזע צי וויסנשאַפֿטלעכע.

≈❁≈

אסימילאַציע איז דאָס דריבגען פֿון אונדזערע צווײַגן אויף יענער זײַט פּלויט. מיט אונדזער צווייט און מיט אונדזערע פּירות באַשיינען זיי צי רײַסן אין פֿרעמדע גערטנער. גויִים וואָלטן אונדז געדאַרפֿט דאַנקען דערפֿאַר, אָבער לײדער, לײדער...

וואָלט ניט געוועזן גלײַכער צו טראַכטן וועגן אונדזערע אייגענע גערטנער און סעדער? אָבער גיי ווייס דעם סוד פֿון סדר-עולם.

≈❁≈

כאַאָס און לעבן – צוויי אַנטינאָמיעס. לעבן איז אַ פּריאָרי אַנטי-כאַאָס. לעבן איז אָרגאַניזאַציע, סיסטעם, פּראָגראַם; אָרדענונג און האַרמאָניע אין אַלע מעגלעכע פֿאָרמען, הינזיכטן און באַגריפֿן. כאַאָס איז אַנאַרכיע, אַ פּריאָרי נעגאַטיוו אין

אַבסאָלוט אַלע אומשטאַנדן. כאַאָס איז אַפּילו ניט טויט. טויט איז אַ צושטאַנד פֿון לעבן, אַ פֿאַזע פֿון פֿאַרוואַנדלונג.

לעבן – סינאָנים פֿון פֿרייד, מנוחה, גליק, באַוווּסטזיניק זײַן און ווערן, מוז זיך אויסדריקן אין אַ באַשטימטער פֿילאָזאָפֿיש־באַגרינדעטער שטייגער־טעאָריע, אין אַ מאַטעריעלער און גײַסטיקער אָרדענונג, און ס׳טאָר ניט זײַן באַרעכטיקט מיט דער בלויזער עקזיסטענץ, ווײַל ס׳מוזן זײַן קריטעריעס פֿון רעכט, מאָראַל, פֿון סאָציאַלן יושר; עס מוזן זײַן מאָסן און רעמען, עס מוז זײַן גרענעצן פֿאַר יחידישע און סאָציאַלע קאָנטראָלן. עס קען ניט געמאָלט זײַן אַבסאָלוטע פֿרײַהייט. עס מוזן זײַן פֿליכטן. עס מוז זײַן געזעץ און עטיק.

דער מינדסטער אַטאָם איז אָרגאַניזירט. דאָס מינדסטע קעמערל אין אַ קרישטאָל, אין אַ געוויקס צי באַשעפֿעניש איז האַרמאָניש געבויט, מיט אַ פּראָגראַם פֿאָרויס באַשטימט, מיט גאַמעסן, גרענעץ, כראָמאַזאָמען צי אַנדערש, מיט אַן אייגנאַרטיקייט, אַ ספּעציפֿישקייט, אַ ספּעציאַליזאַציע, אַ צוזאַמען־עקזיסטענץ אין אַלגעמיינעם סימביאָז, אין געמיינזאַמען אָסמאָז, דאָ אַקטיוו, דאָ פּאַסיוו, אַפּילו אין בלויזן קאַטאַליז. אַלץ איז באַשטימט דורך קאָסמישע געזעצן, מיט גראַוויטאַציע, מאַגנעטיזמען צי ווייס איך וואָס פֿאַר אַ ענערגיעס וואָס ווירקן, האַלטן אײַן און האַלטן אויף די דינאַמישע שפּאַנונג, און דערלאָזן ניט קיין טאָטאַלע קאָסמישע קאַטאַסטראָפֿעס. דער קאָסמישער זייגער רעגולירט אונדזער פּשוטן זייגער און טאָג און נאַכט, סעזאָנען, ציקלען און ווער ווייסט וועלכע נאָך סיסטעמען, וואָס מע קען עס פֿאַרשטעלן און אויספּרוּוון לאַבאָראַטאָריש. דאָס אַלץ איז גילטיק אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן, און מוז דינען ווי אַ בײַשפּיל, זײַן אַנערקענט ווי אַ געזעץ פֿאַר יעדער מענטשלעכער מחשבֿה, פֿאַר יעדער טוּונג.

באַוווּסטזיניק, אָריגינעל, דיסציפּלינירט, מיט אַ באַשטימטן סדר, מיט אַ לאָגישער, אויפֿריכטיקער, ערלעכער פֿירונג, מוז זײַן דעם מענטשס יחידיש און סאָציאַל לעבן. ער טאָר ניט פֿאַרנאַכלעסיקן זײַנע פֿליכטן; ער טאָר ניט טאָלערירן ניט קיין אַפּאַטיע, ניט קיין

גלײַכגילטיקייט, ניט קיין כאָאָס, ניט קיין אַנאַרכיע. ניט אָפּהיטן די דאָזיקע אימפּעראַטיוון הייסט אַבדיקירן פֿונעם מין מענטש, הייסט פֿאַרשוועכן דעם באַגריף לעבן.

נאָר אַזוי פֿאַרשטאַנען איז לעבן ווערט געלעבט צו ווערן. איבעריקנס – אַנדערש איז עס ניט קיין לעבן, נאָר אַ מאַרטירער-עקזיסטענץ, אַ קאָשמאַר מיט אַנגסטן, צווייפֿל, פּײַן.

זאָל לעבן דאָס פֿרידלעכע, באַוווּסטזיניקע זײַן פֿון פֿרייד און פּאָעטישע האַרמאָניע! מיט ערלעכן, גוטן ווילן קען מען דאָס לײַכט דערגרייכן, און לעבן קען זײַן אַן אוניווערסאַלער יום-טובֿ.

~❀~

וואָס הייסט: זיצן יום-ולילה און לערנען תּורה? וואָס איז תּורה? לעבנס-שטייגער, פֿירן זיך לויט באַשטימטע עטישע כּללים, ניט זינדיקן מיט קיין שלעכטע מעשׂים און מיאוסע מחשבֿות. וואָס וואָלט מען געטראַכט ווען עמיץ זיצט יום-ולילה און לערנט דעם קרימינעלן, ציווילן צי אַנדערע קאָדעקסן. איין מאָל דורכגעלייענט און באַגרײַפֿט: דאָס איז גוט צי שלעכט – פֿאַרטיק מיטן לערנען! וויכטיק איז ניט דאָס לערנען דעם קרימינעלן קאָדעקס; וויכטיק איז ניט מאָרדן, ניט גנבֿענען, ניט שווינדלען, ניט גלוסטן יענעמס האָב-און-גוטס, זײַן ערלעך און אויפֿריכטיק. זיצן יום-ולילה און לערנען? ס׳איז אַ קאָמפּלעקס, אַ מאַניע, אַ פּאַטאָלאָגישע דערשײַנונג. ניט יעדער וועט דאַרף זײַן אַ ריכטער אין אַ טריבונאַל, אָדער אַן אַדוואָקאַט צי אַ פּראָקוראָר! דאָס איז אויך גילטיק פֿאַר די פֿילאָזאָפֿן מיט זייערע דאָקטרינעס און טעאָריעס. אוי, עפּעס איז ניט קלאָר מיט דײַן שׂכל-הישר, מענטש!

~❀~

טאַקע גוט און וויל און פֿײַן דאָס תּפֿילה טון, בעטן מחילה, זײַן אַ בעל-תּשובֿה. ס׳איז אָבער לײַכטער און געזונטער ניט צו זינדיקן. צו וואָס בויען אַזוי פֿיל געבעטס-הײַזער, און אויפֿהאַלטן אַזוי פֿיל פּראָפֿעסיאָנעלע גאָטס-סטראַפּטשעס, וואָס זאָלן העלפֿן

פֿאַרמיטלען פֿאַרן רבונו-של-עולם ער זאָל מוחל זײַן. פּראָפּילאַקציע איז תּמיד בעסער ווי טעראַפּיע. אַזוי מײַדט מען אינדיווידועלע קרענק און סאָציאַלע מגיפֿות. ווען מע וואָלט אַוועקגעלייגט אַזוי פֿיל צײַט און מי און געלט צו פֿאַרהיטן זיך איידער מע זינדיקט, וואָלט עס געווען עקאָנאָמישער, און דאָס גיהנום וואָלט ניט געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַזוי פֿיל רשעים!

~❀~

טרעפֿסט אַ מאָל אַ ווערק, פּאָעזיע אָדער פּראָזע: טיטאַניש, גרויס, מיט מעכטיקן פֿאַרנעם. ווערטער, רייד, מחשבֿות – סקאַלעס פֿון גראַניט, פֿעלדזן מירמלשטיין, קופּעס גאָלד, מעטאַלן, אַלץ אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפֿן. פֿילסט אַ מײַסטערשאַפֿט דאָ, עפּעס קאָלאָסאַלס, גיגאַנטישס: אַ שלאָס, אַ פּאַלאַץ, אַ טעמפּל, אַ בית-המיקדש. דו שטייסט, האָרכסט מיט אָפּשײַ, פֿאַרכטיקייט און וווּנדער-שטוינונג: אַזאַ מין רחבֿות! אַזעלכע פּלענער זאָלן קענען ווערן רעאַליזירט! טאַקע עפּעס אַ ריזן-ראַפּסאָדיע, קאָסמיש.

און דערבײַ טראַכט זיך: טאַקע, טאַקע אומגעהײַער גרויס און פּרעכטיק. אָבער איך, פּשוטער מענטש, אַ פּראָסט הײַזל אין אַ שטיל גערטנדל, אַ פּראָסטער ניגון-מאָטיוו פֿון אַ פֿײַפֿל, אַ לידל מיט איינפֿאַכע רייד וואָס זינגט פֿון היימישע עמאָציעס – און איך בין דיר מוחל אַלע טיטאַנישע אָדיסייעס, און מיר איז ליבער אַן „אונטערן קינדס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע" אָדער אַן „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל"...

~❀~

סוף כּל סוף וועל איך האָבן אָפּגעלעבט מײַן חלק דויער מער אין אַ מעטאַפֿיזישער בלויז געאַנטער ווירקלעכקייט ווי אין דער בולטער רעאַליטעט. חלום, דמיון, אילוזיע, ליטעראַטור... זיכער צוויי דריטל פֿון מײַן עקזיסטענץ זענען פֿאַרבײַ מיט זיי, אין זיי. ווער-זשע קען קומען באַווײַזן אַז נאָר ראַציאָנעלע

ווירקלעכקייט איז גילטיק? שוין ניט רעדנדיק דערפון, אַז ס'לעצטע דריטל פון מײַן לעבן איז זיכער געווען באַאײַנפלוסט ס'רובֿ פון די אַנדערע צוויי טיילן, פון מײַן פאַנטאַסטישער עקזיסטענץ.

ס'לעבן איז ניט קיין חלום; קען זײַן אַז טרוים איז לעבן; ערשט, וואָס טראַכטן פון די לײַט וואָס קענען דרינגען נאָך אין אַנדערע ווירקלעכקייטן צו וועלכע זיי נעמען די שליסלען בײַ דראָגן און מיסטיציזמען? און די וואָס לעבן אָפּ זייער דויער אין פרעמדע אַוואַנטורעס, מיטן פאַרנעמען זיך מיט פרעמדע איבערלעבענישן, פרעמדע עקזיסטענצן? ווי אַזוי קען מען דאָס דערקלערן?

~❀~

לאָמיר בעמען ווי אַ משל אַ קעמערל אין מענטשלעכן גוף. עס לעבט זײַן אייגנאַרטיקע קעמערל-עקזיסטענץ און דערבײַ לעבט עס אַ ספּעציפיש אייגענע עקזיסטענץ. אַנדערש געזאָגט: דער אַטאָם אין מאָלעקולן, וואָס לעבט זײַן אַטאָמיש זײַן, אָבער לעבט עס אין אַ קעמערל וואָס עקזיסטירט אין אַן אבֿר, אַ דריז. יעדער איינער פון זיי דויערט אויף זײַן שטייגער אין אַ גוף, וואָס לעבט ערשט אין זײַן פאָלק, אין דער בי:אָספערע, אינעם פלאַנעט, אין דעם זונסיסטעם, אין דער גאַלאַקציע, און אַזוי ביז, ביז, ביז...

אַלץ עקזיסטירט אין זײַן ספּעציפישער פאָרעם, אויף זײַן אופן. פאַר וואָס זאָל מען זיך ניט פאָרשטעלן אַז אַ מענטש, וואָס זעט אויס פאַר אונדז אַן ענדגילטיק ווערק, זאָל ניט זײַן מער ווי אַן עפּעס אין אַ גרעסערער סטרוקטור. מע קען זיך לײַכט פאָרשטעלן אַז אַלע פאַזן, אַלע פאָרמען, אַלע אַספּעקטן, האָבן גלײַכצײַטיק זייער אייגענע ספּעציפישע עקזיסטענץ, און זענען דערבײַ אַ פראַגמענט, באַטייליקט אינעם בשותּפותדיקן ווײַטערדיקן זײַן פון עפּעס גרעסערס.

אויב מע קען דאָס פעסטשטעלן ביַזן מענטש, פאַר וואָס זאָל מען זיך ניט משער זײַן אַז עס קען אַזוי אָנגיין ווײַטער און ווײַטער, ביז מע ווייס אַליין ניט ווי גרויסע דימענסיעס?

בכן, זענען מיר אָפּהענגיק פֿון העכערע, גרעסערע אינסטאַנצן, העכערע און גרעסערע ענטיטעטן, עלעמענטן וואָס באַשליסן לויט אפֿשר אַלגעמיינע, העכערע אינטערעסן, וואָס ס'זאָל זײַן צי ניט זײַן. מיר באַשטימען וועגן גורל פֿון אונדזער קעמערל, און קענען טון באַרישקייטן, באַגיין זעלבסטמאָרד. ממילא קען אפֿשר אַזוינס געשען אין אַנדערע מדרגות. אַזוי אַרום קען מען ניט באַטראַכטן רוים, צײַט, ספֿערעס ווי פּאַסיווע עפּעסן, מיט וועלכע מע קען טון וואָס אונדז גלוסט זיך. אונדזערע אַסטראָנאָטן ווערן אפֿשר געדופֿן פֿונעם קאָסמאָס. די צײַט באַשטימט אפֿשר וואָס מיר זאָלן טון, וואָס מיר זאָלן זײַן און ווערן. דעטערמיניזם? פֿינאַליזם?... ווער ווייסט?

דער אוניווערס איז זיכער ניט הפֿקר, און מיר זענען זיכער ניט די הויפּט-באַשטימערס. מיר האָבן אונדזער אויטאָנאָמיע, אָבער מיט אַ גרענעץ. שפּאַצירן דען ניט אַרום די אַטאָמען אין אונדז, מענטשן, מיליאַרדנווײַז, אָבער זיי זענען געצוימט דורך אונדזער פֿיזישער, פּסיכישער און אפֿשר אַנדערע סטרוקטורן.

וואָס קען געשען אַז אַ גאַלאַקציע באַשטימט צו באַגיין זעלבסטמאָרד? וואָלט ניט געווען גלײַכער ווען מע זאָל בכלל ניט טראַכטן פֿון די אַלע פּראָבלעמען? און וואָס-זשע טון? נעמען אין אַכט די מיני-עקזיסטענצן פֿון אַטאָמען, מאָלעקולן צי אַנדערע באַשטאַנדטיילן אין אונדז, אָדער טון עפּעס ווי דער מענטש וואָס האָט זײַנע אייגענע אינטערעסן, אָבער איז אַ מיני-עפּעסל אין אַ סטרוקטור וואָס ער קען אַפֿילו ניט באַגרײַפֿן?

~❁~

כ'ווייס ניט צי מיט פֿרוידס פּסיכאָאַנאַליטישער טעראַפּעטיק איז געלונגען אויסצוהיילן נעוראָטישע קאָמפּלעקסן אָדער אַנדערע פּסיכאָזן, אָבער כ'בין זיכער אַז ער האָט געשאַפֿן אַ נײַע חולאת, וואָס מע קען אָנרופֿן: פּסיכאָאַנאַליזיע. ס'איז אויפֿגעקומען אַ מאָדערנע קרענק וואָס האָט גרויס דערפֿאָלג אומעטום, אָבער איבערהויפּט אין צפֿון-אַמעריקע, און איז אַ זיכערע פּרנסה פֿאַר

ניט ווייניק לײַט: פּסיכאָלאָגן, פּסיכיאַטערס און נאָך אַזעלכע מאָדערנע טאַטערן, נעהאָרע-אָפּשפּרעכערס פֿון דער אַטאָמישער עפּאָכע און דיבוק-טרײַבערס פֿון דער אינטערפּלאַנעטאַרער ערע.

זוכן אַ רפֿואה פֿאַר עמיצן וואָס וויל ליגן אין דער בלאָטע און ניט זײַן קויטיק און נאַס, איז פּונקט ווי... נו, האָב איך ניט קיין משל אונטער דער האַנט. זאָל זיך יעדער אַליין אַן עצה טון.

~❀~

רעליגיע ווי אַ סאָציאַלע דיסציפּלין, אַ געזעצלעכער לעבנס-שטײַגער, אַ געזעלשאַפֿטלעכע עטיק, אַ סאָציאַלע אָרדענונג, אַ נויטווענדיקע היגיענע, מיט סאָציאַלע אימפּעראַטיוון גילטיק פֿאַר עולם-גולם; ווען ניט – איז זשאַנדאַר, תּפֿיסה, תּליון אָדער אַנאַרכיע?

איך פֿאַרשטיי בעסער רעליגיע ווי אַ יחידיש-גײַסטיקע פּראָבלעם. דערקענען דאָס אָרט און די ראָלע פֿונעם מענטש אינעם באַשאַף – דאָס קען זײַן פֿילאָזאָפֿיש באַגרינדעט. ווײַל איז דעם פֿאָלק ווען רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך; דאָס הייסט ניט אַנאַרכיע אָן שטאַט; דאָס מוז ניט זײַן אַ מין הפֿקריזם. ווײַל איז די, פֿאַר וועלכע רעליגיע לעבט בשלום מיט מאַטעמאַטיק, מיט ראַציאָנאַליזם, אָן שום מיסטיציזם. פֿאַר גאָט דאַרף מען ניט, טאָר מען ניט מורא האָבן. גאָט דאַרף זײַן אַ פֿאָטער, אַ מוטער, אַן אינטימער חבֿר פֿאַר וועמען מע קען זיך פֿאַרטרויען, אַראָפּרעדן פֿון האַרץ, און זײַן זיכער אַז מע ווערט פֿאַרשטאַנען, געהערט און געטרייסט.

~❀~

כ'ווייס ניט ווער צו וועמען האָט זיך צוגעטשעפּעט: איך צו דער ליטעראַטור אָדער די ליטעראַטור צו מיר. דער זיווג איז זיכער ניט געפּאַסט. כ'וואָלט געוואָלט גערן אַז מײַן עפּיטעט פֿון אַ פּאָעט זיך ענדיקן זאָל מיט אַ גט. אָבער די גראַפֿאָמאַניע איז אַ מין ווירוס, ווי אַ נאָזקאַטאַר: כאָטש פּשוט, אָבער ביז איצט האָט

מען ניט געפֿונען קיין אַנטיביאָטיק קעגן דעם. אַ פּסיכישער סידאַ, מייַן מחבריזם. אַ באַווייַז – אָט, אַפּילו וועגן דעם אויך עפּעס אָנגעשריבן!

~❁~

געוואַלד, מענטשן, זייַט זיך ניט מיאש! גוטע, באַוווסטזיניקע לייַט, זאָלן אייַך ניט נמאס ווערן אידעאַלן צוליבן מיסברויכן און שלעכטן אָנווענדן צי פּראָפּאַנירן אָדער פֿאַרברעכעריש אויסניצן פֿון אָפּאָרטוניסטישע קאָמענטאַטאָרן. אַלע גרויסע גייַסטיקע שאַפֿערס זענען תּמיד געווען גערעכט, און זייערע רייד זענען תּמיד גילטיק. איז עס זייער שולד אַז מאַניאַקעס, דעמאַגאָגן, מעגאַלאָמאַנען, פֿאַרקריפּלען זייער חכמה און גוטסקייט, און מאָרדן אין נאָמען פֿון ליבשאַפֿט, זענען זיך נוקם אין נאָמען פֿון פֿאַרגעבונג, שאַפֿן בלוטיקע דיקטאַטורן אין נאָמען פֿון פֿרייַהייט, און טויטן אין נאָמען פֿון לעבן? וואָס פֿאַר אַ שייַכות האָט יעזוס מיט די קריסטן, משה רבנו מיט ייִדן, בודהאַ מיט די אַזיאַטישע נאַציעס, פּונקט ווי שפּינאָזע, קאַנט צי ניטשע מיט זייערע פֿילאָזאָפֿיעס, און מאַרקס מיטן קאָמוניזם נוסח סאָוויעטן?

די אַלע וואָס מאַנעווירן מיט די אַלע גרויסע אידעאַלן זענען ניט קיין הערעטיקער. זיי זענען פּשוטע ציניש היפּאָקריטישע שווינדלערס, און זיי לעסטערן דעם נאָמען מענטש. אָבער איר, לייַט ערלעכע, פּשוטע, אויפֿריכטיקע, נעמט ניט אין אַכט זייערע מעשׂים און מחשבֿות. לאָזט אַלע קאָמענטאַטאָרן, אינטער־פּרעטאַטאָרן וואָס קומען פֿעלשן דעם וואָרן מייַן פֿון די אַלע גרויסע לייַט. געפֿינט דעם וואָרן טייַטש, דעם וואָרן מיין, און ווענדט אים אָן ערלעך און אויפֿריכטיק, און איר וועט זען אַז אַלע, אָן אויסנאַם, פֿאַרמאָגן אין זיך ריין גינגאָלד וואָס מע דאַרף באַפֿרייַען פֿון די גרודעס, פֿונעם קויט, פֿונעם שטויב ווו עס ליגט פֿאַרבאָרגן.צו פֿיל פּערוועזע לייַט האָבן אַן אינטערעס, מע זאָל ניט זען ווי אַלץ קען זייַן פּשוט, קלאָר און וואָר.

~❁~

װען איך װאָלט געװען אַ גאָט װאָלט איך זיך געשעמט און געפֿילט באַליידיקט פֿון די פֿרומע לײַט װאָס פֿאָלגן פֿאַרכטיק מיט הכנעה אַלע קרעדאָס, אַני־מאמינס, דאָגמעס און מיטאָסן. כ'װאָלט זיך געפֿילט געלעסטערט, און מיט אַזאַ מין געטלעכער אַלמעכטיקייט װאָלט איך געטון אַלץ אַז מײַנע װערק –װײַל לײַט מוזן דאָך זײַן געטלעכע װערק– זאָלן זײַן באַװוסטזיניק שטאָלץ װי געהעריק, אָן שום מורא פֿאַר זינד און גיהנומס, אָן שום באַגער פֿאַר לוין און גן־עדנס.

~❀~

װאַלד – אידעאַל פֿאַרן בוים, צי בוים – אידעאַל פֿאַרן װאַלד?

ביידע זענען גילטיק. בוים איז אַ טייל פֿון אַן ענטיטעט װאַלד, און װאַלד איז אַן אויסדריק פֿון בוים־בויטװענדיקייטן. איין בוים אין װיסטעניש איז אויסגעשטעלט אויף שטורעם־געפֿאַר, מוז אָנקומען צום װינט װאָס זאָל ברענגען דעם היפּאָטעטישן פּאָלען אים צו באַפֿרוכפּערן. צוזאַמען שטעלט מען אַנטקעגן אַ שטאַמענװאַנט קעגן הוראַגאַנען; צוזאַמען טיילט מען זיך מיט זוים און זרע. ערשט, אָן אינדיװידועלעביימער איז אויס מיט װאַלד, און װאַלד איז אַזוי בויטװענדיק אין זײַן פֿאָרם, װי בוים. פֿאַראַן עפּעס אַזױנס װאָס הייסט װאַסער, און עפּעס װאָס הייסט קװאַל, טײַך, טוי, רעגן און אָקעאַן. זענען דען ניט פֿאַראַן מיליאַרדן אַטאָמען, און הונדערטער צי טויזנטער קעמערלעך, דריזן, אבֿרים, גלידער אינעם מענטש? יעדעס איז דאָך עפּעס באַזונדערס. ערשט, אַזוי װי מע קען לײַכט דרינגען אַז יעדער עפּעס אין זײַן רעלאַטיװער פֿאָרעם איז גלײַכצײַטיק אַ פֿראַגמענט אין אַ גאַנצער זאַך, מוז יעדער מענטש זיך פֿילן װי אַ עפּעס אין זײַן פֿאָלק, אין זײַן נאַציע, אין זײַן מענטשן־מין, אין זײַן ביִאָספֿערע – און מע קען אַזוי גיין ביז װער װייסט װעלכע גרייס.

~❀~

האָט ס'וואָרט זיך רעוואָלטירט, מאָבילייזירט אַלע אותיות, נקודות, פּונקטואַציעס — אַ ווידערשטאַנד צום מענטש. סטײַטש? מיר זאָלן טראָגן דעם גאַנצן עול פֿון דער מחשבֿה, געפֿיל, רמז, זין, רוף צי געשריי, און בלײַבן פֿרעמד דעם תּוך, דעם אינהאַלט? פּאַסיוו, סטאַטיש, ווי ליים וואָס באַגרײַפֿט ניט טאָפּ צי סטאַטוע? מיר ווילן ניט זײַן קיין פֿרעמדע ציגל אין אַ געבײַדע. מיר ווילן מיטשאַפֿן דעם פּלאַן מיטן אַרכיטעקט. מיר — הויפּט-עלעמענט. אָן אונדז קען דער געדאַנק זיך ניט פֿאָרמירן, פֿאָרמולירן, מוז בלײַבן אויף דור-דורות פֿאַרהוילן, חוץ פֿאַר אימאַגענטע עסענצן וואָס זענען אויסער-באַגרײַפֿטע, לויטער פּסיכיזמען: מעטאַפֿיזיק אָן סובסטאַנץ.

אַ כּלל: דאָס וואָרט, דער ווערב האָט זיך רעוואָלטירט. ניט זײַן בלויז אַן אינסטרומענט פֿאַר סעמאַנטיק, דיאַלעקטיק, פּאָעטישע וויזיעס. דעם באַוווסטזיניקן מענטש איז דער רעוואָלט סימפּאַטיש און באַענגט. ס'דערמאָנט אים זײַן אייגענע לאַגע אינעם אוניווערס. אָבער באַלד שטעלט דער טײַוול אונטער, מיט זײַן צווייפֿל, אַ ציגנפֿיסל דער אַבסטראַקציע: רעוואָלט? קעגן וועמען? וואָס ווערט פֿאַרלאַנגט? אָפּפֿרעגן איז ניט גענוג. אַהער מיט פּראַגמאַטישע אויספֿירונגען! וואָרט: האָסט אַ פּראָגראַם?

בלײַבט ס'וואָרט געפּלעפּט, נשתּומם און אומבאַהאָלפֿן. ניטאָ קיין שום מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. אַלץ איז כּולו פּלפּול, אָן ממשות. ווערטער זענען אַזוי אַבסטראַקט, אַז פֿאַר „גאָרנישט" האָבן זיי אויך אַ נאָמען. ווי בויט מען עפּעס מיט אַזעלכע עלעמענטן?

איז אפֿשר טאַקע אַזוי מיטן מענטש אינעם אוניווערס? אפֿשר איז ער בלויז עפּעס אַ ווערב פֿאַר עמיצן, וואָס ער קען אים אַפֿילו ניט באַגרײַפֿן?

≈❀≈

דער פֿאַרגלײַך פֿונעם אידעאַליזם פֿון דער אַמאָליקער יוגנט מיט דער גלײַכגילטיקער צעקראָכנקייט, דעם גײַסטיקן ביטניקיזם אָדער דער כוליגאַניש-גאַנגסטעריסטישער וועלט-

אַנשויונג פֿון די הײַנטצײַטיקע יע-יע-ביקעס, שוואַרצע-בלוזעניקעס צי סתם היפּיס – ווי אומעטיק! אַ שאָד, אַ שאָד.

אַ מאָל האָט מען געוווּסט פֿאַר וואָס מע לעבט און פֿאַר וואָס מ'איז גרייט צו שטאַרבן. אָבער הײַנט? עולם-הזהניקעס, ציניזם און ווילערישע ווולגאַריטעט, לאַנגע האָר און קורצער שׂכל. דאָס האָבן די עלטערן זיי אָפּגענאַרט, געפֿעלשט אַלע שיינע אידעאַלן, אויסגעחוזקט אַלע פֿילאָזאָפֿיעס, אמונות, טעאָלאָגיעס, אַראָפּגעוואָרפֿן אַלע מאַסקעס – און די מענטשהייט האָט זיך אַנטפּלעקט אַזוי פּרעך, געמיין, היסטעריש-ווילד, אַכזריותדיק, עגאָיִסטיש, סאַדיסטיש-שלעכט...

פֿון וועמען זאָל זיך די יוגנט בעמען אַ משל? פֿון היטלערן, פֿון סטאַלינען, פֿון פֿראַנקאָן צי זייערס גלײַכן? פֿון די אַלע וואָס אינדיווידועל און קאָלעקטיוו האָבן צוגעהאָלפֿן סײַ זייער קומען, סײַ זייער זײַן ווירטועל אַקטיוו, צי דורך גלײַכגילטיקייט?

זע די פֿאַרשטונקענע ציוויליזאַציעס! די פֿאַרעיפּושטע פּסיידאָ-קולטור האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט ווי אַן אומגליק, אַ מגיפֿה, פֿאַרפּעסטיקט דעם גאַנצן פּלאַנעט, צעשטערט די באַטירלעכקייט פֿונעם מענטש סײַ פֿיזיש, סײַ פּסיכיש, אויף אַלע קאָנטינענטן, בײַ אַלע פֿעלקער. שלעכטס, ציניזם, מיאוסקייט און אַראָגאַנץ. די גאַנצע וועלט איז געוואָרן איין גרויס משוגעים-הויז אין רעוואָלט, און ווי איז צו אַ רעוואָלט פֿון משוגעים!

פֿון וועמען בעמען אַ משל, אַ בײַשפּיל? פֿון וואָס? אַנטלויפֿן נעבער די קינדער אין מאַריכואַנאַס, ל.ס.ד. צי אַנדערע דראָגן, פֿאַרטומלען מיט היסטעריע און שיסערײַען, מיט שונד און שאַנד. זיי זענען טרויעריק, אַנטוישט; זיי שלאָגן זיך פֿאַרביטערט קעגן אַלץ און אַלעמען און זוכן הילף: אַ וואָרט, אַן עצה, אַ וועג אַרויסצוקריכן פֿון דער פֿאַרשטונקענער זומפּ.

ווּ ביסטו, גאָט, מײַסטער פֿון באַשאַף? פֿאַר וואָס לאָזן אונטערגיין אַזאַ שיינע וועלט? פֿאַר וואָס מוז אומקומען אַזאַ שיינע יוגנט? אָבער גאָט מסתּמא איז אַנטוישט, פֿאַרבאָרגן אין זיינע טיפֿע הויכע ספֿערישע הימלען און ברוגז צום באַשאַף. וויי וועט זײַן צו

אונדז אַלעמען ווען ער וועט אַ טראַכט טון, דערוואַכן, ווערן אין כּעס און פּרוּוון דעזינפּעקטירן דאָס געמויזעכץ! ווער קען דאָס הימלישע ד.ד.ט וואָס וועט רייניקן די וועלט פֿון די האָמאָ-סאַפּיענס-אינזעקטן, די ווירוסן פֿון שלעכטס, די מיקראָבן פֿון מיאוסקייט, די באַקטעריעס פֿון געמיינקייט?

גאָטעניו, האָב רחמנות אויף דײַנע יונגע קינדער נעבעך! ווער ווייסט צי קאָסמאָפּאַגן טשאַטעווען שוין ניט אויף אונדזער פּלאַנעט, ווי סיטאָפּאַגן און מיקראָבן וואָס קומען פֿאַרסמען דאָס געזונטע בלוט אין אַן אָרגאַניזם!

~❀~

מענטשן אָדער אידייען? מענטשן, אָדער אידעאַלן? מענטשן, אָדער מענטשהייט?

ווי לאַנג אַ פּלאַטאָן, שפּינאָזע אָדער איַינשטיין, בודאַ, קאָנפֿוציוס, דוד צי שלמה-המלך, צי דער רמב״ם — וועלן חתמענען זייערע ווערק מיט זייער נאָמען, ווען זייערע רייד ניט זײַן לויטער ריין. ווו איז משה רבנוס קבֿר? ווו זענען די כּתבֿ-ידן, די אָריגינאַלן פֿון די נבֿיאים, פֿון יעזוסן, פֿון נאָך אַזוי פֿיל מיטאָלאָגישע חכמים?

זייערע אידעאַלן זענען וויכטיק. זיי שטופּן זיך ניט פֿאָרויס, זענען ניט קיין פֿאָנטרעגערס, זיצן ניט אויבן-אָן. זייערע אידייען, זייערע אידעאַלן, זענען ווי אַן עמוד-אש. אָבער אָן אַ שילד, אָן אַ פֿאָן, אָן אַ פּערזענלעכער צוטשעפּעניש. גאָטס ווערק, די וועלט, איז אַנאָנים.

קינסטלער, חכמים, האַלט זיך ניט פֿאַר וויכטיקער פֿון גאָט. כּבֿודו מלא עולם — דאָס איז געבוט, כאָטש אַנאָנים.

נאָר ס׳ווערק איז וויכטיק, בשום אופֿן ניט דער מחבר, דער קינסטלער. אַ קינסטלער אָן ווערק עקזיסטירט ניט פֿאַר אונדז; אַ ווערק אָן דעם מחבר — תּמיד יאָ.

~❀~

אַז איך, מענטש, וועל שטאַרבן, וועל איך מיטנעמען מיט זיך אַ גאַנצע וועלט, מיט אַזוי פֿיל לײַט וואָס לעבן אין מיר. אַ שאָד דאָס אַלץ זאָל אומקומען! און אפֿשר איז עס בלויז באַגאַזש צו אַ ווײַטער רײַזע, צו אַן ערגעץ וואָס איז ניט דווקא הוילע גאָרניט?

≈❁≈

פֿאָרויס, יוגנט, פֿאָרויס! וווהין, צו וואָס, פֿאַר וואָס? מיר ווייסן ניט דערווײַל, אָבער פֿאָרויס דאָך, פֿאָרויס, מיט יונגן אימפּעט, מיט יונגן ווילן, מיט יונגער מאַכט, איבער אַלע צוימען, אַלע שטערונגען. ניט געהאַמעוועט די יונגע כּוחות, ניט סקלעראָזירט די יונגע גלידער, ניט געגליווערט ס׳יונגע הייסע בלוט. פֿאָרויס, יוגנט, פֿאָרויס! ניט פֿוילן, געגנעצן צווישן ווענט. אַלטס שימלט, שטיקט און שטינקט. פֿאָרויס, יוגנט! צעברעכט, צעשטערט אַלע תּפֿיסה-ווענט פֿון טראַדיציאָנעלע אמתן. וואָס וואַרט דאָרט אויף יענער זײַט? דאָס וועט מען שוין זען שפּעטער. דערווײַל — פֿאָרויס, נאָר אין באַוועגונג דריקט זיך אויס לעבן, און איר מוזט לעבן!

פּעקין, וואַרשע, פּראָג, מאַדריד, קאַהיר, מאָסקווע, פּאַריז, ניו-יאָרק! ווײַסע, שוואַרצע, געלע, רויטע — אַלע ראַסן! פֿאָרויס, יוגנט! יונגע, נײַע געטער רופֿן: פֿאָרויס! וועלטן וואַרטן אויף אײַך!

≈❁≈

לאָזט ניט דעם מײַסטער-אַרכיטעקט שלעפּן ציגל, נאָר צייכענען פּלענער. מיט דימענט צי געשליפֿענע בריליאַנטן שאַרט מען ניט קיין מיסט, נאָר מע מײַסטערט צירונג.

≈❁≈

אַלץ גייט תּמיד פֿאָרויס, קרײַזט אין אַטאָמען ווי אין קאָסמאָסן. דאָ אין אַן אַפּאָגיי צי היפּאָגיי פֿון עפּעס צי עמיצן. ווײַזט אויס, אַזוי אויך בערגסאָניש מיט לײַט. אָבער אַלץ,

באַוווסטזיניק צי ניט — תּמיד פֿאַרויס, מיטן באַגער צו אַ זעניט. טייל גייען מיט געזאַנג, צי האָבן צו טון מיט אַ ווידערשטאַנד און אַ געראַנגל מיט דעם וואָס שטערט עפּעס. טייל — געשטופּט, געשטויסן אַ מאָל, מיט אַ קאָפּע אין הינטן פֿאַר די וואָס בלײַבן כּסדר הינטערשטעליק. טייל — מיטגעשלעפּט מיט דער מאַסע, אָן אייגענעם ווילן. אָבער אַלץ און אַלע — תּמיד און אומעטום נאָר פֿאָרויס, פֿאָרויס כּסדר. וווּהין? גערופֿן, געטריבן. ווייסט עפּעס אַ סאַטעליט-פּלאַנעט, אַ געפֿאַנגענער אין זײַן אָרביט אַרום דער זון, דעם ציל פֿון זײַן קרײַזן?

~~~

דאָס באַוווסטזײַן, דאָס וויסן אַז מע לעבט; דאָס באַגרײַפֿן אַז כ׳בין, אַז כ׳פֿיל, אַז כ׳דענק, אַז כ׳קען דאָס זאָגן, פֿאַרשרײַבן, טראַכטן וועגן דעם אין וואָס פֿאַר אַן אומשטאַנדן און באַדינגונגען ס׳זאָל ניט זײַן — איז שוין אַ גליק. דער קלימאַקס פֿונעם פֿענאָמען זײַן מיט עקזיסטענציעלע תּענוגים און קרעאַטיווע עקסטאַזן — דאָס איז דער קלימאַקס אינעם פּערמאַנענטן מעשׂה-בראשית פֿון באַשאַף.

מיטן וויסן, אַז כ׳שטאַרב, באַזיג איך אַפֿילו דעם טויט, ווײַל מײַן צוואה קען בלײַבן נאָך מײַן אומקום ווער ווייסט אין וויפֿל געמיטער, דמיונות, אַפֿילו געשריבן אויף אַ פּאַפּיר, צי געקריצט אויף אַ שטיין.

~~~

סטרוקטוראַליזם ווי אַ טעאָריע? דאָס קען נאָר זײַן גילטיק אין ביִאָלאָגיע. ספּיריטועל, פֿילאָזאָפֿיש — אַן אַבסורד! לעכערלעך דאָס פּרוּוון זיך אָפּשליסן, אָפּטיילן פֿונעם גאַנצן אין אַן אייגענער וועלט.

יעדער פֿענאָמען, יעדע זאַך, יעדע געשעעניש — אַלץ איז טאַקע נאָר אַ פֿראַגמענט, אַ טיילעכל אינעם קאָנטעקסט פֿון אַ גאַנצן, אַלץ גרעסערן אַלץ, וואָס איז אין אַבסאָלוטן פֿאַרנעם

אומבאַגרײַפֿלער, אָן אַ יענע-זײַט, אָן אַ „ביז דאָ און ניט ווײַטער". דער נוקלעאָן אין אַטאָם, דער אַטאָם אין מאָלעקול, דער מאָלעקול אין קעמערל, דאָס קעמערל אין אַ דריז, אַן אבֿר, אָבער אינעם מענטש; דער מענטש אין זײַן פֿאָלק, אין זײַן באַציע, אין דער ביאָספֿערע, אויפֿן פּלאַנעט, אין זײַן זונסיסטעם, אין זײַן גאַלאַקציע, אין קאָסמאָס – ביז ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ דימענסיעס וואָס זענען אַבסאָלוט אומבאַגרײַפֿלער.

נאָר דאָס וואָס קומט אום ווערט אָפּגעטיילט. צעבראָכענע שערבלעך ווערן צוריק מאַסע ליים, שטויב. ווי לאַנג טאָפּ, כאָטש צײַטווײַליק – אָריגינעל: אַן עפּעס אין אַן אַלץ, אָבער דאָך – נאָר אין אַן אַלץ, כאָטש אויסערלעך טאָפּ.

דאָס זעלבע מיט רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען. אַלע צוזאַמען זענען זיי נאָר פֿראַגמענטן פֿון עפּעס איין אוניווערסאַלער גײַסטיקייט, אין ביאָספֿערישע צי קאָסמישע דימענסיעס. קען זײַן אַז געטלעכקייט איז עפּעס אויך נאָר אַ פֿראַגמענט דערין צי דערפֿון.

אוי, וויי! ווער ווייסט וועלכע שמיץ ס'וואַרטן אויף מיר פֿאַר זינדיקן מיט אַזעלכע ריידן! אָבער צוריק צום ענין. בעמען אַ חלק פֿילאָזאָפֿיע צי אמונה און זאָגן: דאָס איז מײַנס, אָריגינעלס, אין גאַנצן אָפּגעזונדערט – אַן אַבסורד! אַ צווײַג וואָס טיילט זיך אָפּ פֿון בוים מוז וועלקן, דאַרן, ווערן אַ שטיקל האָלץ. ערשט אַ פּשוט בלעטעלע...

יאָגאַ-דיסציפּלין, אָבער ניט לשם עקסהיביציע, נאָר פֿון אינעווייניקסטן תּמצית צום עקספּרעסיון דרויסן. ניט קיין פֿיזיאָלאָגישע קונצן פֿאַר דער גאַלעריע, נאָר אַ פּסיכישע האַרמאָניע פֿאַרן אייגענעם לעבן, אינעם אַ פּריאָרי גוטן כּי-טובֿ-קאָנטעקסט פֿון קאָסמישן זײַן, טראָץ אַלע כּלומרשטע נעגאַטיווע פֿענאָמענען פֿון דער איצטיקער שלעכטער מענטשלעכער וועלט-אָרדענונג. יאָגאַ – נאָר אַזוי באַגרײַפֿט, אָן

בודהיסטישע נירוואַנַס, מיט ייִדישן קיבוציזם. יאָגאַ-אינטימיזם, אָבער אין סאָציאַלן ווילזײַן, ווי אַ בלום אין אַ קראַנץ, ווי אויף אַ בייט אין אַ גאָרטן.

~❀~

נאָר ניט קיין סורעאַליסטישע הפקר-ליטעראַטור, הפקר-פילאָזאָפיע, הפקר-קונסט, הפקר-פּאָעזיע. פאַר יעדער שאַפונג — אַן „אימפּרימאַטור" פונעם לאָגישן שׂכל-הישר. נאָר ניט פאָרמלאָזע מאַסע, פאָרמלאָזער תּוהו-ובֿוהו. אַ קרישטאָל, אַ ווירוסל, אַ פלאַטערל, אַ רעגן-בויגן — אַלץ מיט האַרמאָנישע פאָרמען און קאָלירן. אַפילו באַשעפענישן אין אָקעאַנישן אָביסן, כאָטש אין אייביקן חושך — פרעגט דעם קאָמענדאַנט קוסטאָ ווי אַזוי זיי זענען געצירט! פאַר וואָס באַלעסטיקן דאָס געמיט מיט קאָשמאַר-אימפּראָוויזאַציעס, משוגעת-האַלוציִנאַציעס, און אַזוי פיל **איזמען** מיט זייערע **איסטן**, מיט וועמענס נאַרישע פלאַפּלערײַען לײַט פאַרכליניען זיך, און זיי געפינען תּמיד עסטעטן און עקזעגעטן צו שאַפן טעאָריעס צו באַרעכטיקן די דאָזיקע משוגעתן. צו זײַן מיט דער מאָדע, צו זײַן אולטראַ-שיק, דאַרף מען טראָגן הויזן מיט לאַטעס צי לעכער און צויטן, צי סתּם אָפּגעבלאַקירטע שמאַטעס, אַבי זײַן אַנדערש.

~❀~

אויב אָרט און צײַט זענען אַטריבוטן פון ענערגיע-דימענסיעס וואָס מאַניפעסטירן זיך מיט מאַסע-אַספּעקטן — נוסח אײַנשטיין, דאַכט זיך מיר, אויב כ'פאַרשטיי עפּעס אין זײַן באַרימטער עקוואַציע — איז פאַר מיר ניט קלאָר, קודם, וואָס ווערט מיט צײַט און אָרט אַז ס'איז ניטאָ קיין מאַסע?

צווייטנס, וואָס פאַר אַן אַספּעקט קען האָבן ריינע ענערגיע וואָס שטרײַקט, טוט גאָרניט? דריטנס, אויב צײַט און אָרט זענען עפּעס ווי מאַסע, קען מען דאָך מאַכן אַ פּעקל פון אָרט, אַ שאַכטל מיט דויער, און דאָס זאָל זײַן פענאָמענאָלאָגיש צי אַנטאָלאָגיש

נאָרמאַל, און, און, און –

חוץ אַ פֿעדער און פּאַפּיר, דאַרף איך תּמיד האָבן בײַם מחבר אַן אַספּירין!

~❀~

דער רוח זאָל אײַך נעמען, געשעפֿטן! / איר וועט מיך מיט ביזנעס באַגראָבן. / איך וויל זיך מיט מוזעס באַהעפֿטן – / צו טון נאָר מיט אײַך מוז איך האָבן.

כ׳האָב פֿײַנט אײַך ביז איבל, חלשות! / איר זענט פֿאַר מײַן לעבן אַ צרה. / איר חוזקט נאָר פֿון מײַנע דרשות, / און תּמיד כ׳בלײַב אײַער כּפּרה.

~❀~

געליריקט ווערטיקאַל / צי פּאָעטעוועט האָריזאָנטאַל – / וויכטיק נאָר מחשבֿות. / פּאָעטנס אידעאַל / מוז זײַן ניט אַספּעקט, נאָר מיין, / און ס׳איבעריקע איז ליטעראַרישע קאַטאָוועס!

~❀~

פֿאַראַן פֿעלקער, נאַציעס, אימפּעריעס. אָבער למשל, אַ פֿראַנצייזיש פֿאָלק באַשטייט פֿון פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס. אַזוי איז מיט אַבסאָלוט אַלע נאַציעס, און אַזוי מיט אַלץ אין אוניוווערס: אַן אַטאָם פֿאַר זיך, און גלײַכצײַטיק עפּעס אין גרעסערס, ביז אַ קאָסמאָס.

אַפֿילו אין שטעט צי דערפֿער שאַפֿן זיך פֿאַרשיידענע גרופּעס מיט ספּעציפֿישע אינטערעסן. ס׳מוז זײַן אַזוי. ס׳דאָזיקע איז גילטיק פֿאַרן יחיד, פּאָרל, משפּחה, עטניע, פֿאָלק, נאַציע, קאָנטינענט, פּלאַנעט, ביאָספֿערע, זונסיסטעם, גאַלאַקציע, קאָסמאָס, אוניווערס און ווער ווייסט ביז וואָס.

דערין ליגט די פּראַכט פֿון באַשאַף. ס׳טאָרן אָבער ניט זײַן קיין שום אַנטאַגאָניזמען. אַדרבא: טאָלעראַנץ, ליבשאַפֿט, איינס

ס׳אַנדערע זיך באַרײַכערט. יעדע נאַציע — אַ מאָזאַיִק.

מדינת-ישׂראל איז אַ נאַציע מיט אַ מערהייט פֿון פֿאָלק ישׂראל. אָבער אַפֿילו פֿאָלק ישׂראל איז אַ מאָזאַיִק! אַ פֿאַלשע השגה, דאָס מיינען אַז פֿאָלק ישׂראל איז נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. דאָס ייִדישע פֿאָלק באַשטייט פֿון פֿרומע און אַטעיִסטן, און צווישן די ביידע גרופּעס — פֿאַרשיידענע ווערסיעס.

איך בין אַ ייִדישער ייִד, למשל, פֿרום לויט מײַן השגה, אָן פֿאַנאַטיזמען, ריטואַלן, צערעמאָניעס און פֿאַרמיטלערס. אויב כ׳היט אָפּ אין פּרינציפּ געוויסע פֿאָרמען פֿון ייִדישקייט, ווי למשל מילה צי ימים-טובֿים, איז עס צוליב אַ טראַדיציאָנעלער פֿאַרבינדונג מיט מײַן עטנישער גרופּע. פֿאַר מיר זענען אַבֿרהם אָבֿינו, משה רבנו, די נבֿיאים, עטלעכע מלכים צי גײַסטיקע פּערזענלעכקייטן — ייִדן אַזוי גוט ווי שפּינאָזע, הײַנע, מענדעלסאָן, בערגסאָן, אײַנשטיין, און ווי דער ווילנער גאון, דער בעש״ט, און אויך פּרצעס שבת-יום-טובֿדיקע ייִדן, פּונקט ווי ישו, ווי שלום-עליכמס טבֿיה דער מילכיקער און מנחם-מענדל, ווי קאָלומבוס, יאַשאַ חפֿץ צי רובינשטיין, שאַגאַל צי הילל, עזרא און יונה ווי טראָצקי און קאַרל מאַרקס.

דאָס איז זיכער אַ פּראָבלעם פֿון גאַמעטן און ספּעציפֿישע פֿיזיאָלאָגישע און פּסיכישע אייגנשאַפֿטן. אַפֿילו דאָס אויפֿהאַלטן זיך עקשנותדיק ווי אַן אייגנאַרטיק פֿאָלק מיט דער צעשפּרייטונג איבער אַלע קאָנטינענטן זעט מיר אויס ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק, טראָץ דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט, איז אַ מין וויטאַמין צי עפּעס ענלעכס צווישן פֿעלקער, מיט אַ באַגערטער מיסיע און פֿליכטן, אַקטיוו אין אַלע הינזיכטן, ספּיריטועלע און מאַטעריעלע: קונסט, וויסנשאַפֿט, רעליגיע, סאָציאַל, תּמיד מיטן משיחישן אידעאַל.

~֍~

ווי אַזוי קען זיך עמיץ נעמען קריטיקירן מײַנע שריפֿטן, ווי זיי וואָלטן געווען פֿון אַ וואָרן וויסנשאַפֿטלער אין אַלע הינזיכטן, וואָס האָט שטודירט אין אוניווערסיטעטן און זיך אָנגעלייענט מיט

ווער ווייסט וויפֿל ווערק פֿון אַלע דיסציפּלינען אין שייַכות מיט פֿיזיק, פּסיכיק, פֿילאָזאָפֿיע, עקאָנאָמיע אַפֿילו, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען וואָס אַ באַוווסטזיניקער מענטש מיט אַ קריטישן חוש קען אַלץ אַנאַליזירן, באַגרייַפֿן, טראַכטן און מאַכן אויספֿירונגען!...

מייַנע שריפֿטן, מיט אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך דערין, דאַרפֿן זייַן אַן עלעמענט, אַן עדות-זאָגן, אַ באַווייַז ווי אַזוי ס'האָט זיך געקענט שאַפֿן אַ פּסיכיזם בייַ אַ פּשוטן פּאַרשוין, וואָס האָט אפֿשר ניט טאָטאַל פֿאַרדייַעט ס'געלייענטע, ס'געהערטע, ס'פֿאַרשטאַנענע צי ניט פֿון די אַלע באַרירטע פּראָבלעמען. פֿאַר אַ פּסיכאָלאָג צי אַ פּסיכיאַטרישן ספּעץ וועט עס ניצן, ווי ס'ניצט אַ מייַזלס רעאַקציע אין אַ לאַבאָראַטאָריע.

פֿאַרשטייט זיך אַז איך בלייַב בייַם מייַניקן, מיט מייַנע השגות. זיכער זענען אַן ערנסט קאַסירערס צי אַ סוסקאָוויטשעס זיכער גילטיקערע קענטעניש מער אינטעלעקטוע פֿון מייַנע. אָבער טראָץ דעם אַקאַדעמיזם מיט דעם ספּיריטועלן, קולטורעלן דיאַלעקטעוועז, וואָלט איך דאָך געגומען אַ פּשוטן בעזעם און אויגערייניקט אונדזער היים פֿון די אַלע ציוויליזאַציעס מיט זייערע חכמות, קענטעניש, זייערע רעלאַטיווע לאָגיקן, נוקלעאַרע, סטעלאַרע, מעכאַניש-טעכנישע און ביִאָלאָגישע דערגרייכונגען וואָס האָבן דערפֿירט די „מענטשהייט" צו אַ פּסיכאָפּאַטישן כאַאָס, יחידיש און סאָציאַל, און וואָס פֿירן מיט אַלץ גרעסערן אימפּעט צו אַ נוקלעאַרן אומקום פֿון דער ביִאָספֿערע, מיט צי אָן נוקלעאַרע מלחמות.

מע ווערט פֿאַרסמט מיט גענעטישע און האָרמאָניזירטע נערונגען, מ'עטעמט פֿאַרטשאַדעטע לופֿט, מע ווערט באַשטראַלט, צעשטראַלט, פֿאַרשטראַלט, אייַנגעשטראַלט, אויסגעשטראַלט פֿיזיש, פּסיכיש; מע מוז אָנקומען צו דראָגן אין אַלע הינזיכטן צו שלאָפֿן, צו עסן, צו באַרויִקן די געמיטער און צו טרייסטן די כלומרשטע נשמות מיט אויסטערלישע מיסטיציזמען, אידעאָלאָגיעס און סתם משוגעתן, דאָס אַלץ אויסגעניצט פֿון פֿיפֿיקע לייַט פֿאַר זייערע פּריווילעגיעס מיט אינטערעסן-עקספּאַנסיעס, טעראָרן און

נאָר אַזעלכע גוטע זאַכן.

ווער עס וויל זאָל עס לייענען, זיך רעוואָלטירן קעגן מײַנע מעגאַלאָמאַניעס און רעקאָמענדאַציעס. איך טו ס׳מײַניקע און וועל שוין ענדיקן מײַן לעצט ביסל דויער ניט ענדערנדיק מײַנע השגות און אופֿן צו פֿאַרשטיין די אידיאָטישע ספּעקטאַקלען וואָס די משוגעים פֿירן אויס אַרום מיר און אומעטום.

ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַ ווירטועלער גאָט טאָלערירט אַז עפּעס אַ באַשעפֿענישל נוסח מענטשל זאָל קענען צעשטערן אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, אונדזער ווירטועלע היים, וואָס וואָלט געקענט זײַן אַ וואָרער גן-עדן און ווערט אַ וויסט גיהנום!

≈❀≈

צו שאַפֿן גילטיקע פּאָעמען / לויט הײַנטיקע פּאָעטנס אידעאַל, / איז שרײַבן תּמיד ווערטיקאַל!

ביטאָ קיין טעמע / פֿאַר אַ פּאָעמע? / איז צעקרישלט ווערטער אין פֿאָנעמען, / און פֿאַר וואָס / ניט טאַקע אות באות?

אבי ס׳טיפֿזיניקע געזאַנג / זאָל אויסזען לאַנג / און מיט פּינטעלער אַ סך, / יעדער זאָל פֿאַרשטיין דעם עזאָטעריש-טיפֿן מיין.

אויב עמיץ זאָגן וועט: / סטײַטש, בײַ אַ לײַטישן פּאָעט / איז דאָך פֿאַרן טעקסט אַזוינס פֿאַטאַל!

איז אים ענטפֿערן דערויף געמוזט: / זאָל אײַך חלילה, לעזער, ניט פֿאַרדריסן. / מיט לאָגיק ניט געגריבלט זיך אומזיסט; / איר וועט דעם זין פֿון אמתער פּאָעזיע שוין ניט וויסן.

ספּיריטועלע קונסט – דאָז איז ניט אײַער פֿאַך. / ס׳בלײַבט פֿון פּראָפֿאַנען / קיין מאָל ניט פֿאַרשטאַנען. / לאָזט די ליריק און לייענט נאָר ראָמאַנען.

≈❀≈

אַזוי פֿיל כמאַרעס שווער און גראָ / די זון פֿאַרבאָרגן פֿון די אויגן, / אָבער הינטער זיי / דער הימל תּמיד בלאָ, / און תּמיד שטראַלנדיק די זון איז דאָ.

יעדער ווינטער תּמיד מוז פֿאַרבײַ; / פֿרילינג-זומער קומען ווידער, / צוריק מיט צוויט און שוואַלבן קומט דער מײַ; / יונג און אַלט פֿאַרגעסן פֿראָסט און שניי / און ווידער פֿראַנק און פֿרײַ / די וועלט זינגט נײַע לידער.

אַזוי אויך, ייִדיש פֿאָלק מײַנס, תּמיד זײַ!

~❁~

חוזק, כאַם / און ציניש לאַך: / ייִד אין פֿלאַם? / דעם דײַטש אַ שבֿח!

חוזק, כאַם: / זשידעס, ברענט! / מיט פֿרייד מסתּם / זיך רײַבט די הענט.

חוזק, כאַם / און ליוב דעם דײַטש. / לעק זײַן סם / און קוש זײַן בײַטש.

ווי לוין פֿאַר אַלץ – / זײַן שטיוולס גלעט / מיט דאַנק דײַן האַלדז / דערפֿילן וועט.

מיט פֿלאַם און רויך / זשיד מער ניטאָ? / דאַר, כאַם, דיר אויך / נאָנט אומקומס שעה.

~❁~

יעדנס, אַבסאָלוט יעדנס עקזיסטענץ איז אַ דראַמע, אָפֿט אַ טראַגעדיע צי אַ טראַגי-קאָמעדיע ווו ער איז דער מחבר, אַקטיאָר און גלײַכצײַטיק דער צוקוקער, וואָס קען דעם אינהאַלט, און קיינער חוץ אים איז ניט מסוגל צו קריטיקירן, אורטיילן, האָבן אַנדערע מיינונגען.

פֿון געמיינסטן ביזן בעסטן, רשע, צדיק – אַלץ איז אינטים דראַמאַטיש און תּמיד מיט אַנטוישונגען, פֿאַרלוירענע האָפֿענונגען, באַדויערט עפּעס גוטס צי שלעכטס נאָר תּמיד וויכטיקס.

קיין שום מחבר וועט ניט קענען שאַפן קיין וואָרע פאַרשטעלונג פון יענעמס אינטימער עקזיסטענץ. ליידער, ניט צופרידענע מיט דער אייגענער, אַנטלויפן לײַט צו פרעמדע עקזיסטענצן, און דעריבער דאַרף מען אַזוי פיל ראָמאַנען, טעאַטער-פיעסן, ליריק און אַפילו פילאָזאָפיעס אָדער אידעאָלאָגיעס צו קענען אַנטלויפן כאָטש אַ ווײַלע פון זיך זעלבסט.

~✽~

פאַר וואָס מוזן מאַרקסיסטן ראַציאָנאַליסטן דווקא זײַן אַטעיִסטן? ווי קומט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסן-קאַמף און טיראַניעס, צו ספּיריטועלע פּראָבלעמען? באַשר דער קאַפּיטאַליזם ניצט אויס רעליגיעס לטובֿת זײַנע אינטערעסן און כישופֿט עולם-גולם מיט הימלישע גליקן נאָכן טויט כדי זיי צו קענען עקספּלואַטירן בײַם לעבן, אָט דאָ באַלד. די נאַרישע קאַפּיטאַליסטן וואָס, פּונקט ווי אַ קעמל קען ניט דורכגיין אַ נאָדללאָך, וועלן זיי נעבעך ניט קענען אַרײַן אין גן-עדן, בשעת די אויסגעהונגערטע קבצנים, האָרעפּאַשניקעס, זיי וועלן זיצן אויבן אָן בײַ גרייטע טישן!

דער פּלאַנעט איז אין רשות פונעם מענטש און נאָר פון אים. ער געוועלטיקט איף אים ווי אים געפעלט. איז עס דען דעם גוטן גאָטס שולד, אַז לײַט זענען שלימזלען, לאָזן זיך פירן בײַ די נעז ווי בהמות וואָס פּיפּיקע לײַט מעלקן, שינדן און פירן אין די שעכטהײַזער?

אַלע צרות וואָס לײַט מוזן כלומרשט טאָלערירן, באַרעכטיקטע מיט רעליגיעזע צי וועלטלעכע דאָקטרינעס, פאַרשלייערטע מיט פאַרשיידענע שאַלעמויזן ווי ציוויליזאַציע, פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, פרײַהייט, גלײַכהייט און ברודערשאַפט, אַ כלומרשטע עטיק, עסטעטיק אַפילו און נאָך אַזעלכע שמײַדרײַען מיט שיינע טערמינאָלאָגיעס, פײַנע טעאָריעס, דאָגמאַטיש פרום צוגעבאָמקעט צי דיאַלעקטיש איבערצײַגט מיט

פֿאַרשיידענע לאָגישיסטישע אַרגומענטן – דאָס אַלץ איז סאָפֿיס-טישער בלאָף, אָן קיין שום שײַכות מיט געטלעכקייט.

מע קען זײַן אַ קעמפֿער אויף באַריקאַדעס, אַ באַוווסטזיניקער רעוואָלוציאָנער, קאָמוניסט, אַנאַרכיסט צי אַנדערע, דאָס צי עפּעס אַנדערש, מיט השׂגות וועגן אינדיווידועלע צי קאָלעקטיווע לעבנס-שטייגערס, אַבי נאָר ערלעך, קלאָר, אָן פּאַראַזיטיזמען, און גלײַכצײַטיק זיך פֿילן ווי עפּעס אינעם קאָסמישן אַלץ מיט אַ ביצוץ געטלעכן גײַסט, צי אַ פֿראַגמענט פֿון אומבאַגרײַפֿטע ענערגיעס, עסענצן, באַקאַנט צי ניט, אָבער מיט צוטרוי צו דער ראָלע וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַלץ וואָס איז באָרמאַל, באַטירלער אינעם באַשאַף.

און ס'דאָזיקע – אָן דאָגמעס, רעליגיעס, קרעדאָס, אני-מאמינס, פֿאַרמיטלערס און, פֿאַרשטייט זיך, אָן פֿאַנאַטיזמען, מעגאַלאָמאַניעס, צערעמאָניעס, ריטואַלן און זוכן תּירוצים עמיץ צי עפּעס זאָל קומען אויסלייזן מיט אומקום אייגענע געמיינע מעשׂים און מחשבֿות.

איך בין פֿאַר סאָציאַלן יושר, עקאָלאָגיש אַפֿילו אין שײַכות מיט דער נאַטור, וואָס האָט אויך אירע רעכט אויף אַ גילטיקער עקזיסטענץ; אָבער גלײַכצײַטיק בין איך פֿרום, מיט ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט צו דעם צי דאָס וואָס איז זיכער עפּעס אומבאַדינגט וויכטיק, אַבסאָלוט נויטווענדיק אַלץ זאָל קענען עקזיסטירן.

כ'בין פֿרום אָן פּחד; אַדרבא, מיט אָפּשײַ אָבער מיט טאָטאַלן צוטרוי צום כּי-טובֿ פֿון באַשאַף. כ'קום ניט בעטלען מחילות פֿאַר באַגאַנגענע זינד, צי הילף פֿאַר עפּעס, צי קעגן עמיצן. מײַנע פּראָבלעמען זענען ניט פֿאַר הימלישקייט. איך דאַרף טון, טו טאַקע וואָס און ווי אַזוי נאָר געקענט צו פֿאַרבעמען זיך מיט מײַנע ערדישע אינטערעסן, און ווי כ'זע ווער איך באַלויבט מיט מײַן לאַנגער עקזיסטענץ. דאַנק איך מיט ליבשאַפֿט דעם צי דאָס, וואָס

כ'רוף געטלעכקייט.

מיט אַ מעסער קען מען שנײַדן ברויט און העלדזער. מיט מאַטעמאַטיק קען מען ציילן רענדלער און שמיץ. אַ שטעקן קען העלפֿן גיין און שפּאַלטן קעפּ. מיט רעליגיע קען מען פֿירן לעקישעוואַטע לײַט בײַ די נעז, און באַרויִקן געמיטער ספּיריטועל, פֿרום, אין שײַכות מיטן לעבן ווי מיטן אומקום. ס'איבעריקע איז סאָפֿיסטישער בלאָף און פּערווערזע היפּאָקריזיע.

~❁~

ניט צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס, רעליגיעס, ספּיריטואַליזם מיט טעאָגאָניעס, טעאָלאָגיעס, מיטאָלאָגיעס און אפֿשר אַנימיזמען אַפֿילו, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט זײַן, אומקום, גוף, גײַסט, נשמה, אורזאַך און ציל פֿון וועלט: לעבן, טויט, אויפֿקום, אומקום, עוואָלוציעס, רעליגיעז, וויסנשאַפֿטלעך אד"גל – און מע נעמט ניט אין אַכט דעם מאַטעריאַליסטיש-עקאָנאָמישן אַספּעקט פֿון דעם וואָס איז גורם, ס'זאָלן קענען זײַן אַ טראַכטן, אַ דענקען, אַ טרוימען און בכלל אַן עקזיסטענץ!

נערונג, רו, זאָרגן, מידקייט, פּחד צי תּענוג זענען דאָך גורם מחשבֿות, און ממילא אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיטן ספּיריטועלן, מיט גײַסט, מיט מאָראַל, עטיק, און דאָס האָט דאָך אַ שײַכות קודם –און אפֿשר נאָר– מיט סאָציאַל-עקאָנאָמישע רעזשימען וואָס צווינגען אויף אומשטאַנדן און צושטאַנדן, אָפּטימיזם צי פּעסימיזם, צו ניצן דראָגן אָדער רפֿואות צו היילן קרענק, אָדער ווירקן מיט דעמאַגאָגישע צי טאַקע אַ מאָל פּסיכאָפּאַטישע אײַנפֿלוסן, רעליגיעז-פֿילאָזאָפֿיש צי מיט טעראָר, אַ כּלומרשטע עטיק און עסטעטיק – דאָס אַלץ צו באַרעכטיקן פּריווילעגיעס וואָס פֿאַרקריפּלען לײַט מיט צו פֿיל זעט און ווילטאָג, און אַנדערע מיט הונגער.

דער מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו אַלץ, וואָס ווערט געפּאָדשט,

געלערנט, שטודירט מיט קאָמענטירן, אינטערפּרעטירן, פּאָפּולאַריזירן – מוז זײַן אָבליגאַטאָריש. די ספּיריטועלע טעאָריעס פֿון אַ זאַטן זענען זיכער אַנדערש ווי ביַי אַ הונגעריקן. ווער רעדט שוין בײַ אַ היטלערן, אַ סטאַלינען צי אַנדערע טיראַנישע משוגעים – און עמיצן אין אַ גאַזקאַמער, צי אַ חולה וואָס ווייסט אַז זײַנע טעג זענען געציילטע און יסורימדיקע.

דער יסוד פֿון אַלע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, וויסנשאַפֿטן, מאָראַלן און עסטעטישע השגות אַפֿילו מוז זײַן דער מאַטעריאַליזם, די עקאָנאָמיע, מיט ערלעכקייט, גלײַכהייט, פֿרײַהייט, יושר, רעכט, טאָלעראַנץ און ליבשאַפֿט. אָן דעם – איז אַלץ פּערוועזער בלאָף און אינטערעסן-סטראַטעגיע!

געוויס זענען די באַזעס פֿון פּיראַמידן וויכטיקער ווי דער שפּיץ. אָן זיי וואָלט קיין שפּיץ לחלוטין ניט געווען. אָבער דער שפּיץ איז דאָך וויכטיקער, ווײַל פֿון דאָרט איז די פּאַנאָראַמע ברייטער; מע זעט ווײַט, מע גרייכט עפּעס העכערס.

ליידער איז יעדע פּיראַמידע, מיט איר העכסטן שפּיץ, באַגרענעצט אין הייך. ס'אולטימע וועט מען קיין מאָל ניט גרייכן מיט קיין שום כעאָפּס-אַרכיטעקטן און אַפֿילו ראַדיאָ-טעלעסקאָפּן אויף זייער העכסטן פּונקט.

וואָס וואָלט מען געטראַכט פֿון אַן אופֿן דערציִונג וואָס זאָל זיך אָנהייבן מיט לערנען די קינדער, פֿריִער ווי דעם אַלף-בית – אַלגעברעס, אַסטראָפֿיזיק און טעאָלאָגיע? צי פֿון אַן אַרכיטעקטור וואָס זאָל בויען אַ פּיראַמידע – אָנגעהויבן מיטן שפּיץ?

אַזוי איז מיט די הײַנטיקע השגות פֿון ציוויליזאַציעס, קולטורן, רעליגיעס, וויסנשאַפֿטן אד״גל. לאָגיש וואָלט מען דאָך קודם געדאַרפֿט פֿאַרזיכערן אַ גילטיק סאָציאַלן רעזשים, עקאָנאָמיש,

מאַטעריעל, היגיעניש, מיט יושר, רעכט, לאָגיק, טאָלעראַנץ און פֿרײַנדשאַפֿט, אָן פּרעטענזיעס, מעגאַלאָמאַנישע פֿאַוואָריטיזמען, פּאַראַזיטיזמען, פּריווילעגיעס אד״גל. דערנאָך ערשט – זיך נעמען צו „גײַסטיקע״, „נשמה״-פּראָבלעמען...

אָבער דאָס איז געזאָגט ווען מ׳האָט צו טון מיט נאָרמאַלע לײַט...

≈❀≈

ביטאָ קיין תּמיד זײַן / פֿאַראַן נאָר תּמיד ווערן. / מענטש, קעסט טראַכטן, טרוימען, / ביסט תּמיד אַ פֿראַגמענט. / באַפֿרײַען זיך קיין מאָל ניט געקענט / פֿון גרענעץ-צוימען.

נוקלעאָן, אַטאָם, פּלאַנעט, / קאָסמאָסן און אפֿשר גאָט, / וואָס **אַלץ** און **נישטיקייט** באַשאַפֿן האָט – / פֿרײַ פֿון אַלץ ווערק קיין מאָל זײַן ניט וועט.

≈❀≈

מײַן גראַפֿאָ-מעגאַלאָמאַניע צי מעגאַלאָ-גראַפֿאָמאַניע קען ניט עפּעס פֿון באַשיידענע גרענעצן-ספֿערעס. איך בין ניט אַ מאַלאַרמע, וואָס פֿלעגט זיצן אומבאַהאָלפֿן נעבן אַ ווײַס זײַטל פּאַפּיר! איך בין מיט מײַנע מוזעס ווי שלמה המלך מיט די ווײַבער: ניט איינע, נאָר טויזנט!

מײַן האַרעם מיט ניט-סינדיקירטע מוזעס איז אַקטיוו 24 שעה אין מעת-לעת. מע שטרײַקט ניט חלילה. אַפֿילו ווען כ׳שלאָף ווערט עפּעס מחברט אין חלום. עטצ׳, אַאַז״וו אד״גל. אַבי געזונט.

בכן, וואָלט איך געדאַרפֿט האָבן אַ צוואַנציק פּאָר הענט צו פֿאַרשרײַבן אַלץ וואָס ווערט מיר געשושקעט אין אויער צי דיקטירט אויפֿן קול. דעריבער זאָל מען זיך ניט וווּנדערן פֿריצײַטיק מיט מײַן דריטן בוך, און לאָזן די שטוינונג פֿאַרן פּופֿציקסטן, דערווײַל (אויב דער רבונו-של-עולם וועט עס מיר פּאָזוואָליען, פֿאַרשטייט זיך!...) טו איך אָבער ס׳מײַניקע, ווי כ׳וואָלט

געהאַט אין קעשענע דעם פּאַספּאָרט מיט דער הימלישער וויזע און – הײדאַ, אײַנשטײַגן! אַ פֿײַף און געפֿאָרן ווײַטער!

כ׳האָף אַז די לעזער-פּאַסאַזשירן מיט מיר וועלן זיך ניט נודיען און מיך ניט לאָזן אַן אײנזאַמען אין דער נסיעה קײן שטאָקהאָלם. וואָדען, קײן טונעיאַדעווקע צי יעהופּעץ?

≈※≈

כ׳בין זיכער: קומען וועט אַ מאָל די צײַט / (כאָטש איך וועל שוין זיכט לאַנג ניט זײַן) / און באַגרײַפֿן, אויב נאָר ערלעך, וועלן לײַט / דעם אופֿן פֿון מײַן שרײַבעכץ צו פֿאַרשטײן.

יעדעס קאַפּיטל, וואָס האָט צו טון מיט אַ געוויסן פּראָבלעם, וועט זײַן אַ געלעגנהייט צו לערנען מיט קלײן און גרויס ווי אַזוי מע דאַרף זיך קענען פֿירן כּדי צו געניסן מיט טאָטאַלן ווילזײַן פֿון דער מעגלעכער עקזיסטענץ אין וואָס בעסערע באַדינגונגען, וואָס פֿאַרשענערן, פֿאַרבעסערן און פֿאַרלענגערן דעם דויער.

מע וועט פּאָלעמיזירן, אַפֿילו מיט ווידערשטאַנד, אָבער דאָך וועט מען ניט קענען לייקענען אַז מײַנע אַרגומענטן זײַנען לאָגיש, ערלעך, אויסגעהאַלטן. געוויס – אויב מע האָט צו טון מיט אויפֿריכטיקע אָרנטלעכע לײַט, אָן פּערוועזיע, אָן היפּאָקריטישע אַמביציעס צי געמײנע עגאָיִסטישע השׂגות.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויפֿריכטיקע, ערלעכע, קלוגע לײַט זענען נאָר די, וואָס דענקען און זאָגן ס׳זעלבע ווי איך. לאָגיש – יאָ צי ניין?

≈※≈

אַזוי פֿיל באַוועגונגען, שטראַלונגען, אַפֿילו אין בליקן, מחשבֿות און רייד, אין זען, הערן, טון עפּעס, צי אַפֿילו מיטן בלויז עטעמען, זיך נערן אאַז״וו! ווּ קומען אַהין אָט די אַלע ענערגיעס? עפּעס קען דאָך ניט פֿאַרשווינדן, זיך פֿאַרוואַנדלען אין נישטיקייט, וואָס איז אויך שוין אַן עפּעס.

אין וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך דאָס אַלץ? ווער קען עס וויסן? ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַז אין אַזאַ מין מאַסע, אַ כאַאָס צי פּלאַנעטער פֿון פֿענאָמענען, זאָל זיך עפּעס צי עמיץ קענען אויסגעפֿינען, ס׳זאָל קענען זײַן אַ ציל און אַ פּלאַן, אַ דעטערמיניזם. דאָ גייט דאָך אין מילי-מיליאַרדן עפּעסן. חוץ דעם בין איך דאָך אַקטיוו אין דעם אַלעמען מיט אַלץ וואָס כ׳טראַכט, טו אאַז״וו.

ניט אַנדערש אַז עפּעס אַ משוגעת האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר. פֿאַר וואָס מוז איך טראַכטן וועגן דעם? און אַז כ׳וועל שוין וויסן — וועל איך ניט אומקומען ווי אַ פּשוט ווערעמל, וואָס האָט זיכער ניט קיין שײַכות מיט אַזעלכע קאָפּ-דרייעבישן?

~❀~

הערט אַ שרעקלעכע מעשה: כ׳בין געוואָר געוואָרן, אַז מיט יעדער סעקונדע אײַלן אַדורך דורך אונדזער גוף זעכציק מיליאַרד בייטרינאָס מיט דער שנעלקייט פֿון ליכט, דאָס הייסט: אַ 300 טויזנט קילאָמעטער אַ סעקונדע.

דאָס האָבן נאָבלפּרײַז-טרעגער באַוויזן, געמאָסטן און געציילט! זייערע נעמען זענען: שוואַרץ און לעדערמאַן, אין אַמעריקע!... זעכציק מיליאַרד פּונקט. איך האָב שוין זינט לאַנג געפֿילט אַז עפּעס באַברעט זיך אין מיר און ס׳עגבערט זיך דורך אַ שטראָם מיט כ׳ווייס אַליין ניט וואָס. איצט זע איך אַז דאָס איז ניט געווען קיין אילוזיע. אַזאַ מין דורכלויפֿעניש קען דאָך מיטשלעפּן ווער ווייסט וואָס און וויפֿל — און דערפֿאַר איז מײַן זכרון ניט מיט אַלעמען. חוץ דעם: ווער ווייסט וויפֿל געניאַלע מחשבֿות כ׳האָב אַזוי פֿאַרלוירן!

אָבער ניט דאָס איז געפֿערלעך. וויכטיק פֿאַר אַנטיסעמיטן איז צו זען, אַז דאָס האָט צו טון מיט אַ שוואַרץ און אַ לעדערמאַן. באַר אַ ייִדיש שטיקל פֿאַרשווערונג קעגן קריסטן און אַראַבער. עס דערמאָנט די קאַטאַסטראָפֿע מיטן טיטאַניק: אונטערגעגאַנגען די ריזיקע שיף איבער אַן אײַזבאַרג. אײַזבאַרג? דאָס איז זיכער אַן

אײַזנבערג! די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני-ציון זענען װאָר און קלאָר. היטלער, סטאַלין, לאַװאַל און פּונד זענען װוילטוער פֿאַר דער מענטשהייט!...

~❀~

שוין עטלעכע טעג װי כ'עס ניט און שלאָף ניט פֿאַר עגמת-נפֿש. לויט אַן אַמעריקאַנער ייִד, אַ געװיסן זוסמאַן, איז עפּעס ניט גלאַטיק מיטן פּלאַנעט פּלוטאָן. ער לײַדט פֿון ספּאַזמען אינעם אָרביט און ער װעט װײַזט אויס אַראָפּ פֿון די רעלסן. אויב דאָס זאָל טאַקע געשען, װעט דער גאַנצער זונסיסטעם װערן כאַאָטיש, און אין פֿאַרלויף פֿון אַ פֿינף מיליאַרד ליכטיאָר גורם זײַן אַ קאַטאַסטראָפֿע.

בין איך געפּלעפּט, און ס'טאָטשעט אַ מחשבֿה: לוינט זיך דאָס קלאָפּאָטשען מיטן אַרויסגעבן מײַנע ביכער? אַז כ'זע װי ס'לויפֿן די טעג און די יאָרן, װאָס-זשע האָט עס אַ װערט פֿינף מיליאַרד ליכטיאָר? כ'מוז זען מיט ניבאָרסקין װאָס צו טון.

לײדער איז דערין אויך פֿאַרמישט אַ ייִד, אַ זוסמאַן. כ'האָב געקענט צװיי זוסמאַנס אין װאַרשע: איינער אַ היטלמאַכער, און דער צװייטער עפּעס אַ יאַט פֿונעם יאַטקע-געסל נעבן װאָינע-פּלאַץ. זאָל עס זײַן עמיץ פֿון די לײַט װאָס קומען צעשטערן די מנוחה פֿון דער ערלעכער רויִקער מענטשהייט, װאָס לעבט בשלום אָן שום זאָרגן? אפֿשר װאָלטן שוין די זקני-ציון געלאָזט צו רו אַזוי פֿיל פֿײַנע לײַט, און זיי ניט געמאַטערט מיט פּחד און פּאַניק.

~❀~

װער קען לייקענען אַז דער מענטש איז דאָך עפּעס מער װי אַ פּשוטע באַשעפֿעניש, מעג יענע זײַן מער ראַפֿינירט אין אינסטינקטן, מיט נאַטירלעכע אַנטענעס, ראַדאַרן און קאָמפּאַסן. אַ גרעזל קען די קונץ פֿון פֿאַרװאַנדלען זון אין כלאָראָפֿיל מיט

פֿאַטאַסינטעז? אַ פֿלעדערמויז פֿליט אין דער נאַכט מיט דער הילף פֿון אַ ראַדאַר? שוואַלבן, טויבן קענען די נאַוויגאַטאָרישע ריכטונגען ווי באַגערט? אינזעקטן ווייסן פֿון ווי ווײַט ס'זאָל ביט זײַן דעם רוף פֿון זייער ליבידאָ? בינען האָבן אויסגעפֿונען זייער אופֿן בויען קעמערלעך?

אַזוי קען מען אויסרעכענען ווער ווייסט וויפֿל קענטעניש און ווירטואָזיטעט בײַ כּמעט אַלע באַשעפֿענישן. אַפֿילו אַ ווירוס קען חוזקן פֿון אַלע אַקאַדעמיעס און לאַבאָראַטאָריעס, מיטן געפֿינען אַנטידאָטן, אַנטי-פּעניצילין, אַנטיביאָטיקס אַאַז"וו אד"גל.

אָבער זיי אַלע עוואָלויִרן ניט. אַן אַמעב איז תּמיד אַמעב, און אַ טערמיט — תּמיד טערמיט. ווו זענען די ביבליאָטעקן, ספּעקטאַקלען, די תּמיד בײַע בויונגען, די עסטעטישע קרעאַציעס בײַ מוראַשקעס? קען זײַן אַז ס'רובֿ מעשׂים און מחשבֿות אַפֿילו זענען אַן שום גילטיקן ווערט. קען זײַן אַז מוראַשקעס זענען גערעכט: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געפֿונען אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער, אַ סאָציאַלן רעזשים — דאַרף מען ניט ענדערן עפּעס דעריין צי דערפֿון, ווײַל סײַ ווי סײַ איז אַלץ אונטערגעוואָרפֿן אַן אומבאַגרײַפֿטן דעטערמיניזם, און קיין שום פֿאַרזון עפּעס צו וויסן דערפֿון וועט גאָרניט ענדערן: אפֿשר פֿאַרקערט. דאָס זײַן מסוגל צו קענען ענדערן דעם מינדסטן פֿענאָמען איז גערייצט עפּעס צי עמיצן וואָס טאָלערירט ניט קיין ווידערשטאַנד, צי איניציאַטיוו.

אָבער דאָך איז דער מענטש אַ וואונדערלעכער עפּעס מיט זײַן פּערמאַנענטן „יהי". אין אים טליִעט עפּעס פֿונעם מײַסטער וואָס קען באַגערן אַ מעשׂה-בראשית. ער קען פֿאָרשן, וועלן פֿאַרשטיין דעם זין פֿון גאַנצן אויפֿטו, מיטן זײַן און אומקום, דעם פֿאַרוואָס, צוליב וואָס, ווער טוט עס אאַז"וו. גאָט? ווער שאַפֿט געטער? אומענד? וואָס טוט זיך אויף יענער זײַט? אייביקייט? זינט ווען און ביז ווען? דערמיט איז דער מענטש עפּעס גרעסערס, שענערס,

בעסערס אַפֿילו פֿון אַלע באַשעפֿענישן. אפֿשר איז דאָס גאָר אַ חולאת, צי אַ קריפּלונג. אפֿשר איז דער מענטש נאָר אַ מדרגה.

אפֿשר, אפֿשר... מע קען אַזוי אפֿשרן כּסדר נאָך אַנאַנד, אָבער חוץ קאָפּ-דרייעניש וועט גאָרניט אַרויסקומען דערפֿון. געדעכט זעבען מוראַשקעס, טערמיטן און בינען. אָבער דאָך קען ער זיך רעוואָלטירן ניט ווילנדיק זײַן אַן עפּעס אין עמיצנס הענט, זאָל עס זײַן אַפֿילו קעגן סדר-העולם, קעגן ווילזײַן, קעגן דעטערמיניזם. אַפֿילו ווען דאָס געלינגט ניט און איז גורם צרות, אַנגסט – דער רעוואָלט איז פּרעכטיק; דער פּראָטעסט איז ווונדערלעך. קעגן וועמען רעוואָלטירט? קעגן וואָס פּראָטעסטירט? אַ בישטיקל קעגן ווער ווייסט וועלכע ענערגיעס, גאָט צי געטער וואָס מאַנעווורירן מיט אוניווערסן, אומענדן, אייביקייטן. און ער, עפּעמריש גאָרנישטל, וויל וויסן ווער, וואָס דאָס איז אַזוינס, הלמאי לעבן, טויט.

דינאַמיזם קעגן נירוואַנאַס! אַפֿילו ווען צעשטערט, פֿאַרקריפּלט – אָבער באַוויזן אַז ער קען זײַן ווידערשפּעניק קעגן אַלץ און אַלעמען. אַפֿילו מיטן קעגן זינדיקן מאַניפֿעסטירט ער זיך ווי עפּעס גרויס, שיינס און וויכטיקס. אפֿשר קוועלט אַ גאָט פֿון זײַן ווערק.

אָדם יסודו מעפֿר – אָבער טרוימט פֿון הימלען, זונען!

~❀~

וואָס איז דער ציל פֿון אַ גילטיקער עקזיסטענץ? קענען אָפּדויערן וואָס לענגער מיט ווילזײַן, אָן זיך מאַטערן צו מוזן כּסדר זיך נערן, קליידן, שיצן. אויסגעפֿינען דעם גילטיקסטן סיסטעם פֿון סאָציאַלע רעזשימען לטובֿת זיך זעלבסט און אַלץ אַרום: אָנטאָלאָגיש, עקאָלאָגיש, ספּיריטועל און קרעאַטיוו אַפֿילו.

פֿאַר וואָס דווקא פֿאַרלירן צײַט און מי כּסדר עפּעס צו ענדערן? פֿאַר וואָס תּמיד נײַע מאָדעס, נײַע געבײַדעס, און טאַקע מעשׂים

אָן קיין שום ניצן; פֿאַרקערט, מיט מעגלעכע געפֿאַרן אין אַבסאָלוט אַלע היבזיכטן? וווּ איז דער שׂכל דערפֿון, וווּ איז לאָגיק? בפֿרט אַז מע ווייסט פֿאָרויס אַז ס׳איז אוממעגלעך עפּעס צו ענדערן אין די נאַטור-געזעצן און מײַדן אומקום. חכם מענטש און נישטיק ווערעמל — איין גורל פֿאַר ביידן: טויט!

~❀~

שטײַגן, נאָך אַרויף, אַרויף, / אַלץ העכער, העכער, העכער. / פֿאַר אַ מענטש שאַנד, זינד און שטראָף / טאָל און היילן-לעכער. / ווײ און ווינד / די טראָגלאָדיטן: / צו זון און לעבן טויב און בלינד. / פֿון זײַן אין חושך ניט געליטן!

~❀~

וויסנשאַפֿטלער, דיכטער, פֿילאָזאָף, / פֿאָרשן, דענקעניש איז סוף-כל-סוף / זיך זעלבסט און יענעם אָפּגענאַרט מיט בלאָף!

מענטש, קריך אויף פֿעלדזן, גלײַכע װעגט, / מיט אילוזיעס זיך געבלענדט: / דענק, בענק, קרענק, / דײַן אינטעלעקטועװען איז שטראָף.

װי אָדמס אייניקל, געדענק: / האָסט זיבט תּמיד זײַן געקענט / אין אַ גן-עדן. / האָט אַ שלאַנג זיך צוגעטשעפּעט צו דײַן באָבען מיט דײַן זיידן / מיט אַן עץ-הדעת-נסיון, / און פֿאַרטריבן האָט מען זיי מיט גרויס בזיון, / און קינדס-קינדער נאָך דערפֿון באַפֿרײַען זיך ניט געקענט.

~❀~

אַ פֿידל אָן אַ סמיטשיק — אויב פֿאַראַן סטרונעס, קען מען אויסצופּן מוזיק. אָבער אַ סמיטשיק אָן אַ פֿידל איז אָן שום װערט.

~❀~

וואָס טויגן באַטן, פּאַרטיציעס, רעגיסטרירטע מײַסטער־קאָמפּאָזיציעס, אַז ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל שפּילן און ניטאָ אויך פֿאַר וועמען!

זאָל אָבער אַ מאָצאַרט, אַ ליסט, באַך, ווערדי אָדער קרייזלער ניט שפּילן אויך פֿאַר זיך זעלבסט? דאָס האָט אַ שײַכות צו מײַנע שרײַבעכצן!...

~

ווילסטו דעם עפּיטעט / פֿון אַ פּאָעט – / מיט שטורעם זײַ אויף, דו! / באָר ניט סקלעראָזירטע רו.

בליץ, געדאַנק / אויף אַלץ וואָס פֿויל און קראַנק, / און דונער, וואָרט, / פֿאַר אַלץ וואָס נאָר מיט שלעכט זיך פּאָרט.

נאָר אַזוי איז זײַן באַשערט / דעם וואָס איז פֿון אַ פּאָעט דעם נאָמען ווערט. / דרייסט, שטאַרק און שיין / זאָל לעבן זײַן.

~

דער הײַנטיקער כּלומרשט מאָדערנער אינטעלעקטואַליזם איז פֿאַרקאַפֿקעט. מע לעבט אין אַ קאַפֿקאַ־רעאַליטעט פֿון כּולו־אַבסורדן מיט אַנגסטן. אַזוי מיטן סאַרטריזם, וואָס האָט פֿאַרבראָדיאַגעט די יוגנט און געשאַפֿן דורות קאַמי־לײַט מ׳יט זײַן פּערמאַנענטן סיזיפֿיזם. זײַנע דאָקטרינעס פֿון דעקאַדענץ און פּעסימיזם זענען אַ מין קאַמי־קאַדזיזם. קאַפֿקאַ, סאַרטער, קאַמי (שווער צו שרײַבן אויף ייִדיש Camus...) – זייער עקזיסטענציאַליזם איז אַן אַבסורד! לעבן קען, מוז זײַן עפּעס שענערס!

~

אַז מ׳עסט ברויט טראַכט מען ניט פֿון זאַנגען.
אַז מע טרינקט ווײַן טראַכט מען ניט פֿון טרויבן.
אַז מ׳עסט אַן עפּל, טראַכט מען ניט פֿון בוים.
פֿאַר וואָס, אַז מע לייענט אַ ווערק, טראַכטן פֿונעם מחבר?

נאָר ברויט, וויַין, עפּל, ווערק זענען וויכטיק. און וויכטיקער פֿון אַלע – די גײַסטיקע שפּײַז. ווערק קען בלײַבן פֿאַר דורות, בשעת אַלץ וואָס שאַפֿט ברויט, וויַין, עפּל און ווערק – פֿאַרשווינדט.

~❁~

וויפֿל מאָל זאָגט אַ ייִד שמע-ישראל? וויפֿל מאָל גייט אויף די זון תּמיד אין דער זעלבער זײַט פֿון האָריזאָנט? וויפֿל מאָל, וויפֿל מאָל!

פֿאַר וואָס זאָל איך ניט טון אַזוי און ווידער נאָך, כּסדר נאָך אַנאַנד ניט איבערחזרן די זעלבע מחשבֿות, טענות, באַגערן, מיט די זעלבע רייד צי ניט?

אויב עפּעס איז וואָר און גילטיק, קען עס זיך דען ענדערן: תּמיד נײַע טענות, נײַע אַרגומענטן?

געפֿעלט מיר אַ ניגון, שפּיל איך אים תּמיד – פֿאַר זיך קודם, און אַ מאָל פֿאַר אַ צווייטן אפֿשר!

~❁~

כמאַרעס קאַלט און גראָ? / הינטער זיי דער הימל בלאָ. / כמאַרעס וועט דער ווינט צעטרײַבן; / הימלענס בלאָ וועט תּמיד בלײַבן.

טראַכט תּמיד דערפֿון / אַז אייביק שטראַלט די זון, / און ביטאָ אַזאַ מין מאַכט / וואָס זאָל אויפֿצווינגען אַ פּערמאַנענטע נאַכט, / חוץ פֿאַר די, וואָס זענען בלינד געבוירן – / און פֿאַר די וואָס האָבן / טראָגלאָדיטיש זיך אַליין באַגראָבן / און יעדן חוש פֿאַר ליכטיקייט פֿאַרלוירן.

~❁~

פֿאַר אַן ערלעכן, באַוווּסטזיניקן מענטש איז איינס גאָר קלאָר: אונדזער האָמאָ-סאַפּיענסירטע ציוויליזאַציע, מישטיינס געזאָגט, מאָרפֿינירט רעליגיעז דעם עולם-גולם, וואָס לײַדט

נעבעך דאָ, פֿיזיש און פּסיכיש, עקספּלואַטירט מיט פֿרומע תּירוצים, צוזאָגנדיק הימלישע רפֿואות פֿאַר יעדער פּיַין, אָבער ס׳רובֿ דאַרפֿן זיי, קענען זיי קומען נאָר אויף יענער וועלט.

און די וועלטלעכע, פֿריַידענקערישע, פֿאַרפֿירן די אַנדערע מיט פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, אָבער אַלע אַפּלאָדירן די שאַמאַנען מיט טאָגעס, שטריַימלער צי סוטאַנען, און מעדיאַ-מאַסעס קענען נאָר נויט און מיתה-משונות.

≈❀≈

א זקן כאָטש שוין לאַנג געוואָרן, / דאָר – דיך, שייַנער ייִדישער אַמאָל / פֿון מייַנע יונגע יאָרן, / וואָס טון נאָר כ׳זאָל, / פֿאַרטרייַבן קען איך ניט פֿון מייַן זכּרון.

אַזוי פֿיל געדענקט זיך, / אַזוי פֿיל בענקט זיך... / דאָס איז ווי בייַ אַ בלינדן / אין וועמענס דמיון זון איז ניט פֿאַרשווּנדן.

≈❀≈

מיר האָבן טאַקע אַ זיסן גאָט, אָבער קיין טיי קען מען מיט אים ניט טרינקען. זייַן פֿרום איז גוט און פֿייַן, אָבער קיין פּרנסה קען מען דערפֿון ניט האָבן.

מיטן טראַכטן אַזוינס איז מען ניט חלילה קיין הערעטיקער, קיין אַפּיקורס. אָבער יעדער מענטש בכלל, און אַ ייִד בפֿרט, מוז אַפֿילו בייַם באַרג סיני זאָגן צום רבש״ע: נעשׂה ונשמע – קודם עפּעס טון; דערנאָך וועט מען זייַן פֿרום.

≈❀≈

בוקלעאָנען, אַטאָמען, מאָלעקולן, פּלאַנעטן, זונסיסטעמען, גאַלאַקציעס, קאָסמאָסן, און אפֿשר דאָס אַלץ – נאָר עפּעס אין אוניווערסן, ווי בוקלעאָנען אין מייַן גוף.

ווי אַזוי באַגרייַפֿן אַז אַ נישטיקל מענטש זאָל קענען טראַכטן דערפֿון, מיטן וועלן דווקא פֿאַרשטיין ווער, וואָס, ווי אַזוי ווערט

דאָס אַלץ געוועלטיקט. בין איך עפּעס מער ווי אַ נוקלעאָן אין עפּעס אַ גוף צי נשמה אַפילו?

דאָך, כאָטש באַגרענעצט, בין איך האַר איבער מיליאַרדן אַטאָמען; איך קען באַגיין זעלבסטמאָרד און אומקומען מוזן אַן אימפּעריע באַשעפענישן. ווער קען וויסן צי דאָס, וואָס מיר באַגרײַפן ווי אַ קאָסמישער אַלץ, איז ניט ווי אַ נוקלעאָן, און מוז זײַן נאָר עפּעס אין אַ געטלעכקייט, מיט אפשר געטלעכע קאַפּריזן? אוי, וויי איז אונדז!

≈❀≈

פֿאַרן קאַפּיטאַליזם איז נאַרישער באַנדיטיזם אַ ברוטאַלער קאָנקורענט: סטײַטש? נעמען מיט געווער וואָס מע קען באַקומען מיט געזעצלעכע אַרגומענטן? פֿע! ניט שיין, ניט ערלעך און ניט לאָגיש.

פֿאַר מײַן השגה איז קאַפּיטאַליזם לעגאַלער באַנדיטיזם, און באַנדיטיזם — אַנאַרכישער קאַפּיטאַליזם. און ס'איבעריקע איז ליטעראַטור.

≈❀≈

מײַן זייגער מיט פֿאָספֿאָריזירטע ווײַזערס, אַז כ'באַלײַכט דאָס אין דער פֿינצטער מיט אַ ביסל ליכט — לײַכטן זיי אין חושך. כ'פֿיל אָפֿט אַז אין זומערטעג, אַ געזעטיקטער מיט זון, זעבען מיר די נעכט ליכטיקער. כ'פּרוּוו זיך אָנזאַפּן מיט לעבן, וויפֿל געקענט. אפֿשר וועט דער טויט מיר זײַן ניט קיין טאָטאַלע קעלט און פֿינצטערניש!

≈❀≈

פֿאַראַן אפֿשר אַ סך אוניווערסן, אָבער דער פֿון אונדז באַגרײַפֿטער אוניווערס, מיט זײַנע נאַטור-געזעצן, קען ניט האָבן וואָרשײַנלעך מער ווי איין געוועלטיקער, וואָס דער רופֿט אים „גאָט", אַ צווייטער, וויסנשאַפֿטלעך — אַנדערש, אָבער ס'איז

זיכער אַזוי ווי מיטן מענטש צי אַנדערע באַשעפֿענישן: פֿאַראַן נאָר איין קאָפּ מיט איין מוח, וואָס געוועלטיקט איבער אַן אימפּעריע פֿון מיליאַרדן מאָלעקולן וואָס שטעלן צונויף זײַן גוף.

וואָרשײַנלעך מוז אַזוי זײַן מיט אונדזער אוניווערס. דאָס מאַניפֿעסטירט זיך אין ייִדישן רעליגיעזן אחד ווי אין שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם, צי אײַנשטיינישע מאַסע-ענערגיע;עקוואַציעס. בכן קען מען דעם פּרינציפּ אָנווענדן צו אַ סך פּראָבלעמען. עס קענען זײַן נאָר איין לאָגיק, איין אמת, איין ריכטיקע סעמאַנטיק פֿאַר אַ ווערב, איין מאַטעמאַטיק, איין ערלעכקייט, איין אויפֿריכטיקייט.

דאָס האָט אַ שײַכות נאָר מיטן מענטשן-מין. פֿאַר אַנדערע באַשעפֿענישן איז גוטס און שלעכטס אַנדערש. דאָס וואָס איז פֿײַן פֿאַר אַ וואָלף, איז רציחה פֿאַר אַ שאָף; גוט פֿאַר שאָף — איז אומקום פֿאַר אַ גרעזל, אאַז״וו.

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געזאָגט? אַנטקעגן דעם אופֿן פּאָלעמיזירן מיט לײַט וועגן פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען. אויב מע זוכט ניט טענדענציעז צו טײַטשן באַגרײַפֿטע טערמינאָלאָגיעס מיט היפּאָקריטישע, עגאָיִסטישע אַמביציעס, קען מען לײַכט זײַן אײַנשטימיק און מײַדן קאָנפֿליקטן, לײַט זאָלן קענען לעבן בשלום אין ווילזײַן, אומעטום און תּמיד.

~※~

וואָס דאַרף מען טון אַז אונדזער פּלאַנעט זאָל ווערן אַ גן-עדן, ווי וואָרשײַנלעך באַגערט פֿונעם באַשאַף? אַלע, אומעטום, זאָלן זיך קענען נערן, קליידן, האָבן באַקוועמע היימען, דערציִען נײַע דורות, מײַדן חולאתן, געניסן פֿון קרעאַטיווע תּענוגים אינדיווידועל צי קאָלעקטיוו, מיט ספּעקטאַקלען און בכלל אַלץ. לעבן זאָל זײַן אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ, און אומקום נאָר אַ טאָטאַלער, לאַנגער עקזיסטענץ — אַן אײַנשלאָפֿן מנוחהדיק מיט אַ שמייכל אַפֿילו!

דערצו מוז מען אָבער זיך באַפֿרײַען פֿון אַ סך קאָמפּלעקסן, און

איינשטעלן נייע רעזשימען מיט באמת אַנגעווענדטע פּרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט און ליבשאַפט, ניט נאָר צו זיינס גלייכן, נאָר אַפילו עקאָלאָגיש צו אַלץ אַרום, און פאַרשטייט זיך — מיטן אָפּהיטן ס׳אייגענע געזונט, מיידן אַלע ערטער פון פלאַנעט ווו עס קענען זיך מאַניפעסטירן קאַטאַסטראָפעס; זיך באַפרייען פון שאָוויניזמען, פּאַראַזיטיזמען, גרענעצן, יחסנות; באַגרייפן אַז אַלע מענטשן זענען איין משפחה מיט פאַרשיידענע אָריגינעלע אייגנשאַפטן, אָבער קיין מאָל ניט מיטן שטערן אַ צווייטנס ווילזיין. זיך אַרויסהעלפן קעגנזייטיק; באַפרייען זיך פון סנאָבישע מאָדעס און איבעריקער מי צו שאַפן נאַרישע שאַלעמויזן, קריכן אין סטעלאַרע ספערעס, אימפּעטן אַלץ מער מיט גיכקייט, קאָמפּעטיציעס. איינטיילן לאָגיש די נויטווענדיקע מי צו קענען פאַרזיכערן אַלעמענס ווילזיין. קאָנטראָלירן די דעמאָגראַפיע; שאַפן אָבליגאַטאָרישע אַרבעטס-דינסטן פאַר יעדן, כדי די שווערע צי אומבאַקוועמע פונקציעס זאָלן ניט זיין ווי אַ לאַסט פאַר געוויסע לייט נאָר, און בכלל: זיין נאָרמאַל, אָרגאַניזירט, זיך אַראָפּנעמענדיק אַ משל פון אַ טערמיטן- צי מוראַשקעס-נעסט.

אין אַזאַ מין סאָציאַלן רעזשים וועט מען ניט דאַרפן אַזוי פיל דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, טריבונאַלן, תּפיסות, שפּיטעלער, אַרמייען, געווער, מיט אַזוי פיל קרעמער, גאָטס סטראַפּטשעס און זייערע רעליגיעס, צי פריידענקערס מיט זייערע פילאָזאָפישע דאָקטרינעס. די עקאָנאָמיע, די מאַטעריאַליזמען אָן שום פּראָבלעמען, וועלן די ספּיריטועלע ניט זיין שווער צו באַשיידן יחידיש און קאָלעקטיוו, אאַז״וו א״וו אד״גל.

וואָס זאָגט איר: ס׳איז אַן אוטאָפּיע? אַז מע וויל, קען עס מיט ערלעכע לייט זיין אַ רעאַליטעט, אָן שום שוועריקייטן!

דער קאַניבאַל איז ניט טאָטאַל פאַרשווונדן ביי דער הייַנטיקער, כלומרשט ציוויליזירטער „מענטשהייט״. ער האָט נאָר אָנגענומען אַנדערע אַספּעקטן, אפשר אַ סך ערגערע און

מיאוסערע ווי אַ מאָל. ווײַל אַ מאָל פֿלעגן די „ווילדע" כאַפּן אַ מענטש, אים אויפֿעסן רוי צי געבראָטן און פּטור, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. הײַנט איז דער קאַניבאַליזם, מיטן מאָדערנעם נאָמען קאַפּיטאַליזם, ראַפֿינירטער. מע וואַמפּירייזירט אין אַ ריזיקן פֿאַרנעם מיליאָנען, מיליאַרדן לײַט, עקספּלואַטירנדיק בלוט־זייגעריש. מע פֿרעסט זיי פֿיזיש און פּסיכיש, לאָזנדיק תּמיד זיי זשיפּיען, לעבן כּדי זיי צו קענען וואָס לענגער פּאַראַזיטעווען. מע רופֿט עס: מערווערט, קלאַסן־פּריווילעגיעס, פֿינאַנץ־פּראָגרעסיזם, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, רעליגיע, קונסט און נאָך אַזעלכע פֿײַנע טערמינאָלאָגיעס. אָבער אַלץ צאַפּט, זשליאָקעט בלוט און מי פֿון די פֿאַרטשמעליעטע האָרעפּאַשניקעס, וואָס ווי בהמות מעקען זיי דאַנקבאַר פֿאַרן צוגעוואָרפֿענעם ביסל שעצקע.

≈❀≈

ספּאַזמען

פֿילן ווי ס'פֿאַרשווינדט דער גוף / ווי אין אַ ביסל וואַסער – זאַלץ, / ווי מיט אַ ביט־באַגרײַפֿטן רוף / פֿון בישטיקייטס אולטימען אַלץ.

בעפֿל? כאַאָס? אויסגעדעמפּט / פֿון אַלע חושים יעדער שפּיר. / און דאָך עפּעס שרעקט זיך, קעמפּט, / וויל ביט אומקומען אין מיר,

פּרוווט מיט ווידערשטאַנד און דרייסט / ביט לאָזן דאָ רעאַליטעט. / אינעם געפֿעכט מיט טויט דער גײַסט, / און כ'טראַכט מיט אַנגסט ווער זיגן וועט.

ס'דאָזיקע אין מיר דאָ – ווער־זשע טראַכט? / און וואָס דווקא לעבן וויל? / און ווער מיט בײַגער אפֿשר וואַכט / צו זען דעם אויסגאַנג פֿון דער שפּיל?

≈❀≈

אויסטערליש די השגות פֿון כלומרשט קלוגע און פֿרומע לײַט. די אַזטעקן – בתולות געשאָכטן ווי קרבנות; קינדער געוואָרפֿן אין די ברענענדיקע אינגעווײדן פֿון געצן; אַבֿרהם פֿירט זײַן יצחקלען צו דער עקידה; גאָט לאָזט קרייציקן זײַן כלומרשטן זון אויסצוקויפֿן זינד פֿון געמײנע לײַט. איז עס ניט אַ חרפּה און אַ שאַנד? און הייליק איז פֿאַר די מוסולמענער דער שוואַרצער שטיין פֿונעם מיזבח, און דער קרייץ איז אַ סימבאָל פֿון ליבשאַפֿט פֿאַר די כלומרשטע קריסטן!

≈❀≈

כ'ווייס ניט וואָס וואַרט אויף מיר פֿון יענער זײַט קבֿר וואָס פֿירט צו הימלישע טריבונאַלן, אָבער כ'קען בשום אופֿן ניט שלום מאַכן מיטן אוניווערסאַלן סדר-עולם און דעם קיִביזם וואָס געוועלטיקט זינט תּמיד, אומעטום, אין אַלע מעגלעכע אַספּעקטן, דימענסיעס, ענערגיעס, סובסטאַנצן מיט אַגרעסיווע קאָמפּלעקסן, מיט שטראַלונגען, עקספּאַנסיעס, מאַגנעטיזמען וואָס אײַניקן זיך אַזוי אין סטעלאַרע קאַטאַסטראָפֿעס, צי דאָס מוזן זיך נערן מיט אַ צווייטנס לעבן. ווו איז דער כלומרשטער כּי-טובֿ פֿון באַשאַף? געטלעכקייט איז אומבאַהאָלפֿן קעגן דעם מאָרד-קאַרנאַוואַל? זאָל דער אוניווערס מוזן זײַן אַן אײביק שלאַכטפֿעלד מיט אַנטאַגאָניזמען? נאָר געטשעפּעט זיך איין עלעמענט צום צווייטן – און אַלץ מיט אומקום, יסורים, אַנגסט און רעוואָלט, צי פֿרום געהאַלטן אין על-חטאווען, בעטן מחילה פֿאַר ניט-באַגאַנגענע זינד, ווײַל ס'ווערק קען ניט זײַן אַנדערש ווי דער מײַסטער שאַפֿט.

דאָך, ווי אַזוי קען זיך בײַ אַ נישטיקל מענטש מאַניפֿעסטירן אַ רעוואָלט, אַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ מין קאָסמישן רעזשים? זאָל דאָך זײַן אַ געוויסן בײַ דעם, צי דאָס וואָס דערמעגלעכט ס'זאָל זײַן אַן אוניווערס?דער מענטש איז שלעכט? פֿאַר וואָס ערד-ציטערנישן, ווולקאַנען, ים-שטורעמס, מגיפֿות מיט אַזוי פֿיל אומשולדיקע קרבנות? ווו איז יושר, רעכט, שׂכל, לאָגיק? קען -מוז- אַ קאָסמאָס זײַן שלעכט, משוגע?

≈❀≈

אַ געקומענער, ביט וויסנדיק פֿון וואַנען, / און אפֿשר טאָקע באַלד, מסתּם / פֿאַרשווינדן, אָט ווי ביט געווען, פֿון דאַנען – / אַ טראָפּן צ׳ריק אַוועק צום ים. / ניט באַגרײַפֿן וואָרשײַנלער אַ טראָפּן קען / עפּעס פֿון אַ ים, צי אָקעאַנען. / אַזוי אָפּגעלעבט אָן וויסן וואָס און ווען, / אַנטוישט, פֿאַרביטערט, ניט פֿאַרשטאַנען / דעם מאי־קאָ־משמע־לן, דעם זין / אין דעם אַלץ ווו עפּעס כ׳בין.

~❁~

אַזוי פֿיל געזאָגט וועגן שווײַגן, אַזוי פֿיל אַרגומענטירט וועגן נישטיקייט, אַזוי פֿיל אַבסורד וועגן לאָגיק... ניט צו פֿאַרשטיין די השׂגות פֿון דעם כּלומרשטן האָמאָ־סאַפּיענס, וואָס איז גיכער אַ האָמאָ־אידיאָטיקוס, האָמאָ־היפּאָקריטיקוס, צי פּאַראַזיטיקוס.

אָט למשל זעט די ליטעראַטור. האָט עמיץ עפּעס צו זאָגן – הלמאי אויסטראַכטן אַ סטרוקטור מיט סיטואַציעס און לײַט וואָס זאָלן אומדירעקט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס דער מחבר וויל פּראָקלאַמירן?

צו וואָס־זשע דער גאַנצער טאַרעראַם? זענען דען לעזער פּשוטע בהמות, זיי וועלן ניט פֿאַרשטיין וואָס מע זאָגט זיי? פֿאַר וואָס ניט באַלד געווענדט זיך צו זיי פּשוט, דירעקט?

אַ טאָלסטאָי וויל באַווײַזן אַז מלחמה טויג ניט, איז – דאַוואַי אַ טויזנט־זײַטיק ווערק. אַזוי מיט אַלע שרײַבערצן, פּיעסן און ס׳רובֿ עפּישע פּאָעמעס. מע שילדערט, מע שילדערט ס׳רובֿ רעאַליסטיש דאָס, וואָס יעדער זעט אַרום זיך, און מע פּאַסמאַקעוועט זיך מיט אַ זאָלאַ, אַ מענדעלע מוכר־ספֿרים, אַ פּרוסט, אַ שעקספּיר אַפֿילו אאַז״וו. אויסטערליש.

און אָט האָב איך אויך אָנגעשריבן וועגן דעם עפּעס.

~❁~

נאָר ביַי דער באַשעפֿעניש מענטש זענען פֿאַראַן ביבליאָטעקן, ספּעקטאַקלען, קרעאַטיווע אויפֿטוען, מוזיק מיט אָרקעסטערס, עוואָלוציעס אין היימען דעקאָרירטע לויט פּערזענלעכע השגות, פּאָעטישע ווערק, באַגריפֿן פֿון רחמנות, יושר, רעכט, רעוואָלט, פּראָטעסט, פּראָפּעטיזמען.

כאָטש דאָס איז אימפּעראַטיוו אַפֿילו נאָר ביַי אַ מינדערהייט, און די אַנדערע טוען עס ווײַל ווי געצווונגען, און טראָץ וואָס ס'מאַניפֿעסטירן זיך ביַי אים אויך נעגאַטיווע פֿענאָמענען ווי מעגאַלאָמאַניע, סנאָביזם, פּאַראַזיטיזם, עקספּלואַטאַציע פֿון זײַנס גליַיכן, זאַמלען פֿאַרמעגן צי געפֿערלעכע איבונגען מיט קאָמפּעטיציעס – איז ער דאָך איינציק אינעם באַשאַף, שוין ניט רעדנדיק אַז ער וויל וויסן וואָס ער איז, פֿאַר וואָס ער איז, ווער געוועלטיקט אינעם אוניווערס צי אוניווערסן.

ער קען קריטיקירן דעם צי דאָס וואָס דעטערמינירט אַלץ זאָל קענען זײַן. ער איז דערפֿינדעריש און באַהערשט די אוצרות פֿון דער נאַטור מיט אירע געזעצן. ער איז מלאך און טײַוול, פּרעכטיק און געמיין, און דאָך – דער פּרינץ פֿון באַשאַף, אויב ס'איז פֿאַראַן אַ קעניג.

~❀~

טו תּפֿילה און דער הימל טוט דיר צוליב. אָבער דײַן תּפֿילה דאַרף זײַן קאָרעקט, זי זאָל ווערן מקוים! דו בעטסט למשל:

„שענק מיר, גאָט, די מעגלעכקייט גאָרניט צו באַגערן, צו פֿאַרלירן אַפֿילו דעם באַגריף פֿון עפּעס ווערן, ווײַל איז דען אַלץ ניט הבֿל־הבֿלים? וואָס בין איך דען, מישטיינס געזאָגט? עפֿר־ואפֿר. וואָס דאַרף שטויב? כ'קום פֿון גאָרניט; לאָז מיך צוריקקערן צום אוניווערסאַלן גאָרניט. און איבעריקנס – וואָס בין איך דען, אַז איך זאָל בכלל עפּעס פֿאַרלאַנגען? בין איך ניט זינד? איז מײַן גוף ניט פֿול מיט חטאָים? האָב איך גענוג תּשובֿה געטון? זענען עס ניט מײַנע אייגענע זינד, זענען עס זינד פֿון מײַנע עלטערן. טראָג איך דען ניט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַן

אָדם-הראשון? פֿאַרן קרייציקן יעזוסן, פֿאַר, פֿאַר, פֿאַר... ווער ווייסט דען ביט פֿאַר וואָס יאָ און פֿאַר וואָס ביט? און פֿאַר די זינד וואָס די צוקונפֿטיקע דורות וועלן באַגיין, דאַרף איך דען ביט שוין אָנהייבן מיך אויסקויפֿן? הכּלל, לאָז מיך בלויז עטעמען און דיך לויבן, גאָט אין הימל; כ׳קוש דײַן שטוב פֿאַרן גליק פֿון פֿילן מײַנע צרות, אָמן סלה!״

און ס׳געשעט טאַקע דער נס: באַקומסט גאָרניט און בלײַבסט בײַ דײַנע אַלטע דאגות. איז עס ניט אַ באַווײַז פֿונעם כּוח פֿון תּפֿילה?

די פּערוועזיטעט, די היפּאָקריזיע פֿון דער כּלומרשט ציוויליזירטער „מענטשהייט״ איז אומגעהײַער. לאָגיק, וואָס **דאַרף זײַן, מוז זײַן, איז** עפּעס אַבסאָלוטס — ווערט רעלאַטיוו אַנשטאָט אוניווערסאַל. איז עס דיסקורסיוו מיט קאַטעגאָריעס. אַקסיאָם — ווערט עס פּאָסטולאַט. אַפֿירמאַטיוו — ווערט עס קאָנדיציאָנעל. לאָגיק ווערט פֿאַרשלייערט מיט סילאָגיזמען, פּאַראַלאָגיזמען, היפּאָטעטישע אַלטערנאַטיוון אאַז״וו.

כ׳האָב געזען אַ ליסטע מיט 160 לאָגיעס, און פֿאַרשטייט זיך — מיט זייערע לאָגן, לאָגיסטן און לאָגיזמען; ווײַזט אויס, מע קען צוטשעפּען אַזוי באַך אַ פּרעפֿיקס מיט אַ סופֿיקס צו עפּעס אַ טערמינאָלאָגיע (כ׳ווייס ביט צי ס׳קען זײַן אַ „טערמינאָלאָג״, אָדער צי ס׳קען גילטן אַ „טערמינאָלאָגיזם״)... יעדנפֿאַלס, דער שורש דערפֿון, דאַכט זיך, איז טאָפּלט: לאָגיע — ווי לאָגיש, און לאָגאָס — ווי ווערב. אָבער פֿיפֿיקע דיאַלעקטיקער-סאָפֿיסטן מאַניפּולירן סײַ די לאָגיק, סײַ דעם לאָגאָס, אַזוי אַז מע שאַפֿט אַזוי פֿיל טײַטשן און אינטערפּרעטאַציעס פֿאַר ביידע, אַז ס׳איז אַ חרפּה סײַ פֿאַר דער לאָגיק, סײַ פֿאַרן לאָגאָס. זאָגט דען ביט קאַמי אין זײַן „סיזיף-מיטאָס״, אַז קאַפֿקאַ דריקט אויס, באַווײַזט די לאָגיק פֿון אַבסורד!

שיין איז דער זאָג פֿון וויקטאָר הוגאָ: „לאָגיק איז די געאָמעטריע

פֿון חכמה. מע דאַרף האָבן לאָגיק פֿאַרן געדאַנק. אָבער מע שאַפֿט ניט קיין מחשבֿות מיט בלויז לאָגיק, ווי מע שאַפֿט ניט קיין פּייזאַזש מיט בלויז געאָמעטריע". אין זײַן צײַט איז ניט געווען קיין אַבסטראַקט-מאָלערײַ מיט אויסטערלישע פֿאָרמען, און קיין לאָגיק פֿון אַבסורדן!...

חוץ דעם איז דאָך טרויעריק פֿעסטצושטעלן אַז אַלע געמיינע ברואים, רוצחים, טיראַנען, גנבֿים און סתּם פּאַדלע לײַט האָבן זייער אייגענע לאָגיק. היטלער האָט זיכער געהאַלטן אַז ס'איז לאָגיש צו פֿאַרברענען ייִדן, און סטאַלין... נאָר צו וואָס שיטן זאַלץ אויף די ווונדן?...

אויסטערליש וואָס אַזוי פֿיל חכמים, זינט תּמיד, האָבן געהאַט אַזוי פֿיל צו זאָגן וועגן לאָגיק און לאָגאָסן. צוויי מאָל צוויי מוז זײַן פֿיר, איז פֿיר, קען ניט זײַן עפּעס אַנדערש, סײַדן בײַ פּערוועזע היפּאָקריטן, וואָס פּאַסן צו אַלע באַגריפֿן לויט עגאָיִסטישע אַמביציעס און אינטערעסן.

ווער האָט ניט געשילדערט לאָגיק? דעקאַרט און מאָליער, הענרי פּואַנקאַרע און באַלזאַק, קלאָד בערנאַרד און מאַלראָ, ליטרעי און וואָלטער, הוגאָ און אַפֿילו דער מאָלער סעזאַן! ווער קען אַלץ געדענקען וואָס כ'האָב געלייענט וועגן לאָגיק? ס'איז ניט לאָגיש גאָר זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם. צוויי מאָל צוויי איז פֿיר! יאָ צי ניין? אפֿשר זאָגט אַ העיזענבערג מיט זײַנע פּראָבאַביליטעט-טעאָריעס עפּעס אַנדערש? אַ חרפּה!

≈❁≈

רעזשים — שוואַרץ צי רויט: / תּמיד הונגער, נויט, / אַנגסט, מגיפֿות, טויט, / און נאָר טעמפּלען, אַקאַדעמיעס, תּפֿיסות, אָפּערעס געבויט.

ביטאָ ווער ס'זאָל בויען היימען, אָבער דערפֿאַר שיט זיך מיט סאָציאָלאָגן, פֿילאָזאָפֿן, ליטעראַטן, קינסטלער, וויסנשאַפֿטלעכע

פֿאַרשער, פּסיכאָלאָגן, טעאָלאָגן מיט זייערע **איזמען**...

וואָס טוט זיך אויפֿן נעפּטון? וויפֿל היץ אויפֿן אוראַנוס? וואָס איז אַזוינס גײַסט, נשמה? ווי אַזוי ווערט פֿון אַ נישטיקייט אַן עפּעס, און פֿאַרקערט? וואָס ווערט מיטן לאָך ווען מען עסט אויף אַ בייגל? און נאָך אַזעלכע ספּיריטועלע טיפֿזיניקע אַקטואַליטעטן.

מע זאַמלט געווער, מע זאַמלט און מע ניצט עס אויס! מע שאַפֿט קאַקאָפֿאָנישע מוזיק און אַבסטראַקטע אויסטערלישע מאָלערײַען, און קינדער וויינען: ברויט! זאָל דאָס זײַן דער רעזולטאַט פֿון די ביז-איצטיקע ציוויליזאַציעס און קולטורן? אַ חרפּה פֿאַרן נאָמען מענטש!

≈❀≈

איך, נישטיק מענטשל, דאַרף, וויל צי מוז וויסן צי אין די אור-גאַמעטן, כראָמאָזאָמען צי עפּעס ענלעכס, וואָס האָבן געשאַפֿן די ערשטע מאָלעקולן, די ערשטע קעמערלעך צי אַמיבן שוין — צי זענען דאָרטן געווען אָדער זענען נאָך איצט פּראָגראַמירט די צוקונפֿטיקע אייגנשאַפֿטן און דעטערמינירטע מעגלעכקייטן פֿון אַ משה רבינו, אַן עדיסאָן, אַן אײַנשטיין, צי להבֿדיל אַ היטלער אָדער אַ סטאַלין מיט זייערס גלײַכן, און צי דאָס איז דער וועג צו עפּעס יחידישס אָדער קאָלעקטיווס, ווי יעדנס אינדיווידועלער אומקום, וואָס איז נאָר ווי די וועלקנדיקע בלעטער פֿון אַ בוים.

וואָס-זשע וועט זײַן ווײַטער מיט דער עוואָלוציע פֿונעם מענטש, בפֿרט אַז ס'ווײַזט זיך אויס אַז ער ווערט פֿאַרקריפּלטער, ערגער פֿיזיש און פּסיכיש? זאָל דער אוניווערסאַלער באַשאַף זײַן פֿאָרויס פּראָגראַמירט ביז... ווער ווייסט ווען?

≈❀≈

אינטערעסאַנט צו וויסן ווי אַזוי קען זיך אין אַ באַשעפֿעניש —אין אַ מענטש ווי אין אַ מוראַשקע— מאַניפֿעסטירן אַן ענערגיע, צו הייבן עפּעס מער ווי זייער אייגענע וואָג; צו שפּרינגען, ווי

למשל אַ פּלוי, וואָס קען שפּרינגען אַפּשר 200 צי 300 מאָל העכער איר גרייס, און בכלל זיך באַוועגן. ערשט ווי אַזוי קענען לוציִאָלן שאַפן עלעקטרישן שטראָם, מיט ליכט-עפעקטן, אָן דינאַמאָס?

~❀~

אַז אַ לאַנדרי האָט פאַרברענט עטלעכע פרויען, האָט די גאַנצע וועלט זיך רעוואָלטירט קעגן אַזאַ רציחה-סקאַנדאַל. אַז היטלער האָט פאַרברענט מיליאָנען מענטשן, גרויס און קליין, האָט די ציוויליזירטע קולטורעלע רעליגיעז-עטישע וועלט געשוויגן ווי גל^כגילטיק, און ווער ווייסט, אפשר אויך צופרידן. אין פאַרגלײַך מיט אַ היטלערן, אַ סטאַלינען און זייערע פאַרברעכערישע מיטהעלפער איז דאָך אַ לאַנדרי אַ מפּיל-קינד. אָבער די מענטשהייט איז דאָך ניט עפּעס אַ ווילד-משוגענע וועלפסטאַדע; זי איז דאָך האָמאָ-סאַפּיענייזירט, קולטורעל, ציוויליזירט... אַז אָך און ווײ צו אַזאַ מין קולטור און אַזאַ מין ציוויליזאַציע!...

~❀~

געוויס אינטערעסירן מיך די געשיכטעס פון קאָסמישן אַלץ בכלל, און פון מײַן פּלאַנעט בפרט: די גאַנצע בײַאָספערע מיט אַלץ וואָס דערויף און דערין, די געשיכטע פונעם מענטשן-מין מיט זײַנע פיזישע און פּסיכישע פּראָבלעמען, זײַן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און ספּיריטועלע באַגערן צי קאָמפּלעקסן, גוטע און שלעכטע; די געשיכטע פון מײַן פאָלק, ייִדן, פון אַלע שבטים מיט זייערע ספּעציפישע לעבנס-שטייגערס, דיאַלעקטן אד״גל.

אָבער דאָך, מער פון דעם אַלעמען און פריִער פון אַלץ — מײַנע אייגענע טאַטע-מאַמע, מײַנע ברידער און שוועסטער, מײַן משפּחה, מײַן ייִדישע ייִדישקייט, מײַן מאַמע-לשון ייִדיש, וואָס איז בלוט פון מײַן בלוט און פלייש פון מײַן פלייש, געאייגנט מיט טויזנט אופנים צו איין נשמה, איין קולטור, איין מעגלעכער עקזיסטענץ וואָס כ׳טאָר ניט פאַרקריפּלען, פאַרנאַכלעסיקן, לעסטערן און לאָזן פאַרשעמען, פאַרגעסן.

דער וואָס איז אַגרעסיוו קעגן דעם, איז מיר זעלבסט אַ שׂונא. די וואָס פֿאַרלייקענען זייערע אייגנאַרטיקייטן זענען באַרישע רענעגאַטן, אָפּטריניקעס און פֿרעמדע, טראָץ די באַציִונגען וואָס כ׳האָב מיט זיי עקאָנאָמיש צי אינטעלעקטועל.

כ׳האָב ליב וואַלערין, פּושקינען, סלאָוואַצקין, געטהען, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען? כ׳האָב ליב מאָצאַרטן, בעטהאָווענען, שאָפּענען, ראַוועלן און טשײַקאָווסקין, אָבער כ׳האָב נאָך מער ליב די מאָדזשיצער מוזיק, און די מאַמישע וויגלידער, ווי כּל־נדרי און שושנת־יעקבֿ מיט זמירות, אַפּילו ניט זײַענדיק קיין חסיד.

ס׳קען מיך קיינער ניט חושד זײַן אין עגאָיִזם און שאָוויניזם. פֿאַרשטייט זיך, מע טאָר ניט האָבן קיין טענות צו עמיצן אויב ער פֿילט זיך און פֿירט זיך ניט אַזוי ווי איך.

≈❀≈

די לבֿנה איז אַ סך קלענער פֿון אונדזער פּלאַנעט, און דאָך ווירקט זי אויף אָקעאַנען, און וואָרשײַנלעך אַנדערש אויך. פֿאַר וואָס קען זיך שאַפֿן אַזאַ מין אַטראַקציע? אויף וואָס ווירקט אונדזער פּלאַנעט? איז פֿאַראַן עפּעס קעגנזײַטיקס צווישן ערד און לבֿנה?

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך מוז אומבאַדינגט דאָס וויסן!

≈❀≈

דער האַר זינדיקט מיט פֿאַרשקלאַפֿן לײַט, זײַנס גלײַכן. און דער שקלאַף זינדיקט מיט לאָזן זיך פֿאַרשקלאַפֿן. דעם שקלאַפֿס זינד איז אפֿשר גרעסער דערמיט וואָס, זײַענדיק די מאַסע טאָלערירט ער דאָס זײַן אַ קנעכט בײַ אַ מינדערהייט, אַ סאַמאָדערזשאַוונעם טיראַן, אַ פּלוטאָקראַט צי טעאָקראַט, צי בײַ אַ מינדערהייט ווען ס׳געלינגט צו פֿאַרטשאַקען עולם־גולם מיט פֿאַרשיידענע דאָקטרינעס, רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע, ראַסן־סופּעריאָריטעטן, פּאַראַזיטיזמען, שאָוויניזמען און אַנדערע שמײַדרײַען, מיט אַ כּלומרשטער עטיק, עסטעטיק, ספּיריטואַליטעט,

ספּאָרט- קאָמפּעטיציעס און וואָס ניט?

בכן, זענען אַלע געמיין.

~❀~

ווי אַזוי קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַז טעמפּלען, אומעטום, זאָלן זײַן געצירט מיט אַזוי פֿיל רײַכטימער, און אַלע גאָטס-סטראַפּטשעס – געפּוצט און געסטרויעט ניט טוענדיק קיין שום ניצלעכע אַרבעט, חוץ זייערע מעקלערישע פֿאַרמיטלונגען ווי הימלישע פֿאָרשטייערס פֿון גאָט צו געטער, וואָס זיי לעסטערן מיט זייערע פּירונגען, בשעת ס'איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל אָרעמקייט אומעטום. ס'ווערן אָבער דערפֿאַר תּמיד געהאָלפֿן די צעזאַרס, די פֿערדינאַנדס מיט איזאַבעלעס, די צאַרן און די היטלערס פֿון אַלע צײַטן, איבער הויפּט ווען ס'גייט אין פֿאַרפֿאָלגן ייִדן.

~❀~

עס קענען ניט גילטן, עס קענען ניט עקזיסטירן קיין פֿאַרשיידענע ערלעכקייטן, קיין פֿאַרשיידענע מאָראַלן, צי פֿאַרשיידענע מינים לאָגיק; אויך ניט קיין אַנדערע מאַטעמאַטיק אָדער אַן אַנדער אמת. עפּעס – אָדער ס'איז דאָ, אָדער ניט פֿאַראַן. דער העגעליאַנישער סינטעזע-סיסטעם, מיט פּשרות, קאָמפּראָמיסן, איז בלאָף, פֿאַרדעכטיק, אָן שום ווערט. ס'קען זײַן אַ לעבנס-שטייגער בײַ וועלף, בײַ שאָף און בײַ גרעזלער, מיט קעגנזײַטיקע אינטערעסן, אָבער פֿאַרן אייגענעם מין קענען ניט -טאָרן ניט!- זײַן קיין פֿאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס פֿאַר עפּעס פֿון די אַלע אויבן-דערמאָנטע פּראָבלעמען.

לײדער, טויזנט מאָל לײדער, איז דער אומבאַגרײַפֿטער פּי-טוביזם פֿון באַשאַף אַזוי אויסטערליש, מיטן קעגנזײַטיקן זיך אָנגרײַפֿן כּדי זיך צו נערן אײנס מיטן אַנדערן, אָדער פֿאַרשווינדן. אָבער חוץ פֿלאַנצן וואָס, ווי באַר רײַף, רײצן זיי, רופֿן אַפּעטיטן, איז געמיין דאָס פֿאָסמאַקעווען זיך מיטן פֿרעסן באַשעפֿענישן. ווער רעדט-שוין אומברענגען צוליב תּענוג, און אַזעלכע כּלומרשט פֿײַנע

פּענאָמענען ווי געיעג, פּישפּאַנג, שינדן פּעל פֿאַר קליידער אָדער טייטן העלפּאַנדן צו מאַכן זיך שמײַדרײַען מיט זייערע ציין, אָדער ממיתן קראָקאָדילן צו האָבן בײַטלען און שיך, אאַז״וו. דאָס קענען באַרעכטיקן געמיינע פּירונגען מיט דיאַלעקטישע שאַלעמויזן און פּילאָזאָפּישער אַקראָבאַטיק אד״גל, איז פֿאַרברעכעריש און נאַריש, זינדיק, און לעסטערט דעם נאָמען מענטש, באַליידיקט דעם באַשאַף, איז זיכער אַ לאַסט פֿאַרן ערלעכן געוויסן, אויב אַ ניצוץ געוויסן איז פֿאַראַן בײַ עמיצן.

≈❁≈

האָסט געזען אַ דרעסירער אין דער שטײַג, אויף דער אַרענע פֿון אַ צירק? אין איין האַנט אַ בײַטש, אַ שטאַנג אין דער צווייטער. לאָזט ער ניט אַראָפּ קיין בליק פֿון לייב, לעמפּערט, טיגער צי פּאַנטערע. ס׳אויג פֿאָדערט, בעט זיך, באַפֿעלט, צווינגט אויף – אָבער אָפּט מיט אַנגסט. ס׳ווערט געפֿאָלגט און איז דער זיגער, אָבער ניט אַלע מאָל. עס טרעפֿט: ס׳פֿעלט עפּעס אין זײַן קול, אין זײַן זשעסט; אַ רגע – און ער ווערט צעריסן אונטער נעגל, ציין.

מחבר: ווערטער, מחשבֿות זענען דײַנע לייבן, לעמפּערטן, טיגערס געהיימע; אומבאַקאַנטע, אומבאַגרײַפֿטע כּוחות. זיי טשאַטעווען אויף דיר, דײַן יעדן בליק, דײַן יעדן זשעסט, און ווי איז דיר אויב דו פֿאַרגעסט צו ווײַזן, אַז דו ביסט דער האַר און אַבסאָלוטער מײַסטער, דאָס וואָס מאַכט דיך גרויס, באַרימט און אַפּלאָדירט. ביסטו לעכערלעך און אומבאַהאָלפֿן – בלוטיקן דײַן גוף און דײַן נשמה.

חוזק, שבֿח – היט זיך, מחבר, מיט דײַנע מחשבֿות און מיט דײַן שפּראַך. ווערטער און מחשבֿות זענען תּמיד טיגערן פֿאַר אַ מחבר: זיי פֿאָלגן נאָר געצוווּנגען, באַזיגט מיט בײַטש צי בליק. היט זיך, דרייסט; קיין מאָל היינטערווײַלעכץ, צוריק; אַ ריר, אַ שפּאַן – געענוג, און אויס מיט דיר. צו שפּעט! ווערטער זענען תּמיד טיגערן, מײַן פֿרײַנד. זיי פֿאָלגן פֿרײַ אַ מאָל דײַן ווילן צי דײַן קול. ס׳איז

בלויז אין דיר געווענדט. זיי פֿאָלגן הײַנט; דאָך, אַ פֿײַערל די אויגן צינדט; זיי זענען קיין מאָל ניט קיין הינט; לאָשטשען זיך ניט, לעקן ניט קיין הענט. ווערק שענקט דיר מיין, אויסזען, קלאַנג און טײַטש, אָבער נאָר באַצוווּנגען פֿון דײַן מײַסטערישער בײַטש.

~❀~

ווי מאָדנע, אויסטערליש, אַז נאָך אַזוי פֿיל יאָרן לייענען פֿאַרשיידענע פּאָעטן, געפֿעלט מיר דווקא טריסטאַן צאַראַ, איבערהויפּט דער פֿונעם שפּעטערדיקן סירעאַליסטישן פּעריאָד, נאָך דאַדאַ. זײַנע אַלע אויספֿירונגען, סײַ וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען, סײַ וועגן דעם פּראָבלעם פּאָעזיע בפֿרט, געפֿעלן מיר הונדערטפּראָצענטיק. זײַן סנאָבישער אָנהייב אין ציריך איז געווען אַ מין ייִנגלישקייט פֿון אַ גרויסן גײַסט. זײַנע אַבסורדן, סקאַנדאַלן און צעשטער-סיסטעם פֿונעם גאַנצן בירגערלעכן קלאַפּער-געצײַג, די עסטעטיק און מאָראַל צוזאַמען מיט דער שפּראַך — זענען געווען בויטוועגדיק. דאָס איז געווען דער דינאַמיט וואָס רײַסט אויף חורבֿות פֿון מיאוסע, אומניצלעכע געבײַדעס, כּדי צו קענען בויען נײַע, האַרמאָנישע, גילטיקע.

צאַראַ איז דער לע-קאָרבוזיער פֿון דער פּאָעזיע. כ'האָב זיך ניט געריכט צו געפֿינען אַזוי פֿיל לאָגישע זאַכלעכקייט בײַ אים. כ'בין איבערגעצײַגט אַז דאָס, וואָס האָט אים געעקלט אין 1916, האָט זיך איצט צוריק פֿאַרשפּרייט בײַ דער נאַרישער, כּלומרשט עוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. ס'איז ווי מיט די מיקראָבן, וואָס דערשרעקן זיך פֿאַר די ערשטע אַנטיביאָטיקס, און קומען צוריק שטאַרקער. אפֿשר מאַכן טיילן פֿון זיי אַ לעבן אין די פּעניצילינען, סטרעפּטאָמיצינען.

ברעטאָן האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגונען צאַראַן זײַן אָרט און זײַן טאַלאַנט. ס'קען זײַן אַז אויב דער סירעאַליזם איז ניט געווען קיין צווײַג פֿון דאַדאַיִסטישן בוים, איז ער —זײַענדיק געוואָרצלט אין צאַראַס באַוועגונג— געווען אַ פּרווו צו פֿאַרבילדערלעכן דעם רעוואָלוציאָנערן ציל פֿון דאַדאַ: צאַראַ, מאַיאַקאָווסקי,ביידע נאָך

ניט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנענע ריזן.

מיר ייִדן האָבן געהאַט אונדזער פּרץ מאַרקיש. אָבער אַ ייִד איז דאָך אַ ייִד, האָט זיך אונדזער אַמאָליקע „כאַליאַסטרע" געמוזט אויסקריסטאַליזירן אַנדערש. איובֿ, איכה, די תּחינה — ליגן פֿאַרבאָרגן אין אַלץ וואָס איז ייִדיש. מיר האָבן דאָס שיר־השירימדיקע אויך. אונדזער ליריק איז העכער ווי די פֿון די אומות־העולם, און דערפֿאַר זענען אונדזערע האָריזאָנטן תּמיד ברייטער, און ליידער אויך תּמיד ווײַטער. ליידער איז די וועלט קורצזיכטיק און דלד־אמותדיק באַגרענעצט.

≈❁≈

צו ערשט איז געווען דער טראָפּן וואַסער; דערנאָך ערשט דער ים. צו ערשט איז געווען דער פּונק; דערנאָך דער פֿלאַם. צו ערשט דער נוקלעאָן פֿון אַטאָם; דערנאָך דער מענטש, און אפֿשר גאָט. שטראָף מיך ניט פֿאַר די אַפּיקורסישע רייד, רבונו־של־עולם!

גאָט אָבער –אויב אַ וואָרער גאָט– איז זיכער שטאָלץ אַז איך, בן־אָדם, זאָל אַזוינס טראַכטן. דאָס וואָס קען ניט אויסהאַלטן דעם צווייפֿל, דורכגיין יעדן פּרווו, בײַשטיין דעם אַנאַליטישן נסיון און ניט שרעקן זיך פֿאַר קריטיק — איז לחלוטין פֿאַלש, און אויב ניט עכט, מיט אימה פֿאַרן אמת — ניט גילטיק, אָן שום ווערט.

דער גאָט וואָס איז מײַן אינטים ליבער גאָט, האָט זיכער ניט קיין אַנגסט פֿאַר קיין שום טעאָריע, דאָקטרינע, פּאָסטולאַט צי השערה, ניט פֿון מיסטיקער, ניט פֿון ראַציאָנאַליסטן. ס'איז דער גאָט פֿון טאָטאַלער גײַסטיקער פֿרײַהייט פֿון וואָרט, טאַט און געדאַנק. דעריבער איז ער טאַקע גאָט, און כ'האָב אים ליב.

≈❁≈

בראשית זאָל האָבן געווען דער מאַקראָ־קאָסמאָס, וואָס האָט זיך צעפּיצלט, צעקרישלט אין פֿראַגמענטן, אָדער דאָס מיקראָסקאָפּישע, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט, אויסגעשפּרייט אין עקספּלאָז צו קענען זײַן דורך רוים און דויער. האָט דאָך

געמוזט זײַן אָרט און צײַט דאָס זאָל קענען געשען? טאַקע אַ פּיעסע מיט אַקטיאָרן און אפשר צושויער, אָבער – ס׳מוז דאָך זײַן אַ טעאַטער, אַ בינע, אַ מאַרקפּלאַץ... ניט צו דערגיין קיין טאָלק אין דעם אַלעמען!

~❀~

בראשית ברא אלוהים. פרעגט זיך: מי ברא אלוהים? קומט דאָך אויס, אַז דער בראשית איז נאָר אַן עפּיזאָד?

דאָס מוז ניט דווקא זײַן אַן אַפּיקורסישער חילול-השם. אַדרבא! דאָס איז נאָך וווּנדערלעכער און פּרעכטיקער. קודם-כּל: דער מענטש זאָל קענען אַזוינס טראַכטן. דערנאָך: דער מעגלעכער באַוווּסטזײַן פֿון עפּעס וויכטיקערס און גרעסערס ווי דער מענטשלעכער באַגריף פֿון גאָט, פֿילט אָן מיט אָפּשײַ און פֿרומקייט. פֿאַרקערט: דווקא דער בלינדער באַגרענעצטער קרעדאָ דערנידעריקט דעם מענטש. יעדער צווייפֿל, יעדע מחשבֿה פֿון אַ יענע-זײַט, פֿירט מיך צו רעליגיעזן עקסטאַז.

~❀~

מיט גוט, שיין, ערלעך, אויפֿריכטיק; אמת, יושר, גערעכטיקייט, ליבשאַפֿט – איז ניט מעגלעך קיין שום קאָמפּראָמיסן, פּשרות, אָבערס, דאָר׳ס, אפֿשרס צי פֿון-דעסט-וועגנס. אַלץ דערפֿון איז זינד, אַ פֿלעק, אַ צער פֿאַרן געוויסן. נאָר די וואָס זעגען קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן אין טעאָריע ווי אין פּראַקטיק, קענען זיך דערוועגן צו ברענגען סענטענצן און אַקסיאָמען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אָפֿענע אויגן וועגן די אויבן דערמאָנטע פּראָבלעמען. אָן דעם זענען וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, מאָראַל, חכמה, רעליגיע, קונסט און אַנדערע מענטשלעכע אויסדריקן פֿאַלש, היפּאָקריטיש.

ס׳איז טאַקע שווער, זעלטן און אפשר געפֿערלעך צו באַהויפּטן און אָנצוווענדן דאָס אַלץ אין לעבן. אָבער ס׳מוז דאָך כאָטש זײַן טעאָרעטיש! איך אַליין פֿאַרשווענד מײַן עקזיסטענץ נאָריש און

ניצלאָז, אָבער פונקט ווי דער שיכּור וואָס ווייסט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ לעבער-סיראָז, און ער מוז זיך שעמען מיט זײַנע טוונגען, איידער ער וועט אפשר אַרויף אויפן דרך-הישר. זאָל אָבער כאָטש ס׳דאָזיקע עקזיסטירן ווי אַ פּראָטאָטיפּ, אַן אידעאַל, אַ סימבאָל פון אַן ערלעכן, אויפריכטיקן מענטש.

≈❀≈

ווער ווייסט צי אונדזער פלאַנעט מיט זײַנע ספּערעס איז ניט אפשר נאָר אַ כריזאַליד? דער גאַנצער ביאָ-אַלץ — אַ וואָרעם וואָס שטײַגט פון עפּעס צו עפּעס? אַ מאָל וועט אַרויספליִען אַ פּרעכטיק זומער-פייגעלע, צעשפּרייטן איריזירטע פליגעלער און אַוועק אין וווּנדער-גאָרטן, צו אומבאַגרײַפטע נאָך רויזן. און אפשר איז עס בלויז אַן איי, פון וועלכן ס׳וועט זיך אויספּיקן אַ שלאַנג, מיט איר ביס און גיפט?

≈❀≈

אַ מחבר בכלל, און אַ פּאָעט בפרט, טאָר ניט זײַן אַ מין אָביעקטיווער פּראָטאָקאָל-פאַרצייכענער, מעשׂה סעקרעטאַר אין אַ טריבונאַל צי בײַ אַ קאָמאָרניק, אָדער ווי אַ בריוושרײַבער. ער טאָר ניט זײַן קיין פּאַיאַץ, אַ בדחן צי קאָמעדיאַנט וואָס קומט ווײַלן די געערטע געזעלשאַפט מיט שאַרפזין, עסטעטישע שאַלעמויזן פון שרײַבערס שיינע פּראַזעאָלאָגן. ער טאָר אויך ניט זײַן, ווי דער קהלישער חזן, קיין פאַרמיטלער צווישן גאָט און לײַט. אַ מחבר בכלל, און אַ פּאָעט בפרט, מוזן שאַפן ווערק וואָס זאָלן זײַן ווירדיק און וויכטיק, נויטווענדיק ווי די לופט וואָס מ׳עטעמט, דאָס ברויט וואָס מ׳עסט, צי ס׳וואַסער וואָס מע טרינקט. זיי טאָרן ניט זײַן גלײַכגילטיק, אומפּאַרטייִיש. זיי מוזן נעמען שטעלונג, פאַרטיידיקן אַ שטאַנדפּונקט, זײַן דורכויס סוביעקטיוו, אַנגרײַפעריש, אויסרופעריש, אַרויסרופעריש. אַ רוף צום קאַמף און אַ הימן צום פרײַען מענטש אין גאָטס וועלט. ניט אײַנשלעפערן מיט בענקעניש, מיט פאַרכישופן, מיט שעפּטשערײַ, מיט פאַררעדן די

ציין, מיט קונסט-טעאָריעס און עסטעטיק-פֿילאָזאָפֿיעס, און איבערהויפּט: ניט שטיין אין רשות פֿון קיינעמס אינטערעסן – קליקעס, קלאַסן צי ראַסן.

דער פּאָעט איז דער וואָרטזאָגער פֿונעם פֿרײַען מענטש; ער איז אויך גלײַכצײַטיק נביא, דערמאָנער און שטראָפֿער, פֿאַרטיידיקער און קעמפֿער פֿאַר אַלץ וואָס איז גילטיק כּדי מענטש זאָל ווערט זײַן דעם צלם-אלוהים. ניט קיין שייגעץ, ניט קיין שמײַער, ניט קיין אויסטערלישקייט, ניט קיין סקאַנדאַל, ניט קיין אינזיכיסט מיט אַ כּריזאַליד-אָפּגעזונדערטקייט. אַ פּאָעט מוז זײַן דאָס קול פֿונעם מענטש אין דער בּיאָספֿערע.

~❁~

דער וואָס באַליידיקט, דערנידעריקט, פֿאַרשעמט, טוט שלעכטס אַ מענטש – טוט ער ס׳דאָזיקע דעם באַשאַף. דער וואָס זינדיקט קעגן אַ מענטש, זינדיקט קעגן גאָט. דאָס אַלץ טוט ער אויך זיך זעלבסט, ווײַל ניטאָ קיין פֿרעמדער עלעמענט אינעם אוניווערס. אַלץ איז אַ טייל פֿון אַלעמען, ווי אַ טייל פֿון יעדן. מיטן אומברענגען עפּעס פֿון יענעם, באַגייט מען אַ מאַטעריעלן און פּסיכישן זעלבסטמאָרד. דער **אַלץ** קען ניט, טאָר ניט און וועט ניט מוחל זײַן דעם באַגאַנגענעם חטא, די נאַרישקייט. אין דער קאָסמישער בוכהאַלטעריע מוז אַלץ שטימען. איז פֿאַראַן אַ רובריק „זינד", מוז זײַן אַ רובריק „שטראָף". די געטלעכקייט פֿאַרטראָגט ניט קיין אָפֿענע קאָנטעס. זי איז קיין מאָל ניט אין באַנקראָט. דער מענטש וואָס טראַכט ניט דערפֿון, און נעמט ניט אין אַכט דעם דאָזיקן אימפּעראַטיוו, באַשווינדלט זיך זעלבסט, און זײַן גסיסה וועט זײַן אַ קאָשמאַר.

~❁~

אין יאָר 2000, און אפֿשר נאָך פֿריִער, וועלן זײַן עלעקטראָנישע מחברים וועלכע וועלן, לויטן באַגער, שאַפֿן פּאָעזיע, פּראָזע, פֿילאָזאָפֿיע, עסייִסטיק, וויסנשאַפֿטלעכע און

אַנדערע ליטעראַטורן. אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מחשבֿות, געפֿילן און געדאַנקען, נאַטור-, כאַראַקטער- און סיטואַציע-שילדערונגען – רעגיסטרירט אין אַ רגע-טייל לעכל. ס'וועלן ווערן געשאַפֿן עפּיגראַמען אָדער ראָמאַנען, עפּיק, ליריק מיט צי אָן רעטאָריק, אַ-לאַ סורעאַליזם מעשׂה צאַראַ און ברעטאָן, צי נאַטוראַליזם אַ-לאַ זאָלאַ און פּרוסט, מיט צי אָן פּסיכיזם, אַנאַליזן און אויספֿירונגען. אַ קוועטש אויף אַ קנעפּל – און ווי אַ שפּילקאַסטן אַ ניגון, וואַרפֿט די מאַשין אַרויס אַ ווערק, אָפּט שוין מיט פּיאָנערישע אילוסטראַציעס אַ-לאַ קאָמיקס צי פֿאַנטאַסטישע צייכענונגען, בעלעטריסטיק, אַלאָפּאַטישע צי האָמעאָפּאַטישע ליטעראַטור... הכּלל: יעדן לויט זײַן באַגער, געשמאַק, אַנשויאונג און שטימונג. אפֿשר טאַקע באַלד מיט אַ פּרעמיע: אַ גאָנקור, אַ נאָבלפּרײַז צי אַנדערע.

און אַזוי ווי יעדערער וועט קענען האָבן אַ מיניאַטוריזירטן אָרדינאַטאָר, וועט זײַן אַ ליטעראַטור-פּראָדוקציע אָן שום מאָס: אַ פֿאַרפֿלייצונג, אַ מבול, אַן אינוואַזיע פֿון קונסט, פֿון גײַסטיקייט, כאָטש דער מענטש וועט דערבײַ ניט טון קיין האַנט אין וואַסער: אַלץ וועט זײַן געמאַכט עלעקטראָניש. אַפֿילו פֿאַרצעגפֿאַכנדיק זײַן דויער אין לענג און פּאָטענץ, וועט אַ מענטש ניט באַוויײַזן בײַצוקומען ניט זײַן אייגענע און ניט די מחבר-ליטעראַטור. אָבער דאָס וועט ניט זײַן קיין שווערע פּראָבלעם בײַ די צוקונפֿטיקע געערטע לייענערס. וואָרן אַזוי גוט ווי די אָרדינאַטאָרן-מחברים, וועלן אויך זײַן אָרדינאַטאָרן-לעזערס, און אַלץ וועט געטון ווערן מעכאַניש, אויטאָמאַטיש, אָן דעם מענטשס אַרײַנמישונג. און מע וועט דערבײַ קענען כאַפּן אַ דרימל, שפּילן אַ קערטל עלעקטראָניש, צי גיין שפּאַצירן.

אפֿשר וועט מען גאָר ניט דאַרפֿן אַלץ פֿאַרצייכענען? דער אָרדי-נאַטאָר וועט זײַן גלײַכצײַטיק מחבר, לייענער, דענקער, געניסער, שאַפֿער, און אַלץ וועט ווערן אָפּגעטון צווישן טראַנזיסטאָרן, צווישן

זייערע קאָנעקטירטע זכּרון-רעגיסטערס און נאָר אַזעלכע מאַכערײַקעס פֿון וועלכע כ׳בין ניט פֿעיִק צו רעדן. דעמאָלט וועלן מיר זײַן באמת פֿרײַ און קענען אָפּעטעמען מיט אַ לײַכטער געמיט.

~※~

כ׳ווייס ניט ווען און וויפֿל וויסנשאַפֿטלעכע נאָרמאַלע לײַט, מיט נאָרמאַלע השׂגות, האָבן אַ מאָל געקענט נאָר אַ קריטישן צוגאַנג און אָביעקטיוון אַנאַליז קומען און באַווײַזן, אַז דער און דער גאָט, צי זײַן שטעלפֿאַרטרעטער, האָט זיך צו אים באַוויזן און אַנטפּלעקט אַזעלכע עקספּערימענטאַלע אמתן וואָס מע קען מאַ־טעמאַטיש פֿעסטשטעלן און אויספּרוּוון לאַבאָראַטאָריש ווי מע וויל.

אָפּט געשעען די אַנטפּלעקטע ניסים בלויז מיט פּראָסטע פּסיכיזמען: קינדער, אָדער קרענקלעכע, ניט-נאָרמאַלע פֿאַרשוינען, וואָס זענען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון נאַרקאָטיקס, מיט אַבסטינענץ-קאָמפּלעקסן, שעמעוודיקע וואָס ווילן זיך אויסווײַזן אינטערעסאַנט מיט עפּעס, צי סתם האַלוצינירטע בתולות וואָס טרוימען פֿון אָרגאַזמען און דרייען זיך צערייצט אויף די געלעגערס. זאָל מאָרגן קומען עפּעס אַ פּויעריש מיידל, וואָס דאַרף נעבעך האָבן אַ מאַן, און דערציילן אַז זיצנדיק אונטערן בוים האָט זיך צו איר באַוויזן יעזוס, זי געקושט ביז זי איז געפֿאַלן אין חלשות – און פֿון אומעטום וועלן קומען לײַט צום בוים, די בתולה וועט ווערן אַ הייליקע, אויפֿן אָרט וועט מען אויסבויען אַ קלויסטער און ס׳וועט אַוועק אַ סדרה מיסטעריעס.

די גאַנצע מעשׂה מיט סימאָן ווייל, איז לויט מיר עפּעס אַזוינס. עס איז פּראַכטפֿול ווי איר ייִדישקייט האָט געקעמפֿט מיט אירע מחשבֿות, און סוף-כּל-סוף איז זי געבליבן בײַ דער שוועל פֿון קאַטוילישן קלויסטער. „איר האָט מיך ניט ליב", זאָגט זי. עפּעס איז ניטאָ קיין טאָטאַל אינטימער בונד מיט איר קריסטלעכקייט. אָבער זינט ס׳איז אַ קריזיס מיט ניסימדיקע אַנטפּלעקונגען און געטלעכע וויזיעס, איז איר פֿאַל אויך אַ סחורה, אַ קריסטלעכער גאַדזשעט פֿאַר לײַט וואָס דאַרפֿן אַ באַנײַונג פֿון דער טעאָלאָגיע,

אַ מין קאָקטייל פֿון קאַרל מאַרקס, פּראָלעטאַריאַט, רעזיסטאַנס, אַנטי-קאָנפֿאָרמיזם, אָבער דאָך תּענוג און דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון ערדשין גליק און באַגערן דאָס הימלישע קעניגרייַך.

~❀~

וואָס זאָל אַ גאָט נעבעך טון: נערן וועלף, אָדער שיצן שאָף, צי היטן גאָר דאָס גראָז וואָס יענע צופּן? ס'וויען פֿון הונגעריקע וועלפֿעלער, ס'מעקען פֿון דערשראָקענע שעפֿעלער, די שאָרכן פֿון יונגע גרעזלעך מיט טרערן טוי, טוען ווייטיקן דעם באַשעפֿערס געמיט, פּילן אָן מיט צער זייַן האַרץ. ווי שטעלט מען אַלעמען צופֿרידן? און ערגער נאָך: צו וועמען זאָל אַ גאָט זיך קענען ווענדן?

~❀~

ס'איז אַבסאָלוט ניט וואָרשייַנלעך אַז גאָט זאָל מיט עפּעס שטראָפֿן זייַן שאַפֿונג. יעדער מייַסטער האָט ליב זייַן ווערק, און בכלל איז זיכער דאָס גאַנצע קאָסמישע זייַן תּמיד מיט כולו פֿרייד. אַלע פּייַנען און אַנגסטן פֿונעם מענטש זענען זייַנע אייגענע אויפֿטוען. ער איז זיי גורם, סײַ זיך אַליין, סײַ יענעם. און ער, נאָר ער זעלבסט, מיט זייַנס גלייַכן, זענען ביכולת זיי צו היילן און צו באַזייַטיקן. נאַרישע לײַט וואָס איר לעסטערט גאָט, די העכסטע עמאַנאַציע פֿון דעם וואָס איז צי קען זייַן, אין אײַערע קליינקעפּלדיקע, עגאָיִסטישע אַוואַנטורעס. באַליידיקט ניט ס'געטלעכקייט מיט אײַערע נאַרישע תּפֿילות. אַז אַ געליבטער קומט צו גיין, גייט דען זייַן באַגערטע געליבטע אים אַנטקעגן קראַנק, געבראָכן, געבויגן, אייַנגעריסט, אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן, אָכצנדיק, זיפֿצנדיק, בעטלענדיק? זי קומט צו אים שטאָלץ, אויסגעפּוצט, באַצירט מיט אַ שמייכל, גרייט צום ליבשאַפֿט טאַנץ. אַזוי, מענטש, קום פֿאַר גאָט מיט דייַן אינטימען באַגער, ניט אויפֿן מאַרק – אייַנצוהאַנדלען, אויסצובעטלען נדבֿה-גליק.

~❀~

יום ולילה לערנען תורה? תפילה טון? ליבן גאָט? שיין וואָלט אויסגעזען אַ גאָרטן ווען אַלע פּלאַנצן, אַנשטאָט צו טון זייער טאָג-טעגלעכע פּליכט ווי שפּראָצן, וואַקסן, בליִען און שאַפן פּירות, וואָלטן ניט געטון עפּעס אַנדערש ווי תפילה געטון און געלויבט דעם גערטנער. נאָר לעבנדיק נאָרמאַל, אָן אַטראָפּיע צי היפּערטראָפּיע, מיטן באַוווּסטזײַן פֿון גילטיקן זײַן, ניט זינדיקנדיק מיט קיין שום מיאוסקייט, קיין שום שלעכטס, קיין שום פּאַראַזיטיזם, דינט מען, ליובט מען גאָט, און מע טוט אַקטיווע תפילה. אַזאַ תפילה איז תמיד ניחא פֿאַר אַ געטלעכקייט, און אַלע באַגערן ווערן מקויים אין אַלגעמיינעם גליק. דעם מענטשס פֿרייד, דעם מענטשס גליק, דעם מענטשס מנוחה זענען גאָטס פֿרייד, גאָטס גליק און גאָטס מנוחה. ס'איבעריקע איז נאַרישע רעטאָריק און עגאָיִסטישע ליטעראַטור.

~❀~

די באַציִונג פֿון גאָט צו מענטש און מענטש צו גאָט, ווי די באַציִונג פֿון מענטש צו מענטש זײַנס גלײַכן, און צו זײַן סביבה בכלל, איז ניט עפּעס קיין פּראָבלעם פֿון פלאַטאָנישער מעטאַפֿיזיק. פֿאַרקערט, דאָס איז אַ ריין-מאַטעריעלער, פֿיזישער ענין, אַ נויטווענדיקייט, אַ פֿאַקט, און בעסער נאָך: עפּעס וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפֿן דעם מענטשס מוח-שפּעקולאַציעס, זײַן ווילן, זײַנע שטימונגען און נאָך אַזעלכע הויך-סאָפֿיסטיזירטע אויפֿטוונגען.

גאָט קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צום מענטש, ווי דער מענטש קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צום מינדסטן קעמערל אין זײַן גוף, אין זײַן פּסיכיזם. צי ער וויל עס יאָ, צי ניט — דער מענטש איז בלויז אַ טייל פֿון עפּעס; דער אינטערעס פֿונעם גאַנצן וועט אים קיין מאָל ניט לאָזן צו פֿיל אויטאָנאָמיע צו קענען שטעלן אין געפֿאַר די עקזיסטענץ פֿון דאָזיקן טייל פֿון אַלץ. דאָס קינד ווייסט אפֿשר ניט פֿון דער אינסטינקטיווער ליבשאַפֿט וואָס עס טראָגט אין זיך צו זײַן מוטער, און ס'פֿירט זיך כלומרשט גלײַכגילטיק. נאָר ווי ס'זאָל

זיך ניט מאַניפֿעסטירן די קינדער-ליבשאַפֿט, האָט עס ניט קיין שום אײַנפֿלוס אין דער נאַטירלעכער ליבשאַפֿט פֿון דער מוטער צו איר קינד.

מיר, מענטשן, באַשאַפֿענע פֿאַר גאָט, צו גאָט, אין גאָט, ווי גאָט איז פֿאַר אונדז, צו אונדז און אין אונדז — טראָגן מיר אין זיך נאַטירלעך די פֿיזישע ליבשאַפֿט צו אים, די אינטימע נויטווענדיקייט צו פֿילן זיך פֿאַר אים, צו אים, אין אים, מיט אים — תּמיד. אָן אים איז דאָס זײַן אַן אַבסורד, אַן אוטאָפּישע אוממעגלעכקייט.

די אַלע רעליגיעזע מאַכערײַקעס מיט די אָרגאַניזירטע צערעמאָניעס, תּפֿילות און בעל-תּשובֿהס, חרטות, מיט פֿילאָזאָפֿישע צי טעאָלאָגישע פּילפּוליזמען, זענען ניט-געשטויגן ניט-געפֿלויגן, אָן שום ווערט צי ממשות. וואָס הייסט: מיר ווערן אַפּיקורסים און פֿאַרלאָזן גאָט? צי: גאָט באַליידיקט זיך און פֿאַרלאָזט אונדז? עס איז אַ ברוגז-שפּיל? מיר קענען אָן גאָט ניט זײַן, ווי גאָט מוז אונדז האָבן. גאָט איז אונדזער לעבן און אונדזער טויט אַפֿילו. גאָט איז אונדזער פּשוט, פֿיזיש, נויטווענדיק זײַן. עס קען ניט העלפֿן אונדזער אַנטלויפֿן. אַנטלויפֿן — פֿאַר וואָס, ווו, צו ווען? עס קען זיך נאָר האַנדלען פֿון אַ מאָנאָטאָן אויטאָמאַטיש זײַן מעשׂה גולם ניט פֿון אַ באַוווסטזיניקער, גוט-פֿאַרשטאַנענער, גוט-געפֿילטער עקזיסטענץ, מיט דער דערקענטעניש פֿונעם יִחוס, פֿון די פֿליכטן און פֿונעם לוין וואָס צאָלט זיך: פֿרייד און מנוחה.

כ׳האָב קיין מאָל ניט געפֿילט און ניט פֿאַרשטאַנען דאָס מיסטישע, דאָס מעטאַפֿיזישע אין אַלע גאָט-קאָנצעפּציעס, און דאָס — תּמיד באַגלייט מיט שרעק, אימה, פּחד, מיט האַנדל-וואַנדל פֿון מצוות און עבֿירות.

באַשיידנקייט, מענטש! דאָס מיינט ניט זײַן אַ ליימענער גולם. דער אמתער פּרינץ איז באַשיידן. נאָר אויפֿגעקומענע גבֿירים און אוזורפּאַטאָרן-פּרינצן זענען ניט זיכער מיט זיך, און זוכן תּמיד מער אָפּשיי, כּבֿוד און מאַכט, ווי זיי קומט. זיי דאַכט זיך תּמיד אַז

זיי זענען אַלץ ניט געגנוג ריין, ניט גענוג פּרינציפּ. ערשט, וואָס איז עס אַזוינס אַ מענטשל, ער זאָל גאָר פּרעטענציעז אָנהייבן אַ מין דינגעניש מיט אָנערקענונג: צו לייקענען אָדער באַרעכטיקן אָדער גאָר לעסטערן די עקזיסטענץ פֿון געטלעכקייט? קען דען אַ טראָפּנדל טוי דיסקוטירן מיט אָקעאַנען? כאָטש דער אָקעאַן באַשטייט פֿון טראָפּנס, זענען שוין אָקעאַנען עפּעס אַנדערש. וואָס קען אַ טראָפּנדל וויסן פֿון אָקעאַנישע אינטערעסן?

ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ קאָמפּעטיציעס עס גייען אָן צווישן קאָסמאָסן. אַז קאָמפּעטיציעס זענען פֿאַראַן, דאָס מוז זיין, וואָרשיינלעך, ווייל מיר זעען אין אַלץ אַרום אונדז אַ קאָמפּעטיציע פֿאַר אויפֿהאַלט, פֿאַר פּערפֿעקציע, פֿאַר זיין. זאָל אַלץ זיין אַ סימביאָז צי אין אייביקן אָסמאָז? אָבער עס זעט אויס דאָך אַז עס גילט אַ באַגער פֿון כסדרדיקע פֿאַרוואַנדלונגען. אפֿשר איז אַלץ תּמיד מער אַן עמאַנאַציע פֿון אַ געטלעכן גייסט, אַ באַגער צוריקצוקומען צום גייסטיקן שורש?

זאָל דאָס זיין אַבסאַראַקטער פּילפּוליזם צי ניט – מיר, מענטשן, מוזן זיך באַגנוגענען מיט אונדזער צושטאַנד, מיט אונדזערע מעגלעכקייטן, ווי אַ לערן-ייִנגל ביי אַן אַרכיטעקט וואָס בויט געביידעס. דאָס וואָס ס׳טוט דאָס לערן-ייִנגל וועט דער מייסטער ניט טון. ער קען שאַפֿן עפּעס גרעסערס, אַנדערש, וויכטיקערס. בכן, איז ניטאָ קיין מינדערווערטיקייט-קאָמפּלעקס אין קיינעמס טוונגען. קען זיין – אַ היעראַרכיע אין ווערטן, אָבער יעדער פֿון זיי אויף זיין אָרט איז גלייכצייטיק און אומבאַדינגט וויכטיק.

דער מענטש וויל וויסן פֿאַר וואָס, וואָס, ווען, ווי, ווער. אַ שיינער באַגער, נאָר ס׳קען זיין אַז אַלץ איז קלאָר און אָפֿן. גאָט דאַרף זיכער ניט קענען קיין עזאָטעריזמען מיט רמזים און משלים, ווינקעניש און אינטערפּרעטאַציעס. וואָסי? ער האָט מורא פֿאַר עמעצן, ער דאַרף זיך באַהאַלטן? ס׳וועט אים ווער מאַכן קאָנקורענץ? אַלץ איז זיכער אָפֿן און קלאָר. ס׳קען זיין אַז אַן אַמיב ווייסט אַלץ. נאָר ער, דער האָמאָ-סאַפּיענס נעבעך, האָט זיך אַזוי פֿאַרקריפּלט און פֿאַרטשאַדעט, אַז ער איז אין גאַנצן

צעחושט. אַלע זײַנע חושים פֿונקציאָנירן שלעכט. ער איז ווי יענער געץ וואָס האָט אויגן און זעט ניט, ער האָט אויערן און הערט ניט. זאָל דער מענטש צוריקקומען אויף זײַן אָרט, און ער וועט מער פֿאַרשטיין.

אָבער וואָס זעען מיר? אַנשטאָט צו באַגרײַפֿן און כאָטש פּרווּן פֿאַרשטיין זײַן אָרט און ראָלע, מיסטיצירט ער, זוכט ער, דיסקוטירט ער מיט גאָט און דיקטירט אים באַדינגונגען, ווײַל אים אָנערקענען דע־יורע צי דע־פֿאַקטאָ, ווײַל אײַנשטעלן מיט אים דיפּלאָמאַטישע צי קאָמערציאַלע באַציִונגען.

כאָטש לויט די וויסנשאַפֿטלעכע חכמים גילטן די זעלבע גראַוויטאַציע־געזעצן סײַ אין פּלאַנעטן, זונסיסטעמען, ווי אין אַטאָמען, וועט קיין מאָל אין קיין פֿאַל אַן עלעקטראָן, אַ פּראָטאָן צי עפּעס אַן אַנדער טיילעכל פֿון אַטאָם ניט נעמען דיסקוטירן מיט אַ גאַלאַקציע צי אַ קוואַזאַר וואָס ציילט זיך אין מיליאַרדן ליכטיאָר די גרייס. יעדער טוט זיך ס׳זײַניקע; דער מענטש איז אפֿשר נאָך ווייניקער ווי אַ מעזאָנדל אין אַן אַטאָם, און בײַ גאָט זענען אפֿשר אַלע נעבולאָזעס, קוואַזאַרן און נאָוואַס בלויז אַטאָמען. בכן, קען מען אויספֿירן אַז ס׳איז גוט צו וויסן דעם ייִחוס: אַ קלייניקייט, אַ טייל פֿון אַזאַן אַלץ, משפּחה מיט גאָט זעלבסט!

ניט מעגלעך קיין מעטאַפֿיזיק צווישן גאָט און מענטש. לאָמיר זיך פֿירן באַטירלעך און פּשוט, און דער כּי־טובֿיזם פֿון באַשאַף וועט זיך מאַניפֿעסטירן אין אונדז: ס׳וועט אונדז זײַן גוט גופֿיש און נשמהדיק.

~❀~

וועגן סימאָן ווייל — ניט חלילה וועגן דער פּרעזידענטין פֿון אייראָפּעיִשן פּאַרלאַמענט אָדער געוועזענע מיניסטאָרשע, נאָר וועגן דער מיסטיש־קאַטוילישער שמדניצע און אַנטיסעמיטקע סימאָן ווייל. זי איז ניט געווען קיין נאָרמאַלע פֿרוי. זיך געחבֿרט ס׳רובֿ מיט מענער, תּמיד באַהערשט פֿון איר ליבידאָ. אין איר מיסטישער באַגעגעניש מיט יעזוסן זאָגט זי אַז זי איז ניט געטויפֿט

(אין פֿראַנצייזיש) אין ווײַבלעכן אופֿן, נאָר אין מענלעכן: "Je n'ai pas été baptisé".

בכלל איז איר באַציִונג מיט גאָט, מיט יעזוסן, עפּעס אַ ליבע-אַוואַנטורע. איין גוט-פֿאַרבערענגטע נאַכט אין געזונטע מענערישע אָרעמס, און איר גאַנצע דאָקטרינע וואָלט אויסגעזען אַנדערש. דעריבער דאַרף מען תּפֿילה טון אַז אונדזערע פֿילאָזאָפֿן זאָלן זײַן פֿיזיש און פסיכיש נאָרמאַל, געזונט; זיי זאָלן ניט לײַדן פֿון קיין צייכנווייטיק, זאָלן גוט פֿאַרדינען, ניט ווערן געגנאַרט פֿון זייערע ווײַבער אָדער מענער אד״גל. יעדע פֿיזיאָלאָגישע צי פּסיכישע שטערונג שאַפֿט שעדלעכע דאָקטרינעס, קאָשמאַר-טעאָגאָניעס, זעלבסטמאָרד-פֿילאָזאָפֿיעס און נאָר אַזעלכע גוטע זאַכן, מיט וועלכע קאַטוילישע ספּעצן, מיט זייערע לימודים און ליטעראַטורן, פֿאַרסמען דורות.

כ׳שמייכל זיך פֿאַרשטעלנדיק סימאָן ווײַלן בײַ דער שוועל פֿון דער קאַטוילישער קירך, בעטלענדיק דאָס ביסל טויפֿוואַסער וואָס זי באַגערט און וואָס ס׳פּאַסט איר ניט צו בעטן, כאָטש זי ווייסט בפֿירוש אַז יעזוסעס פֿלייש און בלוט ליגט דאָרט אויפֿן אַלטאַר אין דער הייליקער עוקאַריסטיע, אינעם הייליקן ווײַן. אָבער יענע, אויך פֿול מיט גאווה ווי זי זעלבסט, ווילן ניט נאָכגעבן, כאָטש עס ציט זיי צו דער ייִדישער בתולה וואָס לעכצט דאָ. סטײַטש, פּרוּוון דיסקוטירן מיטן וואַטיקאַן עפּעס וועגן זײַן טאָטאַליטאַריזם? ניט האָבן ס׳רעכט צו לייגן אין חרם אַרײַן?

סימאָן קען אָבער ניט פֿאַרטראָגן קיין שום טאָטאַליטאַריזם: ניט דעם קאַטוילישן, ניט דעם סטאַליניסטישן, ווי אויך ניט דעם קאַפּיטאַליסטישן, און אַפֿילו ניט דעם וואַטיקאַניסטישן. דעריבער שטייט זי נעבעך אַ פֿאַרלוירענע, און לאָזט אויס איר גאַנצן כּעס צו ייִדישקייט, וואָס זי קען בשום-אופֿן ניט באַגרײַפֿן.

≈❁≈

די וויסנשאַפֿט וועט תּמיד באַרעכטיקן די פֿילאָזאָפֿיע, און די פֿילאָזאָפֿיע – תּמיד באַשטעטיקן די וויסנשאַפֿט. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָ רעדט זיך וועגן אויפֿריכטיקער וויסנשאַפֿט און אויפֿריכטיקער פֿילאָזאָפֿיע.

פֿאַראַן נאָר איין אמת, און אַלע וועגן פֿירן צו אים. ס'זעט אויס נאַריש דאָס פּרוּוון אַנטקעגנשטעלן איינס ס'אַנדערע. וויסנשאַפֿט און געטלעכקייט, פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק, מאָראַל און עסטעטיק, סיבה און ציל, טייל און גאַנצקייט, לעבן און טויט – אַלץ צוזאַמען אַן אייניקייט, דער יסוד פֿון יידישן רעליגיעזן אחד, פֿון שפּינאָזישן פּאַנטעיִזם און פֿון דער איַינשטייַנישער עקוואַציע.

אַלץ מוז שטאַמען פֿון דער זעלבער זון. עסענץ, סובסטאַנץ, פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק, גוף, גייַסט – איין אורזאַך און איין ציל.

≈❁≈

דאַכט זיך מיר, אַז כ'קען זיך פֿאַרגלייַכן צו דעם כּלה־מיידל וואָס סטרויעט זיך און גרייט זיך צו דער חתונה, און אַז זי וועט שוין זייַן פֿיקס און פֿאַרטיק, וועט זי אַנשטאָט דעם באַגערטן חתן –אַ שיינער יונגערמאַן– גאָר דערזען אַן אַלטיטשקן מיט אַ לאַנגער ווייַסער באָרד וואָס וועט זי ניט קענען אַפֿילו אַרומנעמען. זי וועט שוין בלייַבן אַ בתולה, און קיין נחת פֿון קינדער און אייניקלעך איז איר שוין ניט באַשערט.

– אפֿשר, חכם איינער, וואָלטסטו געבויט אַ מיני־הייַזל, אַבי זען עס פֿאַרטיק, איידער צו זאַמלען שטיינער, ציגל, און וואַרטן – וואַרטן מיטן בויען שלעסער אויף עווענטועלע וואָלקנס אָן ממשות?

אַזוי זאָגט צו מיר דער שׂכל הישר, אָבער ווי געוויינטלעך הער איך אים ווי דעם קאָטער, און טו ס'מייַניקע, דאָס הייסט: כ'לעב אין פֿיקציעס, אילוזיעס און מיראַזשן.

≈❁≈

זאָל עס טאַקע אמת זײַן, אַז דערמיט בלויז וואָס מע קען דענקען פֿון עפּעס, עקזיסטירט עס שוין? אַז ס׳זאָל אין גאַנצן זײַן פֿאַלש, איז זיכער ניט. מיר זעען ווי חלומות, מחשבֿות, ווירקן זיך אויס אויף אונדזער אַלעמענס רעאַליטעט. כ׳מיין: רעיונות-וועלטן פֿון יחידים האָבן אַן אײַנפֿלוס אויף אַנדערע, אויפֿן כּלל אפֿשר, דעם פּלאַנעט, דעם קאָסמאָס... ווער ווייסט?

זע די רייד און די ווערק פֿון פּאָעטן, די שאַפֿונגען פֿון קינסטלער, פֿילאָזאָפֿן, וויסנשאַפֿטלער. זיי ענדערן לעבנס-שטייגערס, זענען גורם טויט און לעבן, גוטס און שלעכטס. קומען לײַט און האָבן זעונגען, שאַפֿן סימבאָלן. באַרעכן די אומגליקן וואָס עס האָבן גורם געווען סימבאָלן ווי די קרייצן, סוואַסטיקעס און אַנדערע, וואָס מע קען אַפֿילו ניט זייער עזאָטערישן מיין, אָבער מע טוט עפּעס אין זייער נאָמען.

טראַכט פֿון די ווירקלעכקייטן אין די מוחות פֿון משוגעים, פּאַראַנאָיִקער, קינסטלער האַלב-צעחושטע צי אין גאַנצן צעדרייטע, פּאָעטן, משיחים. זע די אײַנפֿלוסן פֿון געשאַפֿענע, אויסגעטראַכטע בילדער פֿון אַ היעראָנימוס באָש, מיט זײַנע משוגענע פֿאָרמען, וואָס ווערן באַטראַכט אַצינד פֿאַר מײַסטערווערק. בן, און די מאָדערנע קוביסטישע געשטאַלטן, מיט די נעז אויף די פּלייצעס און די אויסטערלישע הערנער פֿון די סאַלוואַדאָר דאַליס, די פּיקאַסאָס און זייערס גלײַכן?

טראַכט פֿון די ווירקלעכקייטן פֿון די משוגעים אין די אַזילן, און פֿון די וואָס דרייען זיך אַרום פֿראַנק און פֿרײַ, רעגירן מיט פֿעלקער, לענדער צי פֿירן באַנען און אויטאָבוסן, דרייען זיך אַרום מיט ניט-געשטויגענע ניט-געפֿלויגענע חשדים, אמתע שינאות, קינאות, אייפֿערזוכטן און נאָך אַזעלכע מחשבֿות. דאָס וואָס זיי דענקען איז פֿאַר זיי ווירקלעכקייט, און באַאײַנפֿלוסט מיט זייערע רייד – מעשׂים.

עס נעמט אָן אַ גרויל צו טראַכטן דערפֿון. ליידער איז עס אַזוי. דאַכט זיך, אַז מע קומט אַהיים אַ לעבעדיקער פֿון דרויסן, דאַרף מען בענטשן גומל. ערשט, בײַ זיך אין דער היים – ווער איז זיכער

מיט זיך זעלבסט?

אוי, גאָטעניו, באַוויליק צו געבן עפּעס פֿון דײַן מנוחה און זעליקייט דער צעחושטער וועלט!

~❀~

ביט צו פֿאַרשטיין דעם מענטשן-מין. ער מוז וויסן אַלץ: אין וואָס באַשטייט די געטלעכע סובסטאַנץ, פֿון וואַנען און ווי, צוליב וואָס, פֿאַר וואָס וועלט און עקזיסטענץ – און אים אַרט ביט זײַן אייגענער לעבנס-שטייגער, זײַן מינימאַלער שׂכל-הישר אין דעם וואָס ער טראַכט און טוט. ער קריכט הינטער די הרי-חושך אין געדאַנק בלויז, פֿליט צו בײַע זונסיסטעמען און נעמט זיך ביט די מי צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג און רייניקן זײַן אייגן חדר. ערווישט זיך ביט רעכט אָפּ די אייגענע באַז, טראַכט פֿון געטער און מלאכים און לעבט אַליין ווי אַ משוגענער חזיר צי אַ לעקישע-וואַטע אייזל. און אַזוי זינט סאָקראַטעס מיט אַריסטאָטעלעס, די חכמים, ביז דעם הײַנטיקן סאַרטר און אַנדערע סובטעלע פֿילאָזאָפֿן, דענקער, אויסער אפֿשר די צעקראָכענע סאָציאָלאָגן ווי מאַרקס, באַקונין, וואָס האָבן שיין געדרשנט און אַליין געווען אומבאַהאָלפֿן, ביט געקענט צובינדן אַ ווירקלעכן עק פֿון אַ מאַטעריעלער קאַץ, געלעבט ווי פֿאַראַזיטן אויף אַ צווייטנס חשבון.

וואָס קומען זיי, די אַלע טעאָרעטיקער און פֿילאָזאָפֿן, לערנערס, נבֿיאים און שײַנרעדערס, מיט זייער דענקען? ווי שיין וואָלט געווען ווען אַ יעזוס פֿאַלט אין קאַמף מיט די לעגיאָנערן, אַנשטאָט זיך צו לאָזן הענגען מיט אַן „אלי, אלי, למה עזבֿתּני" און וואַרטן אויף תּחית-המתים. און די שפּינאָזעס, די דעקאַרטס, העגעלס, קאַנטס מיט די בערגסאָנס, מיט די הײַדעגערס, מיט אַלע ווי זיי הייסן דאָרט, וואָס מאָלן איבער די שיינע רייד פֿון די פּלאַטאָנס, דעמאָקריטס, פּיטאַגאָרס צי כ׳ווייס דאָרט וועמען? מע לייגט צו אַ נעאָ- און מע חזרט ווידער איבער ס׳אייגענע, זאָל עס זײַן אין די אַקאַדעמיעס, אין די קאָפּעס צי אין שריפֿטן.

פֿאַר וואָס ניט קיין לאָגישע און פּראַקטישע לעבנס-חכמה, קודם אין טאָג-טעגלעכן לעבן, און נאָר דערנאָך געזוכט אין די הימלען אָדער הינטער זיי.

~۞~

הערט אַ מעשה: געלייענט בערגסאָנס „דעפֿיניציעס פֿון דער מעטאַפֿיזיק און באַגריפֿן פֿון אַבסאָלוטן". זענען דאָס ניט מער ווי ווערטערשפּילן וואָס קענען ניט, ניט צוזאַמען און ניט באַזונדער, זײַן אויסגעהאַלטן.

מע קען דען שאַפֿן דעפֿיניציעס פֿון דער מעטאַפֿיזיק וואָס זאָלן האָבן אַ פֿאַרהעלטנישמעסיקן ווערט, ווען, ניט קענענדיק דעם עלעמענט מעטאַפֿיזיק, מוז מען יוצא זײַן מיט השערות וועגן שײַכותן און דערשײַנונגען וואָס מע ווייסט אַפֿילו ניט פֿאַר וואָס זיי מאַניפֿעסטירן זיך? ס'איז אַזוי ווי מיט די, וואָס פּרווון אַנאַליזירן די סובסטאַנץ פֿון גאָט ניט האָבנדיק די מינדסטע מעגלעכקייט צו באַגרײַפֿן פּשוט סעמאַנטיש אַזוינס.

באַגרײַפֿן דאָס אַבסאָלוטע – דאָס איז דאָך ווידער אַן אוממעגלעכקייט. קודם: וואָס איז דאָס אַזוינס אַבסאָלוט? קען דען אַ מענטש באַגרײַפֿן עפּעס אַבסאָלוטס אין גרייס, אין דויער צי אין צאָל, צי אין אָרט? ווי אַזוי מע זאָל ניט וועלן, איז תּמיד מעגלעך עפּעס גרעסערס, דויערדיקערס, מערצאָליקערס. אַבסאָלוט איז דאָך אַן אַבסטראַקטע אייגנשאַפֿט. ווי אַזוי קען מען בכלל באַגרײַפֿן אַן אַבסאָלוטע אַבסאָלוטקייט? אַבסאָלוט גוט, אַבסאָלוט גרויס, אַבסאָלוט שיין? מע וואָלט געדאַרפֿט וויסן וועלכן אַבסאָלוט מע מיינט, און ניט מישן מיט מעטאַפֿיזיק עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט פֿיזישע אייגנשאַפֿטן, וואָס זעען אויס פּסיכיש, בשעת אַבסאָלוט איז טאַקע אַן אַבסטראַקציע, אָדער אַ פֿאַרגלײַך אפֿשר, אַ סימבאָל.

וועגן אופֿן דערקענטעניש: אָביעקטיוו צי סוביעקטיוו, באַטראַכטן עפּעס פֿון דרויסן צי אַרײַנדרינגען דערין – אין ביידע פֿאַלן איז די אָבסערוואַציע פֿאַלש. ערשטנס: כּדי צו קענען אורטיילן

אָביעקטיוו צי סוביעקטיוו וועגן עפּעס, וואָלט מען געדאַרפֿט האָבן אַ דריטע פּאָזיציע, ווו מיר זאָלן זײַן נייטראַל, ניט ווײלן קיין קוקווינקל. אָבער אונדז איז דאָס ניט מעגלעך, ווײַל מיר קענען זיך ניט געפֿינען אין קיין שום מאָמענט אויסער דער וועלט, אפֿילו ניט אין דער מחשבֿה.

ווי אַזוי זאָלן מיר פֿאַרשטיין, באַגרײַפֿן, האָבן אַ דערקענטעניש סוביעקטיוו, פֿון עפּעס אַן אינעווייניק? דער וואָרעם אין עפּל צי דער פֿיש אין וואַסער – קען דען מעגלעך האָבן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ דרויסן? מיר זענען **אין** דער וועלט. אַ מענטש איז אַפֿילו ניט מסוגל צו האָבן אַ גילטיקע פֿאָרשטעלונג פֿון אַ פּענאָמען. אָט למשל שטיי איך, און גלײַכצײַטיק באַוועג איך זיך מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט אין פּלאַנעטאַרישן רוים. און דערבײַ איז איך אַנדערש, געווענדט צי כ'שטײ בײַם פּאָלוס צי בײַם טראָפּיק, בכן דריי איך זיך שנעלער צי געלאַסענער מאַכנדיק דעם זעלבן וועג, און קען אַפֿילו כּלומרשט שטיין אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. דאַכט זיך אַז אַזאַ חכם ווי אײַנשטיין האָט באַוויזן די רעלאַטיווי־טעט פֿון אַלץ אין אַלע שײַכותן. טאָ ווי אַזוי קען מען קומען אורטיילן די קענטעניש פֿון עפּעס, בײַטנדיק דעם קוקווינקל? אַרײַנגיין אין דער מאַסע, און זיך אַפֿילו אַרײַנאײַגעבן אין איר וועט דאָ גאָר ניט העלפֿן. דערמיט וואָס כ'טובֿל זיך אין ים, וועל איך ניט וויסן עפּעס מער פֿון זײַן גרייס.

אָבער צוריקקומענדיק צום אָנהייב, דאַכט זיך מיר, אַז מעטאַפֿיזיק מיינט עפּעס וואָס איז איבער צי אויסער דער פֿיזיק. ס'האָט גיכער אַ שײַכות מיט קאַטוילישער סכאָלאַסטיק: דאָס קומען באַווײַזן מעטאַפֿיזיש די געטלעכע עקזיסטענץ מיט די אמתן פֿון די עוואַנגעליעס, די ערשטע סיבה פֿון אַלץ און דעם לעצטן סוף דערפֿון.

אַריסטאָטעלעס, דעקאַרט, שפּינאָזע, לייבניץ, קאַנט, און ווער ווייסט וויפֿל נאָך חכמים, ניט רעדנדיק פֿון גאַבריעל מאַרסעל, דעם קריסטלעכן עקזיסטענציאַליסט – האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער מעטאַפֿיזיק, וואָס פֿאָרט זיך טאַקע מיטן אַבסאָלוטן. אָבער

קײנער האָט קײן מאָל ניט געזען מע זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם אין אַ לאַבאָראַטאָריע פֿאַר עקספּערימענטן. בכן איז עס כּולו-סאָפֿיסטיק, רעליגיעזע האָרשפּאַלטעניש אַפֿילו מיטן זוהר, און אויב בערגסאָן האָט זיך פֿאַרנומען דערמיט, איז עס זיכער ווײַל ער האָט קאָקעטירט מיט דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק, טראָץ זײַן געלע לאַטע ווי יעדער פּשוטער ייִד.

מאָדנע וואָס אַזאַ גרויסער חכם ווי אַריסטאָטעלעס האָט געלאָזט אַזש פֿערצן בענדער וועגן דער מעטאַפֿיזיק. אַ וווּנדער, ווי אַן אויגוסט קאָמט האָט אויך זיך פֿאַרנומען מיט דער מעטאַפֿיזיק ווי דער וועג צו דערקענטעניש.

פֿאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב ניט אויסגעהאַלטן צו לײענען דאָס גאַנצע ווערק ביזן סוף. און איצט, נעמענדיק אין אַכט מײַן פּערמאַנענטע אויטאָקריטיק און זעענדיק וואָס כ׳האָב דאָ אָנגעשריבן, מוז איך קומען צום אויספֿיר, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס כ׳האָב ניט געקענט באמת האָבן אַ געהעריקע בילדונג אין די אַלע פֿילאָזאָפֿישע וויסנשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, ווײַל אינסטינקטיוו טשעפּע איך זיך צו דעם אַלעמען, און נעם אָן שטעלונגען זײַענדיק טאָטאַל זיכער אַז כ׳האָב ריכטיק פֿאַרשטאַנען אָן אַריסטאָטעלעס, אַ פּלאַטאָן צי אַ ניוטאָן, אַ דעקאַרט, אַן אײַנשטײן צי נאָך אַזעלכע חכמים. כ׳וואָלט אפֿשר אויך געווען אַ רעפֿערענץ צו דעם אַלעמען.

אָבער אײנס איז דאָך זיכער: אַז אויב מײַנע מחשבֿות וועלן גאָרנישט ענדערן אין די הערשנדיקע פֿילאָזאָפֿיעס און וויסנשאַפֿטן, וועלן זײ כאָטש זײַן אַ קוריאָזיטעט פֿאַר אַ פּסיכאָלאָג צי אפֿשר גאָר אַ פּסיכיאַטער, וואָרשײַנלעכער. אין מײַנע יאָרן זיך צו פֿאַרנעמען מיט אָט די אַלע פּראָבלעמען איז דאָך טאַקע עפּעס אַ משוגעת?

משוגענער טשודאַק! גײ שפּאַצירן, כאַפּ אַ דרימל, לעקיש, און לאָז צו רו די אַלע פּראָבלעמען פֿאַר די ספּעצן!

זאָגן די פּראַגמאַטישע קאַפּיטאַליסטעלער: אַ ישר-כּוח אײַך, אינטעלעקטועלע פֿײַנע לײַט! זוכט, געלערנטע חכמימלער, פֿילאָזאָפֿעלער, בבֿיאימלער, פּאָעטעלער, אַלצווייסערס, אַלצקענערס, אַלצזוכערס, אַלצזעערס. זוכט נאָר דאָרט, אויבן אין הימל: וואָס טוען די געטער? פֿון וואָסער געשלעכט זענען די מלאכים? פֿון וואָסער סובסטאַנץ באַשטייען די קאָסמאָס-שאַפֿערס, די אייביקייט-מאַכערס, די מעשׂה-בראשית-מײַסטערס? ציילט דאָרט די ספֿערעס; הערט די הימלישע מוזיק מעשׂה-פּיטאַגאָר; זעט ווי ס'האַלט דאָרט מיטן גן-עדן, מיטן שור-הבר, דעם לוויתן, דעם הימלישן קעניגרײַך מיט די גאָלדענע שטולן פֿאַר די הייליקע צדיקים; זעט דאָרט דעם סטאָק עולם-הבא וואָס שטייט גרייט פֿאַר די פֿרומע לײַט וואָס זאָגן הלל, טאַנצן הודו פֿאַרן כּהן, קנײַען גאָטספֿאָרכטיק און פֿירן זיך לײַטיש! טוט דאָס אַלץ רויִק און געניטי!

מיר, אין דער צײַט, וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט דער וועלט אָט-אָ-דאָ, אין דער בידער: מיט די גאָלדגרובן, מיט די באַפֿטקוואַלן, מיט די תּבֿואה-שײַערן, מיט די בהמות וואָס מע מעלקט, מע שעכט און מע לייגט אויפֿן טעלער. מיר דאָ וועלן שוין האַלטן אָרדענונג, און אײַך באַזאָרגן מיט אַל-דאָס גוטס. ס'וועט אײַך חלילה גאָר ניט פֿעלן, אויב איר וועט נאָר גוט איבערגעבן ווי ס'האַלט דאָרט אויבן מיטן שפּעטער, מיטן נאָכן טויט, מיט יענע וועלט, מיט עקסטאַזן, מיט קונסטן, מיט מיסטעריעס – ס'זאָל זײַן מיט וואָס צו טרייסטן עולם-גולם, די לעקישעוואַטע לײַט וואָס גלאָצן אַרויף און זעען ניט וואָס מע טוט דאָ מיט זייער פּראַצע, מיט זיי זעלבסט.

קוקט, באַזיווע לײַט, אין די הימלען; קוקט! און לאָזט אונדז די ערד דאָ דערווײַל. געפֿינט טעאָריעלער; דיאַלעקטירט מעטאַפֿיזיק צי מעטאַפֿיזירט דיאַלעקטיק, איבערמענטש, אָמעגאַ-פּונקט, וויזיאָנעריש שיין, פּאָעטיש גרויסאַרטיק, פֿאַרכאַפּנידק מיט מתיקות, מיט פֿראַזעלער ווי: „זײַן", „ניט זײַן", „אַנגאַזשירט", „סוביעקטיוו", „אַרטיסטיש"... שאַפֿט אַ סורעאַליזם,

אַ פֿאַראַרעאַליזם. דעם פּשוטן רעאַליזם לאָזט פֿאַר אונדז, די גראָביונגערישע מאַטעריאַליסטן. מיר וועלן אײַך בויען אַקאַדעמיעס מיט קאַטעדרעס, מיט קאַטעדראַלן, מיט טעאַטערן, מיט צירקן, און אײַך, ווי געטרײַע הינט וואָס פֿאָלגן דעם האַר, וועלן מיר צוואַרפֿן אַ ביין, מיט אַ צוגעטשעפּעט פּיצט פֿלייש אַ מאָל...

אַזוי וועט זײַן שטיל מנוחהדיק אויפֿן פּלאַנעט, דאָ אונטן. מ'עט יוצא זײַן מיט לאָזונגען: פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, ווילזײַן – און מע וועט ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קיין רעוואָלוציעס און פּראָטעסטן, מיט נאָך אַזעלכע דעמאָנסטראַטיווע שאַלעמויזן, וואָס קומען צעשטערן די מנוחה אין אונדזער שיין וועלט.

≈❀≈

וואָס איז דער גילטיקער ציל פֿון אַ מענטשלעכער באַוווּסטזיניקער עקזיסטענץ?

ניט זײַן קיין לאַסט פֿאַר עמעצן, און ניט פֿילן עמעצן ווי אַ לאַסט.

ניט פֿילן זיך איבעריק, צופֿעליק, נאָר ווי אַ געבעטענער, געווונטשענער גאַסט אומעטום.

האָבן דעם באַוווּסטזײַן פֿון נויטווענדיקן זײַן: פֿון דער וויכטיקייט פֿון דער אייגענער, ווי פֿון אַלעמענס, עקזיסטענץ.

ניט דאַרפֿן זיך פֿילן באַזאָרגט אין קיין שום אומשטאַנדן. ניט ווערן פֿון קיינעם אויסגעניצט צי עקספּלואַטירט, און ניט אויסניצן צי עקספּלואַטירן קיינעמען.

ניט דאַרפֿן מיִען זיך מער ווי ס'איז נייטיק פֿאַרן געזונט און ווילזײַן.

ניט צוגרייטן קיין ים פֿאַר אַן עווענטועלן דאָרשט.

זײַן אויפֿריכטיק, גוט און פֿרײַנדלעך צו יעדן, און וויסן אַז יעדער איז אויפֿריכטיק, פֿרײַנדלעך און גוט צו דיר.

האָבן צוטרוי צו אַלעמען, און וויסן אַז יעדער קען זיך שטיצן אויף דײַן אייגענעם צוטרוי.

ניט נאַרן קיינעמען קיין מאָל ניט, און ניט ווערן גענאַרט קיין מאָל פֿון קיינעמען.

האָבן אַן אייגן אינטים ווינקל, און זיך אין ערגעץ ניט פֿילן פֿרעמד, אָבער בשום אופֿן ניט שטערן קיינעמס אינטימיטעט.

העלפֿן יעדן וואָס דאַרף הילף, און זײַן זיכער אַז די זעלבע הילף וועט דיר תּמיד זײַן גרייט אומעטום.

זיך ניט איבערנעמען מיט רום צי קאָמפּלימענטן וואָס מע באַקומט, אָבער אויפֿריכטיק לויבן אַנדערעס אויפֿטו.

האָבן די רויִקע זיכערקייט פֿון אָפּגעטוענער פֿליכט לטובֿת דעם כּלל פֿאַר באַקומענער מי פֿון אַנדערע.

ניט מײַדן, ניט זוכן קיין אויסרייד ניט צו טון דאָס, וואָס יעדער איז מחויבֿ צו טון.

וויסן אַז דאָס אָפּהיטן אייגענע פֿיזישע און מאָראַלישע ריינקייט איז אַ פֿליכט לטובֿת דעם גאַנצן באַשאַף.

ניט מאַכן קיינעמען קיין מענטליק מיט קיין שום זאַך, און ניט פֿאַרטראָגן קיינעמס מענטליק.

ווערן געשעצט און שעצן אַנדערע; ניט פֿאַרשווײַגן קיין אומרעכט, און פֿאַרלאַנגען דאָס זעלבע פֿון יעדן קעגן זיך זעלבסט.

ניט וויסן דעם טעם פֿון קנאה-שׂנאה און ניט באַגערן עפּעס וואָס געהערט צו אַ צווייטן.

געדענקען אַז אַלץ, וואָס איז, איז אַ טייל פֿון דער וועלט, און האָבן אָפּשײַ פֿאַרן מינדסטן שטויבל, אָבער ניט דערגיין צום אַבסורד פֿון לאָזן זיך בײַסן, צי אָפּהאַלטן זיך פֿון טשעפּען עפּעס וואָס קומט דיר שטערן דײַן רו.

ניט אומברענגען קיין זאַך מער ווי דו מוזסט כּדי זיך צו דערהאַלטן און לעבן מיט ווױלזײַן.

ניט טון קיין שלעכטס און ניט טאָלערירן קיינעמס שלעכטס.

ניט באַלעסטיקן זיך מיט איבעריקער מי און האָב און גוטס.

זײַן אַרומגערינגלט מיט ריינקייט, שיינקייט, איינפֿאַכקייט,

העפֿלעכקייט און ליבשאַפֿט.

ניט הייבן קיין האַנט אויף קיין באַשעפֿעניש, אויסער צום פֿאַרטיידיקן זיך.

זאָלסט קיין מאָל ניט זײַן קיין גורם פֿון צער עמיצן ווײ צו טון: אַפֿילו ניט אָפּרײַסן קיין בלום צי אַ בלעטל פֿון אַ בוים אומזיסט, אומניצלעך.

ליב נאָר לעבעדיקע בלומען און פֿלאַנצן, און ניט אָפּגעשניטענע וואָס גוססן אין וואַזאַנען.

זײַ גוט און טאָלעראַנט. דאָס הייסט ניט: לאָזן זיך אומברענגען פֿון מיקראָבן, צי בײַסן פֿון קאָמאַרן צי שלאַנגען.

אַלץ מיט אַ מאָס, מיט לאָגיק, אויסגעהאַלטן.

ניט באַלעסטיקן ס'לײַב מיט ענגע, איבעריקע קליידער, און די נשמה מיט איבעריק וויסן.

האָבן טאָטאַלן צוטרוי צום באַשאַף, ווו און ווער עס זאָל ניט זײַן.

וויסן אַז אַן אויפֿריכטיק, ערלעך לעבן פֿירט תּמיד, נאָך אַ לאַנגער עקזיסטענץ, צו אַ מנוחהדיקן שטאַרבן; אַז נאָר נאָך אַ נאַטירלעך לעבן קומט דער טויט ווי אַ נאַטירלעכער שלאָף נאָך אַ פֿולן זומערטאָג. אַ נאַטירלעכער טויט איז ניט קיין שטראָף, נאָר אַ ווײַטערדיקע מדרגה פֿון זײַן אין אייביקייט, אין אַ נײַעם עפּעס.

ניט טאָלערירן קיין פֿאַרמיטלער צווישן דיר און געטלעכקייט. געדענקען אַז יעדנס לעבן איז הייליק, אַז ס'איז ניטאָ קיין יחסנים צווישן מענטשן, אַז די איינציקע היעראַרכיע איז חכמה, פֿריילעכקייט און גוטער ווילן, און דאָס זענען ניט קיין פּריווילעגיעס, נאָר פֿאַרדינסטן און אייגנשאַפֿטן.

וויסן אַז וועלט –ווי זון, לופֿט, ערד, ים– קענען ניט געהערן צו קיינעמען: זיי זענען אַלעמענס פֿאַרמעגן.

ניט טאָלערירן קיינעמס פֿוילקייט, פֿאַלשקייט, פֿרעכקייט צי שלעכטס, און פֿאַרשטייט זיך – בײַ זיך זעלבסט אוודאי נישט. שלעכטס און מיאוס איז איינס און ס'זעלבע.

ניט אַנטלויפֿן פֿון דערווירקלעכקייט אין אילוזאָרישע רעאַליטעטן.

זײַן פּשוט, פֿראַנק און פֿרײַ. ניט דאַרפֿן זיך שעמען מיט עפּעס פֿונעם גוף צי פֿון דער נשמה. קענען אָפֿן קוקן יענעם אין די אויגן, און קענען פֿרײַ זאָגן אַלעמען וואָס דו פֿילסט און ס'דאַרף געזאָגט ווערן.

היטן זיך פֿון אייגנליבע און גאווה; ניט טאָלערירן קיין ניט-פֿאַרדינטע קאָמפּלימענטן צי חניפֿה.

בשום אופֿן ניט רעכטפֿאַרטיקן עפּעס וואָס קען זײַן שלעכט פֿאַרן גוף צי פֿאַרן גײַסט, פֿאַרן יחיד צי פֿאַרן כּלל.

האָבן אָפּשײַ פֿאַר עלטערע; העלפֿן און אָפּגעבן כּבֿוד דעם זקן.

ניט באַטראַכטן אַ קינד ווי מינדערוועריק צי נאַריש; לערנען עס מיט געדולד און טאָטאַלער ליבשאַפֿט.

ניט רייצן קיינעם מיט קיין שום זאַך; ניט חוזקן פֿון קיינעמס נאַטירלעכקייט, אויב אַפֿילו ס'דריקט זיך אויס אין נאַרישע רייד צי טוונגען. פּרוּוון אויף אַ דעליקאַטן אופֿן געבן צו פֿאַרשטיין צי אַרויסזאָגן באַשיידן דײַן מיינונג, אַז יענער זאָל דאָס אַפֿילו ניט באַמערקן.

ניט חוזקן, ניט דערמאָנען קיינעמס מום צי קאָמפּלעקסן. ס'קען ניט זײַן קיין נאַרישערע זינד ווי נאָכמאַכן דעם בלינדן, הינקעדיקן, שטאַמלענדיקן צי פּאַראַליזירטן.

זײַן שטאָלץ מיטן באַוווסטזײַן פֿונעם נאָמען מענטש; ניט לאָזן אַז דאָס זאָל ווערן דערנידעריקט דורך אַ מענטש דײַנס גלײַכן, ווו, ווען און ווער דאָס זאָל ניט זײַן. אַלע מענטשן זענען דײַנס גלײַכן.

האָבן אָפּשײַ אַפֿילו צו יעדער באַשעפֿעניש און יעדער פֿלאַנץ. דאָס אַלץ טאָר ניט דערגיין ביז צום אַבסורד פֿון ניט טשעפּען קיין ווירוסן צי ניט שפּײַזן זיך. יעדעס לעבן איז אַ נעמען און געבן. דו וועסט מיט דײַן גוף באַצאָלן דער ערד וואָס שפּײַזט דיך מיט אירע אַנדערע עלעמענטן, און דעם מינדסטן וואָרעם מיט דײַן לײַב.

ניט לאָזן זיך באַלעסטיקן מיט צו פֿיל וויסן, צו פֿיל קענען, צו פֿיל געניסן. וועסט דעם גאַנצן ווינט ניט אַרײַנעטעמען, די גאַנצע זון

ניט אַרײַנבנעמען אין דײַנע אויגן, דעם גאַנצן ים ניט אויסטרינקען.

פֿלעג דײַן גאָרטן, ווי ס׳האָט געעצהט וואָלטער: קריך ניט אין די הימלען, ביז דו האָסט ניט דערקענט די ערד; לייג ניט דעם דאָך איידער האָסט ניט געשאַפֿן די ווענט.

זײַ לאָגיש, אויסגעהאַלטן, פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אַנדערע, און געדענק אַז ניטאָ קיין איין חכם, קיין איין אַלצווייסער, אַלצקענער. יעדער האָט תּמיד עפּעס צו לערנען. און דער אמתער מײַסטער –די גאַנצע וועלט– איז איין קוואַל פֿון חכמה, שיינקייט און ליבשאַפֿט. נעם און גיב. דו האָסט עפּעס פֿאַר עמיצן, איז פֿאַראַן עמיץ זיכער וואָס האָט פֿאַר דיר. זײַ אויפֿריכטיק, מיט גוטן ווילן, און די וועלט איז צוריק אַ גן-עדן.

זאָג ניט: ס׳איז אַן אוטאָפּיע; זאָג ניט: צו מײַנען אַזוינס איז אַ קרענק, און אַלע קרענק הײלט מען. די אָנגעווענדטע לאָגיק איז ניט דווקא אַן אַבסורד. מע מוז ניט לעבן מיט פֿאַלשקייט. דאָס דאַרף זײַן דער ציל, דער לעבנס-שטייגער פֿאַרן מענטש.

אויב עמיצער האָט עפּעס צוצוגעבן, צו ענדערן, קלאָר צו מאַכן דערצו, איז מהיכי-תּיתי, אַדרבא!

אַז מע טראַכט פֿון רעלאַטיוון שײַכות פֿון אַ פּשוטן הידראָגען-אַטאָם און אַן אַריסטאָטעלעס, אַן אַמיב און אַ לעאָנאַרדאָ דאַ-ווינטשי, אַ שעקספּיר, אַן אײַנשטיין, מיט זייערע פֿיזישע און פּסיכישע מעשים און מעגלעכקייטן – קען מען זיך לײַכט פֿאָרשטעלן אַז ס׳קענען זײַן אָרגאַניזמען אין קאָסמישער גרייס, וואָס זאָלן פֿאַר אונדז זײַן גאָט, צי געטער.

שטעלט אײַך פֿאָר די גרייס פֿון דעם דאָזיקן אײנפֿאַכן אַטאָם, אַליין שוין אפֿשר אַ וועלט, מיט די רעזולטאַטן פֿון דעם וואָס אַן אײַנשטיין קען דענקען און מאַטעריעל רעאַליזירן. טראַכט פֿון אַ ווירוס אין זײַנע האַרמאָנישע אַספּעקטן, מיט זײַנע מעגלעכקייטן זיך אַנטקעגנצושטעלן אַלע אַקאַדעמישע חכמים, וואָס קענען אים

בשום-אופן ניט בײַקומען, אַפּילו אַ ווירוס פֿון אַ נאָזקאַטאַר; ווער רעדט שוין פֿון אַ סידאַ!

ווי אַזוי קען מען וויסן ביז וועלכער מדרגה ענערגיע צי סובסטאַנץ קען עוואָלוירן, זיך אַנטוויקלען און גרייכן אַזאַ מין פֿאָרנעם, אַז אַ לעאָנאַרדאָ דאַ-ווינטשי צי אַן אײַנשטיין זאָלן אויסזען ווי קינדער אַנטקעגן דעם.

און ווי קען מען וויסן צי געטער זענען ניט בלויז אַ מדרגה אין באַשאַף, זיי אַליין – אויך אין עוואָלוציע צו עפּעס וואָס איז אַבסאָלוט אויסער מענטשלעכע השׂגות? צוזאַמען איז דאָס אַלץ פּרעכטיק און קאָפּ-שווינדלעריש. בעסער ניט צו טראַכטן דערפֿון און לעבן זיך רויק, מנוחהדיק אינעם ביסל דויער וואָס איז אונדז באַשערט צו האָבן.

~❀~

געטלעכקייט, קונסט, ליטעראַטור – טאָרן ניט זײַן קיין קאַריערעס, אַ פֿאַך, אַ פּרנסה. ליטעראַטור, ווי קונסט, איז אַ הייליקע עבֿודה, אַ מיסיע, אַ צושטאַנד, אַ פֿליכט, אַ תּענוג און אַ לוין. אַ קינסטלער מוז זיך פֿילן גרייט צו זײַן אַ מאַרטירער, אַ קעמפּער. אַ קינסטלער מוז זײַן תּמיד גרייט צו גיין אויף קידוש-השם פֿאַר זײַן קונסט. ער מוז אָבער זײַן גרייט צו יעדער נעגאַציע, פֿרײַ פֿון יעדן עגאָיזם, קענען זײַן גליקלעך מיט יענעמס ווערק ווי מיט זײַן אייגנס.

דער וואָס זעט אין זײַן קונסט אַמביציעס איז ווי דער כּהן וואָס זעט זײַן נאָמען אויסגעקריצט אויפֿן ארון-קודש. דער וואָס זוכט פּראָפֿיטן און רום, און שאַפֿט צי מיינט צו שאַפֿן נאָר צוליב דעם, לעסטערט די קונסט. די הייליקייט וועט אים ווײַכן, און ער וועט זיך מאַכן אילוזיעס אויב ער מיינט אַז עמיצער וועט זיך לאָזן אָפּנאַרן. דער איינציקער וואָס וועט זײַן גענאַרט איז ער אַליין.

ווי די לויטערע זון קען ניט פֿאַרטראָגן קיין שום שאָטן, קען די קונסט ניט פֿאַרטראָגן קיין שום עגאָיזמען, קיין שום פֿאָראורטיילן, קיין שום מעגאַלאָמאַניעס. קונסט לשם קונסט, ווי גאָט לשם גאָט.

די פּאָעזיע איז די נשמה פֿון דער קונסט, ווי די קונסט — די נשמה פֿון דער וועלט. זי איז דער שם־המפֿורש, און אָן דעם איז וועלט אַ ליימענער גולם.

~~❀~~

סוף? ניטאָ אַזױנס! אַלץ איז תּמיד אָנפֿאַנג. סוף? אַבסורד! און נאָך דעם? ווי אַזוי באַגרײַפֿן עפּעס סופֿיש? פֿילאָ־סאָפֿיש? אפֿשר אין אַ קרײַז? אָבער דער קרײַז געפֿינט זיך דאָך דערוויַיל אין עפּעס. אפֿשר אַ קרײַז פֿון קרײַזן? מע קען אַזוי שפּעקולירן מיט סוף און סאָפֿיזמען אָן אַ סוף. אַפֿילו צו דעם איז אויך ניט מעגלעך צו באַגרײַפֿן: סוף.דאָס איז אַזוי ניט נאָר מיט סוף. מיטן אָנהייב איז אויך דאָס אייגענע.

~~❀~~

טעיאַר דע שאַרדען — אַ קאַטוילישע רעאַקציע קעגן סאָציאַליסטישן מאַטעריאַליזם; אַ מין בערגסאָניזם פֿון דער קירך, מיט וויסנשאַפֿטלעכע פּאַטשעווקעס. ווען בערגסאָן וואָלט ניט געווען קיין ייִד, וואָלטן די יעזויִטן ניט געמאַכט אַזאַ מין ווען מיט טעיאַרן, און מע וואָלט אים גאַנץ גוט געניצט אין הויכער געזעלשאַפֿט, אָדער מע וואָלט צונויפֿגעמישט ביידנס טעאָריעס אין אַן אינטויִטיוון מעדיאַ־פּונקט־קאָקטייל. ס'איז כּולו־גײַסטיקייט, פּסיכיזם, און פֿאַרשטייט זיך — מעסיאַניזם. דאָס שטערט זיי ניט ביידן —אַזוי גוט טעיאַר דע שאַרדענען ווי בערגסאָנען— צו דאַרפֿן מאַטעריעלע עלעמענטן פֿאַר אַ באַקוועם לעבן. ביצן זיי אַנדערעס פּראַצע און צאָלן אָפּ מיט גײַסטיקע קונץ־סאָפֿיזמען. ס'איז ניט ערלעך, ניט אויפֿריכטיק, אָבער אַזעלכע פֿײַנשמעקערס קענען ניט צי ווילן ניט פֿאַרשטיין אַזוינס.

~~❀~~

פּאָעזיע? אַ קלוגע מחשבֿה וועגן אַ צאַרטער עמאָציע, אויסגעדריקט, פֿאָרמולירט אין ליריש שיינע רייד. אַ לירישער געדאַנק — צי אַ געדאַנק וועגן ליריק? מאַטעמאַטישע מוזיק, צי מוזיקאַלישע מאַטעמאַטיק? אַבי ניט כאַאָס, ניט סטיכיש, ניט סתם. ווי אַלץ אינעם באַשאַף באַהערשט פֿונעם מײַסטער. קרײַזן פּלאַנעטן סתם אַזוי אין רוים? וואַלגערן זיך שטערן צי זונסיסטעמען אין קאָסמאָס? זענען ניט טיילעכלעך פֿון אַטאָם האַרמאָניש און געמאָסטן אין זייערע ספֿערעס? אַלץ איז פּינקטלעך, האַרמאָניש, אויסער די מעטעאָריטן וואָס פֿאַלן ווי שטערן, און זייער פֿאַרבײַגייענדיקע רגע איז שיין, כאָטש זי דויערט נאָר ווי אַ פֿונק.

ווי גוט מוז זיך פֿילן אַ שטערן צי אַ זון, און ווי שטאַרק לײַדן מוז אַ מעטעאָר!

≈❀≈

וויל איז די, וואָס זענען מסוגל זיך צו באַפֿרײַען פֿון זייער מאַטעריעלן פֿיזישן און פּסיכישן איך, און אָביעקטיוו זיך קענען אַנאַליזירן, און אַז מע דאַרף — איראָניזירן, אויסלאַכן, חוזקן פֿון זיך אַליין און פֿון די אַלע **איכן** פֿון וואָס אַ מענטש באַשטייט. נאָר אין אַזאַ פֿילפֿאַכיקן באַוווסטזײַן ליגט דער סוד פֿון גליק און מנוחה.

ווער ווייסט וויפֿל איכן אַ מענטש טראָגט אין זיך, האָט זיי אין זײַן רשות? יעדער גײַסטיקער יחיד איז פֿילפֿאַכיק און פֿאַרשיידן. מע קען מיט איינעם זיך אָפּזונדערן, און מע קען אויך געניסן צוזאַמען און פֿיל אויפֿטון. בכן, קען מען זײַן אַז מע וויל אַליין, און אַז מען באַגערט — זענען אַ סך איכן-פֿרײַנד באַשערט.

≈❀≈

אַלע מעטאַפֿיזישע דאָגמעס, גנאָסן, אַני-מאַמינס, זענען דאָך ראַציאָנעל מיט עפּעס: זיי זענען געשאַפֿן פֿון מאַטעריאַ-ליסטן מיט אַ באַשטימטן ציל און ווילן. די דאָגמעס זענען מיסטיש, אָבער די דאָגמאַטיקער זענען שוין גוט געביפּט. זיי זענען ניט קיין מיסטיקער, נאָר מיסטיפֿיקאַטאָרן. אַלע יענע-וועלט-שאַפֿערס און הימלישע גן-עדן-צוזאָגערס פֿאַרטיידיקן תּמיד אינטערעסן, פּאָזיציעס, קלאַסן און פּריווילעגיעס.

די ראַציאָנאַליסטן, אין זייער אויפֿקלערונגס-מיסיע, דאַרפֿן לייגן דעם טראָפּ אויף דעם דאָזיקן אַספּעקט פֿון פּראָבלעם. אָבער דאָס טאָר ניט ווערן קיין נײַע דאָגמע; דער ראַציאָנאַליזם טאָר ניט ווערן קיין מיסטיק. דער בעזעם וואָס קערט טאָר ניט ווערן מיסט. דער ראַציאָנאַליזם דאַרף ניט ווערן קיין נײַע אמונה, קיין נײַער דאָגמאַטיזם. דער ראַציאָנאַליזם דאַרף נאָר פֿעסטשטעלן דאָס וואָס מע קען פֿאַרגלײַכן, עקספּערימענטירן, צופּאַסן, מאַכן אויספֿירונגען, אָפּערירן מיט לאָגיק און מעגלעכקייטן, אָבער ער טאָר זיך ניט פּאַטשן אין בײַכל מעשׂה אַלצווייסער און אַלצשוינקענער.

דאָס ערשטע וואָס ער מוז תּמיד האָבן אין זינען, איז פֿעסטצושטעלן די פּיצלדיקייט פֿון זײַן וויסן אין פֿאַרגלײַך מיטן געהיימען אַלץ אַרום. און אויך דאָס, אַז עס מאַניפֿעסטירן זיך נאָך אַנאַנד כּוחות, אײַנפֿלוסן וואָס מע קען עס ניט וויסנשאַפֿטלעך און אַפֿילו לאָגיש באַגרײַפֿן. זאָגן אַז דאָס, וואָס מע פֿאַרשטייט ניט, עקזיסטירט ניט – איז פּונקט אַזוי נאַריש ווי גלויבן אין ניסים. מע דאַרף גיכער זאָגן אַז אַלץ קען מען וויסן, אָבער דערווײַל בלײַבט נאָך דער גאַנצער אַלץ אַ געהיימעניש. ניט לייקענען, ניט אויסלאַכן, נאָר פּרוּוון פֿאַרשטיין, און תּמיד זײַן באַשיידן. אײַנשטיינס עקוואַציע איז אפֿשר נאָך דער אַלף פֿון אַ ריזיק בוך, און מיר קענען נאָך ניט דעם אַלפֿאַבעט.

ווי איז די, וואָס זענען פֿאַרשקלאַפֿט בײַ זייער פֿרײַהייט! ווי איז די, וואָס האָסן זייער ליבשאַפֿט? ווי איז די, וואָס זענען באַוווסטזיניק דערפֿון, און ווי איז די, וואָס זענען בלינדע קנעכט בײַ זייערע געוווינהייטן און זיטן.

ווייל דעם מענטש, וואָס קען תּמיד זײַן גײַסטיק העכער אין זײַן ווירטועלער עקזיסטענץ, ווײַל אין אַלץ, אומעטום און תּמיד, איז פֿאַראַן אַ העכער.

פֿון יעקבֿס לייטער זעט מען נאָר ווו זי שטייט; מע זעט אָבער ניט ווו זי גרייכט. און גוט אַזוי. ווייל איז דעם, וואָס האָט תּמיד אַ נײַעם שטאַפּל פֿאַרן אויג. שאַפֿן זיך אַזאַ פּסיכיזם – אָט דאָס איז אַ סימן פֿון מענטשלעכער דערהייבונג און דערלייזונג.

≈❁≈

דער קאָסמאָס, מיט דער אייביקייט, מיטן אומענד – אַלץ אַרום מיר. איך – דער מיטלפּונקט, און גאָט, מיט זײַנע אייביקע מעשׂה-בראשיתן – נאָר פֿאַר מײַנעטוועגן. איבעריקנס, ווער ווייסט דען ניט אַז אַלץ איז געשען, געשעט און וועט געשען בלויז צוליב מיר. וואָדען?

די צרה איז אָבער, וואָס יעדעס קעמערל אינעם פֿענאָמען לעבן טראַכט אַזוי, און דערפֿון שטאַמען אַלע קאָנפֿליקטן מיט אַלע צרות. ווער האָט צעדרייט דעם באַשאַף מיט אַזאַ מין אײַנרעדעניש? ווי אַזוי האָט אַ גאָט געקענט אַזוינס דערלויבן? דעם ערשטן בבֿל-טורעם האָט ער צעשטערט. ווי לאַנג וועט ער אונדז טאָלערירן?

≈❁≈

וויסנשאַפֿט קען בשום אופֿן ניט זײַן קיין לעבנס-אידעאַל. וויסן קען מען וואָס טויג, ביצט צו עפּעס אָדער קעגן עפּעס, כּדי צו קענען זיך פֿאַרלײַכטערן דאָס לעבן. ס'איז ווי אַ פֿונקציע: עסן, טרינקען, וויסן, קענען. נאָר די פֿילאָזאָפֿיע קען באַשטימען וואָס

דאַרף זײַן דער ציל פֿון לעבן. ניט װיסנשאַפֿט, נאָר פֿילאָזאָפֿיע קען שאַפֿן עטיק. װיסנשאַפֿט — נאָר אינסטרומענט / אין פֿילאָזאָפֿנס הענט.

≈❀≈

די מעטאַפֿיזיק פֿון הײַנט, איז די פֿיזיק פֿון מאָרגן, װי די פֿיזיק פֿון הײַנט איז די מעטאַפֿיזיק פֿון נעכטן. װאָס װעט זײַן מיט די מאָרגנס? לײדער װעלן אײביק זײַן אַ פֿיזיק מיט אַ מעטאַפֿיזיק, װי ס'מוזן זײַן אַ נעכטן, אַ הײַנט און אַ מאָרגן. װאָלט ניט געװען אַזױ, איז עקזיסטענץ ניט װערט קײן אײן רגע דױער.

≈❀≈

יעדע מעטאַפֿיזיק איז פֿיזיש; יעדע פֿיזיק איז מעטאַפֿיזיש. יעדע פֿיזיק װאָס דער מענטש קען דערװײַל ניט דערקלערן, רופֿט ער מעטאַפֿיזיק, װי יעדער פּסיכיזם האָט פֿיזיאָלאָגישע יסודות, און יעדע פֿיזיאָלאָגיע האָט איר פּסיכיזם. אַז דער חכם מענטש דערקענט עפּעס פֿון די פֿיזישע אײגנשאַפֿטן פֿון דעם, װאָס ער האָט אונטער דער האַנט, און נאָכן האָבן געמאַכט אַלע לאַבאָראַטאָרישע און מאַטעמאַטישע עקספּערימענטן, בלײַבט ער שטײן אין שטױנונג פֿאַר דעם װאָס ער דערזעט אױף ס'נײַ, און קומט צוריק צו דער מעטאַפֿיזיק.

װאָס-זשע איז די מעטאַפֿיזיק? זי לאָזט זיך ניט אַנאַליזירן ניט מיט קײן אַלאַמביק, ניט מיט קײן לאָגיק. זי איז דאָס, װאָס לאָזט זיך ניט דערקלערן און אַפֿילו ניט באַגרײַפֿן. צו װאָס-זשע האָט מען צוגעטשעפּעט צו דער אַבסטראַקציע ניט נאָר אַ פֿיזיק, נאָר אױך אַ מעטאַ-? אין בײזאַנץ האָט מען זיכער פּאַלעמיזירט און זיך געגריבלט אין דעם פּראָבלעם יעדעס מאָל, װען מ'איז פֿאַרטיק געװאָרן מיטן סעקס פֿון די מלאכים. אַז אַבסאָלוט אַלץ האָט פֿיזישע און מעטאַפֿיזישע אײגנשאַפֿטן. נאָר נאַיװע גאװהדיקע לײַט װײסן אַלץ. דער חכם איז תּמיד באַשײדן מיט זײַן קענטעניש. ער װײסט, אַז װי גרױס ס'זאָל ניט זײַן זײַן שטײַג, איז תּמיד פֿאַראַן אַ

גרענעץ, פֿון וועלכער ער קען בשום אופֿן ניט אַרויס. די גאַנצע מי, אַלע דערגרייכונגען, אַלע מאַטעריעלע און גײַסטיקע אויפֿטוען פֿונעם מענטש זענען בלויז אויסצובררייטערן די שטײַג, צו דערווײַטערן די גרענעץ, צו פֿאַרלענגערן דעם צוים וואָס האַלט אים געבונדן. דאָס גריבלען זיך אין פֿיזישע צי מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמען איז צײַטפֿאַרטרײַב, חוץ אַז מע באַקומט אַ מאָל אַרויס עפּעס אַ „גאַדזשעט", אַ צאַצקע פֿאַרן קולטורעלן מענטש. צו דערגיין דעם תּוך, צו קענען אַרומנעמען כאָטש מיט אַ גײַסטיק אויג דאָס אַלץ, דאַרף מען זיך געפֿינען אויף יענער זײַט, אויף אַ יענע-זײַט פֿון אַלץ, עפּעס אין אַ דריטן צושטאַנד פֿון וועלכן פֿיזיק און מעטאַפֿיזיק זענען בלויז אויסדרוקן.

אַבסורד? פֿאַר וואָס זאָל עס ניט זײַן מעגלעך אין אַ וועלט פֿון מיליאַרדן רעאַליטעטן?

≈❀≈

הענט טוען נאָר וואָס דער מוח הייסט; פֿיס גייען צי לויפֿן נאָר ווו דער מוח וויל. ס'מויל זאָגט עפּעס, שמייכלט צי שווײַגט ווען דער מוח באַשטימט ס'זאָל געשען. און אַזוי מיט אַלע עלעמענטן פֿון גוף. און ווער ווייסט צי ס'האַרץ פֿאָלגט ניט אַזוי, און די לונגען עטעמען ניט ווי באַגערט, אַאַז"וו?

ווער-זשע געוועלטיקט איבערן מוח? בפֿרט אַז ס'איז פֿאַראַן, נוסח פֿרוידן, אַן אינדיווידועלער מוח און גלײַכצײַטיק, נוסח יונגן, אַ קאָלעקטיווער: פֿון דער משפּחה, פֿאָלק, באַציע, ראַסע, בי־אָספֿע־רע, אפֿשר אויך אַ פּלאַנעטאַרישער, זונישער, גאַלאַקטישער — און אַזוי ביז ווען, וואָס און ווי לאַנג?

פֿאַר וואָס מוז איך דווקא דאָס וויסן? יאָ צי ניט באַגרײַפֿט — וועט עס דען ענדערן עפּעס אין מײַן באַשטימטן אומקום, פּונקט ווי בײַם מינדסטן ווערעמל?

≈❀≈

שווער צו זײַן אַ חכם-עתּיק / אין פֿיזיק און אין מאַטעמאַטיק. / אָבער אין חכמת פּאָעטיק, / בעאַ-רעאַליזם, עסטעטיק – / לײַכט, אָן קײן שום מי צו גרייכן / אינטעלעקטועלע הייכן. / וואָס מער אויסטערלישער לץ / אַלץ מער ווירטועלער ספּעץ / אין אַקטועלע קונסט-פּראָבלעמען!

אָן שום זין, אַ קאָקטעל פֿון פֿאָנעמען? / אַבי געשריבן ווערטיקאַל, / און וואָס געפּאַטשקעט – אידעאַל / פֿאַר געמײַסטערטע פּאָעמען. / באַלד זיך געפֿינען וועט / אַ קריטיקער מפֿונק עקזעגעט, / און אויסגעפֿינען אַז ביט רעדן צו דער זאַך / איז טיפֿזיניק און ווערט אַ שבֿח.

יאָ, כ׳האָב פֿאַרגעסן גאָר דעם עיקר: / אויב דער מחבר איז ביט אָפּט ראַזירט, / אויסטערליש זיך תּמיד פֿירט, / רייכערט, איז אָפּט שיכּור / און פּאָעטעוועט מיט פּינטעלער אַ סך – / איז זײַן רום און סיטואַציע גאַראַנטירט.

≈❀≈

כ׳האָב פֿײַנט די פּערמאַנענטע אַלצווייסערס, די מעגאַלאָמאַנישע אַלצקענערס מיט אַלע סודות פֿון באַשאַף אין קעשענעס, אַלע אמתן אין בוזעמטאַשן. אַלץ מיט פּאַטש-אין-בײַכלדיקע צופֿרידענע שמייכעלער, לײַבניציסטיש באַוווסטזיניק אַז אונדזער ציוויליזירט וועלטל איז דאָס בעסטע פֿון אַלע מעגלעכע וועלטלער.

אַזוי מיט די רעליגיעזע ווי מיט די וועלטלער-פֿילאָזאָפֿישע און דידאַקטיש-וויסנשאַפֿטלעכע, ווי ביט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט אַלע זייערע דאָקטרינעס, קענטעבישן און זיכערקייטן זענען זיי קוים ווי חדר-ייִנגלעך בײַם אלף-בית, און דאָס שקאַציש-ווויוועזן טאָר ביט מאַכן פֿאַרגעסן אַז פֿאַראַן אַ רבי, מיט אַ בענקעלע און אַ קאַנטשיקל!... די גרויסהאַלטערישע גדולים קענען ווערן געבעטן אַראָפּצולאָזן די תּחתּונים און זיך לייגן ווי געהעריק צו ווערן געפֿיצקעט!...

אַ ביסל באַשיידנקייט, חכמים-גדולים! מײַטקעלער צי טאָגעס באַרעכטיקן נאָך ניט זיך צו פֿאַרגלײַכן מיט אַ נוקלעאָן אַפֿילו, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין קריזיסן, אַנגסטן און אומקום, אָדער מיט לוציאָלן, וואָס פֿאַבריצירן עלעקטריציטעט אָן דינאַמאָס. וואָסי? באשר מע האָט צאַצקעלער צו קענען קריכן אויף דער לבֿנה אָדער מעסטן די היץ בײַ אוראַנוסן? און ווי אַזוי מײַדן נויט און מגיפֿות אויפֿן פּלאַנעט ווייסט מען? ערשט – וואָס איז מיטן טײַטשן ווי געהעריק באַגריפֿן, ווערטער, טערמינאָלאָגיעס אָן פֿאַרקריפּלונגען. קען מען עס שוין?

נאַרישע קינדער! אַנשטאָט דעם קמץ-אַלף – אָ וויל מען לערנען אַסטראָפֿיזיק, אַלגעברע, מאַטעמאַטיק און נאָך אַזעלכע „פּשוטע" זאַכן, חוץ דעם מהות פֿון געטלעכקייט, דעם ציל פֿונעם פֿענאָמען וועלט, לעבן, טויט, מענטש און נאָך עפּעס פֿון דעם מין.

ס'קען זײַן אַן אַקאַדעמישער קמץ-אַלף-אָ!... לײַט, אין חדר אַרײַן! צי אַפֿשר נאָך אין די וויגן, אין די וויקעלער, ניט אַנטווייִנטע – וואָס מאַכן אונטער זיך, שלינגען געפּערלעכע שמײַדערײַען, טשוועקעס, וואָס ס'פֿאַלט נאָך אין די לאַפּקעלער אַרײַן, און שוין – גאַנצע יאַ-טעבע-דאַמס! אוי, נאַיִווע לעקישן!

~❁~

שיין וואָלט אויסגעזען די וועלט ווען דאָס אַלץ, וואָס דער מענטש פֿאַרשטייט ניט, זעט ניט, הערט ניט, פֿילט ניט אַפֿילו, וואָלט -לויט זײַנע השגות- לחלוטין ניט געווען! אַזאַ מין מעגאַלאָמאַניע איז פּשוט לעכערלעך קאָמיש. דער באַוווסטזיניקער מענטש, ווי אַלץ אַרום, איז זיכער נאָך אַ מיני-עפּעסל אין אַ ריזיקס, אומבאַגרײַפֿטס, וואָס ער איז ניט מסוגל זיך פֿאָרצושטעלן.

ס'איז שוין אויסערגעוויינטלעך אַז ער זאָל האָבן אַ באַגער דאָס צו קענען טראַכטן. דערין ליגט אַ מתנה פֿון באַשאַף, און ער מוז

זיך באַגנוגענען מיט זײַן עקזיסטענץ, זײַן דויער, זײַנע פֿרײַהייטן, זײַן ראָלע, אויפֿקום און אומקום, און ניט שטערן די עוואָלוציע פֿון קאָסמישן אַלץ מיט ניט קיין פֿולקום לעבן אין אַלע הינזיכטן, לויט זײַנע מעגלעכקייטן; ניט צעשטערן ניט זיך, ניט מער אַרום זיך ווי געמוזט – און ער ווערט באַלוינט מיט ווילזײַן, אַ רויִק געמיט און וואָרשײַנלעך אַ מנוחהדיקן אומקום אין וועג צו נײַע רעאַליטעטן.

≈❀≈

זינט תּמיד אַלע ווייסן – / אָן לאָגיקס ים צו שפּאַלטן: / אַז זיך אָפּגעבריט מיט הייסן, / בלאָזט מען אויפֿן קאַלטן. / אויסגעהאַלטן, / יאָ צי ניין?

און דאָך, / טראָגן אַרגומענטן שטאָל און אײַזן, / מיט פֿײַנע סילאָגיזמען / און זיכערע באַווײַזן / ווילן פֿילאָזאָפֿן ניט פֿאַרשטיין / אַז אַ בייגל קען ניט זײַן / אָן אַ לאָך.

זיי זענען **איסטן**, מוזן האָבן **איזמען** / מיט דאָקטרינעס און סאָפֿיזמען, / מיט טעאָריעס עלאָקווענט און קלוג. / נאָר אַזוי געקענט אַלץ אָבען. / פּראַקטיק? שׂכל? ניט גענוג! / אָן דיאַלעקטיק בלײַבט דאָס ניט-פֿאַרשטאַנען.

≈❀≈

מענטשהייט, נאַציע, פֿאָלק – אַלץ נאָר מאָזאַיִק, פֿרעסקעס, איינס מיטן אַנדערן פֿראַגמענטן, כאָטש אַליין מײַסטערווערק! יחיד, פֿאָלק, נאַציע – אייגנאַרטיק, אָריגינעל, און גלײַכצײַטיק עפּעס אין גרעסערס, שענערס, וויכטיקערס.

יעדער, יחידיש און קאָלעקטיוו, מוז זײַן באַוווּסטזיניק גליקלעך מיט דער זכיה, מיטן פֿילן זיך עפּעס דערין; ווי פֿראַגמענט – זײַן טאָטאַל, גוט, צופֿרידן. דער מינדסטער קערן ליים איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער סטאַטוע. דער מינדסטער קערן שטויב צי זאַמד איז גליקלעך מיטן פֿילן זיך עפּעס פֿון אַ הימאַלאַיאַ. אַזוי אויך מיט טראָפּנס אין אָקעאַנען.

ווי גוט איז צו פֿילן דעם תּענוג צו קענען אַזוינס טראַכטן נאָר, אַפֿילו!

≈❁≈

שמײַס, שמײַס אָן ציטער / דעם, וועד די שמיץ איז ווערט. / אָבער דאָך געקלערט, / ווייך אַ ביסל – ריטער.

ווער דען ווייסט געבוי / וואָס ס'איז גוט צי שלעכט, / וואָס ס'איז פֿאַלש צי עכט / און עמיץ איז אַזוי?

אַ גאָט קען נאָר פֿאַרשטיין / וואָס מענטש, זײַן ווערק, איז דאָך / בײַ שלאַנג געפֿאַנגען נאָך / און קען אַ רשע זײַן.

בײַ לײַט מוז יעדער חטא / ווי תּמיד, סוף-כּל-סוף,/ זײַן געצאָלט מיט שטראָף. / אַזוי נאָר רו זײַן וועט.

≈❁≈

אויסטערלישע פֿעלקער! לייען, שטוין, און לאַך ביט (ביטער, לײדער) די דעוויזן (ביט מאָנעטאַרע, נאָר נאַציאָנאַלע) וואָס ס'פּראָקלאַמירן זייערע אידעאַלן:

ליביע – פֿרײַהייט, סאָציאַליזם, אייניקייט...

שווייץ – איינער פֿאַר אַלע, אַלע פֿאַר איינעם...

סיריע – אייניקייט, פֿרײַהייט, סאָציאַליזם...

סאָוועטן-פֿאַרבאַנד – פּראָלעטאַריער פֿון אומעטום, אייניקט אײַך...

פּאַנאַמע – פֿאַרן וווילזײַן פֿון דער גאַנצער וועלט (מיט פּראָדוצירן דראָגן וואָס פֿאַרסמען לײַט)...

די ייִדן אין סיריע פֿילן דעם טעם פֿון דער פֿרײַהייט און דער סאָציאַליסטישער אייניקייט. אַזוי אויך מיט אַנדערע, אומעטום. ווער קען אַלץ אויסרעכענען! אַפֿילו דאָס גרויסע פֿראַנקרײַך: פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברודערשאַפֿט – און לע-פּען פּראָקלאַמירט עס זינגענדיק די מאַרסעליעזע. דערבײַ זעגען

פֿאַראַן פּריווילעגירטע לײַט וואָס זענען אַ ביסל גלײַכער, האָבן אַ סך מער פֿרײַהייט און לאָזן די ברודערשאַפֿט נאָר פֿאַר אייגענעם געברויך.

≈❀≈

קריסט, זיך פֿרום צו הימלען ווענד, / דאָך דײַנע וואָגגעליעס שענד / ווי דעם ייִד וואָס אויף דײַן קרייץ! / וועלט מיט זײַנע ברידערס בלוט / אומעטום, זיבט דורות, פֿלייץ. / דאָס הייסט ליב האָבן, זײַן גוט!...

אַזוי דער פֿרומער פּאָלאַק טוט, / אַזוי די היטלערס אַפּלאָדירט, / אויף שײַטערהויפֿנס לײַט געפֿירט / תּמיד וויפֿל נאָר געקענט, / גערויבט, געמאָרדעט און געברענט – / אַזוי אַ מאָל, אַזוי אויך איצט: / אינקוויזיציע, פּשיטיק, קעלץ, / טאָרקוועמאַדע אין כמעלניצקיס פּעלץ / און עס-עסניקעס געשיצט.

ערשט, פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס, ביט צו פֿאַרשטיין, / זאָל דאָס אַלץ אין אונדזער ישוס נאָמען זײַן?

≈❀≈

וואָס וועט מיט דער ענערגיע אַפּילו בלויז אויף אונדזער פּלאַנעט: מיטן לײַכטן, הייצן, באַוועגן זיך מאַטעריעל-פֿיזיש און פּסיכיש אַפּילו? מיטן רעדן, טרוימען, חלומען, פֿאַרדײַען, עטעמען? ווו פֿאַרשווינדט עס, וואָס ווערט דערפֿון אָדער דערמיט?

ערשט – דאָס געשעט דאָך אינעם אוניווערס, מיט ראַטאַציעס, שטראַלונגען, מאַגנעטיזמען, עקספּלאָזיעס, סתּם קאַטאַסטראָפֿעס אַפּילו?

פֿאַר וואָס זאָל איך קענען אַזוינס טראַכטן, פֿרעגן, דאַרפֿן אַן ענטפֿער? אויסטערליש! אָבער דאָך אינטערעסאַנט צו וויסן. ווי אַזוי קען עפּעס פֿאַרשווינדן, סתּם אַזוי, אָן אַ זכר?

≈❀≈

פֿון אַן עפּל אָן שום קערן / מיט אַ זוים / וועט אַ בײַער בוים / קיין מאָל ניט ווערן.

ווערק אָן געדאַנק דערין – / און ס׳שרײַבן איז אָן זין; / צונויפֿגענומען סתּם / אָט דאָ און דאָרט פֿאָנעמען, / מיט, צי אָן אַ גראַם – / דאָס זענען ניט פּאָעמען; / לאָזט צו רו ס׳פּאַפּיר!

די מוזע זאָגט אַזוי צו מיר, / און איך פֿאַרשרײַב וואָס כ׳הער. / נו, וועט זײַן מיט אַ פּאָעמע מער. / געזען? פֿאַר גראַפֿאָמאַנען / קיין שום רפֿואה ניט פֿאַראַנען.

≈۞≈

איכה ישבֿה בדד... ווי בײַ די טײַכן פֿון בבֿל, בײַ די ברעגן פֿון דער סען, פֿון דער טעמזע, פֿונעם האָדסאָן און לײדער אויך פֿון ירדן, זיצן מיר אַבֿלים און באַווײנען דאָס פֿאַרלוירענע ייִדישע פֿאָלק, פֿאַרטיליקט פֿיזיש דורך די דײַטשן מיט דער הילף פֿון רוסן, פּאָליאַקן, רוטענער, ליטווינער, פֿראַנצויזן אַפֿילו, און מיט דער גלײַכגילטיקייט, אויב ניט מיט דער צופֿרידנקייט פֿון אַלע גויִים: קריסטן צי מאַכמעדאַנער. און לײדער, לײדער, פֿאַרטיליקט אויך מיט דער עגאָפּאָביע פֿון די געבליבענע ייִדן און זײערע קינדער!... פֿאַרענדיקט דעם אומקום מיט אַסימילאַציעס, געמישטע חתונות, אָפּגעפֿרעמדטקייט פֿון אַלץ וואָס האָט עפּעס אַ שײַכות מיט דער פּרעכטיקער ייִדישקייט פֿון אונדזער אַמאָליקן מזרח-אײראָפּעיִשן שבֿט ישׂראל, וואָס האָט געשאַפֿן דאָס שענסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, שענער פֿון בבֿל צי שפּאַניע!

טויזנט יאָר שעפֿערישקייט אויף אַבסאָלוט אַלע געביטן, פֿאַר זיך און פֿאַר אַלע פֿעלקער ווו זיי האָבן געפֿונען היימען, מיטן שאַפֿן אַפֿילו דאָס נײַע ישׂראל, וואָס פֿאַרסאַברעט, לעסטערט דאָס געדעכעניש פֿון די חלוצים אידעאַליסטן! אויפֿן יד-ושם לזכר די אומגעקומענע ייִדן איז אַפֿילו ניט פֿאַראַן קיין אויפֿשריפֿט אויף ייִדיש! איווריט און ענגליש – די שפּראַך פֿון די, וואָס האָבן ניט אַרײַנגעלאָזט די געראַטעוועטע פֿון די דײַטשע משחיתים!

ניטאָ מער קיין יִדיש פֿאָלק, מײַן יִדיש פֿאָלק פֿון אַ מאָל! אויסגעריסן מיטן וואָרצל דעם שענסטן בוים פֿון אונדזער גאָרטן; צעטרעטן אַלע בייטן! ווילדגאָז, דערנער דאָ און דאָרט — אויס מיט אַ טויזנט-יעריקער עפּאָכע פֿון אונדזער פֿאָלק. געלונגען איז די היטלערס מיט די סטאַלינס זיי צו פֿאַרטיליקן פֿיזיש, און די קאָמיקאַדזישע עגאָפּאָבן האָבן פֿאַרפֿולקומט גײַסטיק זייערע בעסטיאַלישע פּלענער.

דאָ און דאָרט זשיפּיען נאָך שירײַם פֿון אַמאָליקער יִדישקייט. מע לעבט מיט רעמיניסענצן, זכרונות, אל-מלא-רחמימס, מיט אַ קדיש דאָ און דאָרט. מע מאַכט זיך אילוזיעס מיט אַ מנין יונגעלײַט וואָס ווילן אפֿשר, חוץ קוריאָזיטעט און עקזאָטיק, אָדער מיט טאַקע אינסטינקטיווער בענקשאַפֿט נאָך עפּעס אַן אַמאָליקער פּרעכטיקער גײַסטיקייט — אָבער וואָס קענען זיי נעבעך טון?

מע רופֿט ראַטעווען און מע קלאַפּט מיט צדקה-תּציל-ממות-פּושקעס — אָבער אַז מע זעט וואָס ס'וועט מיט אַ „פֿאָרווערטס" אין דעם זעקס-מיליאָניקן יִדישן יִשובֿ אין אַמעריקע, צי די ראַכיטישע שריפֿטעלעך ווי „יוגנטרוף" צי „אויפֿן שוועל" — ווערט טרויעריק אויפֿן געמיט.

פֿון וואָס באַשטייט איצט דאָס, וואָס די גויִים צווינגען אויף מיטן הייסן „יִדיש פֿאָלק" — ס'רובֿ נוסח היטלערן, צי אַנדערע אָפֿענע אָדער טראָגלאָדיטישע אַנטיסעמיטן?

אַ מאַסע פֿאַנאַטיש-רעליגיעזע שטרײַמל-ציצית-יִדן, אָדער די זעלבע פֿאַנאַטיזמען אייראָפּעיִש געקליידטע; אַ ספֿרדישע עדה מיט אויך אפֿשר אַ ספּיריטועל-פֿילאָזאָפֿישע יִדישקייט נוסח בובערס חסידיזם צי נעהערס, לעווינאַס, לעווים און זייערס גלײַכן, צי אַנדערע וועלטלעכע פּראָגרעסיסטן מיט זייערע פֿילאָזאָפֿיש-מיסטישע דאָקטרינעס. חוץ דעם — אומעטום אַ היברידירטע מאַסע פֿון אַסימילירטע כּלומרשטע יִדן, וואָס האַלטן זיך סאָלידאַריש און פֿילאַנטראָפּיש מער-ווייניקער צוזאַמען און

זענען יוצא מיט אַ פֿאַרזאַמלונג, אַ מאַניפֿעסטאַציע און באַנדס, מיטן ציוניסטישן פּאַטריאָטיזם, אָבער מיט געמישטע חתונות אָן שום קענטעניש צי אינטערעס פֿאַר וואָרער ייִדישקייט, איר שפּראַך, איר געשיכטע!... זיי זענען יוצא מיט אַ יום-כּיפּור אין אַ סינאַגאָגע, אַ קדיש און -ניט אַלע מאָל- מילה צי אַ חופּה, און פּטור!

ישׂראל? אַ נאַציע: סאַברישע צי פּאַנאַטישע שאָוויניסטן, מיט אַ מענטליק-פּאַטריאָטיזם, וואָס פֿאָדערן אונטערשטיצונג, באַנדס-זאַמלונגען און אַן אימפּעראַטיוון באַם צו זייער יעדן בים; דערצו – מיט האַס צו מאַמע-לשון ייִדיש!

דער גלותיזם, מיטן באַבילאָנישן ווילטאָג צי דער גושן מיטן טאָפּ פֿלייש, ליגט זיי אין בלוט, אין די ביינער. וויפֿל ייִדן זענען אַוועק מיט עזראן צוריק צום פֿאַרלאָזטן פֿאָטערלאַנד? דאַכט זיך 40 טויזנט. די אַנדערע האָבן געשאַפֿן דעם תּלמוד-בבֿלי אינעם גלות. און די הײַנטיקע ציוניסטן? זיי זענען ציוניסטן מיטן הייסן אַנדערע עולה זײַן אין ישׂראל. די סאַברעס? קאַריעריסטן. אונדזערע ייִדן האָבן געשיקט חלוצים אידעאַליסטן, און זיי שיקן אַרויס יורדים!

אַזוי איז מקוים געוואָרן דער טרוים פֿון די גוייִשע -קריסטלעכע צי מאַכמעדאַנישע- אַנטיסעמיטן. ניטאָ קיין ירמיהו מער, וואָס זאָל קומען מיט „כּה אָמר אַדוני צבֿאָות".

צבֿאָות? אַ פּאַראַדאָקסאַלער חוזק. גאָט צבֿאָות – אומבאַהאָלפֿן קעגן שוואַבישע טאַנקען, גאַזקאַמערן, קרעמאַטאָריעס, בראָטאויוונס און אַזוי פֿיל גוייִש שלעכטס? ערגער באַך אונדזער בראָך! וויפֿל טענות געהאַט אַ מאָל צו משהן פֿאַרן האָבן איבערגעלאָזט די טעפּ מיט פֿלייש אין קנעכטשאַפֿט, טראָץ שמיץ און פֿאַרמויערן קינדער אין די פּתומס ורעמססן!

ניט איין תּשעה-באָבֿ פֿאַר אונדז, ייִדישע ייִדן; אַ פּערמאַנענטן איכה מוזן מיר אויסקלאָגן.

ישׂראל? פֿאַרסאַברעטע איווריטיסטן וואָס האַסן ייִדישע ייִדישקייט, אויסער פֿרומע באַנקקוועטשערס וואָס זוכן צו מײַדן נאַציאָנאַלע

פֿליכטן, און דאָס איז אַלץ. נישטאָ מער קיין ייִדישע גײַסטיקייט, קיין שם-המפֿורש אינעם כּלומרשט ייִדישן גולם. קיין שום גײַסטיקייט-ירושה פֿון די אַמאָליקע קולטור-פֿאַראייִנען. פֿאַרשווּנדן די פּרעכטיקע נשמה-יתירה. פֿאַרשווּנדן דער ראַפֿינירטער אינטעלעקטואַליזם פֿון אונדזערע אַמאָליקע אינסטיטוציעס —טראָץ צרות, נויט, אַנטיסעמיטן— וואָס פֿלעגט אָנפֿילן מיט אידעאַלן, האָפֿנונג, טרייסט-תּענוגים. פֿאַרשווּנדן ווי אַ חלום. כ'וואָלט עס קיין מאָל ניט קענען מוחל זײַן די כּלומרשטע ייִדן.

ווי פּרעכטיק געווען דאָס אַמאָליקע פּוילישע ייִדישקייט, און ניט נאָר אינטעלעקטועל, גײַסטיק, מיט אוניווערסאַלע אידעאַלן — נאָר קעמפֿעריש! טראָץ נויט, יוכע-שכנים מיט קלויסטערישע פּאָגראָם-פּראָפּאַגאַנדעס, צאַרישע צרות און קעגן די קאָזאַקן מיט די נאַגײַקעס אויף די טראָטואַרן, די ביילים-פּראָצעסן, די טשערנאָ-סאָטניק-כוליגאַנעס, האָלערטשיקעס וואָס רײַסן בערד בײַ פֿרומע ייִדן – טראָץ אַלעמען, דאָך אַרויס מיטן אַן וטער מײַ-מאַניפֿעסטאַציע און אַ „באַ באַריקאַדי, לודזשע ראַבאָטשי״, אַ „שוועסטער און ברידער פֿון אַרבעט און נויט״, צי אַ „קאָנסטאַנטינאָוו האָט געטראָגן / קאַמאַשן מיט שטיפֿטן; / זײַן קאָפּ איז געפֿלויגן / צען שטאָק אין דער לופֿטן. / העי, העי, / דאַלאָי פּאָליציי, / דאַלאָי סאַמאָדערזשאַוויעץ / ווסעי ראַסיי!...״ ווו זענען זיי, די ברוך שולמאַנס? פֿאַרטיליקט, פֿאַרשווּנדן.

נו, און איצט פֿרעגט איר אפֿשר פֿאַר וועמען שרײַב איך און פּרוּוו פֿאַרעפֿנטלעכן ביכער?

קודם פֿאַר מיר אַליין, און דערנאָך פֿאַר די אפֿשר עקזיסטירנדיקע גײַסטער, ערגעץ אין אַבסטראַקטע ווירקלעכקייטן, ווו נשמות וואָגלען אין הימלישע ספֿערעס. אַ שאָד דאָס פֿאַרטיליקן דעם זכר פֿון מײַן טײַערן, פּרעכטיקן ייִדישן פֿאָלק: פּרץ, גאָלדפֿאַדען, שלום-עליכם, איציק מאַנגער, לייוויק, געבירטיק, גראַדע,

ראָזענפֿעלד און ס׳גאָלדענע ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע, מיט די צאינה-וראינהס און תּחינות... אַלץ שימות, הייליקע שימות...

זון – זי שטראַלט פֿאַר יעדן איינעם: / רײַך צי אָרעם, באַריש, קלוג; / מאַכט ניט אויסנאַמען פֿאַר קיינעם. / שטראַלן – אַלעמען גענוג.

אָבער לײַט קיין אַנונג האָבן / פֿון דעם אוצר ליכט און שײַן, / מײַדן זיי דעם טאָג אַליין, / מעשׂה טראָגלאָדיט באַגראָבן.

אָפּגעזונדערט און פֿאַרשלאָסן, / טיר און טויערן פֿאַרמאַכט, / ווי זונס לעבנספּרייד פֿאַראַכט / און פֿון טאָג קיין מאָל גענאָסן.

זיך אײַנרעדן אַז אַזאַ מין פֿענאָמען ווי וועלט, לעבן, טויט, מיט אַלץ וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר, איז סתּם עפּעס אַ כאַאָטיש געשעעניש מיט אַנאַרכישער עקזיסטענץ, קאַטאַסטראָ-פֿעס, יסורים, אַנגסטן, אַגרעסיעס, קאָנפֿליקטן, שטראַלונגען און מעגלעכע מחשבֿות וועגן דעם אַלעמען – איז אַן אַבסורד. דאָס ניט וויסן דעם סוד, דעם פּלאַן, די סיבות און די צילן דערפֿון, מיטן שטיצן זיך אויף צופֿעליקייטן און אויסטערלישקייטן אין אַלע הינזיכטן וואָס מע קען יאָ פֿעסטשטעלן, באַרעכטיקט ניט דאָס מיינען אַז אַלץ איז סתּם פּראָבאַביליטעט פֿון אומגעריכטע פֿענאָמענען, מיט אייביקן קאַמף צווישן עלעמענטן, עסענצן, סובסטאַנצן, פּולקייט מיט ליידיקייט, אַלץ מיט אַן אַנטי-עפּעס – איז דאָך ניט וואָרשײַנלעך. דאָס וואָס כ׳שרײַב דאָ איז אַ נס, אַ וווּנדער! ס׳מוז זײַן אַ מײַסטער וואָס וויל ס׳זאָל אַזוי זײַן. כאַאָסן קענען אפֿשר זײַן שטויב בײַם ווירטואָז וואָס שאַפֿט אומענדן! אויב מע וויל ניט זײַן לעקישעוואַטע און ניט ווערן משוגע, מוז מען שלום מאַכן מיט אַלץ וואָס איז, און נאָר אַזוי איז מען פֿרום.

כ'קען בשום אופן ניט באַגרײַפן אַז אָט, אַ מענטש, וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע מאַטעריאַליזירטע עלעמענטן מיט עפּעס אַ מחשבהדיקס, פסיכישס, גײַסטיקס; וואָס האָט אַ דמיון, איז מסוגל צו שאַפן אילוזיעס און חלומות, פּלאַנירן, רעאַליזירן, טרוימען, פילן עמאָציעס, אויפצווינגען שמייכל און טרערן, ליבשאַפט און פּאָעזיע, זיך פילן גוט אין עסטעטיק, עטיש-שיינע פּירונגען, זײַן רעליגיעז, רעוואָלטירט און וואָס ניט? און פּלוצלינג בלײַבט דאָס אַלץ ליגן טויט! פאַרשווונדן אַלץ? אפשר דאָס פיזישע, אָבער דאָס גײַסטיקע קען דאָך ניט פוילן, נערן ווערעם צי מיקראָבן, זיך פאַרוואַנדלען אין שטויב, זיך וואַלגערן: אַ טיביע-ביין צי שאַרבן מיט לעכער וואָס האָבן געהאַט אויגן צו זען, אויערן צו הערן, אַ מויל צו רעדן, זינגען, שמייכלען אאַז״וו.

וואָס איז געוואָרן מיטן סובטעלן ספּיריטועלן, נשמהדיקן עפּעס וואָס האָט אפשר גענומען גוף פאַר אַ נעסט, אַ כריזאַליד, זיך צו קענען מאַניפעסטירן, און איבערגעלאָזט דאָס אַלץ ווי אַ פייגעלע, צי אַ שלאַנג אַפילו, לאָזן איבער די שאָל פון אויסגעפּיקטן איי, ווי באַשטימט פון עמיצן צי עפּעס?

איך בין ניט מסוגל צו פאַרשטיין אַז, אַזוי גוט ווי די לעבער פּראָדוצירט גאַל, די נירן – אורין און אַזוי מיט אַנדערע אבֿרים צי דריזן וואָס פּראָדוצירן ספּעציפישע עלעמענטן, גוף זאָל קענען עקזיסטירן, פּראָדוצירט דער מוח גײַסטיקייט, מחשבֿות און עמאָציעס, באַפעלט דעם מאָגן זיך צו נערן, דאָס בלוט – צו צירקולירן, זײַן וואַך צי גיין שלאָפן, ליב האָבן צי האַסן, און באַשטימט אַז מע זאָל אַפילו באַגיין זעלבסטמאָרד?

קען זײַן אַז דער דאָזיקער אומבאַגרײַפטער פּסיכישער עפּעס ניצט אויס דעם גוף פאַר זײַנע מעגלעכע פונקציעס צי באַגערן, און אַלץ איז מיט אַ געהעריקן סימביאָז, אַסמאָז צי קאַטאַליז, ביז, אין אַ געוויסן מאָמענט, לאָזט ער אַלץ און פאַרשווינדט ווי אַ פויגל אין האַרבסט, וואָס לאָזט זײַן נעסט פאַריתומט און ער

גרייכט וויַטע גן-עדנס?

אַ מענטש וואָס קען טראַכטן פֿון געטלעכקייט מוז זײַן עפּעס אַנדערש, חוץ דעם מאַטעריעלן עפּעס וואָס שטעלט צונויף זײַן גוף.דערמיט וואָס מע קען עס ניט באַגרײַפֿן, דערקלערן, ווערט עס ניט נעלם. ווײַל עפּעס וואָס איז, קען בשום אופֿן ניט פֿאַרשווינדן סתּם אַזוי, ווערן נישטיקייט – ווײַל נישטיקייט איז אויך שוין עפּעס. זאָגן אַז דאָס וואָס מע ווייסט ניט, מע קען ניט – עקזיסטירט ניט, איז אַן אַבסורד.

נשמה? מעטעמפּסיכאָז? חוץ השערות און פֿאָרגעפֿילן, אינטויִציעס, קען מען טאַקע גאָרניט האָבן. אָבער, דאָך!...

≈❀≈

מאָדנע אינעם מענטשלעכן פֿירן זיך: עפּעס פֿילט ער אַז ער זינדיקט, אַז ס'איז ניט באָרמאַל, ניט גוט און ניט שיין וואָס ער טוט, אויסער, אפֿשר, וואָס זײַן באַגרײַפֿן זינד שטימט מיט מאַטעריעלער בויט צי פֿיזישעליידן, און ער זוכט זיך אויסצוקויפֿן. איז דאָך פֿאַראַן עפּעס אין זײַן היגטערגעוויסן אַ זאָרג, אַ ניט-אָנגענעמלעכקייט, אַ געוויסן-ביסן.

כ'בין זיכער אַז עפּעס אַזוינס טליִעט אַפֿילו בײַם ציניִשסטן פֿאַרברעכער; ער פֿאַרטויבט זיך מיט נײַ שלעכטס צו פֿאַרגעסן ס'ערשטע. קיינעם איז אפֿשר ניט פֿרעמד אין גאַנצן אַ באַגער פֿון אַ ריין געוויסן; אַפֿילו בײַ אַ סאַדיסט צי אַ מאַזאָכיסט.

דערפֿון נעמט זיך פֿון תּמיד אָן בײַם מענטש אַזוי פֿיל געבעטס-הײַזער, מיט ווידויס, מיט תּפֿילות, מיטן פּרווון זיך אויסקויפֿן דורך קרבנות, שׂעיר-לעזאָזלס, אויסלייזערס, פֿאַרגעבונג, און אַפֿילו מיטן זוכן אידעאָלאָגיעס רעכטצופֿאַרטיקן זייערע מעשׂים...

דער מענטש שעמט זיך אינטים מיט זײַן מיאוס שלעכטס. דאָס איז אַ וווּנדערלעכער שטריך אין דעם מענטשס נשמה. פֿאַראַן

האָפֿענונג אַז אַלץ איז ניט פֿאַרלוירן מיט דער מענטשהייט. אפֿשר איז דאָס אַ פֿאַטאַלע אײַנרעדעניש. אפֿשר טראַכט איך אַזוי ווײַל כ'מיין אַז יענע האָבן אַזעלכע מחשבֿות אין זייער הינטערבאַוווּסטזײַן. יעדנפֿאַלס וואָלט איך געוואָלט ס'זאָל אַזוי זײַן...

≈❀≈

שווער צו פֿאַרטראָגן דעם אײַנדרוק פֿונעם זײַן תּמיד אין אַן אינעווייניק מיט אַ דויער, אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן, און קענען טראַכטן פֿון אַ דרויסן, אַ יענע זײַט, אַן אָנפֿאַנג, און מײַדן סוף פֿון עפּעס.

ס'פֿאַרדריסט דאָס פֿילן זיך ווי געפֿאַנגען, און נאָך ערגער, דאָס זען אַז עמיץ צי עפּעס רייצט זיך מיט מענטשס באַוווּסטזײַן, צו קענען האָבן אַזעלכע מחשבֿות. עפּעס איז תּמיד רעוואָלטירט קעגן דעם גורל, דעם אורטייל צו קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, און כ'בין מקנא ס'זײַן פֿון אַ פּשוטן שטיין – וואָס דויערט, און זיכער גאָרניט באַדויערט.

אַזוי דאַכט זיך מיר. ווער ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין גראַניט? אין אַ סעקוואָיאַ, וואָס לעבט טויזנטער יאָרן, צי אין אַ טראָפּן טוי אָדער אַ רעגן-בויגן? זיי האָבן אפֿשר אויך פּראָבלעמען מיט אַן עקזיסטענציאַליזם.

≈❀≈

אַ טעות, קלאָגמוטערס וואָס זיצן שבֿעה נאָך אונדזער מאַמע-לשון יִדיש! יִדיש איז ווי אַן אַלטער בוים, אָבער מיט זיכערע וואָרצלען, און וועט איבערקומען אַלע שטורעמס און שריפֿות. אָפּגעהאַקט צווײַגן? געריסן, געבראָכן שטיקער? און דאָך: אַפֿילו הײַנט, ווייסט און פֿאַרלאָזט פֿון אַלע די, וואָס פֿלעגן רוען אין זײַנע שאָטנס, טראָגט ער לייִדיקע בעסטן – שפּראָצן נײַע סימנים פֿון צוקונפֿטיקן פֿרילינג. ס'קומען אויף, כאָטש זעלטענע, דאָך נײַע דורות, נײַע מחברים, נעאָלאָגיזמען אד״גל. ס'האָט געדויערט

הונדערט יאָר ביז אַ מענדעלסאָן האָט געפֿונען באַכן! ווי לאַנג האָט געדויערט ביז די אַראַבער האָבן „אַנטפּלעקט“ פֿאַר די גרויסע איירָאָפּעיִשע גדולים די העלעניִשע שפּראַך-אוצרות און זייער קולטור, יסוד פֿאַר ציוויליזאַציעס? אַזוי מיט די היעראָגליפֿן פֿאַרן הימן פֿון אַן אַקענאַטאָן... ס׳וועט אַזוי געשען מיט אונדזער טייַער מאַמע-לשון ייִדיש!

≈❀≈

פֿאַר וואָס זאָל אַ מאָלער, אַן אַרכיטעקט, אַ מוזיקער צי אַ סקולפּטאָר קענען נאָרמאַל שאַפֿן ווערק מיט די זעלבע טעמעס אין אַנדערע פֿאָרמען, אַספּעקטן, און אַ מחבר זאָל ניט טון אַזוינס מיט מחשבֿות, פֿאַר וועלכע ווערטער און עמאָציעס זענען עלעמענטן, ווי קאָלירן, ליים, ציגל און קלאַנגען?

≈❀≈

קומט אַ יאָהאַנעס פֿון די עוואַנגעליעס און פּראָקלאַמירט אַז דער ווערב איז ניט נאָר הייליק, נאָר איז עפּעס פֿון געטלעכקייט זעלבסט. אַ באַווייַז – קודם איז געווען אַ יהי און דערנאָך דער מעשׂה-בראשית. כ׳ווייס ניט וואָס די קבלה האַלט פֿון דעם דאָזיקן אַרגומענט.

אָבער אויב דאָס קען ווערן אָנגעווענדט צום וואָרט, צום ווערב – פֿאַר וואָס ניט צו דער מחשבֿה, וואָס איז איידער דעם וואָרט, צום דמיון, צום טרוים וואָס איז נאָר עסענץ פֿון ווערב? זאָל דאָס זייַן נאָר אַ שטויס פֿאַר יעדנס השגה אין שייַכות מיט דעם פּראָבלעם, און ווי אַ פֿונק, וואָס איז דער אָנהייב פֿון אַלע זובען אפֿשר. כ׳בין ניט מסוגל צו אַנאַליזירן ס׳דאָזיקע, אָבער עפּעס מוז זייַן דערין אינטערעסאַנטס.

≈❀≈

גוט וואָלט געווען צו קענען האָבן אַן אויג וואָס זאָל זײַן טעלעסקאָפּיש צי מיקראָסקאָפּיש, אָדער ביידע צוזאַמען, לויטן באַגער צי באַדערפֿעניש. דאָס אויג זאָל קענען זײַן ניט נאָר קאָנטעמפּלאַטיוו, נאָר אינטראָספּעקטיוו, אינטעלעקטועל פֿאַר מחשבֿות, רעפֿלעקסיוו מיטן אַנאַליזירן פּראָבלעמען געדאַנקלעך. פֿאַרן דאָזיקן איכישן אינערלעכן בליק זאָלן קאָנצעפּטן קענען ווערן פֿאָרמולירט מאָרפֿאָלאָגיש, האָבן קאָנקרעטע אַספּעקטן, ווי בולטע מוזיק... אַזױ־ווי.

ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ מין ספּיריטועלע גריבלעניש און האָר-שפּאַלטערײַ? און וויפֿל שיינע פּראַזעס! אידייִשקייט, גײַסטיקייט! אַז עמיץ וועט דאָס לייענען און ניט טראַכטן אַז אַרן מיעדניק איז טיפֿזיניקער פֿון אַלע פּלאַטאָנס, אַריסטאָטעלעס און זייערע פֿילצאָליקע נאָכמאַכערס, וועט דאָס זײַן נאָר אַ באַווײַז אַז מע פֿאַרגינט מיר ניט מײַן געניאַלע קאָפּאַרבעט!

~❁~

כ'קען ניט מוחל זײַן דעם רבש״ע, פֿאַר וואָס איך זאָל מוזן אומקומען אין מײַן בליִענדיקער יוגנט פֿון נײַנציק יאָר דערווײַל, און אַ באַאָבאַב, אַ סעקוואָיע, זאָלן קענען לעבן טויזנטער יאָרן? ערשט אַ פּיצל שטיין, אַ טראָפּן וואַסער, אַ קערן זאַמד!... ווער זינגט לויב, און דאַנקט דעם מײַסטער פֿון באַשאַף? אַ פֿעלדז, אַ בוים, אַ וואַסער?

ניטאָ קיין יושר. ווען כ'וואָלט געקענט כאָטש רופֿן דיך, סאַמעדערזשאַוונע גאָט, צו אַ דין-תּורה... ווי אַזוי פֿירסטו זיך מיטן בן-אָדם, געשאַפֿן אין צלם אלוהים, אין דײַן געשטאַלט, און לאָזסט אים אומבהאַהאָלפֿן, ווי עפּעס אַ לעקיש וואָס איז מקנא אַ בוים!

~❁~

באַר ניט מיטלמעסיק, פֿרײַנד, / נאָר ניט האַלבו! / אויב דו קענסט ניט זײַן קיין אָדלער – / זײַ אַ שוואַלב!

ווען יענער, בליק צו זון געווענדט, / תּהומען מעסט, / דו, דײַן גרענעץ-צוים דערקענט, / בוי דײַן נעסט!

~※~

עפּעס וועגן רעלאַטיוויטעט.

פֿאַר וועלף איז אַן אידעאַלער וואָלף אַ געזונטע, שטאַרקע חיה, מיט ציין און נעגל ווי מעסערס, וואָס קען מיט איין שפּרונג אַריבער אַ פּלויט, אויפֿרײַסן אַ טויער מיט אַ שטופּ צי אַ שטויס, כאַפּן אַ שאָף און אַנטלויפֿן אין אַ זיכער אָרט צו קענען איבערבײַסן דעם גאָרגל און זיך מחיה זײַן מיטן צאַפּלדיקן פֿלייש און הייסן בלוט, וואָיענדיק דערנאָך אין לבֿנהדיקע נעכט אַזוי, אַז אַלע וועלפֿינס זאָלן ווערן משוגע ווילד פֿאַר תּענוג און באַגער.

אָבער פֿאַר אַן אידעאַלער שאָף איז גוט צו זײַן פֿעט, געלאָדן מיט אַ סך וואָל. זי האָט פֿײַנט הינט און פּאַסטעך, אָבער מעקעט דאַנק פֿאַרן האָבן אַ שטאַל, אַ לאָנקע, וויסן אַז פֿאַראַן אַ שטעקן, אַ כּלבֿ מיט אַ סטאַדע. אָבער אויך גוט זיך צו פֿיטערן אין אַ וועלדל אַליין, ביט דאַרפֿנדיק אָפּקומעגישן מיטן מעלקן, שערן, שינדן און ס'וויסן אַז ס'זענען פֿאַראַן שוחטים, קצבֿים, פּאַטעלניעס פֿאַר קאָטלעטן און ווײַבער וואָס קומען אין יאַטקעס. פֿאַר די דאָזיקע שאָף איז אַן אידעאַלער וואָלף אַ דאַרע פּאָקראַקע, מיט אַן אויסגעקראָכענער פֿעל, אָן ציין, אָן נעגל, וואָס טרוימט צו ווערן אַ הונט און זיך מחיה זײַן מיט אַ גרעזל צי אַ בלימל, האָפֿנדיק אויף אַ צוגעוואָרפֿענעם ביין; אַ וואָלף וואָס ציטערט פֿאַרן מינדסטן מעקען פֿון אַ שעפּעלע. זי, די שאָף ווידער, זאָל האָבן לאַפּעס פֿון אַ טיגער, ציין פֿון אַ לייב, און בלויז מיט אַ „מע" ממיתט זי אַוועק סטײַעס מיט וואָיענדיקע וועלף!

איצט גיי זײַ אַ רבונו-של-עולם און שטעל אַלעמען צופֿרידן.

וואָס-זשע זאָל טון אַ פּלאַטאָן מיט זײַן אידעאַליזם. אַ שאָד וואָס ער איז ניטאָ. אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס וואָלט ער געזאָגט נאָכן איבערלייענען ס'דאָזיקע. וואָלף האָט וועלפּעלער און שאָף האָט שעפּעלער וואָס פּישטשען, ווילן זייגן נאָר אַנאַנד.

און איך הקטן, וואָס איך מיין? כ'מיין אַז יעדער דאַרף זײַן פֿולקום אין זײַן מין. אַ קאָנפֿוזיע איז דער והיה באחרית הימים. אַ טיגער וועט זיך פֿיטערן און מאַכן אַ סעודה וועגעטאַריאַניש אויף אַ לאָנקע, לעבן די מעקענדיקע ציגעלער? ערשטנס בין איך סקעפּטיש צי ער וועט פֿאַרדײַען ס'גראָז, און צווייטנס – וואָס איז גראָז נעבעך שולדיק? אויך עפּעס לעבעדיקס. בכן, זאָלן ניט מעגלער זײַן משיחס צײַטן אויך פֿאַר געוויקסן? אַפּילו די נבֿיאים פֿאַלט ניט אײַן אַ טראַכט צו טון וועגן דעם!

אוי, גאָטעניו, דײַן וועלטל איז ניט ווי געהעריק! דער פּי-טובֿיזם איז ניט אוניווערסאַלער ווילזײַן. געפֿין אַ סיסטעם פֿון אָנטאָלאָגיע אָן קיינעמס געפֿאַר און שלעכטס; קום זיך לערנען בײַם מענטש וואָס ס'מיינט יושר, רעכט און ליבשאַפֿט. ער קען כאָטש טראַכטן וועגן דעם; דו, וואָס דו קענסט כּלומרשט אַלץ באַווײַזן צו טון...

~❀~

— **פֿ**אַראַן עפּעס **אַזוינס צי אַזעלכעס** וואָס איז אַבסטראַקט און דאָך ווירטועל, אָבער מוז האָבן אַרגומענטן צו באַווײַזן און באַרעכטיקן עקזיסטענץ פֿיקציעס, למשל ווי חכמה, ליבשאַפֿט, יושר, אָביעקטיוויטעט, אַפּראָ- צי רעפּראָבאַציעס, אײַנשטימיקייט און נאָך אַ סך, אַ סך, אַ סך. אָבער פֿאַראַן עפּעס אַזוינס אין אַ בליק, אַ שמייכל, אַ גרימאַסע וואָס דאַרף ניט קיין שום רייד און ס'װערט תיכּף פֿאַרשטאַנען פֿון עמיצן.

– וואָס-זשע טון מיט אַזוינס אין דער פֿינצטער?

– איז דעריבער טאַקע בעסער אָנקומען צו רייד, וואָס מע הערט

אַפּילו אין חושך.

– וואָס-זשע זאָל טון אַ שטומער אין דער פֿינצטערניש?

– איז טאַקע ביטער, ברודערל!

דער מענטש, יעדער מענטש, דאַרף, מוז האָבן אַ ביסל פּאָעזיע, ווי ס׳מינדסטע קווייטל צי בלימל אַ ביסל טוי, אַ זונענקוש. די פּאָעזיע קען זײַן פֿון כּל-המינים: פֿון לייענען אַ פּאָעמע, פֿון הערן מוזיק, פֿון זיך ברומען אַ ניגונדל, פֿון צו רעכט מאַכן אַ קראַוואַט קעגן אַ שפּיגל, אַ שמייכל פֿון אַ שכנטע, שענקען אַ נדבֿה אַ בלינדן מוזיקאַנט, ביזן מאַניפֿעסטירן פֿאַר אַן אידעאַל, פֿאַרטיידיקן אַן אידעאָלאָגיע; ביז אַ רויז אויף אַ באַגנעט ווען מע קעמפֿט אויף באַריקאַדעס.

תּמיד מוז זײַן עפּעס, כאָטש אַ ניצוץ פֿון פּאָעטישער עמאָציע. כ׳בין זיכער אַז ניטאָ קיין שום ברוטאַלע באַשעפֿעניש וואָס זאָל ניט מוזן האָבן ס׳דאָזיקע ווי עסן, טרינקען, שלאָפֿן צי אַנדערע אימפּעראַטיווע באַדערפֿענישן. אַ מענטש? זיכער ניט בלויז אַ מענטש. אַלץ וואָס איז, צי קען נאָר זײַן, מוז האָבן די נטיה צו עפּעס צאַרטס און האַרמאָנישס. כ׳בין זיכער אַז דער אַטאָם, אַ קרישטאָל, אַ געוויקס, אַ פֿלאַטערל, ווי אַ הײַפֿיש און אַלץ וואָס מאַניפֿעסטיר׳ט זיך אין אַספּעקטן, פֿון אַ ווירוס ביז אַ פּלאַנעט, אַ גאַלאַקציע און אַזוי ווײַטער....

כ׳בין זיכער אַז לעבן איז פּאָעזיע, די ראָזשינקע פֿון אַלע אָנטאָלאָגישע מעגלעכקייטן. ס׳איבעריקע איז די חלה, די ראָזשינקע זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן, ווײַל אָן דער פּאָעטישער ראָזשינקע איז יעדער לעקער נאָר אַ ראַזעווע רעפֿטל.

איך קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי לײַט פֿאַרכליניען זיך מיט פּלאַטאָנס אידעאַליזם, האַלטן פֿאַר נאָרמאַל שקלאַפֿערײַ און זײַן לויבן מלחמה-קונסט, די קונסט צו הרגענען לײַט?

אַזאַ מין אידעאַליזם ווי מע לויבט זײַן אַקאַדעמיע, זײַן רעפּובליק, זײַן „וועלט-אַנשויונג מישטייבס געזאָגט, איז אַ חרפּה פֿאַר אַן ערלעכן מענטש. זע נאָר דעם אַריסטאָקראַט, פּאַראַזיט: געלעבט מיט אַ צווייטנס פּראַצע, געהאַט שקלאַפֿן, זיך באַשעפֿטיקט מיט פּאָליטיק, געווען אַ האָמאָסעקסועל, און קומט מיט קריגקונסט – אַזאַ עקזיסטענץ זאָל עס זײַן ווי אַ בײַשפּיל פֿון טאָטאַלער פֿולקומענקייט? אַן אויסטערלישער בלאָף, אַ העלענישער פּאַראַדאָקס פֿאַרן פֿאָטערלאַנד פֿון די סאָפֿיסטן און אַזוי פֿיל פּלאַטאָניזמען.

פֿאַר וואָס ניט ווי אַ משל משה רבינו, אונדזערע נבֿיאים, אַ גאַנדי, אפֿשר אַ קאָרטשאַק?

אָבער דער קאַפּיטאַליזם מוז זיך דאָך מיט עמיצן צי עפּעס באַרעכטיקן!

≈❁≈

די פֿיזישע טריגאָנאָמעטריע העלפֿט די אַסטראָפֿיזיקער, אַסטראָנאָמען צו מעסטן און כּמעט אַנאַליזירן דעם קאָסמאָס און די אויסרעכענונגען, דעם אײַנשטיינישן רעלאַטיוויזם און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט, פּראָבלעמען וואָס זענען ניט פֿאַר מײַנע השׂגות, אָבער די חשבונות זעען אויס צו זײַן טאַקע פּינקטלעך, גילטיק און פּראַקטיש באַשטעטיקט מיט די גראַוויטאַציעס און ראָטאַציעס. געפֿינט מען לויט השערות אַן אומבאַקאַנטן פּלאַנעט וואָס מוז זיך געפֿינען דאָ צי דאָרט, און מע געפֿינט אים טאַקע, פֿריִער צי שפּעטער.

פֿאַר וואָס זאָל דער דאָזיקער סיסטעם ניט זײַן מעגלעך אָנצווענדן אין פּסיכאָלאָגיע? דורך פּסיכישער צי מעטאַפֿיזישער טריגאָנאָמעטריע, מיטן ניצן לאָגיק ווי יענע ניצן מאַטעמאַטיק,

זאָל מען אויסגעפֿינען אין גײַסטיקע קאָסמאָסן, מיט שׂכל און השערות, ספּיריטועלע זובסיסטעמען און זייערע סאַטעליטן, צי עפּעס ענלעכס.

אַן אוטאָפּיע? אַזוי צו היילן פּסיכאָפּאַטן? יחידישע און סאָציאַלע פּאַראַנאָיִקער? ווו זענען די בײַע פֿרוידן און יונגען? פֿאַר וואָס ניט?

~❁~

שטאָף? אורזאַך? קעגנשטאַנד? מאַטעריעלס? סובסטאַנץ? עלעמענט? ממשות? סאָמאַטישס? שווער צו געפֿינען אַ פּאַסיק וואָרט פֿאַרן פֿראַנצייזישן „מאַטיער" Matière.

אין ייִדיש איז שטאָף עפּעס פֿאַר אַ שנײַדער צו מאַכן אַ מלבוש; „מאַטעריע" האָט אַ שײַכות מיט אַ בלאָטער; קעגנשטאַנד איז שוין אין אַ פֿאָרעם; סובסטאַנץ איז דאָס, וואָס פֿילט אָן פֿאָרמען; ממשות — דאָס וואָס איז בולט, מע קען עס אָנטאַפּן, סאָמאַטיש; דאָס וואָס איז אורזאַך — עפּעס וואָס איז קודם. עלעמענט — אפֿשר?

הכּלל, ס'איז ניט מעגלעך זיך פֿאַרצושטעלן עפּעס אַבסאָלוט גילטיקס. מע וואָלט געדאַרפֿט זאָגן „מאַטיערע"!... אָדער פּשוט מאַטעריע, מאַטעריאַליזירט, אין אַנטינאָמיע מיט עסענץ — ווי ס'קען זײַן סובסטאַנץ. אָבער מיר גייט דאָ אין עפּעס אַנדערש.

פֿאַר וואָס דיאַלעקטעווען מיט זוכן פֿענאָמענאָלאָגיע, סטרוקטוראַליזם און עקזיסטענציאַליזם? אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך איז דאָך אַ פֿענאָמען וואָס מוז זיך אַנטפּלעקן אין אַ סטרוקטור מיט אַן עקזיסטענץ, האָט אַן אָרט דורך אויסשפּרייטונג אין דימענסיעס און דויערט מיט אַן אָנהייב און אַ סוף. וואָס-זשע איז דאָס פֿאַר אַ תּכלית? פֿילאָזאָפֿירן וועגן יעדן פֿון די דרײַ אָביעקטן, מיטן זוכן עפּעס סוביעקטיווס דערין? מע קען באַטראַכטן וועגן דעם וואָס עקזיסטירט, פֿאַר וואָס, ווי אַזוי, צוליב וואָס, דורך, איבער צי פֿאַר וועמען. און פּטור. גריבלען זיך אינעם שײַכות פֿון עלעמענטן מיטן גאַנצן וואָס אַלץ שטעלט צונויף און

צוזאַמען, איז דאָך אַ מעשׂה אָן אַן עק. אַלץ איז עפּעס פֿאַר זיך און גלײַכצײַטיק אַ פֿראַגמענט; אַזוי אָן שום מעגלעכע גרענעצן, פֿון אַ נעוטרינאָ ביז אפֿשר אַן אוניווערס.

אָבער ס׳מוז דאָך זײַן עפּעס צו דיאַלעקטעווען! מאַכט מען דערמיט, צי דערפֿון, אַ דאָקטרינע, אַן אידעאָלאָגיע, אַ וויסנשאַפֿט, אַ דיסציפּלין, פּונקט ווי מע וואָלט פֿונעם מעסטן, ציילן, קוקן, הערן, זוכן, פֿאָרשן אד״גל געמאַכט עפּעס אַ מין אָנטאָלאָגישע ווירטואַליטעט!...

אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו זען, הערן, פֿאָרשן, מעסטן, ציילן, ערגעץ צו גיין, איז אויס מיטן סטרוקטוראַליזם. טאַקע ביטער; וואָס וועט מען טון מיט דער עטנאָלאָגיע, לינגוויסטיק און ווער ווייסט וויפֿל נאָך קאַטעדרע-פּרנסות?... ווער איז דען ניט באַטירלער אַ פֿענאָמענאָלאָג, אַן עקזיסטענציאַליסט, אַ סטרוקטוראָלאָג? אַן אַרכיטעקט וואָס בויט אַ הויז, אַ מאַמע וואָס מאַכט אַ שטרודל צי אַ ראָסלפֿלייש, אַ שנײַדער וואָס מאַכט אַ פּאָר הויזן... אַזוי איז אַן אַטאָם, אַ פֿלאַנץ, אַ קרישטאָל, אַ באַשעפֿעניש – אַלץ איז סטרוקטורעל, עקזיסטענציעל ווי אַ פֿענאָמען. מע קען דען זײַן אַנדערש?

אָבער לײַט דאַרפֿן דאָך קאַריערעס מיט האָר-שפּאַלטעניש. אפֿשר בין איך ניט באָרמאַל אין אַ קאַפֿקאַ-ציוויליזאַציע, ווו אַבסורד איז וויכטיקער פֿון לאָגיק און דינט ווי דער יסוד פֿאַר אַלץ וואָס קען נאָך גילטיק זײַן, אָרגאַניזירט מיט סיסטעמען, באַרעכטיקט מיט טעאָריעס און געזעצן, און ווו אַ סאָסיר, זשאַקאָבסאָן, כאָמסקי, זעבען מיט לעווי-שטראָסן די גורוס, די שאַמאַנס, די חסידישע הייף מיט זייערע פֿאַנאַטיקער און... און...

נאָך – צו וואָס מײַנע רייד?

לייענענדיק מײַנע שריפֿטן וועט אפֿשר ניט איינער אַ הייב טון מיט די פּלייצעס: וואָס קומט ער, דער טשודאַק, מיט זײַנע סבֿרות, השערות און סתּם אַרגומענטן, פּאָלעמיזירן מיט אַלע ציטירטע גדולים, אָנערקענטע ספּעצן אין אַזוי פֿיל טיפֿזיניקע דיסציפּלינען, לײַט מיט נאָבלפּרײַזן, טאָגעס, געהאָפּטענע אוניפֿאָרמען פֿון אַקאַדעמיעס אד״גל?

איז עס נאַרישקייט? מעגאַלאָמאַניע? צי סתּם לעקישעוואַטיזם? כאַפּ איך די פֿיש פֿאַר דער נעץ און בעט מחילה: פּאַרדאָן, פּשעפּראַשאַם, איזוויניטע אַאַז״ו, בײַ די אַלע וועמענס רעפּוטאַציע צי כּבֿוד כ׳האָב מיט עפּעס געטשעפּעט. איך האָב געוואָלט ווײַזן ווי אַזוי אַ פּשוטער בשׂר-ודם אָן אוניווערסיטעטן-קענטעניש, וואָס לייענט דאָ און דאָרט, הערט צי זעט אין טעלע-ראַדיאָ עפּעס וועגן די אַלע דיסציפּלינען, רעאַגירט לויט זײַנע השׂגות אויף דעם אַלעמען. אָבער וואָס זיי זאָלן ניט טראַכטן וועגן מײַנע אַרגומענטן, בין איך דאָך אַן עקשן, און כ׳בין זיכער אַז אַלע רעליגיעזע, פֿילאָזאָפֿישע און אפֿשר וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען און אָנווענדונגען זענען געפֿעלשט, ווײַל די קאַפּיטאַליסטישע און אַפֿילו אַנדערע רעזשימען אויך פֿאַרקריפּלען די עווענטועלע אַפֿירמאַציעס, אויספֿירונגען און גילטיקייטן, צוליב די אינטערעסן פֿון פּריווילעגירטע קלאַסן, אַזוי אַז תּמיד, מאַטעריעל און ספּיריטועל, זענען זיי נאָר לאָיאַל לטובֿת די, וואָס דערמעגלעכן זיי זאָלן קענען מאַכן קאַריערעס, קיין מאָל ניט לטובֿת דעם כּלל.

ס׳קען זײַן אַן אויסנאַם מיט אַ מאַרקס צי ענגעלסן; אפֿשר אויך אין מעדיצין. אָבער מיט די רעליגיעס, מיטן רובֿ פֿילאָזאָפֿיעס און מיט אַ סך וויסנשאַפֿט איז זיכער ניט אַזוי פֿויגלדיק. דאָס איז אויך גילטיק אין קונסט, ספּאָרטן און...

זאָלן לײַט טראַכטן וואָס זיי ווילן. איך טו ס׳מײַניקע, רעאַגיר ווי אַ זיכער ערלעכער מענטש, וואָס קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צו זען

וואָס מ׳טוט מיט אָרעמעלײַט נעבעך, און ווי אַזוי מע פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי, האָב און צײַט מיט דיאַלעקטעוועז, קריכן אין הימלישע ספֿערעס און זוכן דעם מהות פֿון געטלעכקייט.

~֍~

א מאָל געפֿרעגט אַ קלאָץ-קשיא: הלמאי מוזן מאַרקסיסטן, פֿילאָזאָפֿן, זײַן דווקא אַטעיִסטן? קען מען דאָך פֿרעגן אויך: הלמאי מוזן רעליגיעזע זײַן דווקא רעאַקציאָנערן, און די קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען שטערן זיי ניט צו זײַן פֿרום? נאָר זיי האָבן אויסגעטראַכט אַז ישו זאָל האָבן געזאָגט: גיב צעזאַרן וואָס אים קומט! אַן אַנאַרכיסט, ווי ער איז זיכער געווען, האָט ער וואָרשײַנלעך געזאָגט: צעזאַרן עפּעס געבן? אים קומט גאָרניט.

און בײַ אונדז יידן? ווי אַזוי קען מען תּופֿס זײַן אַז באַנקקוועטשערס זאָלן זיצן און לערנען, און ניט טון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער כדי צו קענען ווערן געגערט און האָבן היימען אַאַז״וו? חוץ דעם זוכן צו מײַדן מיליטער-דינסט אין ישׂראל — אַנדערע זאָלן זיי פֿאַרטיידיקן!

אַזוי מיט אַ סך לײַט, אומעטום אין אַלע דיסציפּלינען, קונסטן, ליטעראַטור, פֿינאַנצן, קאָמערץ און — גיי רעכן אַלץ אויס וויפֿל ס׳ווערט געפּאַראַזיטעוועט אויפֿן חשבון פֿון די אָרעמע האָרעפּאַשניקעס נעבעך, עקספּלואַטירטע מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים. זענען זיי אָבער אַזוי פֿאַרפֿירט מיט זייערע רעליגיעס, אַז זיי זענען יוצא מיט הימלישע גן-עדנס, און אומעטום — פֿאַר וועמען שטימען בײַ וואַלן בהמות? פֿאַרן שוחט!

~֍~

מע קען פּאַראַפֿראַזירן הערצלס דעוויז: וויל נאָר, און אַלץ ווערט אַן אוטאָפּיע!... דער מענטש איז אַלמעכטיק, און אויב עס האַנדלט זיך פֿון בעגאַציעס איז ער אַ גאַנצער ווירטואָז, אַ כוואַט: ער קען אַלץ צעשטערן.

עס וואָלט דאָך געקענט זײַן פּאַרקערט – אָבער אויף אַזוי פּיל איז ער שוין ניט דינאַמיש. צעשטערן? אַדרבא! אָבער ווען ס׳קומט צום בויען... אַנטפּלעקט זיך זײַן אייביקע „פּאַרניענטע״, און שיינע אידעאַלן בלײַבן אוטאָפּיעס!

≈❁≈

העגעליאַנישע פֿילאָזאָפֿן! טעזע, אַנטיטעזע, סינטעזע – דאָס אַלץ דיאַלעקטישע היפּאָטעזע!... טעזע-שמעזע, מיט צי אָן אַ נעאָ. אפשר וואָלטן די פֿילאָזאָפֿן, ווי די פשוטע לײַט, אָנגערופֿן אַ קאַץ קאַץ און אַ הונט הונט, און ניט געזוכט קאָמפּליצירטע פּאַראַבאָלן פּאַרשלייערטע מיט אַבסטראַקטע רמזים.

עס איז אַזוי גוט אַ טרונק פשוט קוואַלוואַסער! מיר זענען דאָרשטיק, און מע דערלאַנגט אונדז קאָמפּליצירטע קאָקטעלן, פּאַרדעכטיקע, מוטנע. ווער דאַרף אַנאַליזירן זון, רעגן און סאָלאָוויי-געזאַנג, טײַטשן פֿרילינג, גאָרטן און אַ קוש פֿון אַ שיין מיידל? גיט אונדז פשוטקייט און פּאָעזיע פֿון אַ „אונטערן קינדס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע״; לאָז זײַן אַ מאָניש, אַ באָנטשע-שווײַג צי אַ לאָרעליי – אָבער לאָזט אונדז צו רו מיטן סטרוקטוראַליזם, עקזיסטענציאַליזם און נאָך אַזעלכע איזמען, וואָס פֿירן צו ניהיליזם, נאַרישיזם, לעכערלעכיזם און פּעסימיזם. אַנו, ייִדל מיטן פֿידל...

≈❁≈

— ווי קומסטו זיך פּאַרגלײַכן גאָר / מיט מיר, פֿעדער פֿונעם פֿײַנסטן גאָלד, / דו – פּראָסטע זאַך, / אויסגעפּליקטע פֿון אַ גענדזן-פֿליגל? / ווען איך הער דיך סקריפּען, טוט מיר ווײ דאָס האַרץ! / כ׳האָב רחמנות אויף דעם אָרעמען פּאַפּיר! / משטיינס געזאָגט, וואָס קענסטו אַזוי שרײַבן נעבעך? / אַ שאָד: / דער מענטש, וואָס געפֿינט פּאַר יעדער זאַך אַ נאָמען, / רופֿט אונדז ביידע „פֿעדער״ אָן. / כ׳בין ניט שטאָלץ מיט דיר!

די גענדזן-פֿעדער שווײַגט – זי קען די ווערט פֿון רייד; / זי

ווייסט, / אַז פּוסטע גאווה טראָגט אויף זיך אַ גאָלדן מלבוש. / אַ פּעדער – / איז עס מער ווי אַ שליח אין דער האַנט? / נאָר דער וואָס שרײַבט, / און דאָס, וואָס ווערט געשריבן / איז דער עיקר.

~

פּאָעטישע דיאַלעקטיק צי דיאַלעקטישע פּאָעזיע? די פּאָעזיע מוז זײַן די נשמה פֿון דער דיאַלעקטיק; ווען ניט, זענען אַלע אַרגומענטן רעטאָרישע קונצן, טרוקן, האַרט, שאַרסטקע, אָן טעם און ריח. דעם מענטש געפֿעלט תּמיד עפּעס וואָס איז געראָזשינקעט מיט פּאָעזיע. ס'בעסטע וואָלט געווען, אַז פּאָעזיע זאָל זײַן דיאַלעקטיש און דיאַלעקטיק – פּאָעטיש.

אַ משל פֿון פּאָעטישער דיאַלעקטיק: פּלאַטאָן. אַ משל פֿון דיאַלעקטישער פּאָעזיע: וואַלערי. איבעריקנס, „ס'פּאַלק" לייענט זיי ביידן ניט, און די „עליטע" פּאַסמאַקעוועט זיך סנאָביש און מאַכט זיך אַ צימעס מיטן אינהאַלט, ווענדט ניט אָן אין לעבן די שיינע אידעאַלן. וואַלערי אין פּרינציפּ, אָבער סעלין אין דער רעאַליטעט.

~

שוין דורות לאַנג, טויזנטער יאָרן, ווערן געגעבן ווי אַ פּראָטאָטיפּ פֿון פֿילאָזאָפֿיע פּלאַטאָן-סאָקראַטעס. זייער מײַסטערווערק: מענאָן, מיט דער מעטאָדע פֿון דיאַלאָג-פֿאָרשונג, סטיל „מאַיעטיק", כּדי צו באַווײַזן אַז ווייסנשאַפֿט און דערקענטעניש זענען אַ דערמאָנונג, אַ רעמיניסענץ פֿון שוין באַוווּסטע תּורות פֿון אַ מאָל! דאָס הייסט אַז די נשמה, וואָס דורך מעטעמפּסיכאָז קומט זי כּסדר צוריק אין נײַע גופֿים, ווייסט אַלץ. די גאַנצע לערע באַשטייט אינעם וועקן דעם זכּרון, זיך דערמאָנען. אַזוי אַרום ווערט אַ פּראָסטער שקלאַף אַ געלערנטער, מיטן בלויזן אָנווענדן לאָגיק אד"גל. מע דאַרף נאָר קענען דיאַלאָגירן.

מיר זעט עס אויס אין גאַנצן לעכערלעך. קודם געפֿעלט מיר ניט

די שכינות פֿון אַ פּלאַטאָן און סאָקראַטעס מיט אַ שקלאַף: דער מחבר פֿון „באַנקעט", מיט די אָטימס שיינע מאָנאָלאָגן וועגן אולטים אידעאַלער שיינקייט פֿון גוף, נשמה און שטאַט – זאָל ניט געפֿינען אַ וואָרט צו פּראָטעסטירן קעגן שקלאַפֿעריי!... אין אונדזער תּורה עקזיסטירט יאָ דער פּראָטעסט, פֿון באַפֿרייען אַפֿילו מיט געוואַלט דעם קנעכט. דעם וואָס וויל ניט זיין פֿריי פֿאַרשעמט מען עפֿנטלעך: מע בויערט אים אַ לאָך אין אויער אויף דער שוועל פֿונעם הויז. זאָלן אַלע זען: אַ מענטש האָט געקענט זיין פֿריי און געוואָלט בעסער בלייבן אַ שקלאַף! זאָל ער טראָגן זיין שאַנד-סימן זיין גאַנץ לעבן! נאָר ניט דאָס בין איך דווקא אויסן.

בכן, ווייסט דער מענטש אַלץ באַטירלעך מיט זיין עסענץ. קען מען דאָך ווייטער שפּעקולירן מיט אַזעלכע מחשבֿות. אַ בער וואָס לערנט זיך אויס טאַנצן איז שוין אַ געוועזענע באַלערינע; עפּעס דערמאָנען זיך אים באַלעטן און אָפּערעס. דער האָמאָ סימיענס האָט שוין געוווּסט וואָס ס'וועט טון און טראַכטן דער האָמאָ סאַפּיענס. אין קינען האָט שוין געטליעט היטלער!... געגנוג געווען דער פּחד פֿאַרן קאָמוניזם, און מע האָט אָן אַ סך מי געקענט אויפֿפֿרישן דעם אור-זכרון...

בכן, אין יעדן מענטש ליגט אַן איינשטיין, אַ פֿאַרזשאַווערטער וויקטאָר הוגאָ, אַ באַהאַלטענער פּאַגאַניני, אַ פֿאַרשלאָפֿענער רעמבראַנדט. מע דאַרף נאָר אַ קראַץ טון אַ רוסאָ'ן פֿונעם בולוואַר-טעאַטער – ס'זאָל זיך אַנטפּלעקן אַן אַריסטאָפֿאַן, אַ סאָפֿאָקלעס צי אַ פּשוטער שעקספּיר.

ווייזט אויס אַז דעם מענטש, ווי אַ געבוירענעם שאַרלאַטאַן, געמיינעם פּאָדליעץ און דעטערמינירטן אַכזר, העלפֿן די אַלע שיינע רייד פֿון די נבֿיאים, פֿילאָזאָפֿן, פֿון אַ יעזוס צי אַ בודהאַ, אַזוי גוט ווי פֿון אַ שפּינאָזע צי אַ קאַנט – ווי אַ טויטן באַנקעס. רעדט צו דער וואַנט. מעכאַניש בעבעט ער נאָך די שיינע

טעאָריעס, און טוט פּונקט קאַפּויער. ווו איז דער רעזולטאַט פֿון די אַלע שיינע אידעאַלן? אַפֿילו בײַ די גריכן אין יענער צײַט, ביז דער הײַנטיקער מערבֿ-ציוויליזאַציע וואָס האַלט זיך פֿאַר דער יורשטע פֿון יענער קולטור – פֿון פּלאַטאָנען דורך טאָר-קוועמאַדען, די קרײַציגלער, הונדערט-יעריקע מלחמות, געטע און דרימאָנט, קאַנט און – קסאַוויע וואַלאַט, בעטהאָווען און היטלער, פֿון דער אַקאַדעמיע ביז אוישוויץ!

פֿאָדלע, געמיינע מענטשהייט!

~※~

כ'פֿאַרשטיי ניט פֿאַר וואָס די כּלומרשטע וועלט-חכמים האָבן שטענדיק געפּריידיקט אַז ס'לעבן פֿון אַ צדיק, פֿון אַ חכם צי, ווי די פֿראַנצויזן זאָגן, פֿון אַ sage, מוז זײַן געפּאָרט מיט אַסקעטיזם.

אַבסטינענץ, סטאָיִציזם, נזירות, פּרישות, שטרענג, פּוריטאַניש, קאַמף מיט אַלע באַגערן, באַשרענקען זיך, נסיון; אויס מיט עולם-הזה, זיך פּײַניקן, צוימען יעדן באָרמאַלן אַפּעטיט; פֿירן זיך מעשׂה פֿאַקיר, מאָנאַר, און האַלטן אין איין תּשובֿה טון. זיך פּײַניקן מיט חרטות און אַרומטראָגן אַ שלעכט זינדיק געוויסן בלויז פֿאַרן האָבן געלעבט...

אַזאַ מין חכמה איז אַ באַווײַז אַז מ'איז רחמנא ליצלן אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג, פּסיכאָפּאַטיש, קראַנק, און מע דאַרף גיין זיך אַ בודק טון פֿון אַ דאָקטער, אַ טאָטער, צי לאָזן זיך אָפּשפּרעכן אַ נעהאָרע...

מיר זעט אויס גאָר פֿאַרקערט. אַדרבא, אַ חכם דאַרף קענען געניסן פֿון אַלע תּענוגים אויף דער וועלט, האָפֿנדיק צו טון ס'זעלבע אויף יענער!... אויסניצן אַלע מעגלעכקייטן צו זײַן פֿריילעך און גוט פֿאַרברענגען; טועם זײַן פֿון אַלע גוטע זאַכן פֿיזיש, פּסיכיש און מעטאַפֿיזיש, אָבער זײַענדיק תּמיד דער האַר איבער זיך, מיט איבערטרײַבנדיק; קענען די מאָס פֿון אַלץ און

געוועלטיקן איבער אַלע אינסטינקטן. אָפּהיטן אַלע עטישע און עסטעטישע כּללים וואָס זענען גילטיק אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, און קיין מאָל ניט טון אַזוינס וואָס זאָל קענען גורם זײַן חרטה. האָבן אַ ריין און לײַכט געוויסן.

לעבן דאַרף זײַן: סאַטיספֿאַקציע פֿאַר זיך זעלבסט און פֿרייד פֿאַר אַלע, מיט וועלכע מע קומט אין באַריר. אַ מענטשס גדעכעניש מוז זײַן סינאָנים פֿון ערלעכקייט, אויפֿריכטיקייט און גוטסקייט; לײַט זאָלן זיך בענטשן מיט זײַן נאָמען און קינער, קיינער, אַפֿילו אַ צווײַגל פֿון אַ בוים, זאָל אים ניט קענען דערמאָנען עפּעס שלעכטס צי מיאוס. אָט אַזוי דאַרף זײַן דאָס לעבן פֿון חכם מענטש.

~~❁~~

אוניוורסן צי קאָסמאָסן, הימלען מיט אַזוי פֿיל שטערן, זון מיט פּלאַנעטן, ערד מיט אַזוי פֿיל עלעמענטן; לעבן, טויט, אויפֿקום, אומקום, טאָג און נאַכט, סעזאָנען-ציקלען, זעפֿיר און שטורעמס, זומער-רו און קאַטאַסטראָפֿעס, לעבנספֿרייד און אומקומפּײַן מיט אַנגסטן, שמייכל און טרערן, ליבשאַפֿט און האַס, אַגרעסיע און קנעכטשאַפֿט, צוטרוי צום באַשאַף און צווייפֿל, האָפֿענונג און פֿאַרצווייפֿל – מע קען אַזוי אויסרעכענען... ווער ווייסט וויפֿל פּראָבלעמען, און ווי אַזוי ניט זײַן נשתּומם צו זען ווי אַזוי דאָס אַלץ געשעט, קען געשען, מוז געשען, אין קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע רעאַליטעטן (אַ דריטל פֿון אַן עקזיסטענץ אין חלומות!...).

פֿאַר וואָס איז דאָס אַלץ? צוליב וואָס? צוליב אָדער דורך וועמען? און פֿאַר וואָס דער באַגער ס'דאָזיקע צו וויסן, צו קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען? וואָס בין איך? ווו בין איך? פֿאַר וואָס בין איך נײַגעריק? ווער רייצט זיך מיט מײַן אפֿשר כּלומרשטן באַוווסטזײַן? ווי אַזוי ניט זײַן משוגע?

אַזוי פֿיל רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, וויסנשאַפֿטלעכע

פֿאַרשונגען און טעאָריעס – און קיין שום אַנימיזם צי מיטאָלאָגיע איז ניט מסוגל עפּעס צו באַווײַזן, אַזוי גוט ווי די אַסטראָפֿיזיק צי די מיקראָ-בײאָלאָגיע. ס׳זאָל באַרויִקן ס׳געמיט מיט אַ זיכערקייט. ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פֿונעם לאַבירינט וווּ כ׳בין אַליין פֿאַרקראָכן?

ווי גילטיק דער סימבאָל פֿונעם חומש מיטן עץ-הדעת: אויב נאָר פֿאַרזוכט, פֿאַרלירט מען דעם גן-עדן!

כ׳בין מקנא דאָס מינדסטע גרעזל וואָס איז אָן שום קלאָץ-קשיות, אָן שום פֿרעגעניש און דענקעניש. אַזוי פֿיל לײַט, דויערן אָפּ זייער עקזיסטענץ יוצא זײַענדיק מיט אַ רעליגיעזער געטלעכקייט צי פּראַגמאַטישן אַטעיִזם, און איך דאַרף, מוז דווקא וויסן דעם מאי-קאָ-משמע-לן פֿון דעם אַלעמען! פֿאַר וואָס בין איך אַזוי לעקישעוואַטע באַריש, וויסנדיק אַז כ׳קען ניט, דאַרף ניט און וועל בשום-אופֿן ניט וויסן עפּעס דערפֿון?...

~❀~

איז דער האָמאָ-סימיענס אַראָפּ פֿון בוים און זיך געוועגדט צו זײַן שאַמאַן-שעף פֿון דער האָרדע:

– עפּעס באַמבלט זיך שלאָפֿנדיק אין קאָפּ, אַז ס׳זענען פֿאַראַן אַזעלכע פֿרוכטן, צי אַנדערע מין געוויקסן וואָס זענען גורם ווילטאָג, עקסטאַזן, תּענוגים, לאַנג לעבן, און מע קען מײַדן דאָס פֿרירן און ווערן געווייקט מיט רעגן, האָבנדיק ווי אַ היים נאָר אַ צווײַג צי אַ לאָך ערגעץ אין דער ערד צי אויף פֿעלדזן – מיט בעסערע מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ לעבן אפֿשר...

– טאַקע געהערט עפּעס אַזוינס. פֿאַראַן דאַכט זיך אַ מין עפּל, וואָס אונדזערס אָן אור-מאַלפּע האָט מיטגענומען ווען מע האָט זי עקסמיסירט פֿון אַ גאָרטן (דאַכט זיך, „גן-עדן" האָט עס געהייסן). נעם און פֿאַרזוך. אויב ס׳וועט זיך פֿאַרדײַען קען זײַן אַז ס׳קען געלינגען צו ווערן קליגער, בעסער, שענער און, און, און...

ביט לאַנג געטראַכט, האָט דער האָמאָ־סימיענס געכאַפּט די פּרי, און די אויגן האָבן זיך אים ברייט געעפֿנט. ווי אויסגעטשוכעט פֿון אַ שלאָף, האָט ער דערזען אַז דער גאַנצער פּלאַנעט איז פֿול מיט האָב און גוטס; אַלע באַשעפֿענישן זענען געקומען זיך שטעלן אין זײַן רשות; ער קען פֿראַנק און פֿרײַ טון וואָס אים גלוסט זיך. קיינער שטערט אים ניט אַלץ צו ענדערן, פֿאַרוואַנדלען! אינעם מאַלפּישן קאָפּ האָבן זיך אַנטפּלעקט כסדר נײַע מעגלעכקייטן צו דערפֿינדן מכשירים, צאַצקעס, און גלײַכצײַטיק מער באַדערפֿענישן, אַמביציעס!

מיט די זוימען פֿונעם עפּל, געפֿלאַנצט און געפֿלעגט, איז געוואָרן אַ בוים, אַ גאָרטן, אַ סאָד, אַ וואַלד! אַזוי אַז ניט נאָר ער אַליין האָט געקענט געניסן, נאָר אַלע פֿון זײַן מין, און יעדער מיט נײַע אויפֿטוונגען, ביז צווישן די מעגאַלאָמאַניזירטע האָמאָ־ערעקטוס־סימיענסן איז געוואָרן אַ קאָנקורענץ מיט עקספּאַנסיעס, אַגרעסיעס.

ביט געוואָלט מער הייסן האָמאָ־סימיענס, נאָר האָמאָ־סאַפּיענס און האָמאָ־דינאַמיקוס, מיטן באַגערן אַלץ מיט מער אימפּעט, מער האַסט, מער כאַפּ־לאַפּעניש, ביז ספּאַזמען, קאָנוווולסיעס, היסטעריעס, עפּילעפּסיעס מיט פּאַראָקסיזמען אין אַלץ וואָס געטראַכט צי געטון, אַזוי אַז ס׳איז געוואָרן אַ מגיפֿה פֿון קענטעניש מיט וויסנשאַפֿט און דערפֿינדונגען, וואָס מער אויסטערליש, וואָס קאָמפּליצירטער, ביז אַן אוניווערסאַל משוגעת האָט פֿאַרקריפּלט פֿיזיש און פּסיכיש דעם גאַנצן פּלאַנעט מיט אַלץ וואָס דערויף און דערין.

אומעטום געבויט טעמפּלען און תּפֿיסות, פּאַלאַצן און טריבונאַלן, און דאָס ניט פֿאַר אַלעמען: פּאַלאַצן, נאָר פֿאַר פּיפּיקע אויסטויגערס וואָס קענען פֿאַרטשאַקען אַנדערע און זיי עקספּלואַטירן ווי בהמות, בויענדיק זעלטענע שטאַלן. אַ כּלל – ס׳איז געוואָרן חושך אויף די געמיטער, טראָץ אַזוי פֿיל דינאַמאָס

און ליכט-ענערגיעס, לאַסערן און ווער קען אַלץ אויסרעכענען! ניטאָ געניג מעגלעכקייטן צו שאַפֿן צוואַנגיאַקעס פֿאַר אַלעמען, אָבער געוויס צו פּאַרטיקולן זײַנס גלײַכן — ווי־פֿל מע ווילו ניטאָ גענוג קיין ברויט, אָבער מע פֿלאַנצט אומעטום אָפּיומען צו האָבן דראָגן פֿאַר צעחושטע לײַט. וויסנשאַפֿטלער, פֿילאָזאָפֿן, רעליגיעזע מיסטיקער מיט טויזנטער סעקטעס, דאָגמעס, קרעדאָס, דאָקטרינעס, פֿאַנאַטיזמען, טעיִסטישע און אַטעיִסטישע דיאַלעקטיקער, אַ מבול סאָפֿיסטיק, מיט אַ מגיפֿה פֿון היפּאָקריטישע דעמאַגאָגיעס.

בכן, ס׳איז געוואָרן אַן אוניווערסאַלע פֿאַרקריפּלעניש אין אַלע הינזיכטן. איין מבול האָט ניט געהאָלפֿן. איין סדום פֿאַרשווינדט — נײַע אומעטום קומען אויף ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. דער דור־הפּלגה איז דער נאָרמאַלער רעזשים אומעטום.

האָט זיך געפֿונען אַן אַלטיטשקער וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, געפֿילט, פֿאַרשטאַנען און געטראַכט: אוי, גאָטעניו, ווי אַזוי געפֿינט מען די מעגלעכקייט אַרויפֿצוקומען צוריק אויפֿן בוים? ליידער האָט מען אויסגעהאַקט כּמעט אַלע וועלדער און ס׳איז ניטאָ קיין ביימער פֿאַר אַלעמען. ווו קריכט מען ערגעץ אַרויף? ניטאָ מער קיין אַרויף; בלויז ס׳נידערן אַלץ האַסטיקער אין אָפּגרונט. פֿאַרשאָלטן האָט געזאָלט זײַן דער עפּל פֿונעם כּלומרשטן גן־עדן. וואָלט כאָטש דער שלימזל אָדם מיטגענומען עפּעס פֿון עץ־החיים!

אַזוי איז די לאַגע הײַנט, בײַ די דורות וואָס שטאַמען פֿון יענעם ערשטן האָמאָ־סימיענס! אַנשטאָט צו טראַכטן פֿון עץ־הדעתיזם, בעסער וואָלט ער זיך געלערנט עפּעס אין שײַכות מיט אַ לײַטישער עקזיסטענץ, ווי בײַ די מוראַשקעס, טערמיטן, בינען, צי בײַ די אָראַנג־אוטאַנגס און שימפּאַנזעס, זײַנע קוזינען. ערשט מיט די יאַפּאַנישע חכמים איז נאָך ערגער, צי קאָמישער: זיי איז געלונגען צו פֿאַרוואַנדלען באַאָבאַבן אין מיני־קשאַקעלער, פֿאַר

בלומענטעפּ די גרייס. גיי פּרווו אַרויפֿקריכן צוריק אויף אַ בוים, וואָס גרייכט דיר אַפּילו ניט ביז די קני!

ווי אַזוי קען אַ פּלאַנעט מיט אַ ביזאָספֿערע טאָלערירן אַז אַ ווירוס בצורת אָדם זאָל קענען צעשטערן, פֿאַרסמען אַלץ אַרום זיך, און קאַמיקאַדזיש אומקומען?

≈❀≈

דער וואָרעם – אַן אומשולדיק קינד – האָט אַזוי רחמנותדיק געכליפּעט: „כ'בין הונגעריק! און אַזוי קליין אין גרויסן קאַלטן דרויסן!"

האָט דער גוטער עפּל ס'רויטע האַרץ צעעפֿנט: „קום, מײַן טײַער ווערעמל! קום אין מײַן לײַב!"

ווערעם מאַכן שטענדיק פֿרומע תּנועות, רויטע עפּל זענען שטענדיק גוט – און איר קענט דאָך שוין דעם סוף פֿון אָט דער מעשׂה.

≈❀≈

געדולד, געדולד, אָרעמע לײַט! / אפֿשר איז זי שוין ניט ווײַט / די אַזוי לאַנג באַגערטע צײַט, / וועלט זאָל ענדלעך זײַן באַפֿרײַט / פֿון מיאוסקייט און פֿון שלעכטס, / ווו עקזיסטענץ איז סינאָנים פֿון פּײַן: / אַנגסט, יסורים, שלוכץ און קרעכץ / איז – זײַן!

פֿאַר אַ לעבנס-תּענוג קאַרנאַוואַל, / נאָר וואָס גוטס, וואָס שיינס און עכטס / זײַן זאָל לײַטס רעאַליטעט / און ניט בלויז טרוימען-אידעאַל!

מענטש, זײַ גרייט, זײַ גרייט! / דאָס וואָס געווען איז חלום פֿון אַ פּאָעט, / קומען מוז און קומען וועט!

≈❀≈

פֿאַר וואָס זאָל ניט מעגלער זײַן זיך פֿאָרצושטעלן אַז עפּעס אַ באַשעפֿעניש בצורת מענטש, אָבער מיט אַ פּשוטן לאָגיש-קלאָרן שכל, איז פּלוצלינג אַראָפּגעקומען פֿון אַ ווײַטער גאַלאַקציע אויף אונדזער פּלאַנעט און איז פֿעיִק אַלץ צו זען, אורטיילן, אַרומנעמענדיק דעם גאַנצן פֿאַרנעם פֿון אַלע קאָנטינענטן מיט אַ מאָל? ווי בשתּומם וואָלט ער געוואָרן צו זען וואָס ס'קומט פֿאָר דאָ, אין אונדזער אויסטערליש מענטשן-געזינטל!

אײַנגעזען אַז אַלץ דאָ ווערט געוועלטיקט פֿונעם מענטשן-מין, וואָלט ער בשום-אופֿן ניט געקענט באַגרײַפֿן הלמאי, אויף אַזאַ גרויסן, פּרעכטיקן פּלאַנעט, מיט אַזוי פֿיל האָב און גוטס, גענוג פֿאַר הונדערטער מיליאַרדן נפֿשות אָבער באַוווינט קוים פֿון אַ פֿיר צי פֿינף מיליאַרד, זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל גרענעצן, שאָוויניזמען, פּאַטריאָטיזמען, מעגאַלאָמאַניעס, ראַסן-יחסנות, מיט אַזוי פֿיל אַנטאַגאָניזמען, דיקטאַטורן, עקספּאַנסיע-אַפּעטיטן אויף פֿרעמדע, אינטערעסן, קאָמפּלעקסן, טעראָרן, פּריווילעגירטע קלאַסן-אַמביציעס, העגעמאָניעס פֿון כּלומרשטע סופּעריאָריטעטן, עקס-פּלואַטאַציעס פֿון איינעם דעם צווייטן, מיט אַזוי פֿיל רעליגיעס און זייערע סעקטעס, אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס מיט זייערע דאָקטרינעס, אַזוי פֿיל מילחמות, רעוואָלטן, טיראַנען, דעמאַגאָגיעס, אַזוי פֿיל **אַנטיס** און אַזוי פֿיל **פּראָס**, אַזוי פֿיל פֿרעכער לוקסוס, אַזוי פֿיל ציניִשער ווילטאָג — און אַזוי פֿיל הונגער, נויט, קרענק, צרות, טרערן מיט, מיט, מיט... נאָר ווער קען אויסרעכענען אַלע אַבסורדן, אידיאָטישע אויסטערלישקייטן פֿון די משוגענע סאָציאַלע רעזשימען! דערצו וואָלט ער אויך דערזען אַז די פּריווילעגיע-העגעמאָניעס וואָס געניסן אָן שום מאָס פֿון אַלץ זענען ניט גליקלעכער פֿון די הונגעריקע עקספּלואַטירטע לײַט: פֿון צו פֿיל זעט און לוקסוס קומען זיי אָפּט אום פֿריצײַטיקער פֿון די אַנדערע.

וואָס וואָלט אַזאַ פֿאַרשוין געקענט טראַכטן? איינס נאָר — אַז דער מענטשן-מין אויפֿן פּלאַנעט איז פּשוט צעחושט, משוגע. ס'איז דאָך אַזוי לײַכט צו קענען זיך אײַנאָרדענען אַנדערש, ווי אַז

אוניווערסאַלע משפּחה, זיך העלפֿנדיק איינס ס׳אַנדערע, צעטיילנדיק מי און ווילזײַן צווישן אַלעמען. די פֿאַרשיידנקייט פֿון עטנישע גרופּעס זאָל באַרײַכערן דעם גאַנצן פּלאַנעט מיט אייגנאַרטיקייט. מע זאָל זיך פֿילן צווישן אייגענע, ווי אין אַ גאָרטן, אַ סאָד מיט פֿאַרשיידענע בלומען, פֿרוכטן, און ניט מוזן זיך היטן איינער פֿאַרן צווייטן, ניט דאַרפֿן קיין קינאה-שׂינאה-קאָמפּלעקסן. אַדרבא, פֿאַרקערט, עקזיסטענץ וועט זײַן לײַכטער, שענער, בעסער; מע וועט ניט דאַרפֿן אַזוי פֿיל מיליטער, פּאָליציי, תּפֿיסות, טריבונאַלן, שפּיטעלער אד״גל.

ווי אַזוי זאָל דאָס ניט זײַן מעגלעך צו רעאַליזירן? פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי שווער אָנקומען צו באַפֿרײַען זיך פֿון די פֿאָביעס? מע קען אַפֿילו מײַדן אַלע ערטער וואָס זענען מסוגל צו זײַן אויסגעשטעלט אויף קאַטאַסטראָפֿעס: ווולקאַנען, ערד-ציטערנישן, מבולען, שטורעמס. געבוג אָרט פֿאַר אַלעמען.

זאָל דאָס אַלץ מוזן זײַן אַן אוטאָפּיע? פֿאַר וואָס?

אמת און שׂכל-הישר אָדער לאָגיק זענען אַ זיווג, אַ געפּאַסטע פּאָר. אויב עפּעס איז ניט ווי עס געהערט צו זײַן, איז עס אַ סימן אַז דער אמת איז ניט קיין אמת, אָדער מיט דער לאָגיק איז עפּעס ניט לאָגיש.

באַריש-נאַיִוו, קאָמיש-לעכערלעך, מעגאַלאָמאַניש און געפֿערלעך דאָס פֿאַנאַטישע אײַנרעדן זיך אַז גאָט דאַרף מע זאָל אים דינען, לויבן, אים ברענגען קרבנות, אַסקעטיזמען, מע זאָל אים פֿאַרטיידיקן, זיך אָננעמען זײַנע קריוודעס, זוכן אים קלײַענטן מיט פּראָסעליטיזמען, אים אויסניצן מיט רעליגיעס פֿאַר אינטערעסן און קאַריערעס, אים בויען טעמפּלען און פּראַווען קאַלענדרירטע צערעמאָניעס מיט ריטואַלן, פֿאַרשיידענע סימבאָל-צאַצקעס, און דערצו נאָך קענען אים היפּאָקריטיש נאַרן

מיט פֿאַלשע הבֿטחות, און באַקומען מחילות פֿאַר באַגאַנגענע געמיינקייטן צי גאָר הילף פֿאַר ציניש עקספּאַנסיעס, אַגרעסיווע העגעמאָניעס.

די אַלע לײַט, מיט זייערע פֿאַרשיידענע אמונות, וואָס זענען זיכער אַז זיי און נאָר זיי וויסן ווער, וואָס און ווו ס'איז דער איינציקער וואָרער, גילטיקער גאָט, בכן אָמנימעכטיק, אַלצזעער, אַלצוויסער, אַלצקענער — פֿאַר וואָס פֿאַרשטייען זיי ניט אַז מיט אַזעלכע השגות לעסטערן זיי די באַגרײַפֿטע געטלעכקייט? אַ גאָט, וואָס מוז אָנקומען צום מענטש, אַז ער זאָל זיך דאַרפֿן, מוזן פֿאַרנעמען מיט די געטלעכע אינטערעסן, קען דאָך ניט זײַן קיין וואָרער גאָט. ווי אַזוי זעען זיי ניט זייער לעכערלעכקייט מיט אַזעלכע מחשבֿות און פֿירונגען?

זײַן באמת פֿרום, ערלעך און לאָיאַל צום באַשאַף און במילא צום באַשעפֿער, געוועלטיקער איבער אוניווערסן — איז זײַן באַשיידן מיט זײַן ראָלע און זײַנע פֿליכטן אין דער בײַאָספֿערע. ניט פֿאַרקריפּלען, ניט זיך און ניט אַלץ אַרום. זײַן געזונט, גוט, אויפֿריכטיק, אָרנטלעך, און ניט אומקומען פּריצײַטיק; אָן טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס צי כּלומרשטע טעאָקראַטיעס. זײַענדיק אַזוי, ווערט ער באַלוינט מיט ווילזײַן אויף דער וועלט, און מיט אַ מנוחהדיק אײַנשלאָפֿן אין אולטימען טערמין, און דאַרף זיך ניט טרייסטן מיט קיין פֿיקטיווע גן־עדנס, מיט אויף־יענער־וועלטיקע גליקן וואָס זאָלן אָפּצאָלן פֿאַר האָבן פֿאַרתּכלעוועט זײַן עקזיסטענץ באַריש, לעקישעוואַטע.

~❁~

אפֿשר זענען אַריסטאָטעלעס און טעיאַר דע שאַרדען גערעכט. סובסטאַנץ, אין עוואָלוציע דורכן פֿענאָמען לעבן אין דער בײַאָספֿערע, מיט דער מדרגה מענטש, גײַסטיקט זיך אין וועג צו עפּעס עסענציעלערס, עפּעס וואָס מיר זענען נאָך ניט מסוגל צו קענען באַגרײַפֿן. ס'קען אויך זײַן נאָך אַנדערש, לויט מײַן אפֿשר באַזוּוער השערה. די זון, ווי אַ ווירטועל לעבעדיק ווען דורך אירע

שטראַלונגען, מאַגנעטיזמען צי ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ פֿענאָמענען, עוואָלואירט דורך פֿאַרוואַנדלען זיך מיט פֿאָטאָ-סינטעז אין פֿלאַנצן וואָס נערן קאַרניוואָרן און גלייכצייטיק אָמניוואָרנדיקע מענטשן, וואָס פֿאַרוואַנדלען די ענערגיעס אין גייסטיקייט: פֿון אַ דיפּלאָדאָקוס מיט אַ מיני-מוח ביז אַלץ גרעסערע קעפּ און קלענערע גופֿים – אָבער מיט אַלץ מער מעגלעכקייטן צו פֿאַרוואַנדלען עלעמענטן מיט ממשות אין אַבסטראַקטע עפּעסן, וויזיעס, פֿיקציעס אַפֿילו, טרוימען פֿון משיחישע צייטן, אין אַ וועלט אָן קאָנפֿליקטן, כּולו ווילזיין און קרעאַטיווע תּענוגים נוסח בערגסאָן, צי ווירטואָז-עקזיסטענצן.

דאָ אָבער געשעט עפּעס קאַטאַסטראָפֿאַלס: דער מענטש, אין זיין משוגעת, צעשטערט די פֿלאַנצנוועלט, דעם מאָמענט ווו זון קען זיך, מוז זיך מאַניפֿעסטירן אין וועג צו גייסטיקייט – ס׳פֿאַרשווינדן וועלדער! ווער ווייסט צי די פֿלאַנצן, מיט זייער שאַפֿן זויערשטאָף, אָקסיגען, האָבן ניט דערמעגלעכט, גורם געווען דאָס אויפֿקומען פֿון באַשעפֿענישן וואָס זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו עטעמען. קען זיין אַז ס׳איז געווען נאָך אַ וועג דורך אָקעאַנען צו גרייכן קאָנטינענטן און עטעמען אַנדערש ווי אין וואַסערן, אָבער פֿלאַנצן זענען די ערשטע וויכטיקסטע מדרגה פֿאַר דער מעגלעכקייט ס׳זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אַ דענקענדיקער מענטש – וואָס וועט אפֿשר אַ מאָל זיין אַ צעפּאַלאָפּאָד, אַ גרויסער חוח בלויז מיט פֿיס און הענט, אָן איבעריקן גוף?...

דער מענטש מוז זיך טרייסטן מיט זיין גורל, זיין עפּעס אין אַ מדרגה פֿון זוניקער עוואָלוציע, צי ווער ווייסט וואָס וויכטיקס און זיכער גרויסאַרטיקס. נאָר אין דעם פֿאַל קען אומקום, אויב עס געשעט נאָך אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ, אָן פֿאַרקריפּלונגען, אָן פֿאַרסמען זיך פֿיזיש און פּסיכיש, זיין אַ מין מנוחהדיק איינשלאָפֿן אָן אַנגסט, יסורים און פּחד.

ס׳איז אַבסאָלוט ניט וואָרשיינלעך אַז אַן אוניווערס זאָל זיין אָן אַ באַגערטן כּי-טובֿ פֿון דעם צי דאָס וואָס וויל, ס׳זאָל עפּעס קענען זיין, און געוועלטיקט זיכער מיט פֿעסטגעשטעלטע געזעצן איבער

דעם אַלעמען, מיטן מענטשן-מין בתוכם.

ס'קען אפשר זײַן, אַז אַזוי גוט ווי אַן אַטאָם אין זײַנע דימענסיעס פּרעפיגורירט אַ זונסיסטעם מיט סאַטעליטיזם און אָרביטן פאַר עלעקטראָנען, איז דער מענטש פּרעפיגוראַטיוו פון דעם וואָס מע קען רופן געטלעכקייט!... דער מענטש איז ניט נאָר אין צלם-אלוהים, נאָר גאָט אין צלם מענטש, אָבער אין אַזעלכע דימענסיעס ווי אַ קאָסמאָס מיט אַן אַטאָם.

אָבער דאָ קען געשען, אַז וואָס ס'טרעפט מיט אַ מענטש זאָל טרעפן מיט אַ געטלעכקייט אין אירע אַספּעקטן און דימענסיעס. דעריבער אפשר אַזוי פיל צופעליקייטן און קאַטאַסטראָפעס אין אַזוי פיל היגזיכטן. ווער ווייסט צי, אַזוי גוט ווי מע שטעלט זיך פאַר אוניווערסאַלע אַנטינאָמיעס אין אַלץ, פאַרגעפילט פון מאַזדאַיִזם, מיט שטאָף און אַנטישטאָף, ענערגיע און אַנטי-ענערגיע — זאָל ניט זײַן גילטיק עפּעס אַן אַנטי-געטלעכקייט, וואָס קומט שטערן פלעגער און מנוחה!...

מע מוז נאָר האָפן אַז די דאָזיקע טעזע-אַנטיטעזע מיט סינטעזע זאָל ניט זײַן בלויז אַ היפּאָטעזע, נאָר ס'זאָל זײַן אַ קאָמפּראָמיס אינעם אוניווערס.

≈❀≈

מע דאַרף האָבן דעם ייִד זינט תּמיד, צוליב פאַרשידענע פּערוועזע סיבות. אָפּצווײַכן רעוואָלטן קעגן אומרעכט און עקספּלואַטאַציעס פון עולם-גולם, וואַרפט מען זיי צו אַ ביין ווי אַ משוגענעם הונט, צו שטילן זייערע האַס-אינסטינקטן; בפרט אַז מע קען פרײַ רויבן ייִדיש האָב און גוטס, פאַרנעמען זייערע היימען, פּטור ווערן פון קאָנקורענטן. דערצו מיט אַ תּירוץ פאַר פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, רעליגיעזע ווי וועלטלעכע, וואָס רייצן מיט ראַסן-יחסנות און אָסטראַציזמען, פאַרטשאַקען עולם-גולם מיט שאָוויניזמען, האָבן אונטער דער האַנט אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די שולד פאַר אַלע געמיינע פּירונגען פון די פּריווילעגירטע קלאַסן כדי צו פאַרזיכערן אינטערעסן,

דיקטאַטור, טעראָריזם און סתּם באַנדיטיזם־קאָמפּלעקסן.

דעריבער אפשר דויערט ס׳ייִדישע פֿאָלק אַזוי לאַנג, ווײַל ווי נאָר באַרויבט און פֿאַרטריבן ייִדן ווערט די עקאָנאָמיע ס׳רובֿ אומבאַהאָלפֿן, און ניטאָ וועמען צו נעמען פֿאַר אַ כּפּרה. פֿאַוואָריזירט מען ס׳צוריקקומען פֿון די פֿאַרשאָלטענע ייִדן כּדי צו האָבן אַ תּירוץ, ווי נאָר יענע האָבן זיך אַ ביסל אַרויפֿגעאַרבעט, פֿאַר נײַע גזירות, פּאָגראָמען און נאָך אַזעלכע פֿײַנע באַלוינונגען.

און זיי, די ייִדן, ווי נאַרישע פֿישעלער, לאָזן זיך תּמיד כאַפּן אין נעצן צי מיט ווענדקעס, אַנשטאָט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צו באַגרײַפֿן ס׳דאָזיקע און איבערלאָזן די גוייִשע גליקן צו שאַפֿן זיך אַן אייגענע היים, ווי למשל אַ שטאַט אין אַמעריקע צי אויף אַנדערע קאָנטינענטן מיט ליידיקע שטחים, אַפֿילו אויסער די וויסטענישן פֿון ישׂראל...

~❀~

לויט ווי ספּעצן באַהויפּטן, האָט אַ מאָל אַ וועוועריקע געקענט קומען פֿון אַרכאַנגעלסק ביזן גיבראַלטאַר ניט באַרירנדיק די ערד, נאָר שפּרינגענדיק פֿון איין בוים אויפֿן צווייטן. אַזוי איז אונדזער קאָנטינענט געווען ווי אַ וואַלד.

הײַנט דאַרף מען אַזוי פֿיל פּאַפּיר, אַז וויכטיקער פֿוןביימער איז שרײַבעכץ. מילא פֿון די אַראַבער, מיט זייערע סטאַדעס וואָס לאָזן ניט קיין גרינעם שפּראָץ און פֿאַרוואַנדלען אַלץ אין זאַמדיקע וויסטענישן, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. זיי ווערן צעפּיקעט זעענדיק ווי די ישׂראלים טוען אויף פּונקט ס׳פֿאַרקערטע: פֿאַרוואַנדלען זאַמדיקע דיונעס אין גערטנער און סעדער! אָבער איצט געשעעט עפּעס וואָס שטעלט אין געפֿאַר די גאַנצע ביאָ־ספֿערע: מע האַקט אויס די אַמאַזאָנער וועלדער. זיי אַליין שטעלן צו 25% פֿון גאַנצן זויערשטאָף, אָקסיגען, וואָס איז נויטווענדיק פֿאַר אַ מעגלעכער עקזיסטענץ פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן.

חוץ דעם וועט עס ענדערן די קלימאַטן מיט די וועטערן און ווינטן,

און די היץ וואָס דאָס וועט גורם זײַן וועט צעטײַען ס'אײַז פֿון די פּאָלוסן; די אָקעאַנען וועלן זיך הייבן און פֿאַרפֿלייצן ווער ווייסט וואָס און וויפֿל...

אָבער דאָס צו שרײַבן ביץ איך אויף פּאַפּיר!... אוי וויי!...

אויס מיט אַנגסט און פּחד!

שטאַרבן? טויט? ניט אומקום; אויפֿקום!

וויסן אַז מע פֿאַרשווינדט אין עפּעס פֿון אַזאַ מעגלעכן פֿאַרנעם, ווו אומענדן און אייביקייטן זענען בישטיקייט, און קאָסמאָסן ווי בוקלעאָבען-שטויב, און דאָס אַלץ – געוועלטיקט דורך אַ גײַסטיקייט וואָס מיר זענען ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן, אָבער פֿון וועלכער מיר זענען אַ ביצוץ וואָס קערט צוריק צום שורש; דאָס קען ניט, טאָר ניט זײַן קיין סיבה פֿאַר שרעק, יסורים, פּײַנען!

שלעכט איז נאָר דאָס אומקומען פּריצײַטיק, ניט האָבנדיק אָפּגעדויערט די צוגעטיילטע לעבנסצײַט, פֿאַרסמט מיט שלעכטע מעשׂים און מחשבֿות און וויסנדיק אַז מע לאָזט עפּעס שלעכטס אין געדעכעניש פֿון לײַט. מיט אַ באַרמאַל גוטער עקזיסטענץ איז מען זיכער מיט אַ מנוחהדיק אײַנשלאָפֿן, צו דערוואַכן וואָרשײַנלעך אין אַנדערע רעאַליטעטן.

ס'איז אַבסאָלוט ניט וואָרשײַנלעך אַז דער באַשאַף זאָל זײַן עגאָפּאָביש אין אַלע הינזיכטן צי אומשטאַנדן. גוט געלעבט איז רויִק אומגעקומען. מע מוז זײַן פֿרום, מיט צוטרוי צו דעם צי דאָס וואָס דערמעגלעכט מע זאָל קענען זײַן, אַפֿילו עפּעמעריש, אָבער דאָך אַ הונדערט צוואַנציק יאָר, און קענען טראַכטן ס'דאָזיקע.

מענטש: טראַכט, געדענק אַז דו ביסט עפּעס אייביקס און קענסט ניט טאָטאַל אומקומען. דײַן גוף איז נאָר אַ כריזאַליד, ווו דו רײַפֿסט!

וי באַריש נאַיִוו און לעכערלעך די סתּם מענטשן און פֿילאָזאָפֿן, וויסנשאַפֿטלער צי רעליגיעזע, וואָס פּרוּוון אַרײַננעמען גאָט, וועלט, אוניווערס – אין אַ סיסטעם, אַ טעאָריע. און ניט נאָר איין סיסטעם – יעדער מיט זײַנעם. ווי גרויס דער חכם זאָל ניט זײַן, פֿאַלט אים ניט אײַן אַז אַ באַגרענעצט מענטשל-עפּעס איז ניט מסוגל צונויפֿצושטעלן אַ סיסטעם פֿון דעם, וואָס ער קען ניט באַגרײַפֿן און פֿון וואָס ער איז אַ ניצוץ, אַ טראָפּן וואָס וויל וויסן אַלץ פֿון אָקעאַנען און קאָנטינענטן מיט אַלץ אַרום זיי.

גאָט מוז שמייכלען און צופֿרידן טראַכטן: די צוציקעס, קאַנעהאָרע! אַלע העזות און גאוות בײַ די קונדסים, די טײַערע לאָבוסעס. זאָלן זיי זיך שפּילן מיט אַסטראָפֿיזיק, מאַטעמאַטיק, טעאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס: אידעאַליסטן, ראַציאָנאַליסטן, עקזיסטענציאַליסטן, סטרוקטוראַליסטן (זיי האָבן ליב די איזמען, איסטן, לאָגיעס מיט לאָגן – זאָל זיי וויל באַקומען!). זאָלן זיי זיך נאַריש מאַכן מיט גריבלען זיך אין נוקלעאָנען צי פֿליִען, גרייכן אַ מאַרס צי אַ יופּיטער. אַבי געזונט, און נאָר ניט חרובֿ געמאַכט ניט דעם שיינעם בלאָען פּלאַנעט, ניט זיך זעלבסט, דעם מענטש. אַ געזונט אים אין פּופּיקל, דעם ממזר! (וואָרשײַנלעך טראַכט אַ געטלעכקייט אַנדערש, מיט אַנדערע ווערבן. פּאַרדאָן, גאָטעניו!).

קומען מעסטן אָרט און דויער, פֿאָרמען מיט אַספּעקטן פֿאַר אומענדן און אייביקייטן – איז דען אַ ווונדער אַז ער פֿירט זיך ווי די פֿליג אויף אַ שויב, וואָס פֿאַרלירט די כּוחות און וויל דווקא אַריבער אויף יענער זײַט פֿון עפּעס וואָס זי איז ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן, אָבער וואָס זי פֿילט אַז ס'איז ווירטועל פֿאַראַן, אָבער דורכזיכטיק און אָפּאַק!

אָרעמער מענטש נעבעך, מיט דײַן חכמה און מעגאַלאָמאַניע! פֿילסטו כאָטש גאָטס איראָנישן שמייכל?

בודהיזם, בראַהאַמאַניזם, הינדויִזם.

קען זײַן אַ גרעסערער אַבסורד ווי נעמען אַן אַבסטראַקטן משל פֿאַר אַן אַבסטראַקטן נימשל? נירוואַנאַ, ס'אולטימע גליק! די וועלט איז אַ קאָסמישער גאָרניט, פֿון וועלכן מיר, ווי אַלץ, זענען אַבסטראַקטע פֿראַגמענטן, מיט פֿיקטיווע אַספּעקטן וואָס טרײַבן צוריקצוקומען צום שורש פֿון נישטיקייט, צוזאַמען אין אַבסאָלוטן אַלץ, אַן אוניווערסאַלע אומזעעוודיקייט. אַפֿילו כּלומרשט באַוווּסטזיניקע לײַט זענען סוקצעסיווע אילוזיעס פֿון אַ חושימדיק זײַן, אָבער וואָס סוף-כּל-סוף פֿאַרשווינדט עס אין אַ פּאַנטעיִסטישן נירוואַנאַ, אויב זוכה. ס'הייסט: געקומען פֿון גאָרניט, איז דעם וואָרן, קלאָרן מענטשס באַגער ווידער צוריקצוגיין צו אַלגעמיינער נירוואַנאַ-נישטיקייט. מיט אַלע כּוחות און מיטלען מײַדן לײַדנשאַפֿטן, תּאוות, פֿיזישע ווי מעטאַפֿיזישע באַגערן; איבערקומען דאָס פֿיזישע, כּלומרשטע, אין אַסקעטיש-יאָגישע קאָנטעמפּלאַציעס, ביז די אילוזיע פֿון זײַן פֿאַרשווינדט, און ס'ביסל לעבן, שאָפּענהויעריש, קומט צוריק צו סופּרעמען, טאָטאַלן, אוניווערסאַלן גאָרניט.

ווי אַזוי קענען זיך דאָך ווירטועל מאַניפֿעסטירן אַזוי פֿיל פֿענאָמענען, געשעענישן, קאָנקרעטע עלעמענטן – פֿון גאָרניט, מיט גאָרניט, אין אַ גאָרניט? נאָר אַ בודהאַ, אַ בראַמהאַ, אַ קרישנאַ-מוטרי קענען דאָס באַגרײַפֿן און שילדערן מיט ממשות.

דערווײַל זעט מיר אויס אויסטערליש וואָס מע דאַרף אַזוי פֿיל טעמפּלען, אָפּבילדער מיט באַגילדעטע סטאַטועס, געבײַדעס און דינערשאַפֿט – פּריסטער, טרומייטער-שפּילערס, גאָנגע-צימבלערס און טענץ צו ווײַזן די רעאַליטעט פֿון דעם, וואָס איז ניט. ערשט וויפֿל קרבנות פֿעלקער דאַרפֿן ברענגען צו די מיטאָלאָגיש-דינאַסטישע און וועזנטלעכע קאַסטעס וואָס מאַכן פֿײַנע קאַריערעס מיטן פּרעדיקן פֿאַר מיליאָנען, מיליאַרדן לײַט, אַז ס'העכסטע גליק איז גאָרניט צו באַגערן, צו באַגערן נישטיקייט אין אַלע היכּזיכטן. און אַ שאָפּענהויער-חכם איז באַגײַסטערט פֿון אַזאַ מרה-שחורה-פֿילאָזאָפֿיע, פּעסימיזם!

אָרעמע אַזיאַטישע פֿעלקער נעבעך, וועמענס בהמות זעענט איר? אײַער גורל איז דאָך נאָך ערגער פֿון די הייליקע קי. יענע זעענען פֿראַנק און פֿרײַ; איר מוזט טראָגן דעם יאָך פֿון אַזוי פֿיל ספּיריטועלע פּאַראַזיטן. בעטלען רײַזן! רײַז אָבער פֿאַלט ניט ווי מן פֿון הימל. מוז מען האָרעווען אין די זומפּן אָנצופֿילן די שפּײַכלערס פֿון די יחסנים.

אָרעמע פּאַריער-קאַסטעס! זעט נאָר די פֿעטע קאַרקעלעך פֿון די באַנדזן וואָס מעדיטירן אין עקסטאַזן, און די מאָגערע האָרעפּאַשניקעס וואָס ווייקן די דאַרע ביינער אינעם הייליקן גאַנגעס׳ קאַלטע וואַסערן! זעט די רונדיקע בײַכלעך פֿון די בודהאַס און די צעקנייטשטע פּאַרמעט-פּנימער פֿון די, וואָס בוקן זיך צו זיי. בראַהמאַ, בודהאַ, טאַאָ... וואָס גײַסטיקן די גורוס אין זייער טאַנטריזם, מיט די סאַקטיס צו אייניקן זיך אין עקסטאַז-ליבשאַפֿטן מיט זייערע געטלעכקייטן אין באַגילדטע אַשראַמס, סיוואַ, קאַלי, קאַמאַ, ווישנו, מיט אַלע וועדאַנטאַס און אופּאַנישידאַס, און די אָרעמע פּאַריער זעענען אפֿשר גליקלעך צו קענען זיך לאָזן איבערפֿאָרן פֿון די גרויסע און קליינע וועגענער, הינאַיאַנאַ צי מאַהאַיאַנאַ.

און דאָס איז גילטיק אין אינדיען, ציילאָן, נעפּאַל, טיבעט, כינע און בירמאַניע, באַלי. אַפֿילו די יאַפּאַנישע חכמים זעענען אויך עפּעס דערין, מיטן שינטאָאיזם און זען.

פֿאַר וואָס מוז דער פּרינציפּ טאַאָ אָנקומען צו אַ דרײַ-אייניקייט סיסטעם פֿון געטלעכקייט, וואָס האָט זיכער באַאײַנפֿלוסט ס׳קריסטנטום?

וואָס טוט דער בודהיזם מיט די 5 לאַ׳ס: ניט מאָרדן, ניט גנבֿענען, ניט גלוסטן, ניט שיכּורן, ניט זײַן קיין ליגנער? אָנגעווענדט פּראַקטיש, ווי אַלע רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿיעס, טוט ער פּונקט דאָס פֿאַרקערטע! רעזולטאַט? די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון אָרעמע קלאַסן! דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם!...

אַ שאָד דאָס אַלץ, ווײַל אין אַלע רעליגיעס, אַפֿילו אין זשאַיִניזם, איז פֿאַראַן עפּעס גילטיקס (זיי זעענען אַלע ס׳רובֿ סוחרים און

באַנקירן... טראָץ זייערע דעוויזן!...) ניט טון קיין שלעכטס קיינעם, תּמיד זאָגן דעם אמת, ניט באַגערן פּאַרמעגן, זײַן זיטיק גוט – ווי אַזוי פּאַרט זיך דאָס מיט קאָמערץ און פינאַנצן? דאָס ווייסן נאָר די הינדויִסטישע צדיקים.

אָבער מיט וועלכע רעליגיעס צי פילאָזאָפישע דאָקטרינעס איז אַנדערש? דער מענטשן-מין איז היפּאָקריטיש און געמיין! ער פּאַרקריפּלט אַלע שיינע אידעאַלן וואָס קומען דאָך זיך מאַניפעסטירן. ווען עמיץ זאָל צונויפנעמען דאָס לויטערע גינגאָלד וואָס וואַלגערט זיך אין אַבסאָלוט אַלע רעליגיעס, פילאָזאָפיעס, אַפילו אַנימיזמען, און לײַט זאָלן אויפריכטיק אָנווענדן די אַלע גוטע עצות אָן פּאַרקריפּלען די סעמאַנטיק און פעלשן מיט קאָמענטאַרן און אינטערפּרעטאַציעס די שיינע מחשבֿות...ליידער, ליידער –

פאַר וואָס טשעפּע איך זיך דאָ דווקא צו די אַזיאַטישע חכמים? און די אַנדערע?...

~~

פּאַראַן צוויי אופנים פאַרן צוגאַנג צו פאַרשטיין דעם קאָסמישן באַשאַף. אָדער אַ העכסטער גײַסט צי נאָך אומבאַ-גרײַפּטער עלעמענט, אַן אומבאַקאַנטער עמיץ צי עפּעס האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַלע מדרגות אין דער בױאָספּערע אַזוי ווי זי איז מיט אַלץ אויסער דעם, פונעם מינדסטן טיילכל אין אַטאָם ביז קאָסמאָסן זעלבסט –מיט אַלץ דערויף און דערין–

אָדער פאַרקערט: דער עצם איז דער מיני-טייל אינעם אַטאָם, אָדער אַפילו די ענערגיע וואָס שאַפט דעם שטאָף, אַן עלעמענט „לעבן", און דאָס מאַניפעסטירט זיך אינעם אָרגאַניזירן אַטאָמען, מאָלעקולן, קאָמפּאָזירטע אָרגאַניזמען מיט ספּעציפיקאַציעס, ביז קאָמפּליצירטע וועזנס, פון אַמעבּ ביזן מענטש און דורך אים אפשר ביז גאָט און נאָך העכערס!... ווער ווייסט ביז וואַנען?

ס'איז אַ מין אַריסטאָקראַטישער אָדער דעמאָקראַטישער צוגאַנג.

מע קען זיך פֿאָרשטעלן אַז די פּיראַמידע הייבט זיך אָן פֿון דער באַזע, און ניט פֿאַרקערט.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, זענעןביידע עקסטרעמען מעגלעך, אָבער וואָרשײַנלעך מוז זײַן אַ דריטע מעגלעכקייט, אויסער אונדזערע באַגרײַף-פֿעיִקייטן.

אָבער דאָס אַלץ מוז דאָך געשען אין אָרט און דויער! קומט מען צוריק צום קאָפּ-שווינדל. קיין שום פֿילאָזאָפֿיע העלפֿט ניט!...

~❀~

יעדע דעפֿיניציע פֿון גאָט – מינערט אים. בפֿרט אַז אַ מענטש קומט דעפֿינירן גאָט, סײַ אין זײַן עסענץ סײַ אין זײַן עקזיסטענץ – -ווי אַזוי די פֿילאָזאָפֿן מיט די קאַבאַליסטן זאָלן ניט פֿאַרשלייערן דעם פֿאַרזון – איז עס ניט מער ווי אַ לעכערלעכער חילול-השם.

גאָט איז „דאָס אויך", אָבער אומענדלעך מער, גרעסער, שענער און בעסער, און נאָך אַנדערש. אַפֿילו דער וואָס וועט קומען מיט אַ בעכערל מעסטן אָקעאַנען זעט אויס וויניקער לעכערלעך ווי דער, וואָס קומט אַרײַנפּאַסן גאָט אין אַ פֿאָרמולע, אַ סיסטעם צי בכלל אין אַ מענטשלעכן באַגריף. פּרווון טון אַזוינס איז זיך רידיקוליזירן, און אַ באַליידיקונג פֿאַר גאָט, דעם מײַסטער פֿון באַשאַף.

~❀~

ניין, מענטש איז ניט קיין ממזר, ניט קיין יתום, ניט עפּעס אַ ווילד באַשעפֿעניש אָן געוויסן, אונטערגעוואָרפֿן פֿון עפּעס אַן אָרעמער זונה בײַ נאַכט, אין אַ פֿינצטער גאַסן-ווינקל.

מענטש איז אַ פּרינץ, אַ קעניגלעך קינד. די מוטער לאָזט פֿון אים ניט אַראָפּ דאָס אויג. דער פֿאָטער היט און באַוואָרנט אים. שטאָלץ זענען זײַנע עלטערן מיט זייער יורש.

האָב צוטרוי, מענטש, צו דײַן גאָט! ביסט ניט פֿאַרלאָזט,

פֿאַרשטויסן, פֿאַרגעסן. זײַ נאָר אויפֿריכטיק, ערלעך און נאַטירלעך, און וועסט זען אַז אַלץ איז כּי-טובֿ אינעם באַשאַף. אַנשטאָט שמיץ, וועסטו באַקומען אַ לעקעכל – און גאָטס שמייכל וועט רוען אויף דיר מיט ליבשאַפֿט, ווי אַ מאַמעס בליק אויף איר באַליבט קינד.

≈❁≈

„פּלאַטאָנישע ליבע"...

זאָל מען זיך ניט נאַריש מאַכן מיט טראַכטן, אַז פּלאַטאָנישע ליבע מיינט אידעאַלע ליבע, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זײַן אַן אַבסטראַקטע זאַך לשם אידעאַלן. אַן אידעאַלע ליבע איז אַ פּראַקטישע, פֿיזישע און פּסיכישע ליבע, מיט אַלע תּענוגים און קאָנסעקווענצן, אָרגאַזמען אאַז"וו.

דאָס זיצן און קוקן אויף זיך פֿון דער ווײַטנס מיט פֿאַרליבטע אויגן פֿון אַ מיידל און אַ בחור איז ניט קיין אידעאַלע ליבע; גאָר פֿאַרקערט: אַ שלעכטע און ניט לאָגישע ליבע פֿון צוויי נאַרישע שמעלקעס.

פּלאַטאָנישע ליבע הייסט נוסח פּלאַטאָן האָמאָסעקסואַליזם. כ׳ווייס ניט צי סאָקראַטעס האָט איבער זײַן ווײַב, די רשעטע קסאַנטיפּע, זיך געטשעפּעט צו יונגעלײַט און מיט זיי געפּרוווט מאַכן אַ מאַיאָטעק. אַזוי ווי פּלאַטאָן איז געווען זײַן תּלמיד און אַ שיינער בחור... בכן דאַרף מען אָנרופֿן אַ קאַץ – קאַץ און אַ הונט – הונט. פּלאַטאָנישע ליבע איז האָמאָסעקסועלע תּאווה, און אַן אידעאַלע ליבע איז אַ נאָרמאַלע גוטע ליבע!

≈❁≈

א בילד, אַ סטאַטוע, אַ געבײַדע, אַ סימפֿאָניע צי אַ געשריבן ווערק וואָס איז ניט געבויט, רעאַליזירט לויט דער האַרמאָניע פֿון גאָלדענע יסודות – פּראָפּאָרציעס, רייצט ניט ס׳געמיט און שאַפֿט ניט קיין שום עסטעטישן תּענוג.

נאָר אין דער דאָזיקער האַרמאָנישער סטרוקטור קען זיך אַנטפּלעקן די שיינקייט. מיט קיין שום עסטעטישע ווונדערשפּרוכן קען מען גאָרניט אויפטון, מעגן זיי זײַן באַצירט מיט אַלערליי איזמען און איסטן.

אַפילו דער שם-המפורש קען זיך ניט מאַניפעסטירן אין אַ פאַרקריפּלטן, גראָטעסק-אַמאָרפישן גולם. אויך אין חושך פון אָקעאַנישע אַביסן גילט ס׳דאָזיקע. אַלץ וואָס לעבט דאָרט איז שיין געצירט, האַרמאָניש, סימעטריש מיט פאָרמען און קאָלירן, זײַענדיק גלײַכצײַטיק פּראַגמאַטיש.

≈❁≈

קריסטלעכע דערציִונגס-מעטאָדעס זינט דורות?

„אַ באַרבאַר איז יעדער ניט-געבעטענער גאַסט אויף מײַן חתונה"...

די וואָס זענען געקומען שטערן דעם היטלערישן יום-טובֿ פון די געשטאַפּאָ-קעלערן, צי אין די מײַדאַנעק-לאַגערן, זענען פאַר די הימלערס ווילדע באַרבאַרן!...

אַטיללאַס אַזיאַטן וואָס זענען באַפאַלן איירָאָפּע זענען באַרבאַרן; אַלעקסאַנדער מוקדונס האָרדעס, די צעזאַרישע לעגיאָנען – אויך. אָבער די קרײַצציגלערס, וואָס זענען אַוועק מאָרדן, רויבן און אונטערדריקן באָענט און ווײַט, פרעמדע לענדער און פעלקער – זענען פאַרשפּרייטער פון ציוויליזאַציעס!

טאַמערלאַן און דזענגיס כאַן זענען באַרבאַרן; באַפּאָלעאָן צי די ווילהעלמס אָדער פרידריכס, טאָלערירט פון וואַטיקאַן, זענען קריגסהעלדן. אַזוי לערנט מען קינדער די געשיכטע.

≈❁≈

ווי אַזוי קען מען עפּעס דערגיין אינעם קאָסמישן אַלץ? אַז די מעגלעכקייטן פון דערקענטעניש זענען באַגרענעצט! אַ הונט הערט אַ פײַפל וואָס אַ מענטש אויער הערט ניט. אונדזער

רעאַליטעט מיט דער וויסנשאַפֿט, די מאָראַל, די עטיק מיט דער עסטעטיק, העדאָניסטיש, פּראַגמאַטיש, פֿיזיש און ספּירימועל האָט אויסגעשניטן, אָפּגעריסן צי מע האָט באַוויליקט אונדז צוצוואַרפֿן ווי מע וואַרפֿט אַ ביין דעם הונט – אַ סכום אוניווערס, אַ שטיקווירקלעכקייט, צוגעפּאַסט צו אונדזערע מעגלעכע השׂגות, און מיר לעבן אָפּ עקזיסטענצן אפֿשר אין פֿיקטיווע רעאַליטעטן.

ווײַל רעאַליטעטן האָבן מיר ניט נאָר איינע, נאָר אַ סך: חלומות, טרוימען, דמיונות, מיראַזשן, אילוזיעס, אידעאַלן אד״גל. מיטן ביסל וואָס מיר האָבן איז שוין גענוג צו זײַן פֿאַרקאָכט און פֿאַרפּלאָנטערט מיט צרות, אינצידענטן, אַמביציעס, קאָמפּלעקסן וואָס פֿאַרביטערן ס׳ביסל דויער, אַז כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס לײַט זוכן נאָך מער דערקענטעניש, גריבלען זיך אין וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, מעטאַפֿיזיק און סתּם קריכעניש אויף גלײַכע ווענט.

דער האָמאָ-סאַפּיענס האָט נאָך אין קיין שום הינזיכטן ניט גוט פֿאַרדײַעט דאָס ביסל וואָס ער פֿאַרמאָגט. ער האָט עס אַפֿילו ניט רעכט צעקײַט. וואָס טויג אים זײַן בולימיע? מיט אַ קאַלטן דוש, אַ צוואַנגיאַקע, וואָלט מען אפֿשר אים פֿאַרענטפֿערט אַ סך אַנגסט-פּראָבלעמען!...

~❀~

אין וועלכן ספֿר וואָס פּראָקלאַמירט די פּרינציפּן פֿון ייִדישקייט איז עס געשריבן, אַז אַ ייִד מוז זיצן יום-ולילה און לערנען תּורה, זיך קליידן אַנדערש, לייגן תּפֿילין, דאַוונען בציבור אין טליתים, פֿאַסטן און זיך שאָקלען אין באַשטימטע שעהען – חוץ אין די קאָמענטאַרן, אינטערפּרעטאַציעס פֿון די גמרות, מישניות צי אַנדערע רבנישע צי רביישע עצות?

פֿאַר מיר זענען גענוג די פּרינציפּן פֿון באַרג סיני, די עצות פֿון אַ הילל, פֿון אַ רמבם אפֿשר מיטן אַני-מאמין, און ענלעכע אין שײַכות מיט היגיענע און מאָראַל.

דער שדי אויפֿן שטערן? בײַ מיר איז ער אין קאָפּ, אין דמיון! אויפֿן אָרעם מיט רצועות? בײַ מיר איז ער תּמיד אין האַרץ. ריטואַלן,

צערעמאָניעס, טעמפּלען, תּפילות? איך בין שטענדיק אין קאָנטאַקט מיט געטלעכקייט. דינען גאָט? גאָט דאַרף דען שקלאַפֿן מע זאָל אים דינען? זינדיקן קעגן גאָט? ווער איז עס, דאָס באַשעפֿעניש מענטש, עס זאָל זײַן מסוגל צו זינדיקן קעגן גאָט? לײַט זינדיקן תּמיד קעגן זיך זעלבסט און קעגן זייערס גלײַכן אָדער זייער סבֿיבֿה. זייער תּשובֿה טון און מחילה קענען זיי באַקומען נאָר פֿון זיך זעלבסט און פֿון זייערס גלײַכן.

רעליגיע איז סאָציאַלער און יחידישער לעבנס-שטייגער, מאָראַליש, עטיש, עסטעטיש, היגיעניש, עקאָלאָגיש, מיט ליבשאַפֿט, דאַנקבאַרקייט, אָפּשײַ און צוטרוי צום באַשאַף און צום באַשעפֿער אָדער מײַסטער וואָס געוועלטיקט מיט אוניווערסן. אַלע טעאָלאָגיעס און טעאָגאָניעס זענען לעסטערונג און נאַרישקייט.

צו וואָס אַזוי פֿיל רעליגיעס און לעבנס-שטייגערס פֿאַר אויפֿריכטיק-ערלעכע לײַט? נאָר היפּאָקריטן און פּערווערזע מעגאַלאָמאַנען דאַרפֿן אַזוי פֿיל רעליגיעס מיט אַזוי פֿיל סעקטעס. דאָס אַלץ האָט ניט קיין שום שײַכות מיט געטלעכקייט. פֿרום איז אַ מענטש מיט זײַן געזונט, שיין אַפֿילו מיטן אָפּדויערן טאָטאַל, ערלעך, ניט צעשטערנדיק עפּעס מער ווי געמוזט פֿאַרן ווילזײַן אין אַלע הינזיכטן, אָן סנאָביזמען.

זיפֿץ צי קרעכץ? טרערן, יאָמער? דאָס מוז זיכער רייצן געטלעכקייט, וואָס האָט אַוודאי ליבער שמייכל, טאַנץ, געזאַנג און מוזיק.

לעבן – אַן אָפּקומעניש? איז עס די שולד פֿון צעחושטע לײַט וואָס שטערן באָרמאַלע עקזיסטענץ ווי אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ. וואָס קען דאָס זײַן דער צי דאָס וואָס פֿאַרגינט ניט אַ גאָט צי אַ מענטש זײַן מײַסטערישן תּענוג פֿון מעשׂי-בראשיתן מיט אַ כּי-טובֿ? און דאַוואַי אַ שלאַנג אין גן-עדן, ברודערמאָרד, דור-הפּלגה, רשעים, אויסטערלישע לעבנס-שטייגערס, טיראַניעס, קינאה-שׂינאה, מערדערײַען, מלחמות...

פֿאַר וואָס אייביקער נסיון? ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן פֿון דעם אַלעמען? אויב ער קען האָבן אַזעלכע מחשבֿות פֿון יושר,

רעכט, ליבשאַפֿט, אוניווערסאַלן גליק — מוז עס דאָך מעגלעך זײַן צו גרייכן! וואָרשײַנלעך איז דאָ שולדיק די נאַרישקייט פֿונעם מענטש, וואָס איז אַבסאָלוט פֿרײַ אויפֿן פּרעכטיקן פּלאַנעט, כאָטש ווי אַ פֿויגל אין אַ שטײַג...

קום איך צוריק צו מײַן ייִדישקייט. פֿאַר וואָס ניט געגומען אין אַכט דעם נעשׂה קודם פֿאַרן נשמע? איז ניט ערגעץ געשריבן: „אין עבֿודה, אין תּורה"? פֿאַר וואָס יראת-אַדוני און ניט אַהבֿת-אַדוני? פֿאַר וואָס קרבנות פֿון אומשולדיקע באַשעפֿענישן אָדער פֿון זיך זעלבסט, מיט אַסקעטיזמען, פֿאַסטן, זיך אָנטון צרות, פֿאַרקריפּלען און קוועטשן בענק מיט פּילפּוליזמען, קאָמענטאַרן און אינטערפּרעטאַציעס פֿון פּשוטע, קאָנציזע און פּרעציזע פּרינציפּן?

ערלעכקייט, יושר, רעכט, גלײַכהייט, פֿרײַהייט, ליבשאַפֿט צו זיך זעלבסט, צו זײַנס גלײַכן און איבער הויפּט — צום באַשאַף און צום באַשעפֿער צי געוועלטיקער דערין צי פֿון דרויסן, ניט זוכנדיק צו וויסן ווער, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער בשום אופֿן ניט פֿאַרגעצן געטלעכקייט מיט קליינקעפּלדיקע מענטשלעכע השׂגות.

און איבער הויפּט, דאָס וויכטיקסטע — תּמיד געבן אַ בײַשפּיל מיט זיך זעלבסט, מיט אייגענער עקזיסטענץ, פֿאַר דעם וואָס מע פּראָקלאַמירט. ייִד — אין קיבוץ אַרײַן!

פֿאַרשידענע פֿעלקער? פֿאַרשידענע השׂגות? פֿאַרשידענע לעבנס-שטייגערס? פֿאַרשידענער פֿאָלקלאָר? אַדרבא! וואָס מער — אַלץ שענער, אַלץ בעסער! אָלימפּיאַדעס פֿון אַזוי פֿיל עטנישע גרופּעס! דאָס קען דאָך דויערן אַ גאַנץ יאָר, מיט ספּעקטאַקלען אומעטום! אַ פּרעכטיקער גאָרטן מיט אַזוי פֿיל בלומען,ביימער, קאָלירן, פֿאָרמען און פּאַרפֿומען!

נאָר דער קאַפּיטאַליזם איז גורם, מיט זײַנע קלאַסן-פּריווילעגיעס, דאָס זאָל זיך ניט קענען רעאַליזירן. רעוואָלטן? פֿאַרברעכן! באַנדיטיזם, גניבֿה, פּראָסטיטוציע? און די היפּאָקריטישע רעזשימען וואָס דערמעגלעכן אַז פּרינציפּן זאָלן ווערן פֿאַרקריפּלט מיט אַ פֿאַלשער סעמאַנטיק, דיקטאַטור און בלאָף זאָלן קענען פֿראַנק און פֿרײַ הולטײַעווען און געוועלטיקן, געשיצט מיט פּאָליציי און

אַרמייען פֿיזיש, און מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿיעס.

און אַזוי פֿירט זיך זינט תּמיד. פֿאַר וואָס? ביז ווען? ווו ביסטו, גאָטעניו?

≈❁≈

אונדזער פּלאַנעט איז אַזוי גרויס און רײַך, און באַוווינט קוים מיט אפֿשר 5 מיליאַרד מענטשן, בשעת ס׳איז זיכער פֿאַראַן אַ מעגלעכע היים פֿאַר הונדערט.

זאָלן צווישן די 5 מיליאַרד לײַט — ס׳רובֿ צווישן יונגע, ניט אין עלטער נאָר אין טעמפּעראַמענט, ניט נעמענדיק אין אַכט ראַסע, קאָליר צי פֿאָלק — זיך ניט געפֿינען קיין גרופּעס גרייטע צו שאַפֿן אַ נײַעם מין מענטש מיטן קיבוץ-סיסטעם, מיט אַ נײַעם אופֿן עקזיסטענץ, אָן פֿאַנאַטיזמען, אָן רעליגיעס, אָן טעאָלאָגיעס, מיטאָלאָגיעס צי אַנדערע **לאָגיעס**, נאָר מיט צוטרוי, ליבשאַפֿט, דאַנקבאַרקייט צום באַשאַף און באַשעפֿער, אָן צו זוכן ווער וואָס עס איז, נאָר מיט אָפּדויערן ווי לאַנג געקענט אינעם בעסטן ווילשטאַנד, אָן שום טעמפּלען, אָן שום אָרטאָדאָקסישע צערעמאָניעס, אָן שום ראַסיזמען, פּאַראַזיטיזמען, מעגאַלאָמאַניעס, צי אַנדערע פּערווערזע **איזמען** אָדער מאַניעס?

ערלעך, אויפֿריכטיק שאַפֿן די אידעאַלע מענטשן-גרופּע אָן אַטראָפֿיעס צי היפּערטראָפֿיעס, אָרגאַניזירט ווי אין אַ בינשטאָק, אַ מוראַשקע- צי טערמיטן-נעסט: איינער פֿאַר אַלע און אַלע פֿאַר איינעם, אָדער יעדער פֿאַר אַלע און אַלע פֿאַר יעדן! זיכער קען מען געפֿינען אַן אָרט, אַפֿילו אַ מידבר, וואָס מע קען פֿאַרוואַנדלען אין אַ גן-עדן, ווי ס׳האָבן עס באַוויזן די ישׂראלדיקע חלוצים!

פֿאַר וואָס ניט אַנטלויפֿן פֿון די הפֿלגה-דורות מיט זייערע פּערמאַנענטע קאָנפֿליקטן, פֿאָביעס, קינאה-שינאהס, האַס, רויב און רציחה?

זאָל דאָס זײַן אַן אוטאָפּישע פֿיקציע? אויב כ׳קען אַזוינס טראַכטן,

מוז עס דאָך זײַן מעגלעך!

יוגנט, טײַערע יוגנט פֿון אַלע קאָנטינענטן! מאַניפֿעסטירט אײַך, טײַערע, וואָס גיכער, איידער דעם טאָטאַלן אומקום!

~❁~

לעבן מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלץ וואָס קען געשען: עסענץ, סובסטאַנץ, קאָנקרעטס, אַבסטראַקטס. דאָ גוף, דאָ גײַסט; דאָ נשמה, דאָ מחשבֿה, ווערב צי חלום — אַלץ אַספּעקטן פֿון מעגלעכן זײַן, וואָס מענטש איז מסוגל צו באַגרײַפֿן, פֿילן און טראַכטן אָדער חלומען אַפֿילו!

דאָס מוז זיכער זײַן באַגרענעצט, ווײַל קיינער קען ניט וויסן וויפֿל אַנדערע אייגנשאַפֿטן און רעאַליטעטן זענען נאָך פֿאַראַן אין אַנדערע אַלצן. מענטש, מוזסט יוצא זײַן מיט דײַן באַגרענעצטער וועלט און ניט קריכן אויף גלײַכע ווענט, גולם!

~❁~

באָך און ווידער וועגן חלומות. אויב איך קען שלאָפֿנדיק זען און פֿילן אַזוי פֿיל אומגעריכטע אײַנפֿלוסן, זען אַבסאָלוט ניט וואַכנדיק געזאַנטע בילדער, געגנטן, געשעענישן — פֿון וואַנען קומען זיי אין דמיון? אויב זיי זענען מסוגל זיך צו מאַניפֿעסטירן, מוזן זיי דאָך זײַן אין עפּעס, אין ערגעץ? ס׳איז דאָך אוממעגלעך אַז עפּעס זאָל קענען ווערן פֿון אַבסאָלוט גאָרניט. ניט מעגלעך אַנדערש.

איז דאָס צו אַנען נאָך, אַז אין די עלעמענטן וואָס שטעלן צונויף דעם מענטש געפֿינט זיך עפּעס פֿון אַ זכרון פֿון אַ געוועזנס, ווי אַ ציגל וואָלט געדענקט עפּעס פֿון פֿריִערדיקע געבײַדעס פֿון וועלכע ער איז געווען אַ טייל. אַ וווּנדער איז אָבער, וואָס כאָטש דער באַוווּסטזײַן פֿון וואַכקייט שלאָפֿט, איז דאָך פֿאַראַן אַ מין לאָגישער צוזאַמענשטעל פֿון די פֿאַרשידענע עלעמענטן וואָס זענען גורם די חלומות. ס׳שאַפֿט זיך דווקא אַ מין נאָרמאַלער צוזאַמענהאַנג. מע זעט ניט אַ מענטש מיט צוויי קעפּ, אָדער

אויסטערלישע געביידעס צי פאַנאָראַמעס. אַלץ איז נאָרמאַל אין אַספּעקטן, אָבער דאָר אָפּט אין קאָשמאַרן, אַנגסטן, פאַרלוירנקייט, דיסקוסיעס מיט אייגענע און פרעמדע. עס זעט אויס ווי אַ געמיש פון געמאַכטע מחשבות, זאָרגן און אפשר באַגערן, מיט למשל געזעענע פאַקטן, פילמען, טעלע- צי ראַדיאָ-עמיסיעס, מיט דעם מנעמיזם פון מאָלעקולן צי אַטאָמען. בכן, מוז זיין אַ הינטערבאַוווסטזיין וואָס פירט אָן, קאָנטראָלירט מיט לאָגיק אַפילו דאָס אַלץ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר חלומות.

פּראָפעסאָר בענוועניסט מיינט, אַז נאָר וואַסער האָט אַ מנעמישע אייגנשאַפט. וואָרשיינלעך מוז אַלץ, וואָס איז, האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן צו געדענקען, און זיין מסוגל צו קענען קאָפּירן. פּרעמאָניטיווע פאָרגעפילן זענען נאָר מחשבות פון וווּ ענטוועלע געשעענישן פון וועלכע מע- טראַכט וואַכנדיק.

≈❀≈

בישתּומם מיט פאַרדראָס / ניט קענענדיק פאַרשטיין / אַלץ זאָל מוזן זיין / מיט אייביקן „פאַרוואָס".

פון רעליגיעזע, וויסנשאַפטלעכע, פילאָזאָפישע, מיטאָלאָגישע צי אַפילו אַנימיסטישע שטאַנדפּונקטן, טראָץ זיכערקייטן מיט דאָגמעס, אַפּיקורסיש כאָטש גנאָסטיש זינדיק, אָבער פריידענקעריש טראָץ מאַטעמאַטיק און לאָגיק, אומעטום, אָפן צי געהיים – פאַרוואָסן.

רעליגיעז? הלמאי אין אַ גן-עדן אַן עץ-הדעת מיט גלוסטונגען און אַ שלאַנג? זען די פאַרבאָטענע פּירות און ניט טאָרן טועם זיין? פאַר וואָס נסיון? דער חומש, וואָס איז אַ מין כראָנאָלאָגיע פון באַשאַף, איז פול מיט מעגלעכע חטאָים. פּראָוואָצירן פאַוואָריטיזם, וואָס איז גורם ברודערמאָרד – און דערביי שיצן דעם מערדער! דור הפּלגה, סדום-ועמורהס מיט מבלען, קאַטאַסטראָפעס, מלחמות און אַזוי פיל געמיינע מעשׂים אומעטום, תּמיד! אַזוי פיל מעגלעכע כראָנאָלאָגירטע און כראָנישע זינד מיט שטראָף!

ווער לאָזט ניט אַן אָמנימעכטיקן מײַסטער, וואָס שאַפֿט אַ יש-מאַין, זײַן ווערק זאָל זײַן פֿולקום, אָן מעגלעכקייטן צו באַגיין חטאָים און נאַרישקייטן? ווער קען האָבן אַ ווידערשטאַנד? ווי אַזוי קען אַ מין אַשמדאַי זיך רייצן מיטן האַר פֿון מעגלעכן אַלץ? און אַזוי מיט אַלע רעליגיעס, וואָס קנוילן, פּלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן מיטן ווידערשפּרוך שטראָף, עונג און לוין, אינטערפּרעטאַציעס, קאָמענטאַרן, אַפּאָלאָגיעס און קינה-שׂינאה, קרבנות און אַסקעטיזמען, אָבער אַלץ פֿאַרמענטשלט קליינקעפּלדיק און אויסגעניצט לטובֿת פּריווילעגיעס און אינטערעסן.

מיטאָלאָגיש? דינאַסטיעס מיט געטער און אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען, היעראַרכיעס און מענטשלעכע השׂגות וועגן קראַפֿט און מאַכט, נקמות און אַנטינאָמישע אינטערעסן, אַזוינס אַפֿילו בײַ די הינדויִסטישע, קאָפּטישע צי העלענישע חכמים!

וויסנשאַפֿטלעך? געפֿאָרשט אין סטעלאַרע ספֿערעס צי אין נוקלעאַרע כמעט נישטיקייטן, ענערגיעס, עקוואַציעס מיט מאַסע-פֿאַרהעלטענישן, צענטריפּעטישע מאַגנעטיזמען, צענטרי-פֿוגאַלע אויסשטראַלונגען, אָרביטן-געפֿענגעניש, פֿיזישע, כעמישע און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַראַ מינים ענערגיעס, סימביאָזן, אָסמאָזן, קאַטאַליזן וואָסווירקן אין דעם אַלעמען מיט גרייסן אין דימענסיעס צי דויער וואָס ציילן זיך אין ליכטיאָרן אָדער אין זעראָס מיט אַ ציפֿער פֿון פֿאָרנט צי נאָך אַ קאָמע פֿון הינטן. פֿיזיק, פּסיכיק, מעטאַפֿיזיק, פּאַטאַפֿיזיק, גראַוויטאַציעס, גראַוויטירונגען און אַלץ וואָס די ספּעצן קענען אויסרעכענען אין מאַטעמאַטיק, אַלגעבריש מיט סימבאָלן, און וואָס מע וויל צי מע קען.

אָבער סוף כּל סוף, טראָץ דער טעכניק מיט דער עלעקטראָניק און אַלע אַנדערע חכמות, בלײַבט אַלץ פֿאַרהוילן אין דימענסיעס, אַספּעקטן, דויער. מעגן עס פּרוּוון דערגיין אַ ניוטאָן, אַ פּלאַנק, אַן אײַנשטיין, אַ פֿרויד, אַן אַדלער צי אַ יונג – מע ווייסט אַלץ מער אַז ס'איז ניט מעגלעך עפּעס ענדגילטיק צו וויסן!

פֿילאָזאָפֿיש? וואָס זאָלן זיי נעבעך טון, די האָרשפּאַלטערס מיט

אַבסטראַקטע עפּעסן? מע שאַפֿט טעאָריעס, דאָקטרינעס, ניט נעמענדיק אין אַכט די עקאָנאָמיע, דעם מאַטעריאַליזם, די ספּיריטועלע באַגערן, אַנגסטן און צווייפֿלען – ס'העלפֿט ווי אַ טויטן באַנקעס. ניטאָ קיין זיכערקייט, און מע מוז אָנקומען צו פֿיזישע אָדער פּסיכישע דראָגן, פּילפּוליזמען, גנאָסן און נײַע פֿאַרוואָסן.

סוף כּל סוף, חוץ טעכנישע, מעכאַנישע –ס'רובֿ שעדלעכע– דערפֿינדעכישן און סאָציאַלע רעזשימען, ווייסט מען ניט מער ווי די אַנימיסטן אין די וויסטעבנישן פֿון אויסטראַליע צי אַמאַזאָניע.

און דאָך, טראָץ אַלעמען, איז נאָך מער אויסטערליש און מאָדנע דאָס, וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן אין אַזאַ באַשעפֿענישל ווי דער מענטש: דאָס קענען זיך אַזוי פֿיל פֿרעגן און דאָס וועלן דווקא וויסן די אַלע פֿאַרוואָסן, די ווי-אַזויס, פֿון וועמען, דורך וועמען, פֿאַר וועמען, צוליב וואָס און וועמען, זינט ווען און ביז ווען, כאָטש נעם און ווער משוגע!

ערשט פֿרעגט זיך דאָך עפּעס אינעם שׂכל הישר: נו, און אַז מע וועט שוין אַלץ וויסן פּינקטלעך, גענוי ווי באַגערט? קען געשען: אָדער עקזיסטענץ זאָל פֿאַרלירן יעדן אינטערעס; ראָבאָטיזירט וועט מען אָפּדויערן אַ סכום צײַט, פֿאַרשווינדן, ווידער אויפֿקומען מאָנאָטאָן, נודנע – אַלע וועגן שוין געגאַנגען, אַלע צילן דערגרייכט, ניטאָ מער וווּ צו גיין – איז דאַוואַי אַ נירוואַנאַ, אַ נישטיקייט, און אויס מיט לעבן, אָן אַבסורד! אָדער ס'איז ווי מיט גוטער מוזיק, חנעוודיקע טענץ צי זשעסטן, גוטע מאכלים, ליבשאַפֿטן וואָס מע געניסט מיט תּענוגים, עקסטאַזן און אָרגאַזמען, און עקזיסטענץ איז אַ ווירטועלער יום-טובֿ. מע שלאָפֿט אײַן פֿון איין עקזיסטענץ אין אַ צווייטער.

בכן, קומט צו אַ נײַער פֿאַרוואָס: הלמאי פֿאַרלירן די עקזיסטענץ מיט זוכן צו וויסן, און אַז מע ווייסט שוין – מוז מען פֿאַרשווינדן? געלערנט זיך גילטיק לעבן, און אַז אַלץ שוין געוווסט און געקענט – געשטאָרבן!

אפֿשר וואָלט געווען צײַט מע זאָל קומען צום קלאָרן שׂכל און

איינזען אַז קודם דאַרף מען לעבן, און אויב באַזאָרגט מיט ווילטאָג – געזוכט, געפּאָרשט, אַפּילו וויסנדיק אַז מע וועט גאָרנישט געפּינען! וויכטיק איז ס'גיין, ניט ס'אָנקומען ערגעץ!

≈❁≈

אויב לעבן ניט געהאַסט – איז עלטער ניט קיין לאַסט. פּעסימיזם איז אַ פֿיזיאָלאָגישע און סאָציאַלע קרענק וואָס מע קען עקאָנאָמיש היילן, אָבער ניט אַלע האָבן דעם ווילן אַז דאָס זאָל געשען.

פֿאַר דאָקטוירים איז אַ מגיפֿה – אַ גוט גערעטעניש מיט ביזנעס. אַזוי אויך פֿאַר באַגרעבערס. משוגעים האַסן די פּסיכיאַטרן און ווילן צערייַסן די צוואַנגיאַקעס. געהערט אַ סקאַנדאַל? מע לאָזט ניט האַקן, ברעכן, צעשטערן, שענדן, לעסטערן! לייַט האָבן די חוצפּה צו האַלטן די טאָרקוועמאַדעס, די היטלערס, די סטאַלינס פֿאַר פֿאַרברעכערישע פּסיכאָפּאַטן!

אַז מע האָט אַזעלכע השגות, איז דויערן אַ קאַטאַסטראָפֿע, אָבער פֿאַר אַ באָרמאַלן, לאָגיש-טראַכטנדיקן מענטש איז לעבן תּענוג!

≈❁≈

ניט גענוג וואָס פּראָפּ' בענוועניסט האָט אויסגעפֿונען אַז וואַסער האָט אַ זכּרון. אַלץ וואָס איז, יחידיש און סאָציאַל, קאָנקרעט און אַבסטראַקט, סובסטאַנץ און עסענץ, נוקלעאָן און אוניווערס – אַלץ האָט זייַן ווירטועלן, ספּעציפֿישן זכּרון.

למשל אינסטינקטן, גופֿיש און גייַסטיק. ניט נאָר אַקוסטיק איז מנעמיש, נאָר אַלע חושים זענען עס און קענען זיך דערין דערמאָנען פּראָוואָצירנדיק רעאַקציעס. אַזוי למשל רעאַגירט מען ווען מע שטעלט זיך פֿאָר אין דמיון עפּעס פּאָזיטיווס. וואָס געשעט מיטן טראַכטן פֿון אַ שיינער פֿרוי, צי אַ שיינעם מאַן? מענטש – געדענקט ער ניט שׂינאה, ליבשאַפֿט, באַליידיקונג, תּענוג, און – וואָס ניט?

אַ מענטש געדענקט עפּעס, אָבער אַ פֿאָלק אויך. פֿרויד, אַדלער און יונג – אַלע זענען גערעכט, און זייערע טעאָריעס קען מען אָנווענדן אין אַלע הינזיכטן.

~~❀~~

פֿאַר אַ גראַפֿאָמאַן וואָס איז געניט אין זײַן פֿאַך צו מאַניע, איז דאָס ניט האָבן וועגן וואָס צו שרײַבן ניט קיין פּראָבלעם. ער קען טאַקע וועגן דעם ניט האָבן קיין טעמע, קיין מחשבֿה – אָנשרײַבן אַ ווערק מיט אַנאַליזירן פֿאַר וואָס ער האָט ניט וואָס צו זאָגן. דאָס איז דאָך עפּעס ניט קיין קלאָרער פֿענאָמען? קומט עס פֿון דער פֿיזיאָלאָגיע? פֿון פּסיכיזם? פֿון דער עקאָנאָמיע צי פֿון אַסטראַלע אײַנפֿלוסן אאַז״וו?

אַ באַווײַז אַז מע קען זיך תּמיד אויסטויגן – אָט דאָס וואָס כ׳האָב נאָר וואָס אָנגעשריבן. אַ בײַשפּיל!

~~❀~~

די כלומרשטע ציוויליזירטע, קולטורעלע, אינטעלעקטועלע, וויסנשאַפֿטלעכע וועלט, איז באַזאָרגט מיטן עווענטועלן פֿאַרשווינדן פֿון העלפֿאַנטן, קאָאַלאַס, קראָקאָדילן, וואַלפֿישן צי יאַגוואַרן. מע נעמט אָן אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרנעם געזעצן וואָס זאָלן שיצן די איבערגעבליבענע. מע שאַפֿט טעריטאָריעס, און אַז ס׳געלינגט עפּעס אייניקע פֿון די עווענטועלע חיות זאָלן מיט מזל באַווײַזן צו געבוירן אַ ספּעצימען, פּראָקלאַמירט מען עס אין דער פּרעסע, אין טעלעוויזיע, מיט אַ הוראַ!

אָבער אַזאַ באַשעפֿעניש ווי אַ ייִד, אַ ייִדישער ייִד וואָס איז פֿאַרטיליקט געוואָרן ניט דורך פֿאַרבאָרגענע יעגערס נאָר דורך אינדוסטריעל-אָרגאַניזירטן מאָרד, מיט דער הילף פֿון כּמעט אַלע פֿעלקער, ווייניקסטנס מיט דער גלײַכגילטיקייט פֿון די, וואָס האָבן געקענט עפּעס טון, און פֿון וועלכן מע פּרוּווט אַצינד אויפֿהאַלטן די לעצטע אפֿשר עקזעמפּלאַרן פֿונעם ספּעציעמען מזרח-

איירשפּעיִשן ייִדנטום – מאַכט מען זיך אַ צימעס! מ׳עט עס אַפּילו ניט אַרײַננעמען אין אַ מוזעום, ווי מע האַלט אויף דעם מינדסטן ביין פֿון אַן איכטיאָזאַר, צי סקעלעטן פֿון דינאָזאָרן! אַ ייִד – אויך מיר אַ באַשעפֿעניש! אַ קאַלאַ האָט זיכער מער צוגעגעבן צו דער עוואָלוציע פֿון דער מענטשהייט, מישטיינס געזאָגט, ווי די אויסטערלישע לײַט מיט זייער מישן זיך אין די אַרישע צי אַנדערע אינדאָ- צי אַראַבישע ראַסע-יחסנימס מעשׂים און מחשבֿות!...

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס איז גילטיק פֿאַר ייִדן ניט נאָר פֿון מײַנע געגנטן. ווען מען קען אינטערעסירן אַן אַבֿרהם אָבֿינו, אַ משה רבנו, אַ פּראָפֿעטן-באַנדע מיט אַ ישו פֿון נצרת אַפֿילו, אַ שפּינאָזע, אַ קאָלומבוס צי אַן אײַנשטיין, אַ פֿרויד צי אַ טשאַפּלין, אַ קאַפֿקאַ צי אַ סאַראַ בערנאַרד, אַ ווייצמאַן צי אַ מענדעלסאָן, אַ, אַ, אַ...

דער זכר פֿון די אַלע ברואים מעג פֿאַרשווינדן, אַדרבא. אָבער וויכטיק זענען וואַלפֿישן, העלפֿאַנדן, קאַלאַס און אויך אָדלערס. אַ ווײַסער בער? געוויס! אַ באַזהאָרן, אַ ריזן-טשערעפּאַכע צי אַ זעלטענע מאַלפּע? דערמיט גיבן זיך אָפּ פֿאַקולטעטן, דאָקטאָראַטן, מיט קאָלעקציעס פֿון מוראַשקעס, וואַנצן, פֿליי צי בינען, / יאַשטשערקעס צי שפּינען. / נאָר פֿאַר ייִדן-מין – / קיין אינטערעס דערין!

ערגער נאָך וואָס זיי, די ייִדן / אַליין באַגרײַפֿן ניט פֿון זייער מעכטיקייט דעם זין, / און פֿאַרפֿירט מיט זעלבסטהאַס בלינדן / טוען זיי אַלץ צו קענען נאָר פֿאַרשווינדן!

~❁~

פֿאַר וואָס זאָל עמיץ וואָס טוט אַ שווערע, שמוציקע אַרבעט ווי רייניקן מיסטקאַסטנס, רינשטאָקן, צי גראָבן קוילן טיף אין דער ערד מיט אַלע געפֿאַרן וואָס די פֿאַרשידענע בויטוועגדיקע פּראָפֿעסיעס זענען גורם, ניט זײַן מער באַלוינט ווי די ביוראָקראַטן, בענקל-קוועטשערס און אַנדערע דעליקאַטע

לײַט? וואָסי? ווײַל לײַט האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטודירן און ווערן פֿײַנע ברואים, מוזן זיי ווערן געשטראָפֿט און געהאַלטן ווי פּאַריער, מינדערווערטיק? וואָלט דען ניט געווען ריכטיק אַז אַזעלכע שמוציקע און שווערע מלאָכות זאָלן געטון ווערן ווי אַן אוניווערסאַלע אַרבעטס-פֿליכט אָן אויסנאַם, פֿאַר אַלע, ווי מיליטער-דינסט?

~❁~

קומט עמיץ עפּעס צי עמיצן רייניקן, מוז ער קודם זײַן זעלבסט ריין.

מיט שמוציקע הענט ווערט מען ניט באַפֿרײַען עפּעס פֿון קויט.

דער דאָזיקער פּרינציפּ איז גילטיק פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל, ספּיריטועל, עטיש און עסטעטיש. גילטיק פֿאַר זיך זעלבסט, מיט אייגענער אָביעקטיווקייט, ווי פֿאַר אַ צווייטן, יחידיש און סאָציאַל.

~❁~

וויפֿל יאַקוטן, עסקימאָסן, טשוקטשעס און אַפֿילו אַנדערע פֿון דער גרויסער צאָל פֿעלקער אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד האָבן געהאָלפֿן רעאַליזירן די רוסישע רעוואָלוציע? און וויפֿל ייִדן? וויפֿל לענין-אָרדנס פֿאַר העלדישקייט אַלע אַנדערע? ייִדן – די צווייטע אין צאָל נאָך די גרויסרוסן; מער ווי די אוקראַינער, ווײַסרוסן! אָפּגעדאַנקט מיט אַ קויל אין קאָפּ, מיט לוביאַנקע צי וואָרקוטער טײַגעס און סיבירער פֿרעסט. דאָס איז רוסישער סטאַלין-יושר!

~❁~

יעדער מענטש, יעדער באַוווּסטזיניקער מענטש, דאַרף, מוז זיך קלאָר מאַכן זײַן אָרט, זײַן פֿליכט, זײַן ראָלע אין אוניווערס, אין שײַכות מיט גאָט, מיט וועלט, מיט מענטש זײַנס גלײַכן, אין אַלע מעגלעכע הינזיכטן און אומשטאַנדן.

עס גייט ניט אין אָנווענדן אַ באַשטימטן אופֿן פֿון דער דאָזיקער

צופּאַסונג לויט אַן אוניווערסאַלן סיסטעם. עס איז אַ ריין־יחידישער פּראָבלעם. אָבער דער יחיד מוז זיך אַרײַנפּאַסן אינעם קאָנטעקסט פֿון דער משפּחה, עטנישער גרופּע, נאַציאָנאַלער געזעלשאַפֿט, פּלאַנעטאַרן און קאָסמישן זײַן. ווען דער באַוווּסטזײַן רעאַגירט ניט אויף די אימפּעראַטיוון, איז דער מענטש ווי אַן איבעריקע זאַך וואָס פּלאָנטערט זיך אַלעמען אין וועג, ווערט געשטויסן, געוואָרפֿן, געשלײַדערט, איז אָפּפֿאַל, סאָציאַלער מיסט וואָס מיסטיקט גאָרניט בכלל און זיכער ניט קיין גערטנער.

~✽~

דער „גאָרניט" איז ניט סתּם אַזוי אַ „ניט זײַן", נאָר אַן „אַנטי־עפּעס"... פּונקט ווי די וויסנשאַפֿטלערס באַווײַזן די עקזיסטענץ פֿון אַנטי־שטאָף, אַנטי־ענערגיע, מוז יעדער עפּעס האָבן זײַן אַנטי.

קען זײַן, אַז דאָס איז ריינער סאָפֿיזם. קומט מען אָבער איבערצײַגן אַז דער גרויסער סיבירישער אויפֿרײַס פֿון 1908 זאָל האָבן געווען אַ באַגעגעניש פֿון אַנטי־שטאָף מיט שטאָף – ווו־זשע זענען ביידע אַהינגעקומען נאָך דער „באַגעגעניש", נאָך דעם פֿרײַנדלעכן קוש? דאָס זאָגט מען ניט; אפֿשר „נאָך ניט", דערווײַל. עפּעס קען דאָך ניט האָבן אַזוי פֿאַרשווונדן. ס'קען זײַן אַז ס'האָט זיך געשאַפֿן עפּעס אַ דריטער כּוח צו אויסזען...

יעדנפֿאַלס, דער סיסטעם פֿון ייִדישן, אײַנשטיינישן אחד איז צעטרייסלט; דער כינעזישער דואַליזם בעמט די אייבערהאַנט. שוין לאַנג ווי ס'איז פֿעסטגעשטעלט אַז דער מענטשלעכער שׂכל מוז האָבן דעם רעכטס און לינקס, הינטן און פֿאָרנט, שוואַרץ מיט ווײַס, קאַלט און הייס, גאָט און טײַוול, „אינג און יאַנג", שטאָף און אַנטי־שטאָף, גוטס און שלעכטס, שיין און מיאוס.

וווּ איז די גרענעץ צווישן די ביידע און אַלץ? פֿאַר וואָס לעבן זיי אַזוי אָפּט בשלום? פֿאַר וואָס פּלוצלינג דער ברוגז און די מלחמה? (ווידער קריג און פֿרידן...). דאָס איז ניט פֿאַרשטענדלעך. עס

וואָלט דאָך לאָגיש געדאַרפֿט זײַן אַ פּערמאַנענטער אויפֿרײַס? אפֿשר איז אַזוי טאַקע: דער אומרו, די אַנגסט, די בענקשאַפֿט אינעם מענטש – זענען טאַקע די רעזולטאַטן פֿונעם כסדרדיקן קעמפֿן צווישן עלעמענטן.

ווו געפֿינען ערגעץ רו? ניטאָ קיין מנוחהדיק ווינקל אינעם קאָסמאָס?

≈❀≈

האָט גאָט געשאַפֿן די אַטאָמען? האָבן די אַטאָמען געשאַפֿן גאָט? ווי ס'זאָל ניט זײַן, איז דאָס אַלץ אַזוי גרויס און אַזוי פּרעכטיק – דאָס מײַסטערווערק אוניווערס!

אַפֿילו טראַכטנדיק בלויז דערפֿון מוז מען צוזאַמענגעמען די הענט אין אַ תּפֿילה, געשעפּטשעט מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

צו וועמען? ניט וויכטיק צו וויסן. טו תּפֿילה מיט דאַנק. דײַן מחשבֿה וועט שוין געפֿינען איר ריכטיקן וועג, און ווי אַ בומעראַנג צוריקקומען מיט פֿרייד פֿאַר דײַן נשמה.

≈❀≈

געטלעכקייט איז די העכסטע באַלוינונג פֿאַר אַטאָמען. זי דערגרייכט די ביז אַצינד גרעסטע מעגלעכע מדרגה. כ'זאָג „ביז אַצינד" ווײַל ס'איז ניט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן עפּעס אינעם באַשאַף וואָס זאָל זײַן סטאַטיש. ממילא איז די געטלעכקייט דער העכסטער שפּיץ פֿון אָרגאַניזירטן זײַן, אויך תּמיד דינאַמיש אין אייביקן תּענוג פֿון ווערן. מע קען אָן שום ספֿק ברענגען ס'דאָזיקע ניט באַר ווי אַ פּאָסטולאַט! מיטן באַגרײַפֿן גאָט ווערט דער מענטש באַלוינט. דאָס דאָזיקע באַגרײַפֿן טאָר ניט זײַן ווי אַ דערקענען זיך זעלבסט אַלס שפֿלדיקס, נעבעכדיקס, זינדיקס און בעטלענדיקס, פֿול מיט פּחד, הכנעה און מינדערווערטיקייט. אַדרבא, דער גאָט-באַגריף אַנטפּלעקט זיך ווי אַ שטראַלנדיק ליכט פֿול מיט ליבשאַפֿט, פּראַכט און פֿרייד... דער בעכער, וואָס נעמט אַרײַן אין זיך פּרעכטיקן ווײַן, איז שוין אויך ניט עפּעס אַ

צעבראָכן קויטיק שערבל!

זײַ ווערט, מענטש, דאָס באַגרײַפֿן גאָט; זײַ זוכה דאָס גליק און זײַ שטאָלץ און ווירדיק דערמיט.

~❁~

עס וועלן זיך געפֿינען לײַט צו באַווײַזן, אונטערצושטרײַכן צי סתּם אויסצוחוזקן די נאַיִוויטעט פֿון די עקסטרעמע באַהויפּטונגען וואָס דאָס בוך אַנטהאַלט. געוויס קען מען פֿאָרוואַרפֿן דעם מחבר אַז זײַן אייגן לעבן איז אין סתּירה מיט זײַנע „שיינע״ רייד; אַז יעדער באַגער צו אויפֿריכטיקער ערלעכקייט איז „פּאַראַדאָקסאַל״; אַז די אַלע השערות און רייד זענען אוטאָפּיסטיש, בטלניש, לעכערלער; אַז דאָס בלויזע וועלן טראַכטן און טון „קאָנפֿאָרם״ איז אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אַנטיקאָנפֿאָרמיסטיש. אַז ס׳איז געררייצט זיך מיט דער „לאָגיק״, פֿאַרלוירן צײַט דאָס וועלן אָנגיין פֿאַר אַ ריטער פֿון אמת. גיכער דערשײַנט מען ווי אַ ראָמאַנטישער, לעקישעוואַטער דאָן קיכאָט.

נאָך דעם אַלעמען –און לײַט וועלן נאָך צולייגן טויזנטער אַנדערע „פּראַקטישע״ אַרגומענטן– בלײַב איך דאָך בײַם מײַניקן. אַפֿילו ווען דאָס אַלץ וואָס מע וועט זאָגן און באַווײַזן זאָל, ליידער, זײַן אמת, איז דאָך נויטווענדיק אַז דאָס, וואָס כ׳פֿרעדיק אַזוי בטלניש זאָל ווערן געזאָגט און געשריבן. עס איז אַ פֿראַגע כאָטש פֿון געוויסן. זאָל עפּעס אינעם פֿענאָמען מענטש זיך טרייסטן מיט אַ שמץ ערלעכקייט, מיט טראַכטן כאָטש פֿון אויפֿריכטיקייט. זאָל דער גזלן כאָטש אויף איין רגע האָבן דעם באַוווסטזײַן, אַז זײַן האַנדלונג איז ניט פֿײַן, נאָר פֿאַרברעכעריש; זאָל אין סדומישן מוח האָבן געוועזן כאָטש איין ניצוץ פֿון אַ „מחשבֿת צדיק״ וואָס זאָל פּרווון ראַטעווען פֿון אומקום.

אפֿשר איז דער מענטש דאָך עפּעס מער ווי דער סימבאָל פֿון באַרישער אַכזריות צו זיך און צו יענעם. ער איז טאַקע טויזנטפֿאַכיק ערגער מיט זײַן פֿאַרזוך צו באַרעכטיקן זיך און זײַן

פֿירונג. דערמיט איז ער ערגער פֿון די פּראָסטע באַשעפֿענישן וואָס טוען שלעכטס בלויז אינסטינקטיוו. דער מענטש וויל זינדיקן ק. 412
און אָנגיין פֿאַר אַ צדיק. דאָס איז ניט נאָר מיאוס, נאָר געמיין, פּאָדלע, חוצפּהדיק און פֿרעך.

בכלל קען מען פֿאָרמולירן דעם עלעמענט מענטש ווי אַ קאָמפּאָזיט פֿון טינוף און גאָלד, אַן אַגרעגאַט פֿון אַ מיסטיקער מיט אַ מאַטשאָרניק. גאָט מוז זײַן פֿאַרשעמט מיט זײַן ווערק אינעם כלומרשטן צלם-אלוהים. דער אשמדאַי, צי עפּעס ענלעכס אין קאָסמישע אַספּעקטן, האָט אַזעלכע שמייכלענדיקע אויגן, אַז דער קאָסמישער מײַסטער מוז שוין חרטה האָבן אויפֿן גאַנצן מעשה-בראשית-עסק.

דאָך, ווי אַזוי פֿאַרשטיין דאָס רייצן אָדמען מיט אַ „לא"-פֿאַרבאָט זינט די ערשטע קאָסמישע טעג? פֿאַר וואָס מעגלעך מאַכן די שלאַנגישע שטיק? פֿאַר וואָס גראָד געלאָזט אומברענגען הבֿלען און דווקא געהייסן לעבן קינען, אַרומשלעפּנדיק זײַן מאָרד-צייכן איבער וועלט און דורות? פֿאַר וואָס בכלל גערייצט זיך מיטן ברודער, פֿאַוואָריזירנדיק אייבעמס אויפֿטו קעגן צווייטן?

נאָר דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. מע קען לאַנג רשימהווען די אַבסורדן אינעם באַשאַף. אפֿשר איז פֿאַראַן אַ געטלעכע לאָגיק וואָס מיר, מיט אונדזער מענטשלעכן שׂכל, באַגרײַפֿן ניט. אַלץ איז אַזוי פֿיזיש און פּסיכיש קאַליע און פֿאַרסמט, אין אונדזער פֿיזישן אָרגאַניזם ווי אין דער נשמה...

בכן, בלײַב איך בײַ מײַנע נאַיווע „אַבסורדן". די אַלע מחשבֿות וואָס איך פֿאַרצייכן דאַרפֿן, מוזן זײַן וואָר. אויב ניט טון — כאָטש טראַכטן דערפֿון. אפֿשר, אפֿשר וועל איך זעלבסט, וועלן אַנדערע דאָך זײַן קאָנסעקווענט, ניט אַרומשלאָנדרעווען זיך אויף דער וועלט ווי צעחושטע, ליגנערישע שלעפּער-פּאַראַזיטן, נאָר באַרעכטיקן דעם געטלעכן מיין מיטן שאַפֿן זײַן קרוינווערק, ווי דער מענטש רעדט זיך אײַן: דער צלם-אלוהים.

אין יעדן מענטש ליגט אַ תּוהו-ובֿוהו פֿון אַ וועלט. עס פֿעלט אָבער די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן דעם ווילן כּדי עס זאָל ווערן אַ מעשׂה-בראשית.

דאָס איז גילטיק סײַ פֿאַרן יחיד ווי פֿאַר אַ גרופּע, פֿאָלק, ראַסע צי מענטשן-מין.

קומען אויף אַ מאָל מחשבֿות פֿון צילן, פּלענער – אָבער צעקראָכן, נעפּלדיק, בלײַבט עס אָן ממשות, ניט- פֿאַרווירקלעכט.

זאָל יעדער מאַכן אויפֿריכטיק אַן איבערזיכט פֿון דעם, וואָס האָט געזאָלט זײַן און איז ניט געוואָרן.

מע קען אָן שום צווייפֿל זאָגן, אַז דער מענטש טראָגט אין זיך לאַזער-ענערגיעס מיט ריזיקע מעגלעכקייטן, אָבער זיי גייען לאיבוד, ווײַל ס׳פֿעלט דער פּלאַזמע-צושטאַנד פֿון אַ ווילן ס׳זאָל ווערן עפּעס רעאַליזירט.

אַ שאָד, אַזוי פֿיל פֿאַרלוירענע וועלטן!

די „קונסט" אָדער די „קונץ" פֿון שרײַבן?

קודם – האָבן עפּעס צו זאָגן;

צווייטנס – קענען דאָס, פֿון וואָס מע וויל רעדן;

דריטנס – קענען די שפּראַך, גראַמאַטיקאַליש, אָרטאָגראַפֿיש און סינטאַקסיש;

פֿערטנס – ניצן די ריכטיקע סעמאַנטיק (ניטאָ קיין פֿאַלשע...);

פֿינפֿטנס – זײַן קאָנציז, פּרעציז און אייננפֿאַך;

זעקסטנס – זיך היטן פֿאַר רעטאָריק און מליצה;

זיבעטנס – ניט פֿאַרפּלאָנטערן די מחשבֿות מיט עלאָקווענץ און שווינגאָמענע רייד;

אַכטנס – ניצן קורצע, לאַקאָנישע און קלאָרע פֿראַזן;

נײַנטנס – אַכטונג טון אויף דער פּונקטואַציע: ניצן אַלע קאָנווענציאָנעלע צייכנס וואָס שטעלן צונויף אַ קאָרעקטן טעקסט,

פֿאַרשטענדלער פֿאַר יעדן;

צענטנס – אַכטונג טון צו בלײַבן אין דער טעמע, ניט אַראָפּ פֿון וועג, ניט פֿאַרקריכן קיין בויבעריק;

עלפֿטנס – זיך האַלטן בײַם ריטם, וואָס איז די קאַנווע פֿאַרן אינהאַלט: ניט פֿאַרלירן די מוזיק;

צוועלפֿטנס – קיינער לערנט ניט זינגען די פֿייגל אין וואַלד...

און דרײַצנטנס (אוי, אַ שלעכטע צאָל! אַ נס וואָס כ'בין ניט אָבערגלייבעריש...) – ניט רעבוסן, רעטענישן, נאָר געפֿרעגט זיך: איז ס'דאָזיקע וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אין הסכם מיט דעם, וואָס כ'האָב בדעה צו זאָגן? „טאָט איס טי קוועסטשן", ווי ס'וואָלט געזאָגט אַ דענישער פּרינץ אויף זײַן עלסינאָר.

≈❀≈

אין קיין שום רעליגיע, אין קיין שום כּלומרשט פֿרײַדענקערישער פֿילאָזאָפֿיע געפֿינט מען ניט –סײַדן זעלטן, און אפֿשר טאַקע קיין מאָל ניט– אַז די פֿײַנע פּרינציפּן וואָס זיי פּראָקלאַמירן זאָלן ווערן באמת אָנגעווענדט, אַפֿילו ניט פֿון די וואָס שילדערן זיי, צו זייער אייגענער עקזיסטענץ. זינט תּמיד איז מען יוצא מיט שיינע רייד, און מ'איז ווי יעבע ייִדן, וואָס זענען ציוניסטן מיטן הייסן אַנדערע ייִדן עולה זײַן קיין ישׂראל.

אַלץ איז געפֿעלשט, פֿאַרקריפּלט מיט קאָמענטאַרן, אינטער־פּרעטאַציעס, „דערווײַלן", „אָבערס", „דאָר'ס", „פֿונדעסט־וועגנס" אד"גל, אַזוי מיט ייִדן ווי מיט גויִים!...

דער מאַטעריאַליזם, די עקאָנאָמישע אינטערעסן, עגאָיִזמען, קאָמפּלעקסן, באַרעכטיקן דאָס פֿאַרקריפּלען די פֿײַנע עצות – און חי געלעבט. ווען ניט, וואָלט מען דען געדאַרפֿט האָבן אַזוי פֿיל רעליגיעס, אַזוי פֿיל סאָציאַלע רעזשימען? אַזוי פֿיל פּילפּוליזם מיט דעמאַגאָגישע טעאָריעס?

≈❀≈

ביט נאָר צווײַגן אָפּגעבראָכן, שטאַם צעהאַקט, צעשניטן, וואָרצלען אויסגעריסן! אויס מיט אונדזער בוים, דעם באַאָבאַב, מיט דער סעקוואָיע וואָס האָט אונדזער היים באַצירט, גענערט מיט פּירות, אין וועמענס שאָטן מע האָט גערוט, ווי אַזוי פּיל טרילנדיק געזאַנג האָט גענעסטיקט!

אויס, אויס, און גרעסער נאָך דער ווייטיק –

מיט דעם פּאַראַבאָל, דעם נימשל אין שײַכות מיט אונדזער ייִדישן פֿאָלק. פֿיזיש אומגעבערענגט דורך די אייביקע שׂונאים מיטן פּאַראָקסיזם פֿון שלעכטס: די היטלער-סטאַלינס, געהאָלפֿן פֿון כּמעט דער גאַנצער גויִישער „מענטשהייט", מישטיינס געזאָגט; און גײַסטיק האָבן ייִדן אַליין זיך פֿאַרטיליקט, זיך פֿאַרקאַמיקאַדזעט עגאָפּאָביש. ניטאָ מער קיין ייִדיש פֿאָלק. פֿאַראַנען נאָר ייִדן היברידן, סאַברעס, איווריטירטע און פֿאַנאַטישע פֿרומע כּלומרשט. אָבער וואַרשע, ווילנע – ניטאָ מער, וויי איז אונדז!

≈❀≈

אַ תּפֿילה:

גאָטעניו, באַפֿרײַ אונדז פֿון אַזוי פּיל אָפּגעטער, אויסגעטעטער אד״גל. לאָז אונדז רויִק דויערן אונדזער פּיצל זײַן, מיט דיר, באַשעפֿער אַלמעכטיקער, איינפֿאַכער און גוטער. באַפֿרײַ אונדז פֿון די קאָנקרעטע און אַבסטראַקטע געצן – די פֿון דער ערד און די פֿון די אײַנגערעדטע הימלען. לאָז אונדז אויסלעבן אין מנוחה אונטער דײַן השגחה, טוענדיק און טראַכטנדיק דאָס וואָס מע דאַרף, מע קען און מע מוז טון לויט אונדזערע מעגלעכקייטן און דײַנע נויטווענדיקייטן.

באַפֿרײַ אונדז פֿון די מיטאָלאָגיעס מיט זייער געטער-געזינדל נוסח העלעניזם צי הינדויִזם, בודיזם, זייערע אַלעגאָריעס, זייערע אַוואַנטורעס, מחבלים, טײַוואָלים, שדים און רוחות, גײַסטער און פּיפּערנאָטערס. באַפֿרײַ אונדז פֿון זייערע שטעלפֿאַרטרעטער, פֿאַרמיטלער, קאַריעריסטן, געשעפֿטס-לײַט וואָס נאַרן בשמות און

עקספּלואַטירן גופֿים. באַפֿרײַ פֿון זייערע דרשות, שטראָפֿרייד, פּאַטשערקע-סימבאָלן, היפּאָקריטישע בעלי-תשובֿהס, מיצווה- און עבֿירה-סיסטעמען מיט די קאָשמאַרן פֿון „דער וועלט" און „יענער וועלט", וואָס שרעקן און עקספּלואַטירן עולם-גולם. וואָס דאַרפֿסטו זיי, גאָטעניו, די פּאַראַזיטן, וואָס אויזורפּירן דײַן נאָמען און מאַטערן דײַנע קינדער מיט אויסטערלישקייטן און אָפּקומענישן?

שענק אונדז אַ רפֿואה צו באַפֿרײַען אונדזער לעבן פֿון דעם אַלעמען, ווי מע באַפֿרײַט זיך אין אַ באָד פֿון קויט און אומריינקייטן!

דײַן וועלט איז אַזוי פּרעכטיק; דער מענטש איז אַזוי קונציק געמאַכט, כּלומרשט קלוג, פֿײַן און שיין; וואָס דאַרפֿסטו דעם דאָזיקן קויט פֿון שלעכטס, מיאוסקייט, נאַרישקייט און ליגן?

אוי, גאָטעניו! ווו איז שוין דער גײַסטיקער און פֿיזישער בעזעם? ווו זענען זיי, די הענט וואָס זאָלן רייניקן דײַן קאָסמיש באַלעבאַטישקייט, כאָטש אויף דעם פּלאַנעט; יעדנפֿאַלס, בלויז אַפֿילו וואָס אָנבאַלאַנגט צו אונדז, דײַנע קינדער, וואָס באַגערן דיך, אַכטן און ליבן טרײַ און תּמיד.

אָמן, סלה!

עס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס די קאַטאָליקן האָבן סימפּאַטיזירט מיט בערגסאָנען און פֿאַר וואָס יענער האָט זיך שיעור ניט געשמדט. פֿאַראַן איז אין קאַטאָליציזם אַזוי פֿיל אינטויִציע וואָס מע קען ניט דערקלערן מיט ראַציאָנעלע, לאָגישע, אָביעקטיווע אַרגומענטן, און וואָס ס'איז אַזוי לײַכט רעכט-צופֿאַרטיקן מיט עפּעס וואָס מע „ווייסט" ניט, נאָר מע „פֿילט"... דורך אינטויִציע! אויב מע פֿאַרמאָגט עפּעס אַזוינס. ווען ניט – איז גלויבן דאָגמאַטיש געגנוג! אַ קרעדאָ און פּטור!

מענטשן זײַנען פֿויל אַליין צו זוכן, אַנאַליזירן. זיי גלייבן יענעם

אויפֿן בלויזן וואָרט, בפֿרט אַז געווען אַ צײַט ווען, אויב מ׳האָט ניט געגלייבט אויפֿן וואָרט, איז מען ניט געווען זיכער מיטן לעבן...
דאָס פֿײַער פֿון פֿאַרברענטע הערעטיקער האָט טאַקע באַלויכטן די וועלט, נאָר מע זעט איבעם נײַעם ליכט אַז אין תּוך האָט זיך ניט פֿיל געענדערט. די „יענטעס" האָבן זיך איבערגעשלייערט. אַנשטאָט צו גלייבן אויפֿן וואָרט דעם „הייליקן", גלייבט מען דעם פֿילאָזאָף, און — אַבי געזונט!

אפֿשר זענען אויך די ראַציאָנאַליסטן... בײַטן זיך דען ניט טעאָריעס אין מאַטעמאַטיק ווי אין לאָגיק?

~❀~

די וויסנשאַפֿט, די מעטאַפֿיזיק (אַן אַנדער אויסזען פֿון דער וויסנשאַפֿט), די פֿילאָזאָפֿיע — וועלן תּמיד זײַן די דערקענטעניש פֿון אייגנשאַפֿטן אין דער נאַטור.

דער מענטש וועט קיין מאָל ניט דערקענען דעם מהות פֿון אַלץ וואָס איז, אַזוי לאַנג ווי ער איז ניט אויסער דעם אַלעמען, און דאָס פּרוּוון גריכן אַזוינס איז אַבסורד.

די גרעסטע אַנטפּלעקונג פֿאַרן מענטש וועט זײַן דאָס פּלוצלינגדיקע דערזען, אַז אַלע גרעסטע קאָסמישע סודות זענען אים באַקאַנט, אָדער זענען אים אָפֿן פּשוט, נאָר ער קען ניט פֿאַרשטיין ס׳באַטירלעכע געטלעכע וואָרט. ווען דאָס וועט אים זײַן באַשיידט, וועט ער דערקענען סײַ זײַן גרייס, סײַ זײַן גליק, און דערין ליגט דער סוד פֿון משיחס צײַטן, פֿון וועלכע ער האָט אַ פֿאָרגעפֿיל, ער טרוימט, ער בענקט, ער טראַכט!

ביז דעמאָלט וועט ער בלאָנדזשען, לײַדן, זיך מאַטערן און זיך פֿירן ווי אַ פֿליג קעגן דער שויב, צי עמיצער וואָס וויל דערגיין די יענע-זײַט פֿון שפּיגל. קען זײַן אַז אַ גרעזל, אַ פֿלאַטערל, אַ קערן זאַמד — זענען גרעסערע חכמים ווי אונדזערע אײַנשטיינס, שטערן-פֿליִערס, סאָציאָלאָגן און גרויסע קינסטלערס.

~❀~

די מענטשלעכע „וויסנשאַפֿט", „קולטור" און „ציוויליזאַציע" באַשטייען און האָבן פֿעסטגעשטעלט געוויסע דערשײַנונגען און אייגנשאַפֿטן פֿון דעם, וואָס ס'קענען אויפֿנעמען די חושים. נאָר אַ פֿאַרגלײַכן, מאַכן אויספֿירונגען און צופּאַסן זיך, ניצט דער מענטש אויס דאָס אַלץ כּדי צו שאַפֿן זיך אומשטאַנדן און אַ לעבנס־שטייגער לויט זײַנע אויסטערלישע השׂגות.

ער זעט אָבער ניט, צי מאַכט זיך ניט זעענדיק, אַז ער אַטראָפֿירט, פֿאַרקריפּלט דאָס באַטירלער גוטע, געזונטע אין זײַן גוף און זײַן נשמה, און ביסלעכווײַז ווערט זײַן גאַנצע עקזיסטענץ אַ מין לעבנס־פֿיקציע, ווי אַ שפּינוועבס פֿאַרן צאַרטן פֿלאַטערל וואָס ער איז.

ווער ווייסט וועלכע טײַוול־שפּינען טשאַטעווען אויף אים. די חכמה, די וויסנשאַפֿט, זענען געווען אַ מיטל צו פֿאַרנאַרן דעם מענטש, און אים ברענגען אין אַזאַ צושטאַנד, ווי די שלאַנג וואָס פֿאַרכּישופֿט דעם פֿויגל וואָס זי וויל אײַנשלינגען. דער עץ־הדעת איז אַ גיפֿטיקע מתּנה פֿאַרן גן־עדן!

~❀~

דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד קען ניט תּופֿס זײַן דאָס אַבסאָלוטע אין קיין שום הינזיכטן.

ניט דאָס גרעסטע – אַז ס'זאָל ניט קענען זײַן קיין גרעסערס,

ניט דאָס קלענסטע – ביזן פֿאַרשווינדן פֿון עלעמענט, ניט קענענדיק מער צעטיילן,

ניט שטח, אָרט – ס'זאָל ניט קענען זײַן קיין ווײַטער, העכער, טיפֿער,

ניט דויער – ס'זאָל ניט זײַן קיין פֿריִער און שפּעטער,

ניט הייס – ס'זאָל ניט זײַן קיין הייסערס,

ניט קאַלט – ס'זאָל ניט זײַן קיין קעלטערס.

מע קען אַפֿילו ניט באַגרײַפֿן קיין אַבסאָלוטע געפֿילן, ווי למשל ליבשאַפֿט: ליב האָבן ביז זיך מקריבֿ זײַן און ניט פֿאַרטיליקן עפּעס

צי עמיצן, ניט צעשטערנדיק אייגענע קעמערלעך וואָס וועלן מוזן אומקומען דורך אַ „העכערן" מעטאַפּיזישן ווילן וואָס קאָמאַנדעוועט אינעם באַגרענעצטן אַלץ פֿונעם מענטש, אין זײַן מוח.

דאַכט זיך אַז ספּענסער האָט שוין געזאָגט אַזוינס, צי ענלעכס, אָדער עמיץ אַנדערש, אָבער ס'שאַדט ניט אויב אויך איך וועל עס נאָכזאָגן. אַן אמת קען מען, מוז מען טויזנט מאָל איבערחזרן.

און אַ ליגן? איין מאָל איז גענוג ס'זאָל זיך אַליין פֿרוכפּערן און מערן.

~❁~

אלע ראַציאָנעלע צי מעטאַפֿיזישע טעאָריעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, טעכנישע פֿעסטשטעלונגען — אַלץ מוז, דאַרף, קען זײַן פֿאָרמולירט אַזוי, אַז מע זאָל עס קענען פֿאַרשטיין ניט זײַענדיק קיין ספּעץ. ליידער איז די איינפֿאַכקייט ס'קאָמפּליצירטסטע פֿאַר אַ פּיפּיקן מענטש, וואָס קען ניט פֿאַרטראָגן און מוחל זײַן דער לאָגיק פֿאַרן צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. בפֿרט אַז לײַט האָבן ליב אָנצוגיין פֿאַר אַ ספּעץ, אויסנעמיק, סעקטאַנטיש אין זייער געביט, מיטן צופּאַסן אַן איזם, אַ לאָגיע, און ווערן אַן איסט צי אַ לאָג!... ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַן אינטעלעקטועלן פֿאַרשוין.

די רעליגיעזע טוען זיך אַן עצה מיט דאָגמעס, קרעדאָס, אַני-מאמינס, און מע מוז זיי גלייבן אויפֿן וואָרט. ווען ניט איז מען אַן אַפּיקורס, אַ קאַנדידאַט פֿאַר דער אינקוויזיציע, מאָדערניזירט, פֿאַרשטייט זיך, אָבער תּמיד גילטיק.

~❁~

וואָס ווילן זיי, די שוואַרצע אַמעריקאַנער? וואָס זוכן זיי דווקא אַרײַנצודרינגען אין דער ווײַסער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט, משטיינס געזאָגט? פֿאַר וואָס שאַפֿן זיי ניט קיין פֿרײַע קיבוצים? פֿאַר וואָס נעמען זיי זיך ניט אַראָפּ קיין משל פֿון

די ישׂראלים?

ווי מאָדנע: אָט, נאָך אַ ייִדישער בײַטראָג צו דער מענטשלעכער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. נאָך די צען געבאָט מיטן מאָנאָטעיִזם, נאָך די נבֿיאים, יעזוסן, שפּינאָזען, מאַרקסן, אײַנשטיינען, — אַ בײַשפּיל פֿון שאַפֿן אַ מדינה, קיבוץ- קאָאָפּעראַציע מיט פּראַגמאַטיזם, מי און הערויִזם אין אַלע היבזיכטן. ניט אומזיסט פֿארגינען ניט די גאַרישע גויִים אַזאַ פֿעיִקייט דעם קליינעם פֿאָלק וואָס איז צעשפּרייט איבערן פּלאַנעט, אַ דינאַמישער פֿערמענט צו פּאַסיווער קאַטאַליזאַטאָר. קיינער איז ניט, קען ניט זײַן גלײַכגילטיק. ייִדן פּראָוואָצירן צו דינאַמיזם, סײַ מיט זייער בײַשפּיל צי בלויז מיט זייער אָנוועזנקייט. זיי האָבן טײַער באַצאָלט דעם זכות!

~※~

אַלץ וואָס מיר זעען אַרום אונדז: פֿון דער זון וואָס שטראַלט ביזן מינדסטן בלימעלע וואָס שפּראָצט און בליט; פֿון דעם מינדסטן פֿלאַטערל וואָס קומט אויף פֿון זײַן אייעלע און לאָזט אַנדערע דורות פֿלאַטערלעך אין דער אייביקער קייט פֿון לעבן, ביז דעם ים וואָס שפּילט צי שטורעמט מיט זײַן אייביקן אויף און אָפּ — אַלץ איז אָן שום באַהעלטענישן, עזאָטערישע רמזים צי פֿאַרבאָרגענישן.

אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אַרום, איבער און אין אונדז זעלבסט, ליגט גרייט צו ווערן געזען, געפֿילט, פֿאַרשטאַנען. בכן קען מען זיך משער זײַן אַז דער באַשאַף האָט ניט אַ פּריוואָרי קיין פֿאַרבאָרגענישן וואָס מע דאַרף ניט, טאָר ניט צי קען ניט פֿאַרשטיין. הלמאי זאָל גאָט האָבן זיך צו באַהאַלטן מיט עפּעס? סודות? ער האָט מורא פֿאַר קאָנקורענטן?

~※~

שפריכווערטער זענען דער גרעסטער פֿאָלקס-אוצר פֿון חכמה און פּאָעזיע. די שפּריכווערטער פֿון אַלע פֿעלקער זענען דער גײַסטיקער אוצר פֿון דער מענטשהייט. מע קען זאָגן צו אַ פֿאָלק: ווײַז מיר דײַנע שפּריכווערטער און כ'וועל דיר זאָגן ווער און וואָס דו ביסט. ווען כ'וואָלט געקענט אָפּקלײַבן דאָס שענסטע אין אַ ביבליאָטעק, וואָלט איך געזאַמלט די שפּריכווערטער פֿון אַלע אומות-העולם! די שפּריכווערטער, די פֿאָלקסלידער, די קינדערשפּילן — דאָס איז דער אמתער אוצר פּאָעזיע און חכמה פֿון דער וועלט.

וועלכע באַשעפֿענישן קענען זיך גרויסן מיט אַזעלכע פֿאַרשריבענע גײַסטיקע פֿאַרמעגנס ווי דער מענטש? קען זײַן, אַז אַנדערע באַשעפֿענישן קענען דורך אינסטינקטן איבערגעבן עפּעס ענלעכס. אָבער נאָר מענטש קען עס פֿאַרשרײַבן לדור-דורות!

זײַ געבענטשט, גאָטעניו, פֿאַר דער מתּנה!

~❀~

עפּעס ברענט. וואָס ווערט מיט האָלץ, למשל? אַש, רויך, היץ, פֿלאַמען, ליכט — ווו קומט עס אַהין? אַזוי מיט עלעקטריצי־טעט, מיט פּעטראָל, פּועל, עסענץ. אַזוי פֿיל ווערט געוואַרעמט, געקאָכט, פֿאַרווענדט ענערגיע — וואָס ווערט דערפֿון, דערמיט? ס'קען דאָך ניט גיין טאָטאַל פֿאַרלוירן, נאָר ס'ענדערט אַספּעקטן. ווער קען וויסן עפּעס וועגן דעם? איצט מיטן נערן זיך און באַוועגן פֿון אַלץ!...

~❀~

— יעדער מענטש, יעדעס פֿאָלק, יעדע נאַציע, יעדער דור איז מחויב צוצולייגן נאָך אַ שטאַפּל צו דער לייטער, נאָך אַ שטיגל צו די טרעפּ וואָס פֿירן אַלץ העכער, אַלץ העכער, אַלץ העכער...

— ביז ווי הויך? ביז וואַנען?

– ביזן אין־סוף פֿון הימלען אַפֿילו, ביז צו גאָט צי געטער, פּשוט צי דורך ספּיראַלן ווי אין מאָלעקולן צי אין נעבולעזן־געבוי, און סוף כּל סוף וועט דער לעצטער שטאַפּל, ס׳לעצטע טרעפּל זיך געפֿינען אונטן גאָר, און פֿאַרבינדן דעם עתיד מיטן עבֿר?

– אײַלט די וועוורקע אין איר קרײַזשטײַגל פֿאָרויס, פֿאָרויס, און בלײַבט טאַקע אויפֿן זעלבן אָרט. אָבער דער עצם, דאָס וויכטיקע איז ניט דווקא „וווהין" מע גייט, נאָר אינעם „גיין". וויכטיק איז די דינאַמיק, ס׳לעבן, די אייביקע באַוועגונג. צווייפֿלען איז סטאַטיש, און סטאַטיק איז טויט. ווי אַזוי שלום מאַכן מיטן געדאַנק פֿון אומקום?

בכן מוז יעדער יחיד, יעדעס פֿאָלק, יעדע נאַציע, יעדער דור צולייגן עפּעס ס׳זאָל צוקומען נאָך אַ טרעפּל, נאָך אַ שטאַפּל צו שטײַגן אַלץ העכער, ווײַטער, ביזן אין־סוף אפשר – צי ניט, אָבער בשום אופֿן ניט אָפּשטיין!

אוי, באַרישער יעקבֿ אויף דײַן פֿעלדזיק געלעגער, וואָס מוז זײַן תּמיד אין געפֿעכט מיט מלאָכים וואָס לאָזן ניט שטײַגן!

ווי אַזוי בעמען דעם הינדויִזם פֿאַר אַן ערנסט־גילטיקער פֿילאָזאָפֿיע צי רעליגיע, אַז ס׳זענען פֿאַראַן דרײַ טויזנט פֿאַרשיידענע הויפּטקאַסטעס, חוץ די קלענערע; אַז אַ פּאַריאַ טאָר ניט קומען נענטער ווי 36 טריט צו אַ בראַהאַמאַן; אַז אפשר מיליאָנען קי בלאָנקען אַרום פֿראַנק און פֿרײַ, און אַז אין אַ פּערײַאָד פֿון הונגער גיט מען אַוועק דעם לעצטן ביסן די בהמות וואָס קיינער טאָר ניט שעכטן צי טשעפּען (כ׳וויים ניט וואָס ס׳טוט זיך מיט די אָקסן און קעלבער...). חוץ דעם: אַ פֿופֿציק מיליאָן מאַלפּעס טוען פֿראַנק און פֿרײַ וואָס זיי ווילן, און מע לאָזט זיי צעשטערן וואָס זיי געפֿעלט. דאָס אַלץ חוץ די מיטאָלאָגישע געטער־משפּחות און זייערע אויסטערלישע פֿירונגען, אאַז״וו.

נו, און איצט בעמט ווי ערנסט אַ קרישנאַ־מוטרי, צי טאַקע דעם בראהמא מיטן קאַמאַ קאַרמאַ, יאָגי, סיוואַ אאַז״וו. דאָס דויערט

אַזוי זינט טויזנטער יאָרן. אַז מע זעט די ראַכיטישע לײַט וואָס קומען זיך ווייקן אינעם הייליקן גאַנגעס, מיט דער אָרעמקייט, און דאָס ליגן אויף טראָטואַרן פֿון די אָרעמע, נעבעך... ווירטועלער נירוואַניזם.

≈❁≈

דער אַרגומענט פֿון אַ שטומען איז דאָס שווײַגן. אָבער אַ שטומער האָט זײַן אופֿן עפּעס צו זאָגן מיט אַ בליק, אַ זשעסט, אַ שמייכל – און דאָס קען האָבן מער זין, ווי אַ לאַנגע דרשה מיט רעטאָריק און עלאָקווענץ!...

≈❁≈

כ'גיי אויף געיעג אין מײַן ליטעראַטור און ווייס ניט וועלכן האָז איך זוך. דריי איך זיך אַרום אין וואַלד מיט דער אָנגעלאָ־דענער ביקס, און זוך, און וואַרט, און שיס אויף אַ צווײַג וואָס רירט זיך... כ'קען אפֿשר דעם אמתדיקן האָז ניט דעריאָגן צי ניט זען, און סוף כל סוף וועל איך אַהיימקומען מיט אַ קאַטאַר און מידע פֿיס. אהרון ברודער, גיי אַהיים שלאָפֿן.

≈❁≈

די אַראַבער, מיט הונדערטער טויזנטער קילאָמעטער טעריטאָריעס, ס'רובֿ געלאָזט אין וויסטעניישן, זאַמדיק, פּוסט און פּאַס, פֿאַרגינען ניט דאָס פּיצל מדבר וואָס ייִדן פֿאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן מיט זעט און ווױליזײַן. אַנשטאָט צו בענטשן און לויבן זייער קומען, און זיך נעמען אַ בײַשפּיל, לערנען גילטיק צו קענען עקזיסטירן און געניסן גלײַכצײַטיק פֿון זייער מי, ברענט די יוכע בײַ די דזשיהאַד־גזלנים, וואָס טשאַטעווען ווי היישעריקן אויף גערעטעניש צו רויבן, שנײַדן אַ גאַרגל, חרובֿ מאַכן, פֿאַרוואַנדלען אַלץ צוריק אין וויסטעניש. זייער סימבאָל – אַ יאַטאַגאַן. ווו נאָר אַ שפּראָץ גרינס – באַלד אָפּגעצופּט פֿון זייערע ציגן־סטאַדעס.

פֿאַר וואָס זאָלן זיי מוזן זײַן אַזוי פֿאַנאַטיש שלעכט? און האַלטן

זיך פֿאַר ברידער פֿון איין פֿאָטער, אַבֿרהם; קומען פֿרום צום קבֿר פֿון אונדזערע אָבות, אַזוי מיט קריסטן און מוסולמענער; ווי קינדער וואָס האָסן זייערע טאַטע-מאַמע, האָסן זיי די, פֿון וועלכע זייערע רעליגיעס שטאַמען.

≈❁≈

איך, לעכל אין דער פֿלייט, בין טאַקע נאָר נישטיקייט; דאָך, אָן מיר – ניטאָ קיין שום מעגלעכע מוזיק. אַזוי טראַכטן קענען סטרונעס, און אַפֿילו פּויק צי פּײַקל אָדער טרומייטער, וואָס זיך שפּילט מיט אַ בלאָז ווינט...

ערשט, דער מענטש – אפֿשר ער גאָר דערמעגלעכט וועלט זאָל קענען זײַן; וועלט וואָס איז אפֿשר דמיון בלויז אין אַ געטלעכן געמיט?

≈❁≈

טראָץ אַלע דערגרייכונגען און עפּיטעטן / מײַן פֿוס וועט קיין מאָל ניט באַטרעטן / ישׂראל; דו, פֿאַר מיר שטיף-פֿאָטערלאַנד, / ס׳אָרט ווו מײַן מאַמע-לשון יִדיש איז צו שאַנד.

ווי אַזוי האָט זיך אַ ייִד געקענט דערוועגן / עס זאָל אַזאַ מין חילול-ייִדישקייט געשען? / נאָר וואָס העלפֿט ס׳באַדויערן און פֿרעגן? / אַזאַ מין היימלאַנד איז פֿאַר מיר ווי ניט געווען!

≈❁≈

עפּעס פֿון דער זון, אַספּעקט פֿונעם אוניווערסאַלן עצם עלעמענט: לעבן, עוואָלויִרט דורך פֿאַרשיידענע מדרגות צו אַן אומבאַגרײַפֿטן פֿאַרן מענטש, אולטימען ציל, דורך וועגעטאַליזם, קאַרניוואָריזם און מענטש; פֿון עסענץ און סובסטאַנץ צו אַ גײַסטיקייט. אַריסטאָטעל, ווי בערגסאָן און טעיאַר דע שאַרדען האָבן דאָס פֿאָרגעפֿילט: חומר, מאַטעריעלער דומם, עוואָלויִרן צו ווערן רוחניות, אַסאָמאַטיש, איבערפֿיזיש, אָן ממשות פֿאַר חושים, אָבער כאָטש אַבסטראַקט אינטויִטיוו באַגרײַפֿט פֿונעם אינטעלעקט

אינעם מענטש. בכן איי דער מענטש בכלל, און דער באַוווסטזיניקער בפרט, אַ שטאַפּל צו עפּעס העכערס. יעקבֿס לייטערס גרייכן / אומבאַקאַנטע הייכן, / פאַר רעאַליטעטן קוים / אין רעלאַטיוון טרוים.

~~❁~~

רעליגיעס און פילאָזאָפישע דאָקטרינעס קענען זיין פאַרטרעגלעך, אפשר גילטיק און סאָציאַל צי יחידיש פראַגמאַטיש, אויב נאָר זיי זענען ניט אין רשות פון אינטערעסן און קאַריערעס זיך אַרויסצודרייען פון סאָציאַלע פליכטן און זיך שאַפן פּריווילעגיעס. דאָס טאָר בשום אופן ניט געשען, און קיין שום סאָפיזמען צי אַקראָבאַטישע אַרגומענטן וועלן ניט פאַרשלייערן די היפּאָקריטישע אַמביציעס.

~~❁~~

וווּ איז די גרענעץ צווישן עגאָיזם איי אַלטרויזם, צווישן רויִקן ערלעכן געוויסן און באַוווסטזיין פון באַגאַנגענער זינד? איז אַלץ ניט אינעם אוניווערס אין פּערמאַנענטן שלעכטס, מיט שטראַלונגען און מאַגנעטיימען לויט תּירוצים פון מאַסע און ענערגיע- פאַרהעלטעניש. מיט אַרביט-געפעגעניש, דאָס מוטועלע אָנגרייפן זיך פון עלעמענטן, ביזן נעמי זיך פון לעבן מיט לעבן, און דערצו, ווי ביים באַוווסטזיניקן מענטש, מיט אַ פּערמאַנענטער וווּנד אינעם געוויסן, רינענדיק ס׳דאָזיקע באַגרייפן, טראַכטן דערפון, און זיין אומבאַהאָלפן!...

מע קען זיך אָבער משער זיין אַז ס׳קען זיין אַנדערש, און נעמען אין אַכט דעם חומש-סימבאָל פונעם אוניווערסאַלן כי-טובֿ. דאָ איז דאָך אַ ווונדער וואָס ייִדישקייט איז סימבאָליזירט מיט די מחשבֿות פונעם אחד, שפּינאָזישן פּאַנטעיִזם, איינשטיינישע עקוואַציע און בערגסאָנישע קרעאַטיווע עוואָלוציע. אַלץ איי דינאַמיש, באַוועגט זיך ווייל עוואָלווירט קרעאַציע. און יעדע שאַפונג מוז גורם זיין תּענוג, עקסטאַז ביז אָרגאַזם. אַזוי ביים שאַפן אַ ווערק ווי ביים

שאַפֿן אַ וועזן, מײַסטעריש צי סעקסועל אַפֿילו! דאָס מוז זײַן גילטיק אַפֿילו אין קאָסמישע דימענסיעס און אַספּעקטן, בײַ געטער אַפֿילו, סופּרעמע מדריגה פֿון דעם וואָס קען זיך ווירטועל מאַניפֿעסטירן, כאָטש ניט באַגרײַפֿט פֿונעם מענטש.

אָבער ווי אַזוי פֿאָרן דאָס אַלץ מיט פּײַן, יסורים, אַנגסט פֿאַרן אומקום – איז שווער צו באַגרײַפֿן. קען זײַן אַ גרענעץ, אַן אויסוועג, אַ מעגלעכקייט דאָס צו מײַדן? ווער ווייסט וויפֿל אומקום איז פֿאַראַן אין מײַן עטעמען יעדע רגע. מײַן מינדסטע באַוועגונג שטערט דאָך עמיצנס מנוחה!

≈❀≈

אַ באַשעפֿעניש בכלל און אַ מענטש בפֿרט זענען געוועל-טיקט ווי אַ בינשטאָק, אַ טערמיטן- צי מוראַשקע-נעסט, אָדער אַ מדינה צי אַ שטאָט. אַ צענטראַלער מוח איז דער גײַסט, דער האַר וואָס קאָמאַנדעוועט און הערשט העגעמאָניש, פֿאַרזיכערט פֿרײַע צירקולאַציעס, אַלע ספּעציפֿישע פֿונקציעס זאָלן זײַן געזיכערט. פֿאַראַן אַ פּאָליציי, אַן אַרמיי וואָס שיצט פֿון דרויסן, אַן אינטערוועגץ אויב עפּעס איז געשטערט אָדער קאַליע געוואָרן, מיטן פֿאַרריכטן, היילן, בויען, זיכערן ווילזײַן, אָן אַטראָפֿיעס צי היפּערטראָפֿיעס.

און אַז דער האַר איז נישט מיט אַלעמען און צעשטערט די האַרמאָניע, קען ער גורם זײַן קאַטאַסטראָפֿעס, און ס׳גאַנצע באַגייט זעלבסטמאָרד אַפֿילו. ווער שאַפֿט דעם האַר מוח? אפשר די מאָלעקולן וואָס שטעלן צונויף דעם גוף און זיי ווערן דערבאָך פֿאַרשקלאַפֿט, מוזן פֿאָלגן! ווער ווייסט ביז וועלכער מדריגה אינעם אוניווערס הערשט ניט דער זעלביקער סיסטעם!...

≈❀≈

וויפֿל מאָל פֿאַרשפּילט מען אויף דער לאָטעריע, רולעטקע, פֿערדלעך צי וואַרפֿל-ביינדלעך איידער ס׳געלינגט אַ מאָל צו געווינען? ווײַזט אויס, אַז ס׳מוז אַזוי זײַן מיט גאָט כּביכול, וואָס

שפּילט מיט קאָסמאָסן, צי מיט גאַלאַקציעס. זעלטן ס'זאָל אים איין וועלט געלינגען. אַזוי פּיל מעשׂי-בראשיתן גייען וואָרשיינלעך לאיבוד. ניט אומזיסט אַזוי פּיל אוניווערסאַלע און לאָקאַלע קאַ-טאַסטראָפעס. אַז ס'איז אַזוי, וואָרשיינלעך, קען מען דאָך זען פון אָן אַ שיעור פאַלן: וויפל קערנער גייען פאַרלוירן איין פלאַנץ זאָל שפּראָצן? וויפל ספּערמאַטאָזאָידן – איין באַשעפעניש זאָל לעבן?

אומפאַרשטענדלעך, אַז אַן אָמנימעכטיקער מייסטער גאָט זאָל מוזן אָנקומען צו פּראָבאַביליטעטן, צופעליקייטן, ווי עפּעס אַ ליאַדע פּואַנקאַרע צי הייזענבערג. ווער ווייסט צי ס'איז אַזוי ניט מיטן מענטשן-מין: וויפל לייט גייען לאיבוד איין לייטישער פאַרשוין זאָל זיך מאַניפעסטירן! ניט אומזיסט וואָס די אַרן מיעדניקס זענען אַזוי זעלטן!

≈❀≈

אַ חכם, האַמלעט זיי! פאַרמענטשלעכן אַ גאָט? פאַר-געטערן אַ מענטש? נאַרישער פּרינץ אויף דיין עלסינאָר, ניטאָ קיין זיין אָדער ניט זיין. מ'איז, אָן פּראָבלעמען – פּרינץ צי פּשוטער בשׂר-ודם. שטאַרבן מוז מען סיי ווי סיי.

≈❀≈

פאַר וואָס זאָל קענען זיין אַ מעטאַפיזיק און ניט אַ מעטאַלאָגיק, אַ מעטאַמאַטעמאַטיק און אַ מעטאַפּסיכיק? דער דאָזיקער פּרעפיקס, צוגעטשעפּעט צו וואָס מע וויל, קאָנקרעטס צי אַבסטראַקטס, זאָל באַרעכטיקן אַלע סאָפיזמען, סבֿרות און השערות? אָט למשל: צוויי מאָל צוויי איז פיר? חלילה, ניט פאַר מיר! מיט אינטויִטיוון בערגסאָניזם, / העיזענבערגיש, פּואַנקאַריש, מיט צי אָן אַן איזם, / פאַר וואָס ניט אַקסיאָמאַטיש פּראָקלאַמירן / אַז **מעטאַס** זאָלן אויך אין אַריטמעטיק עקזיסטירן, / און ממילא, אָן שום מין קאָמפּלעקס – / צוויי מאָל צוויי איז זעקס?

≈❀≈

האָב ניט קיין פֿאַריבל, גאָטעניו, וואָס כ׳טשעפּע זיך אַזוי אָפּט צו געטלעכקייט: דאָ גענומען ווי אַ טעמע, דאָ צו קריטיקירן אָדער סתּם צו מחברן עפּעס! דאָס איז חלילה ניט הערעטיש, צי אַן אַטעיִסטישער פּילפּוליזם. דו ווייסט דאָך יאָ מײַן אָפּשײַ און טאָטאַלע ליבשאַפֿט צו דיר און דײַן באַשאַף.

נעם ניט פֿאַר אַ חטא / מײַן כּלומרשטע ליצענץ פֿון אַ פּאָעט. / אויב כ׳בין אַזוי ווי כ׳בין און טו – / ווער מיך באַשאַפֿן האָט, אויב ניט דו?

≈❀≈

אַזוי ווי ס׳קען ניט זײַן קיין קאָמפּראָמיס מיט אַ ווירוס צי אַ מיקראָב, געפֿינענדיק אַ לאַגע פֿאַר עמיצן: האַלב-געזונט פֿאַלאָווינע-קראַנק – ס׳קען גילטן אין דער הינזיכט: אָדער מ׳איז געהיילט, אָדער מע לײַדט כראָניש, מיט קריזיסן און פּערמאַנענטער געפֿאַר אומצוקומען – איז עס אַזוי מיטן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם צי סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, פּראָגרעסיזם און נאָך אַזעלכע פּלאַצעבאָ-רפֿואות. מע קען ניט זײַן אַ ביסל עקספּלואַטירט, אַ ביסל פּאַראַזיט, מיט אַ גלײַכהייט פֿאַר אַלעמען, אָבער דאָך פֿאַר געוויסע לײַט אַ ביסל מער גלײַכהייט. דאָס איז היפּאָקריזיע, סאָציאַלער בלאָף און לעטאַרגיע פֿאַר עולם-גולם.

≈❀≈

אַזוי לאַנג ווי יִדישע יִדישקייט, מיט אַ נויטווענדיקייט, מיט תּענוג צו געניסן דערפֿון, וועט ניט זײַן וויכטיק ווי עסן, טרינקען און האָבן אַ היים, נאָר מוזן זײַן אַ מענטליק-טובֿה, מיטן אַבאָנירן זיך אויף אַ יִדישער צײַטונג, אַ פֿילאַנטראָפּיע-פֿענאָמען פֿאַר אַ חבֿרה-קדישא-ביולעטין פֿאַר נעקראָלאָגן, איז לויט מיר ניטאָ מער קיין יִדיש פֿאָלק.

די לעצטע פּסעוודאָ-מאָהיקאַנער, די זקנים וואָס מוזן אָנקומען צו קינדערס הילף און פֿאַר וועלכע מע מוז האָבן אַ טעלעוויזיע-

פּראָגראַם אויף ייִדיש, אָדער דערמאָנען אַז ס'איז ראָש־השנה מיט אַ יום־טובֿ־נומער – זיי זעבען קיין ייִדישע צײַטונג ביט ווערט. זיי האָבן געזינבדיקט מיטן דערצי̈ען דורות היברידן, כּלומרשטע ייִדן, נאָר ווײַל געמלט און מע ווערט זיי באַגראָבן אויף אַ ייִדישן בית־עולם, מיט צי אָן אַ קדיש. זייער קומען אין אַ יום־כּיפּור נעבן צי אין אַ סינאַגאָגע, אָדער בלויז שליסן די געשעפֿטן (איבערהויפּט אַז יום־כּיפּור פֿאַלט אויס אין אַ שבת צי זונטיק...) איז אָן שום ווערט.

די אַנדערע פֿאַנאַטיזירטע פֿרומע אָרטאָדאָקסישע געבערדיקטע ייִדן וואָס לערנען תּורה מיט טײַטשן אויף פֿראַנצייזיש און ענגליש די גמראס – זיי זעבען פֿאַר מיר אָן שום ווערט ווי ייִדישע ייִדן.

ביטאָ קיין ייִדן? קיין מנין? קיין מזומן? וועל איך מיר זײַן אַליין אַ ייִדישער ייִד, און זיך מחיה זײַן מיט אַ „מאָניש", מיט אַ מאַנגערן, אַ פּרצן, אַ שלום־עליכמען, אַ סוצקעווערן, אַן אלי וויזעלן און נאָך אַנדערע.

ביט די צאָל גיט עפּעס אַ ווערט, נאָר די קוואַליטעט. עס וועלן דאָך זיך תּמיד געפֿינען למד־וואָוו צדיקים אין וועמענס זכות ייִדישקייט וועט האָבן אַ קיום, אין דערוואַרטונג פֿון אַ נס צי אַ משיחן, וואָס מוז אַ מאָל קומען.

~❀~

זײַן מיטן בלויזן הייסן „שרײַבער" שטאָלץ? / ביכער דאָך פֿאַראַן וואָס זעבען ווי די ביימער אָן צוויט די פּירות, / נאָר מיט בלעטער גרינס אַ סך!

ווילסטו זײַן אַ גילטיקער מחבר – / זאָל דײַן וידבר / זײַן תּמיד מיט אַ לאמור! / ווי בוים מיט גאָרטנס שבֿח, / ביט עפּעס סתּם צו זײַן נאָר האָלץ.

~❀~

קען עמיץ פֿאַר אַ בלינדן / שוואַרצע זונען צינדן? / און איז ער טויב — / אים מאַכן הערן / די מוזיק פֿון הימלענס ספֿערן?

חוץ דמיונס שטראַל / פֿאַר אים ליכט ניט פֿאַראַנען. / פּיטאַגאָר בלײַבט ניט פֿאַרשטאַנען, / זײַן גורל איז פֿאַטאַל.

≈❀≈

מײַן טײַער ייִדיש פֿאָלק: ווי אַזוי זאָל איך דיך ניט ליב האָבן, באַוווּנדערן, ניט זײַן נשתּומם מיט דײַן אויסערגעוויינט־לעכער קראַפֿט, פֿעיִקייט איבערצוקומען אַזוי פֿיל דויער זײַענדיק תּמיד ווי אַ שאָף צווישן סטײַעס וועלף מיט תּמיד שטשירענדיקע מאָרדעס צוין, תּמיד צווישן אַזוי פֿיל שונאים, אַזוי פֿיל ניט־פֿאַרגינערישקייט, אַזוי פֿיל רציחה־גײַציקייט, אַזוי פֿיל אַכזריות וואָס נאָר אויסטערליש ווילד־משוגענע בעסטיעס האָבן געקענט אויסגעפֿינען, זיך ווייקנדיק אין פּערוועזע תּענוגים, זעענדיק ווי דו לײַדסט, קומסט אום!

דער מענטשן־מין וועט אייביק טראָגן אין זײַן געמיט די שאַנד, דעם בלוטיקן קויט. סײַ די וואָס האָבן עס געטון, סײַ די וואָס האָבן עס טאָלערירט גלײַכגילטיק, און סײַ די וואָס האָבן געהאָלפֿן און אַפּלאָדירט מיט ווײַסע הענטשקעס צו שמוציקע הענט.

ווי אַזוי האָסטו געקענט דאָס אויסהאַלטן זיבנט טויזנטער יאָרן, אַזוי אָפֿט, און דאָך איבערלעבן דײַנע מערדער בלײַבנדיק אַלטרויִסטיש, מיט דעם באַגער פֿון וווילזײַן פֿאַר דעם גאַנצן באַשאַף, טראָץ אַזוי פֿיל געמיינע לײַט דעריך, און ס׳דאָזיקע סײַ רעליגיעז, מיט דעם באַגער און זיכערקייט אַז משיח מוז קומען, סײַ פֿרײַדענקעריש, וועלטלעך, מיטן סאָציאַליזם, אַז דער קלאַסן־קאַמף זאָל פֿאַרשווינדן און קומען זאָל אַן עפּאָכע פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברודערשאַפֿט, אָן עקספּלואַטאַציעס פֿון פּריווילעגירטע עגאָיִסטן, אָן פּאַראַזיטעווען פֿון אַזוי פֿיל היפּאָקריטישע לײַט מיט זייערע קלאַסן־פּריווילעגיעס.

ווי אַזוי תּופֿס זײַן דײַן עקזיסטענץ? באמת, דער וואָס גלייבט ניט אין ניסים איז ניט קיין ראַציאָנאַליסט, יעדנפֿאַלס אין שײַכות מיט דיר, מײַן טײַער ייִדיש פֿאָלק!

~❀~

יעדער עפּעס, סובסטאַנץ צי עסענץ, קען זיך, מוז זיך מאַניפֿעסטירן אין צי אויף עפּעס מיט אויסשפּרייטונג אין אָרט און מיט דויער אין צײַט. דערצו מיט אַן אָנהייב און מיט אַ סוף, זײַן דער רעזולטאַט פֿון אַ סיבה און די סיבה פֿון אַ קינפֿטיקן אַספּעקט, אַלץ זײַענדיק תּמיד אין עוואָלוציע. אויסשפּרייטונג קען אָבער זײַן: אויב אין פֿאָרמען פֿון אַ קוב – מיט זעקס ריכטונגען: די פֿיר קאַרדינאַלע און דערצו אַן אויבן מיט אַן אונטן. וויפֿל ריכטונגען קענען אָבער זײַן אין אַ קרײַז, צי אין אַ ספֿערע?

חוץ דעם: אויסשפּרייטונג האָט דאָך אויך אַ שײַכות מיט שטראַלונגען און אַנדערע עקספּאַנסיעס ווי ריחות, למשל, צי אַספּעקטן וואָס גרייכן עמיצנס אויג. ווי אַזוי פֿאַרשטיין אײַנשטיינס פֿיר דימענסיעס? קען איך ניט תּופֿס זײַן וואָס איז דימענסיע? ווי אַזוי דויערט מען לויט דימענסיעס? אַז אין אָרט – קען איין אָרט פֿאַרנומען ווערן פֿון נאָר איין עפּעס, אָבער צײַט איז דאָך אַן עפּעס אין וועלכן ס'קענען דויערן גלײַכצײַטיק מיליאָנען פֿענאָמענען?

פֿאַר מיר איז דאָ איין אויסוועג פֿאַר די פּראָבלעמען: אַן אַספּירין, אַ קאַלטער קאָמפּרעס, צי גיין כאַפּן אַ דרימל.

~❀~

אויב מיט אפֿשר זעקס טויזנט יאָר צוריק האָט אַ גילגאַמעש דערציילט, אַז רײַזנדיק אין ווײַטע מרחקים האָט ער געהערט פֿון אַן אוטנאַפּישטים די געשיכטע פֿון אַ גרויסן מבול וואָס זאָל האָבן געווען אין אַשור צי אין בבֿל, און מע געפֿינט אַ באַווײַז דערפֿון אין דער ביבליאָטעק פֿון אַסורבאַניפּאַל – ווי אַזוי האָבן די מחברים פֿון חומש ניט געוווסט עפּעס דערפֿון, און

דאָך דאָס אַרײַנגענומען ווי אייגענע שאַפֿונג? ווער ווייסט וויפֿל אַמאָליקע מיטאָלאָגיעס געפֿינען זיך ביז איצט אין חומש מיטן מעשׂה־בראשית, וואָס גייט אָן ווי אַ וואָרע כראָנאָלאָגיע פֿאַר אַזוי פֿיל לײַט. ווי גאָט וואָלט באַדאַרפֿט האָבן אַ באַרעכטיקונג צו באַווײַזן זײַן ווירטועלע עקזיסטענץ!

~❁~

געלייענט אַ וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער ווירקונג פֿון דער לבֿנה אויף אַן אָרגאַניזם, וואָס באַווײַזט דאָס זעלבע, וואָס כ'האָב געשריבן מיט יאָרן צוריק: אַז אַזוי גוט ווי אויף אָקעאַנען, ווירקט די לבֿנה אויף יעדן טראָפּן וואַסער אין אַ באַשעפֿעניש. אַזוינס מוז אויך געשען מיט אַנדערע אײַנפֿלוסן, חוץ די וואָס מע קען זען מיט די אויף־ און אָפּ־פֿלוסן בײַם ים. ס'מוזן זײַן מאַגנעטישע און ווער קען גענוי וויסן נאָך וועלכע ווירקונגען. ערשט פֿאַר וואָס נאָר מיט דער לבֿנה. די זון, אַלע פּלאַנעטן, די גאַלאַקציעס!...

די אַסטראָלאָגן זענען ניט תּמיד בלאָפֿערס. זיי פֿילן עפּעס, אָבער קענען ניט גענוי וויסן ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן. זייערע האָראָסקאָפּן, מיטן ביצוע עפֿעקט, זענען פֿאַנטאַסטיש, אָבער זיי קענען זײַן גילטיק.

אַז מע קען דעם קאַלענדאַר מיט די פּאָזיציעס פֿונעם פּלאַנעט אין שײַכות מיט די אַסטראָ־שכנים און זייערע ראָטאַציעס, קען מען אורטיילן וועגן נערוואָזיטעטן און רעקאָמענדירן ניט צו טון עפּעס אין דעם פּעריאָד צי אין אַ צווייטן. פֿאַר געוויסע לײַט איז דאָס טאַקע נויטווענדיק!

~❁~

קהלת, בודהא, שאָפּענהויער – אַלץ פּסיכאָפּאַטיזם!

אַזוי דאַרף הייסן דער פּעסימיזם ווי אַ רעליגיעזע דאָקטרינע צי אַ פֿילאָזאָפֿישע מיתה־משונה.

אַנטלויפֿט ווו נאָר געקענט פֿון די דאָזיקע לײַט. זאָלן זיי גיין אין זייערע נירוואַנאַס. ווי ס'זעט אויס, איז שאָפּענהויער באַלוינט געוואָרן מיט אַ כאָליערע וואָס האָט אים באַפֿרײַט פֿון דער פּרעכטיקער מתּנה „עקזיסטענץ" אויף אונדזער בלויען פּלאַנעט.

וואָס טוט דאָ שלמה המלך מיט זײַן הכּל הבֿל? אַ קעניג מיט טויזנט שיינע ווײַבער, אָן שום מלחמה, געבויט ס'בית־המקדש – און דאָס אַלץ איז הבֿל־הבֿלים? אויסער אפֿשר דאָס האָבן טויזנט שוויגערס...

~❀~

מאָדנע אַז אַ דײַטש, אַן אונטער־אָפֿיציר, האָט געשאַפֿן אַזאַ מין שיינע סעקטע ווי די דוכאָבאָרן, מיט אַזוי פֿיל אַלטרויִזם, און אַ צווייטער אונטער־אָפֿיציר אַ דײַטש – דעם „מײַן קאַמף", מיט אַזוי פֿיל משוגענעם האַס און ווילדער רציחה!

דאָס זעלבע פֿאָלק מיט אַ געטהע, בעטהאָווען, העגעל און אַזוי פֿיל חכמים, און אַ געבעלס מיט זײַנס גלײַכן!

~❀~

זאָגן: עמיץ איז אַ שוואַנץ, און זײַנע רייד און אַרגומענטן זענען שוואַנצעוואַטע? פֿע! ניט שיין, גראָב־יונגעריש.

אָבער זאָגן עמיצן אַז ער איז אַ פֿאַלאָקראַט, אַז זײַנע טעאָריעס זענען פּריאַפּיזם – דאָס איז עלעגאַנט!

~❀~

ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי די פֿענאָמענאָלאָגן, אויך די וואָס זענען נוסח הוסערל, ווילן באַרעכטיקן אַפֿילו ס'קריסטנטום מיט ווּיסנשאַפֿטלעכע באַווײַזן, שיעור ניט ווי מיט מאַטעמאַטיק, לאָגיק אָדער אפֿשר אויך לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן!...

אַנשטאָט צו זען דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, דעם מאַרקסיזם מיט זײַנע באַווײַזן אַז דער קלאַסנקאַמף קעגן די פּריווילעגיעס

פֿון די מאַכטהאָבער איז דער יסוד פֿונעם פֿענאָמען רעליגיע, ווי פֿון די איבעריקע מיטלען, כּלומרשטע עטיק, עסטעטיק, מאָדעס, פּאַטריאָטיזמען, ספּאָרטן און אַלץ וואָס קען מיט עפּעס פֿאַרטשאַקען דעם עולם-גולם מיט פֿאַרשיידענע טעאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס צי אַנדערע דאָקטרינעס, און עקספּלואַטירן די לעקישעוואַטע לײַט לטובֿת עגאָיִסטישע אינטערעסן.

~~

אבסאָלוט ניט מעגלעך קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט שלעכטס, געמיינקייט, שקר, היפּאָקריזיע, שווינדל אד״גל. קיין שום אידעאָלאָגיע, קיין שום פּראָסעליטיזם, קיין שום אינטערעסן, קיין שום תּירוץ קען ניט, טאָר ניט, וועט ניט באַרעכטיקן ס׳דאָזיקע ערגסטע וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן מיט די פֿענאָמענען פֿון רציחה, טאָרטורן, אַטענטאַטן, טיראַניעס, פּאַראַזיטיזמען און דאָס גלײַכן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נוגע ליידער נאָר פֿאַרן מענטשן-מין. ווי אַזוי קען מען זיך נערן, עטעמען, באַוועגן אָן עפּעס מוזן צעשטערן, אַפֿילו עמיצנס רו? אָבער, אויב געמוזט עס טון — איז געשיצט וואָס נאָר געקענט. ניט זײַן קאַרניוואָריש. ניט האָבן קיין באַגערן צוליב מעגאַלאָמאַניעס, אײַנרעדענישן, סנאָביזמען און סתּם קאָמפּלעקסן צי מאַנקאָליעס.

וואָס-זשע טון? לאָזן די וועלף, היענעס, שטשורעס, וואַנצן, ווירוסן און כאָליערע-וויבריאָנען טון אַלץ ווי זיי מוזן: זיך ממיתן, פֿאַרטיליקן צווישן זיך. אָבער פֿונעם מענטשן-מין, פֿאַרוואַנדלט אין ווילדע משוגעים — אַנטלויפֿן! וווּ? דער פּלאַנעט איז גענוג גרויס. זעט וואָס די ישׂראלים באַוויזן צו טון אין זאַמדיקע מדבריות!

מאַכן אַ נײַע פּלאַנעטאַרע צעטיילונג פֿון טעריטאָריעס. פֿון איין זײַט, די פּערוועזע, געמיינע ברואים; פֿון דער צווייטער, אַלע אויפֿריכטיקע, גוטע, ערלעכע לײַט. שאַפֿן לעבנס-שטייגערס, פֿיזישע, פּסיכישע און ספּיריטועלע רעזשימען, השׂגות, אָן שום אַסקעטיזמען, אָן שום רעליגיעזע פֿאַנאַטיזמען, יחסנות,

פּריווילעגיעס; מיט וואָרער פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט, מוטועל טרײַ, מיט צוטרוי צום באַשאַף און פֿרומע דאַנקבאַרקייט צו געטלעכקייט, צי ווי מע וויל עס רופֿן: דאָס וואָס דערמעגלעכט אַז וועלט און אַלץ אַרום, דערויף, דערין, זאָל קענען זיך מאַניפֿעסטירן.

אַבסאָלוט מײַדן יעדן מינדסטן קאָנטאַקט מיט די אַנדערע, וואָס זאָלן זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט מיט זייערע פֿאָביעס, מאַניעס און שוואַרץ-יאַר-ווייסט וואָס זיי ווילן מיט זייערע מעשׂים און מחשבֿות. מע קען, מע מוז, מע וועט תּמיד געפֿינען טעריטאָריעס, אויב באמת באַגערט פּטור צו ווערן פֿון די כּלומרשטע ציוויליזאַציעס מיט זייערע קולטורן, רעליגיעס און פּערווערזע פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען, קאַפּיטאַליזמען און כּלומרשטע דעמאָקראַטיע, זייער פּראָגרעס מיט די ליבעראַליזמען, זייער פֿרײַהייט – צו קענען עקספּלואַטירן, וואַמפּירייזירן אַנדערע וואָס זענען ניט מסוגל זיך צו פֿאַרטיידיקן, מיט זייער גלײַכהייט פֿאַר מעכטיקע צו פֿאַרשקלאַפֿן אַלץ וואָס לאָזט זיך, און ברודערשאַפֿט צווישן היענישע בעסטיעס צו קענען פּאַראַזיטעווען אויף מיליאַרדן לײַט מיט דעמאַגאָגישע, אידעאָלאָגישע סאָפֿיזמען, אָדער מיט תּפֿיסות און עקזעקוציעס.

דאָס זעט אפֿשר אויס ווי אַן אוטאָפּיע, אָבער ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווײַל דער ספּיראַלער פּראָגרעס פֿון די הײַנטיקע רעזשימען, שוואַרץ צי רויט, מוז פֿירן צו אַ טאָטאַלן נוקלעאַרן אומקום פֿאַר דער גאַנצער ביִאָספֿערע. וואָרשײַנלעך וועל איך שוין דעמאָלט סײַ ווי סײַ ניט זײַן קיין היגער, אָבער עמיץ וועט אפֿשר אַ מאָל דאָס לייענען און זען, אַז מײַנע רייד זענען ניט סתּם געבאַטשקעט, נאָר מײַנע טרויעריקע פּראָפֿעטיזמען ווערן סיסטעמאַטיש רעאַליזירט, מיט אַלץ אָפֿטערע סימפּטאָמען, אַלץ נײַע סידאָס, ביזן קוועטש אויפֿן רויטן קנעפּל און אויס מיטן וויסטן קאָשמאַר!

ערגער נאָך, דאָס וואָס גלײַכצײַטיק מיטן עקאָנאָמישן אומגליק פֿאַרסמען זיך לײַט, פֿיזיש און פּסיכיש, מיט דראָגן: ניקאָטין,

אַלקאָהאָלן, רעליגיעזע אַנטאַגאָניזמען, קאָנפליקטן, קאַפּיטאַ־ליסטישע העגעמאָניעס און סתּם משוגעתן, וואָס סטימולירן, מאָטיווירן, דאָפּירן און האָרמאָנעווען אַלץ אַרום זיך!

≈❀≈

ווי אַזוי קענען לופטספערעס, זעפירן ניט פאַרשווינדן אין אומענדן, צענטריפוגיש צי צענטריפּעטיש, צוגעצויגענע פון גרעסערע מאַסע־עפּעסן ווי אַ פּלאַנעט, למשל, און בלייבן דאָך אַרום דער ערד, בשעת אַ מינדסט קינדער־באַלאָנדל הייבט זיך אויף אַזוי לייכט?

ווי אַזוי קען אַ ים, וואָס איז באַרגיק, ספעריש געזען האָריזאָנטאַל, זיך ניט צעגיסן אָדער אויסגיסן בשעת ער איז אַנטיפּאָדיש?

אויב דאָס אַלץ איז צענטריפּעטיש געצויגן מיט מאַגנעטיזמען, מאַסע־ענערגיעס – ווי אַזוי קען מען זיך באַוועגן ווי מע וויל, אין אַלע ריכטונגען, און ניט נאָר אַ באַשעפעניש, נאָר אַ פוכעלע, אַ פלאַטערל, אַ שטויבעלע?

פאַר וואָס ציט די זון ניט צו צו זיך אַלע, אַלע פּלאַנעטן?

ערשט, פאַר וואָס קען איך טראַכטן און פרעגן אַזעלכע קלאָץ־קשיות, און הלמאי וויל איך דאָס וויסן?

איז עס ניט אויסטערליש?

≈❀≈

וועלט, לעבן, מענטש.

אַנשטאָט האַרמאָניזירט, ווערט אַלץ האָרמאָניזירט.

מיטן דאָפּירן אַלץ פיזיש און פּסיכיש, פאַרקריפּלט מען גוף און נשמה.

מיט מוטאַציעס פאַרלירט מען באַטירלעכע אָריגינאַליטעטן. מען אַסימילירט ניט עפּעס, נאָר מען אַסימילירט זיך צו עפּעס!

מיט גענעטישע מאַניפּולאַציעס שאַפֿט מען מאָנסטרועזע ראָבאָטן פֿאַר פֿיזישע און ספּיריטועלע קאָמפּעטיציעס.

ניטאָ קיין נאַטירלעך אָפֿן אויג מיט נאָרמאַלע וויזיעס! אַפֿילו חלומות זענען נאָר קאָשמאַרן.

אַלץ איז געברילנט, ס'רובֿ מיט ביזאַנסירטע גלעזער וואָס פֿעלשן אַספּעקטן. בליקן זענען ניט פּשוט, נאַטירלעך, נאָר ווי באַגערט אָדער געצוווּנגען צו זען אַלץ אין מאַניפּולירטע אַספּעקטן.

פּיפּיקע מאַניפּולאַטאָרן באַווײַזן אַקראָבאַטישע קונצן מיט רעטאָריק. און דיאַלעקטיק איז ניט עפּעס אַ נישטיקייט, נאָר אַ קאָנקרעטער עלעמענט, וואָס שטעלט טעזעס אַז מע וויל אויף די פֿיס צי אויפֿן קאָפּ, נוסח העגעל, מאַרקס, הײַדעגער, סאַרטר, גאַבריעל מאַרסעל.

פֿיזיש און ספּיריטועל זענען ניטאָ מער קיין נאַטירלעכע וויזיעס. אַנשטאָט זעעניש, איז אַלץ פֿאַרזעעניש, און ס'דאָזיקע פֿאַרשטייט זיך לויט נאָרמאַלע שׂכל-הישרדיקע השׂגות, וואָס גייען אָן פֿאַר יענע ווי לײַט פֿאַרפּירטע מיט באַזיווע יאָלדיזמען!...

צוויי מאָל צוויי איז פֿיר? דאָס הייסט נעמען אַ ציוויליזירט-פּראָגרעסיוון האָמאָ-סאַפּיענס מיט אַ לענטילייזירטע לאָגיק, וואָס קען לייענען און פֿאַרשטיין אַ דיסערטאַציע פֿון אַ פּואַנקאַרע צי אַ הײַזענבערג, אָדער תּופֿס זײַן אַ פּלאַנק-קוואַנטישע עקוואַציע – פֿאַר אַ לעקיש! ווײַל אַלץ איז פּראָבלעמאַטיש, קוואַזי-ווירטועל, ספּעקולאַטיוו, צופֿעליק, רעלאַטיוו. מע קען באַווײַזן אַז שטעלנדיק אַ קאָמע דאָרטן, אַ זעראָ דאָ, פֿון פֿאָרנט צי פֿון הינטן אַ ציפֿער, איז דער רעזולטאַט תּמיד פֿאַרשידן, מיט אַלגעברישע טעאָרעמען. קען מען ממילא ניט אורטיילן וועגן עפּעס מיט זיכערקייט. יעדער עקזיסטענציאַליסט, סטרוקטוראַליסט צי אַנדער **איסט** באַגרײַפֿט דאָס אַלץ און ניצט עס ווי ער וויל, קען צי מוז, צוגעפּאַסט צו זײַנס אַ טעאָריע, אַמביציע אָדער אינטערעס.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָר מוילאַרבעט. הינטער דעם אַלעמען איז עקאָנאָמיש, סאָציאַל גאָרניט געענדערט. קלאַסן-פּריווילעגיעס

זענען פּעסט, וואָס מער געזיכערטער, מיט אַלץ מער גײַציקייט און עקספּאַנסיע-אַמביציעס. מע דיסקוטירט וועגן גראָשנס פֿאַר אַ מינימום-לוין דעם האָרעפּאַשניק און מע פֿאַרדינט מיליאַרדן אין די בענק, אויף די בערזעס און די טראָסטן, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין לענדער- צי פֿעלקער-גרענעצן. ס׳איבעריקע איז ליטעראַטור.

~❀~

פֿיזיש איז ארץ-ישׂראל טאַקע דער בוים, אָבער עם-ישׂראל זענען די וואָרצלען וואָס נערן עס מאַטעריעל און גײַסטיק. אָבער עם-ישׂראל איז צעשפּרייט אין אַלע גלותן. ס׳וועלן תּמיד זײַן מער ייִדן אין דרויסן ווי אין ישׂראל.

די איינציקע מעגלעכע פֿאַרבינדונג מיטן גאַנצן אוניווערסאַלן ייִדישן פֿאָלק איז אויפֿהאַלטן דאָס סעקולערע ייִדישקייט, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם ווידעראויפֿקום פֿון ארץ-ישׂראל. אָן דעם ייִדישן זאַפֿט וועט דער שטאַם ווערן טרוקן, און אָדער וועלקן, אָדער ווערן אַ שטיף-פֿאָטערלאַנד פֿאַר די ייִדן פֿון מײַנס גלײַכן.

ישׂראל קען זײַן אַן ארץ זבת חלב ודבֿש פֿאַר דעם כּלומרשט גלותדיקן טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק, אָבער פֿון זיי און נאָר פֿון זיי קען קומען דאָס גײַסטיקע וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט און געריפּט אין מזרח-אייראָפּע!

דער וויכטיקסטער וואָרצל איז ייִדישע ייִדישקייט. אָפּגעהאַקט פֿון טויזנט-יעריקן שורש ייִדיש וועט ישׂראל סקלעראָזירט ווערן גײַסטיק מיט פֿאַנאַטיזם און סאַברעיִזם!

~❀~

שטיינער וואָס פֿלאַסטערן וועגן / וועלן קיינמען ניט פֿרעגן / ווער אויף זיי פֿאָרן וועט צו גיין; / אַפֿילו ניט וווּהין זיי פֿירן. / שטיין וועט ווי שטיין נאָר עקזיסטירן / און ניט פּרוּוון אַלץ פֿאַרשטיין.

~❀~

פֿאַר אַ מאָלעקול אין מײַן גוף בין איך, גאַנצער מענטש, זײַן אוניווערס, און מײַן מוח, מײַן נשמה, איז זײַן גאָט. ווער ווייסט צי דורך אַלע מעגלעכע מדרגות פֿון אַטאָם ביז קאָסמאָסן, טראָץ אונטערשיידן אין גרייס און דויער, איז ניט אַזוי מיט אוניווערסן און רעלאַטיוו-לאָקאַליזירטע געטער?

קען דאָס זײַן אַ פּראָבלעם פֿאַר אַ מיני-נפֿשל, דעם מענטש, צו מוזן דאָס אַלץ באַשיידן? / איסער פֿאַר דעם חכם וואָס משוגעים-הײַזער וויל ניט מײַדן!

~❁~

ווי אַזוי קומען לערנען יונגעלײַט, אין עפּאָכעס פֿון פּאַלעאָנטאָלאָגישע פֿאָרשונגען, דאַרוויניזם, פּאַסטעריזם, נוקלעאַרער טעכניק, אַסטראָפֿיזיק, גאַנג אויף דער לבֿנה, מאַרקסיזם און סאַטעליטן-טעלעוויזיעס – זיי זאָלן אָננעמען פֿאַר קאָסעגעלט די אַלע רעליגיעזע מיטאָלאָגיעס, און דעם חומש מעשה-בראשית בתוכם? ווען ניט איז מען אַ הערעטיקער, אַן אַפּיקורס, אַ שמדניק?

פֿאַנאַטיקער ווילן נאָר אַלץ נעמען לײַט פֿאַר יאָלדן, אַנשטאָט צו נעמען אין אַכט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם מיטן עווענטועלן אָנווענדן דעם וואָרן סאָציאַליזם, אָן קלאַסנקאַמף, אָן עקספּאַנסיעס, ראַסיזמען, פּריווילעגיעס און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן וואָס צעשטערן די בײַאָספֿערע מיטן מענטשן-מין בתוכם!...

~❁~

אַלץ קען זײַן, מוז אפֿשר זײַן, נאָר ווײַל עמיץ צי עפּעס וויל עס. אַפֿילו אויב פֿאַראַן פּראָבאַביליטעטן, צופֿעליקייטן, איז זיכער אַז דאָס איז באַגערט. ניט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן אַ וואָרשײַנלעכן תּוהו-ובֿוהו, אַ כאַאָס, אַן אוניווערסאַלע אַנאַרכיע אין אַזאַ פֿענאָמען ווי דער קאָסמישער אַלץ, אין וועלכן ס׳מאַניפֿעסטירן זיך געזעצמעסיקע פֿענאָמענען, מיט ציקלען, עפּאָכעס, אויפֿקום, אומקום אאַז״וו.

דאָס קענען טראַכטן פֿון דעם, צווייפֿלען, זײַן אַן אַטעיִסט צי סתּם אַ סקעפּטיקער פֿאַר אַלץ, טראָץ לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, איז לעכערלעך אפֿשר, אָבער אַ באַווײַז, אַז דעם מענטש איז געגעבן אַ געוויסע פֿרײַהייט פֿאַר מעשׂים און מחשבֿות. בלויז פֿאַר דעם מוז מען זײַן דאַנקבאַר און פֿרום, אַפֿילו ניט ווּיסנדיק מיט וועמען מע האָט צו טון. אַלע רעליגיעזע פֿאַנטאַזיעס, אַלע וויסנשאַפֿטלעכע פּאָסטולאַטן און אַפֿילו אַקסיאָמען זענען נאָר קאָמישע השערות מיטן מיינען אַז זיי ווייסן אַלץ צי קענען בכלל עפּעס וויסן.

זײַן נאַטירלעך, נאָרמאַל, זיך נעמען ווי אַ משל אַפֿילו אַ פֿלאַנץ, ניט נאָר אַ בין צי אַ מוראַשקע, און ניט קריכן אויף די גלײַכע ווענט. דאָס איז מײַן אויספֿיר, מײַן עצה פֿאַר אַ לאָגיש קלאָרן מענטש.

≈❀≈

עשׂו׳ס אַרגומענט: / נאָר ידיִם, הענט; / און יעקבֿס – אַלע מאָל / ווערב און קול.

ווי די צוויי ברידער וואָלטן זיך אײַנגעטיילט: עשׂו׳ן דער נעשׂה און יעקבֿן דער נשמע.

מיט עשׂו׳ן, פֿון קינס זרע – געטון. / פֿון אַרגומענטן פּטור. / יעקבֿ – ער דיאַלעקטעוועט מיט לאָגיק און מאָראַלן. / וועלט חוזקט דאָך פֿון אידעאַלן / און זי הערט אים ווי דעם קאָטער.

≈❀≈

ב ישטיקייט איז דער יסוד פֿון **אַלץ**, וויכטיקער פֿון אומענד און אייביקייט. אָן נישטיקייט וואָלט קיין שום פֿענאָמען נישט געקאָנט זיך מאַניפֿעסטירן. דאָס מוז זײַן אַ דימענסיע, אַ פֿינפֿטע אפֿשר צו אײַנשטיינס עקוואַציע. אויב נישטיקייט איז ניט עפּעס ווי ענערגיע-מאַסע, מיט אויסשפּרייטונג און דויער, איז עס נאָך וויכטיקער, ווײַל אין וואָס וואָלט זיך עפּעס געקענט באַווײַזן, אין וואָס וואָלט עפּעס געשען?

ווי אַזוי האָט דאָס אַ שייַכות מיטן ווערב, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ ווילן, אַפֿילו אין אַ מחשבֿה, אָן ווירטועלע פֿאָנעמען פֿון אַ וואָרט? זאָל נישטיקייט האָבן עפּעס צו טון מיט אַבסטראַקטע מחשבֿות, און ממילא מיטן ווערב? קומט מען דאַך צום קריסטלעכן יאָהאַניזם מיט זייַן געטלעכקייט אין ווערב...

פֿאַר מיר איז דאָס אויך אַ קאָפּ-דרייעניש. אוי, בטלן!

~❁~

די שיינקייט פֿון אַ נאַציע איז די פֿאַרשיידנקייט פֿון אירע עטנישע גרופּעס, אַפֿילו אינעם זעלבן פֿאָלק פֿאַרשיידענע אַקצענטן, יעדע עטניע מיט איר פֿאָלקלאָר, אירע קאָסטיומען, מאכלים און אַלץ וואָס איז גורם איר אַנדערשקייט.

ישׂראל איז ניט אַ פֿאָלק, נאָר אַ נאַציע. ממילא, ווי אַלע נאַציעס, האָט זי פֿאַרשיידענע גרופּעס צווישן אייגענע שבֿטים, ווי אַ מאָל, חוץ אַראַבער, קריסטן, דרוזן און ווער ווייסט וויפֿל נאָך אַנדערע. ממילא מוז זייַן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און גלייַכצייַטיק אַ ספּעציפֿיש שבֿט-לשון, ווי דאָס זענען: ייִדיש, לאַדינאָ, אַראַביש און אַזוי ווייַטער.

אויפֿצווינגען אַ שמעלצטאָפּ-סיסטעם – האָט עס אַ שייַכות מיטן סטאַלין-קאָמפּלעקס, וואָס האָט געוואָלט די אַלע אפֿשר הונדערט פֿעלקער פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד זאָלן מוזן זיך אַסימילירן צו גרויס-רוסיש! ניט נאָר איז דאָס נאַריש און אוממעגלעך, נאָר מאָנאָטאָן און נודנע! אַ גאָרטן איז שיין מיט אַ סך פֿאַרשיידענע ביימער, קוסטעס, בלומען, קאָלירן, בייטן, פֿאָרמען.

פֿאַנאַטיזם מיט טעראָר איז אַ חרפּה פֿאַר באַוווסטזיניקע ערלעכע לייַט בכלל און פֿאַר ייִדן בפֿרט. פֿאַראַן אַשכּנזים, ספֿרדים, יעמעניטן, פֿאַלאַשן. אַפֿילו צווישן חסידים זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע שיטות: גער, קאָצק א״א. פֿאַראַן מתנגדים, פּראָגרעסיסטן, אַטעיִסטן אַפֿילו. נו, איז וואָס? קענען דען אַלע ניט זייַן נאַציאָנאַלע ייִדן, פֿרום צי פֿרייַדענקעריש?

פֿאַרשטייט זיך אַז כ'שרײַב דאָס אַלץ צוליב מײַן יִדיש, וואָס איז אַ יתום אין דער אייגענער היים!

~~

די וויסנשאַפֿט, טראָץ אַלע דערגרייכונגען, פּראַגמאַטישע צי טעאָרעטישע, ס'רובֿ נאָר מיט פּאָסטולאַטן, האָט ביז איצט נאָר אויסגעפֿונען –אַפֿילו מיט, צי אָן פּראַקטישע אָנווענדונגען– געוויסע פֿענאָמענען, אייגנשאַפֿטן, געזעצן – אָבער בשום אופֿן ניט די מעגלעכקייט צו דערגיין וואָס איז וועלט, עקזיסטענץ, לעבן, טויט? מיט אַלע באַגרענעצטע השׂגות איז מען ניט מסוגל צו וויסן אַפֿילו ווו, אין וואָס מע געפֿינט זיך. מע פֿילט אײַנפֿלוסן; מע קען מעסטן, וועגן, ציילן, פֿאַרגלײַכן, אַנאַליזירן פֿענאָמענען, ווירקונגען, אָבער קיינער קען ניט וויסן וויפֿל רעאַליטעטן עס זענען פֿאַראַן אָט דאָ לעבן אונדז, אַרום אונדז, אַפֿילו אין אונדז, וואָס מ'איז ניט מסוגל צו זען.

לײַט זענען געוווינט, געפֿינען באַטירלער: וועלט, זײַן, אויפֿקום, אומקום – און זענען ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן די אויסערגעוויינטלעכע פֿענאָמענען, ניט נאָר פֿונעם זײַן, נאָר פֿונעם וועלן פֿאַרשטיין וואָס דאָ געשעט. אַלע רעליגיעס, מיטאָלאָגיעס, וויסנשאַפֿטן קענען גאָר ניט אויפֿטון. מע טרייסט זיך דעמאָקריטיש מיט אַטאָמען צי קאַבאַליסטיש מיט מיסטעריעס, מאַטעמאַטישע אַסטראָפֿיזיק, אַ גאָט, אַ גײַסט, אַ מאַטעריאַליזם, אַן אידעאַליזם, אַ וואָס מע וויל. וויפֿל **איזמען, לאָגיעס** און **איסטן** ס'זאָלן זיך ניט מאַניפֿעסטירן – זעט מען ניט ווי אַזוי ס'איז דאָ אַ וועלט, פֿאַר וואָס, צוליב וואָס, דורך אָדער איבער ווּעמען.

ס'וואָלט געווען אַזוי גוט ווען לײַט זאָלן אײַנזען אַז זיי זענען ניט מסוגל דאָס צו וויסן מיט זייערע זיכער באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, זײַן באַשיידן און אָפּדויערן זייערע עקזיסטענצן אָן מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס, ניט פֿאַרסמט זיך פֿיזיש, פּסיכיש, עקאָנאָמיש, עקאָלאָגיש; באַפֿרײַט פֿון פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן,

עגאָזמען און אידיאָטישע פֿירונגען לגבי זיך זעלבסט ווי צו אַלץ אַרום, אָן זײַן פֿאַרקריפּלט, אָן טאָלערירן טיראַניע, טעראָר, קלאַסנקאַמף, אָרעמקייט, קרענק, שלעכטס, מיאוסקייט, פֿוילקייט, זײַן פֿאַרשקלאַפּט, עקספּלואַטירט צי זײַן האַר איבער מענטש זײַנס גלײַכן. פּאַראַזיטעווען און היפּאָקריזיע זענען זינד און געמיינקייט לגבי זיך זעלבסט און אַנדערע. מע טאָר ניט לעסטערן דעם באַשאַף און דעם צי דאָס וואָס געוועלטיקט אינעם צי איסער דעם אוניווערס.

אַלץ וואָס כ׳האָב אויסגערעכנט אויבן האָט אַ שײַכות מיטן מענטש וואָס איז פֿרײַ אויף זײַן פּלאַנעט און דאַרף ניט אָנקומען צו הימלישער הילף אָדער ניסים. אָבער ניט זײַן פֿולקום, פֿרײַ, און ניט אָפּדויערן טאָטאַל ווי דעטערמינירט – איז אַ חטא פֿאַר וועלכן ס׳איז ניט מעגלעך קיין שום מחילה.

יעדע רעליגיע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינע וואָס באַרעכטיקט צי טאָלערירט אַזאַ מין פֿירונג, און טוט גאָרניט דאָס זאָל זיך ענדערן לטובֿת דעם ווילזײַן פֿונעם מענטשן-מין – איז פֿאַלש און געמיין, און ס׳איבעריקע איז סאָפֿיסטישער בלאָף. קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט שלעכטס צי מיאוסקייט, שקר און היפּאָקריזיע איז לחלוטין ניט מעגלעך און ניט גילטיק פֿאַר ערלעכע לײַט.

~❀~

דער מענטש און זײַן וויסנשאַפֿט?

אַלץ וואָס לעבט האָט אָפֿענע אויגן, צי אַ חוש וואָס פֿאַרטרעט זיי. דער אור-מענטש האָט געזען און געוווסט, ווי די מילב זעט און ווייסט און פֿאַרשטייט – עפּעס, אָבער ס׳איז באַגרענעצט. נו, ווייסט מען הײַנט אַ ביסל מער, זעט מען ווײַטער, העכער, טיפֿער. וועלט אָבער איז אַזוי גרויס, ווײַט און טיף, אַז ניט דער מענטש און ניט די מענטשהייט וועלן געווינען דעם געוועט מיטן אויסדריק „צײַט״.

זי איז אייביק אין מיר? איבעריקנס: ווּ איז די מעטע? און וואָס איז דער געווינס? אַ פּלוי שפּרינגט פֿאַרהעלטנישמעסיק העכער ווי אַ העלפֿאַנד. דער העלפֿאַנד אָבער איז אַזוי גרויס... זי וועט זײַן קאָפּ ביט גרייכן, כאָטש זי שפּרינגט צוויי הונדערט מאָל העכער פֿון איר גרייס!

דער מענטש און זײַן וויסנשאַפֿט? דער מענטש און זײַן קענטעניש?

אַ בלאָף פֿון טײַוול, גאָטס אייפֿערזיכטיקער קאָנקורענט, צי גאָר זײַן הויפֿנאַר, וועמען ער טאָלערירט כדי זיך צו ווײַלן אין טעג פֿון אומעט צי נודנעקייט, מיד צי גלײַכגילטיק פֿון כסדר שאַפֿן אַזעלכע וווּנדערלעכע וועלטן ווי אונדזער בלאָער פּלאַנעט!

≈❁≈

קאַפֿקאַ געפֿעלט מיר בעסער (און ביט נאָר קאַפֿקאַ: וואַלערי, זשיד, אַנאַטאָל פֿראַנס און אַלע אַנדערע „גרויסע" אין זײַנע בריוו און מיינונגען, געדאַנקען דערמאָנטע פֿון אַנדערע, ווי אין זײַנע ראָמאַנען צי דראַמעס.

אַזוי גוט ווי כ'קען ביט פֿאַרטראָגן אין אָפּערע דאָס בעטן אַ גלאָז וואַסער געזונגען געציקלט און קאָלעראַטורעוועט, האָב איך פֿײַנט דאָס אַרײַנגאַרן געדאַנקען דורך כּלומרשטע אַקציעס. ס'איז פֿאַלש, היפּאָקריטיש און געקינצלט: „געבייט מיט ווײַסן פֿאָדעם", ווי ס'וואָלט געזאָגט אַ שנײַדער.

≈❁≈

די צרה מיט גרויסע דענקער, שריפֿטשטעלער, איז וואָס זייערע טײַכן־ראָמאַנען טראָגן צו האַסטיק זייערע געדאַנקען, אָפֿט ווי שפּענדלעך אויף וואַסער. מע שווימט צי מע ווערט פֿאַרשלעפּט אין דער אינטריגע.

זעלטן ווער האָט ביט ליב נאָר דאָס אַנעקדאָטישע אין לעבן. מע קען אַפֿילו זאָגן אַז דער עולם איז אַ מין יאַכנע וואָס האָט גערן פּליאָטקעס, און — ווי נאָר בײַ דער שכנטע, פֿאַרגעסט

מען מאָטלענדיק באַך וואָס מ'איז געקומען. מע קען אויך זאָגן אַז זייער אָפּט שטערט דער וואַלד צו זען די ביימער.

נו, אָט אַ מאָדעל פֿון מײַן פלאָנטערדיק שרײַבן: עטלעכע משלים און אַ משל וועגן דעם אַלעמען. איך בין אַ מאָטלער פֿון אַן אַנדער קאַטעגאָריע.

~❀~

דאָס אַכטונג טון פֿון דראָטטענצער אויף זײַנע טריט זעט זיך אָן אין זײַן גאַנג אויף דער פּראָסטער ערד אַפֿילו: זײַן לויפֿן איז סײַ פֿאָרזיכטיק, סײַ האַסטיק, ווי אַן אַנטלויפֿן פֿון אַ געפֿאַר, און זײַן אָפּשטעלן זיך – ווי אַ סאַפּענדיק אָנקומען אין זיכערן אָרט!

גוט וואָס זיי ווייסן ניט, די דראָטטענצער, אַז די גאַנצע וועלט, זייער וועלט, ווי אונדזער פּלאַנעט צי זונסיסטעם אפשר, גייט תּמיד אויף אַ דראָט, פּרוּווט און קען ניט דערגיין צום זיכערן אָרט!

ווייל איז די דראָטטענצער סאָמנאַמבולן וואָס ווייסן ניט אַז זיי זענען אויפֿן דראָט, און ווייל די וואַכנדיקע וואָס גלייבן אין דער וואָרער ווירקלעכקייט פֿון דער ערד מיט איר סטאַבילער זיכערקייט. און אויך די וואָס ווילן ניט זען, אַז זיי גייען אויפֿן דראָט. די זיכערקייט גיט זיי מוט, און מוט גיט זיכערקייט זייער טריט...

ווײַ איז דעם, וואָס זעט דראָטן אויף פֿעלדז אַפֿילו, וואַקלט זיך און פֿאַלט אָפּט אינעם גאַנג.

פֿאַראַן אַ סך צו זאָגן וועגן דעם אַלעמען, מיט די פֿיקטיווע דראָטטענצערס צי דראָטגייערס אויף פֿיקטיווע, אילוזאָרישע דראָטן, אָבער תּמיד מיט אַ פּחד פֿון געפֿאַר, אַז אָט-אָט פֿאַלט מען אַרונטער!

~❀~

די הײַנטיקע מענטשהייט, מיט אירע ציוויליזאַציעס, קולטורן, וויסנשאַפֿטן, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, עטיק און עסטעטיק, לײַדט פֿון אַ כראָנישן סיזיפֿיזם און גלײַכצײַטיק אַ שטרויספֿויגליזם. אָבער מיטן אונטערשייד לגבי דעם אַמאָליקן קאָרינטיאַנישן מעגאַלאָמאַן, וואָס האָט געמיינט אַז ער האָט באַזיגט דעם מלאך־המוות און דערפֿאַר געוואָרן באַשטראָפֿט אייביק אַרויפֿצושטופּן דעם פֿאַלנדיקן פֿעלדז – זענען הײַנט פֿאַראַן אַ סך סיזיפֿן מיט אַ סך פֿעלדזן, וואָס זענען מסוגל אַלץ צו צעשמעטערן, און מע האַלט אין איין פּרוּוון מײַדן די געפֿאַרן מיט פּאַליאַטיוון, אַזוי פֿיזיש, פּסיכיש, עקאָנאָמיש!

דאָס מוז זיך ענדיקן מיטן טאָטאַלן אומקום, נוקלעאַריש צי אַנדערש. פֿונעם שטרויספֿויגליזם, ווידער, לײַדן ס׳רובֿ לײַט, מיינענדיק אַז מיטן באַהאַלטן זיך קליינקעפּלדיק אין זאַמד מײַדט מען די געפֿאַרן! אַזוי פֿירט זיך אין אַלע סאָציאַלע ווי אינדיווידועלע רעזשימען, לעבנס־שטייגערס, מיט איין גורל: אומקום, טראָץ די שיינע דעוויזן, לאָזונגען, סלאָגאַנען אד״גל.

פּראָזאַיִקער, פּאָעט, / געשריבן צי גערעדט, / אַלץ מוז תּמיד זײַן / מיט זין און מיין.

אַן אַמאַלגאַם פֿאָנעמען, / געשריבן האָריזאָנטאַל צי ווערטיקאַל, / ניט קיין פּראָזע און ניט קיין פּאָעמען. / סתּם געזאָגט, געזונגען מיט אַ ניגון. / אויב דערין ניטאָ איז עפּעס צו פֿאַרשטיין – / בעסער איז געשוויגן!

יאָ, טאַקע, כאָטש שוין געזאָגט ס׳דאָזיקע ווער ווייסט וויפֿל מאָל, וועל איך עס דאָך כּסדר זאָגן נאָך און נאָך. נאַריש, נאַיִוו, געפֿערלעך זענען די אַלע וואָס מיינען און ווילן דאָס אײַנרעדן אַנדערע, אַז וועלט, לעבן, אויפֿקום, אומקום – איז עפּעס אַן אַנאַרכישער כאַאָס מיט בלויז צופֿעליקייטן, אָן שום פּלאַן,

קאָנטראָל, פּירונג צי ווילן. אַלץ איז הפקר. יעדער קען טון וואָס און ווי אַזוי ער וויל, און פּטור!... נאָר דער שטאַרקער, געביפּטער, אויסטויגער איז גילטיק, גערעכט און מעג אַלץ. ס'איבעריקע, מיט אַלע יאָלדן, איז אין זײַן רשות, און זײַנע פּריווילעגיעס, זײַן מאַכט, ראָלע און פֿאַרמעגן, זענען אַ באַווײַז אַז ער איז גערעכט. ווען ניט וואָלט דאָך געווען אַנדערש!...

ס'איז זיכער ניט אַזוי! אַבסאָלוט ניט מעגלעך אַז אַ וועלט זאָל זײַן סתּם געקומען פֿון גאָרניט, אָן אַ סדר, אָן געזעצן, אָן אַ ציל, אָן אַ געוועלטיקער, הפקר פּעטרישקע, יעדער קען טון וואָס ער וויל און פּטור.

די באַגרענעצטע פֿרײַהייט פֿונעם מענטש איז אַ נסיון, כאָטש זי איז אַ מתּנה פֿונעם באַשאַף. נאָריש איז דאָס אײַנרעדן זיך אַז ס'איז ניטאָ קיין ווילן פֿון אַ געוועלטיקער, ווי אויך דאָס מיינען אַז ס'איז דאָ אַ מין גאָט-סאַטראַפּ וואָס דאַרף מע זאָל אים דינען מיט לויב, חניפֿה, ריטואַלן-צערעמאָניעס און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס.

דער מענטש איז אַ באַשעפֿעניש ווי אַלע אַנדערע: ער קומט אויף פֿון אַן אייעלע און פֿאַרשווינדט מיטן זעלבן טויט ווי דאָס מינדסטע ווערעמל. אויב איז ער ניט נאַטירלעך, ווי באַגערט, קומט ער אום פֿאַר דער מעגלעך-באַשטימטער צײַט מיט צרות, פֿיזישע און פּסיכישע יסורים, אַנגסטן און פּײַנען, חוץ פּחד פֿאַר עווענטועלע גיהנומס.

די פֿלומרשטע ציוויליזאַציעס און קולטורן, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט, זענען פֿאַרקריפּלונגען פֿון דער נאַטירלעכקייט פֿונעם מענטשן-מין. מע פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי און דויער מיט כּלומרשטן ווילזײַן, און מע וויל ניט זען דאָס קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿיזיש און פּסיכיש, אין אַלע היבזיכטן. מע לעבט אין פּערמאַנענטן בלאָף מיט סוראָגאַטן ווילזײַן. מע ליגט, מע ווייקט זיך אין אַ לעבנס-שטייגער ווי חזירים אין שטינקענדיקע רינשטאָקן; קיינער וויל ניט זען קלאָר וואָס ס'טוט זיך באמת מיט אים, אַרום אים, און אבי חי-געלעבט, מישטיינס געזאָגט.

אומעטום נאָר געמיינקייט, לעקישעוואַטיזם, דראָגן קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע. און ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די פֿאַרשיידענע רעזשימען. קאַפּיטאַליזם, פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, פּראָגרעסיזם, ליבעראַליזם און נאָך אַזעלכע **איזמען** – אַלץ בלאָף, אין איין זאַק אַרײַן!... אומעטום קלאַסן-פּריווילעגיעס: נויט, רעוואָלט, מלחמות, הונגער, חולאתן, און אַלץ וואָס דאָס איז גורם. ניטאָ קיין איין מענטש וואָס זאָל אָפּלעבן נאָרמאַל און שטאַרבן אין זײַן מעגלעכן דויער מיט אַ מנוחהדיקן שמייכל. רײַכע פּגרן פֿון צו פֿיל פֿרעס, און אָרעמע – פֿון הונגער, אָבער אַלע פֿריצײַטיק.

ווי לאַנג די „מענטשהייט" וועט דאָס ניט אײַנזען און קומען צום שׂכל-הישר, מוז מען זיך ריכטן אויף פֿאַרשיידענע קאַטאַסטראָפֿעס: טעלורגישע, עקאָלאָגישע, מיטן פֿאַרפּעסטיקן די נאַטור, ס'פֿאַרשווינדן פֿון וועלדער און ס'צעשטערן די ספֿערעס צו קענען עטעמען נאָרמאַל. אַלץ פֿאַרקריפּלט מען מיט גענעטישע מאַניפּולאַציעס, האַרמאָניזירט, ניט האַרמאָניזירט... מע האַסט אונדזער פּרעכטיקן פּלאַנעט, און אַלץ ווערט געטון אים צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ וויסטן לבֿנה-סאַטעליט.

קיינער וויל ניט באַגרײַפֿן אַז ס'איז דאָך פֿאַראַן אַ געטלעכקייט, וואָס מיר קענען ניט באַנעמען אָדער אַפֿילו וויסן ס'מינדסטע פֿון דעם, ווי אפֿשר אַן אַטאָם אין אַ מענטש קען ניט וויסן וואָס ס'געוועלטיקט איבער אים אין אַ מוח – אָבער מע מוז האָבן צוטרוי און זײַן פֿרום נאָר מיט אַ נאַטירלעכער, ערלעכער, פּשוטער עקזיסטענץ, מיט צוטרוי און ליבשאַפֿט, דאַנקבאַרקייט און פֿליכטן. ווײַל מיר ווייסן ניט וואָס מיר טוען אַפֿילו מיטן עטעמען, נערן זיך, אויפֿקום און אומקום. זיכער איז דאָס אַלץ באַגערט, בויטוועדיק, און ניט סתּם אַזוי – כאַאָטיש, אַנאַרכיש, הפֿקרדיק און בכן נאַריש, לעקישעוואַטע. ווי אַזוי קען מעגלעך זײַן אַן אוניווערס, אַ לעבן אָן דעם?

תמיד אין אַ גוף עבֿירה / אַנשטאָט נשמה-יתירה, / איז ווי אַ וואָרעם אין אַ פּרי: / פֿויל מוז זײַן זוים, / און פּיקציע-טרוים / צו ווערן בוים.

ווי שם-המפֿורש פֿאַרן גולם / איז אידעאַל פֿאַר סדר-עולם. / אָן דעם איז פֿאָלק – המון, / און עקזיסטענץ איז שטראָף, ניט לוין.

≈❁≈

ווי אַלץ וואָס איז צי קען נאָר זײַן, זענען מיר אין געטלעכקייט ווי אַ מינדסטער מאָלעקול איז אין אונדזער גוף. געוועלטיקט פֿון אונדזער גײַסט, לאָקאַליש וויזאַווי דעם, וואָס איז אונדזער קאָסמישער אַלץ.

ווי עפּעס אין אונדז איז אַבסאָלוט נויטווענדיק פֿאַר דער נאָרמאַלער עקזיסטענץ פֿון אונדזער גוף און גײַסט, איז יעדער איינער פֿון אונדז נויטווענדיק פֿאַרן ווילזײַן פֿון אונדזער געטלעכקייט. ניטאָ קיין צופֿעליקס, איבעריקס. אַלץ איז מיט אַ ציל, אַ באַגער, אַ נויטווענדיקייט.

מיט אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ פֿיזיש, פּסיכיש, יחידיש און סאָציאַל – איז מען באַלוינט מיט ווילזײַן און מנוחה. ווען ניט – איז מען געשטראָפֿט מיט אַנגסטן און פּײַן, ווײַל מיר שטעלן אין געפֿאַר געטלעכקייט זעלבסט.

קען אַ מענטש נאָרמאַל טאָלערירן סירייצן, אַן אַטראָפֿיע צי אַ היפּערטראָפֿיע אין אַ דריז צי אין אַן אבֿר, אָן רעאַגירן למשל קעגן אַ בלאָטער, אַ וווּנד? פּראָפֿילאַקציע, אַלאָ- צי האָמעאָפּאַטיע, אַבלאַציע אַפֿילו – מוזן ראַטעווען!

אויב דאָס טוט אַ מענטש, פֿאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט גילטן אין אוניווערסן? מענטש, שטעל ניט אין געפֿאַר דעם ווילזײַן פֿון דײַן גאָט. ס'איז זיכער אין דײַן אייגענעם אינטערעס!

≈❁≈

כ'קען בשום אופן ניט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל לאָגן און איסטן מיט זייערע לאָגיעס און איזמען, מיט די טעאָריעס, דאָקטרינעס, און אַפֿילו רעליגיעזע אין זייערע אמונות, פֿאַרנעמען זיך אַזוי ווייניק, כּמעט גאָרניט מיט עקאָנאָמישע, סאָציאַלע פּראָבלעמען. אַזוי אויך די וויסנשאַפֿטלער, וואָס וואָלטן געדאַרפֿט פֿאָרן זייערע פֿאָרשונגען און דערפֿינדונגען מיט כאָטש אַ ביסעלע עטיק און מאַטעריאַליזם, אָן צו האָבן תּמיד בלויז אין זינען: פּראָפֿיטן פֿאַר פּריווילעגירטע קלאַסן-אינטערעסן, מיט וועלנטועלע קאָנקורענץ צי אַגרעסיווע מעגלעכקייטן.

מע שוועבט אין אַבסטראַקטע ספֿערעס און מע פֿאַרגעסט די ערד אונטער די פֿיס, מיט אַלץ וואָס האָט אַ פּראַגמאַטישן שייַכות דערמיט.

~~

דער פֿענאָמען אַרן מיעדניק איז אַן אויסטערלישער, אַנאָרמאַלער עפּעס פֿאַר מיר זעלבסט: אַנאָרמאַל לויט די קריטעריעס פֿון הייַנטיקע לייַט, וואָס באַרעכטיקן לאָגיש אַבסורדן, נוסח קאַפֿקאַ און היידעגער להבֿדיל. זינט כּמעט מייַנע קינדער-יאָרן ביז הייַנט אַפֿילו, איז אַלץ וואָס כ'האָב געטון, מיט אַלע געשעענישן אין אַ פּעריאָד פֿון אַכציק יאָר פֿון מייַן באַוווסטזיניקער עקזיסטענץ, אויסערגעוויינטלעך אין אַלע הינזיכטן, פֿיזיש און מאַטעריעל ווי פּסיכיש, ספּיריטועל, סייַ מיט מייַנע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן, סייַ מיטן שרייַבן און אַרויסגעבן ביכער, אייגענע און פֿרעמדע.

אַזוי ווי אַלץ איז אויסטערליש, אומבאַגרייַפֿט, בלייַבט אַ סוד, ווי כ'זע עס מיט מייַן מבֿולדיק שרייַבן סייַ אין קוואַנטיטעט, סייַ אין אופֿן, ווי כ'וואָלט געווען באַזעצט פֿון אַ דיבוק. קען זייַן אַז דאָס איבערחזרן דווקא די זעלבע מחשבֿות נאָך אַנאַנד איז עפּעס פֿון אַ באַגערטן סטיל, אַ סיסטעם וואָס מע קען זי אפֿשר אָפּרופֿן „האַמער-טשוואָק-אין-וואַנט-סיסטעם".

נו, וועל איך עס טון אָן ווידערשטאַנד און אַרײַנבנעמען אין מײַנע שריפֿטן אַלץ ווי ס׳לאָזט זיך, ווי ס׳קומט. אפֿשר איז דאָס באַגערט פֿון אַן עפּעס, צי גאָר פֿון אַן עמיצן?...

ווער ווייסט? קיין שום זאַך, קיין שום מחשבֿה מאַניפֿעסטירט זיך ניט אָן אַ סיבה. ערשט אַז סײַ ווי סײַ לעזט עס ניט קיינער, און עקאָנאָמיש איז עס אַ טאָטאַלער אַבסורד, מיט פֿאַרלירן מי, צײַט און פֿאַרמעגן – איז דאָך טאַקע קאַפֿקאַ גערעכט!...

≈❁≈

פֿינגווינען, מוראַשקעס, טערמיטן / און אַזוי אויך בינען / פֿאַרלירן ניט פֿון גילטיק זײַן דעם זינען; / מיט פֿילאָזאָפֿיעס און רעליגיעס ניט פֿאַרפֿירט, / פֿון סאָציאַלע רעזשימען אידיאָטיש ניט געליטן!

מענטש! ווי זיי דאָך – אויף- און אומגעקומען, / און פֿאַרתּכלעוועט אַ מעגלער זײַן / מיט זאָרגן, צרות, אַנגסטן, פּײַן, / און סוף-כּל-סוף / געלעבט אין בלאָף / און קאָמיקאַדזיש ס׳לעבן זיך גענומען... / און ער דאָס נאָך די פֿרעכע העזה האָט / צו פּרוּוון דיסקוטירן, לערנען שׂכל גאָט!

≈❁≈

לויט מישעל לעיריסן איז נאָך סיר-רעאַליזם – אידעאַליזם! ווי אַ גילטיקע עקזיסטענץ, נאַטירלעך: תּמיד עסטעטיש, מאָראַליש און וויסנשאַפֿטלעך. אַלץ צוזאַמען: שיין, גוט און וואָר!

דאָס איז אָבער אין ווידערשפּרוך מיטן ערשטן פּראָקלאַמירער פֿון סיר-רעאַליזם, גיִאָם אַפּאָלינער, אין 1918 דאַכט זיך, לויט אַ טעאַטער-פּיעסע וואָס כ׳געדענק ניט. איז געקומען דערנאָך אַנדרע ברעטאָן און טײַטשט דאָס ווי איראַציאָנעלס, הינטער-באַוווּסטזיניקס אמתדיקס, מיט אַ פּסיכאָאַנאַליטיש מאָרבידיש-קרענקלעך פּאַטאָלאָגישער דאָקטרינע וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט עקזיסטענציאַליסטישן בראָדיאַגיזם, ניהיליזם און דאַדאַיִזם!...

מיט פּיקאַסאָס פּרויען-פּאָרטרעטן, קאַקאָפאָנישע מוזיק, צעריסענע שמאַטע-מאָדעס מיט לאַטעס און שמוציקע צויטן, דראַג-האַלוצינאַציעס און הפקריזם אין אַבסאָלוט אַלע היגזיכטן, עגאָ- און קסענאָ-פאָביעס, אַנאַרכיע און אפשר אויך טעראָר און אַטאַזשן-סיסטעם.

ניט אומזיסט איז יעדעס דריטע בעטל אין שפּיטעלער פאַרנומען מיט אַ משוגענעם, און מיטן פּראָגרעס האַלט עס ניט ווײַט פון ביאָספערישן טאָטאַלן אומקום!

≈❀≈

וואָס געוועזן וואָלט, אַ שטייגער, / ווען כ'נעם אַראָפּ די ווײַזערס פונעם זייגער / און כ'וואַרף אַוועק צו אַל-די רוחות / די קאַלענדאַרן מיט די לוחות?

אפשר דעם מלאך-המוות / כיטרעווען מיט אַ קאַטאָוועס, / און צעטומלט אַזוי וועט ער / נעמען מיך אַ ביסל שפּעטער?

נו, אַז נײַנציק יאָר שוין טאַקע – / אפשר ווייסט ער ניט דערפון? / כ'בין נאָך ניט טאָטאַל פּאָקראַקע, / כ'האָב נאָך אַזוי פיל צו טון!...

אַזוי הימלענס בוכהאַלטעריע נאַרן / מיט אַ קונץ צי שקאָצערײַ, / און אַרײַנכאַפּן, אָן טויט-קאָשמאַרן / נאָך אַ מײַ, און אפשר צוויי...

≈❀≈

כ'האָב ניט געהאַט קיין שום אַנונג אַז איך בין אַ מאַרטין-הײַדעגעריסט (פאַרשטייט זיך, אָן נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, ווי יענער...). זײַן יש-מאַין איז אָבער אַ מין נירוואַניזם, אַ לעטאַרגיע פאַר וועלכער לעבנס-רעאַליטעטן זענען אַ חלום, אַ קאָשמאַר ס'רובֿ.

איך מיין אויך אַז אַלץ שטאַמט פון גאָרניט. אָבער אַ נישטיקייט וואָס איז מסוגל צו ווערן דאָס, וואָס מיר באַגרײַפן מיט חושים און אינטויִציעס, קאָנקרעט צי אַבסטראַקט, אין דמיון צי אין אַבסורדן

אַפּילו – איז דאָך שוין אַ וויכטיקער עלעמענט!

„זיַין און ציַיט"? ניט דער מענטש איז וויכטיק, נאָר זיַין עקזיסטענץ, זאָגט ער. ער איז כּולו מעטאַפיזיק, אַנגסט און „נישטיקייט". ניט אומזיסט איז ער געווען און געבליבן אַ יעזויִט, אָבער אָן שיַיכות מיט יעזוסן. גיכער איז זיַין עוואַנגעליע דער „מיַין קאַמף"!

ווי־זשע קום איך צו האָבן אַ שיַיכות מיטן פֿריבורגער נאַצי־פּראָפעסאָר? נאָר מיט זיַין אופֿן אַנאַליזירן עקזיסטענץ! אָבער ער איז אַ מין פֿאַרזעעניש: העגעליאַניש־פֿרוידיש־שוואַביש. איך אָבער בין דאָך עפּעס אַ... אַ... נו, אַדרבא, וואָס בין איך? זיכער אַ לעקישעוואַטער פּעדאַנט!

~

בירוואַנאַ־בראַהמאַניזם ווערט אַקטועל!

וואָס קלאַפּט און פּויקט עס, אַזוי הילכיק שלאָגט? וואָס צימבלט עס און רעשט אַזוי מיט לאַרעם? וואָס וויינען אַזוי סטרונעס אינעם ברום און וויען אַלץ האַסטיקער און העכער: רויש, געדודער, ביז ריטש און רעווע, שאַל, געשריי, ביז שטורעם, יעלה, קלאָג, האַרמידער, דערווישן־שווינדלענדיק ביז אַנגסט און וויי, קאַרנאַוואַל־גיהנום און ־מוזיק, סמבטיון אין שגעון ווילד צערייצט ביז ספּאַזמען גליק, אַלץ אויפֿצוריַיסן אין אַ פֿיַיערווערק פֿון פֿלאַם און טויט?

סיוואַ אַ צערייצטע טאַנצט! טאַנצט דעם לעצטן טאַנץ, שלעפּט מיט די וועלט אין קאַראַהאַד מיט אימפּעט, האַסט – אין שווינדלראָד! טאַנץ, סיוואַ, טאַנץ! ניטאָ די קראַפֿט איצט אָפּצוהאַלטן זיך פֿון האַסט און אימפּעט. וועלט ווי ציַיט און רוים ווי דויער – אַלץ דרייט זיך ווילד און ווילדער, ווילדער: פֿאַרלוירן ריטמען פֿון מנוחה! צו שפּעט. משוגע איז שוין סיוואַ: אומקומען מוז וועלט און מענטש בתוכם.

קאָלי וועט דאָך בלײַבן – אַ גאָט טרוימט פֿון אַ נײַעם מעשׂה־בראשית. דער אַלטער אוניוועדס קומט אום מיט פּײַן אין יעדן מאָלעקול פֿון לעבן פּונקט אַזוי ווי אין קאָסמישע קאָנוווּלסיעס פֿון גאַלאַקציעס אין שגעון, אײַנגעשלונגענע פֿון תּהומען נישטיקן חושך אין וועלכע ס׳רײַסן נײַע קאָסמאָסן.

זאָל לעבן בודהאַ! וויוואַט כאָמייני! חכמים ביזנעסלײַט: גרייט סטאָקן צוואַנגיאַקעס!

≈❁≈

ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַז אַזאַ חכם ווי פֿרידריך העגעל, דער כלומרשטער פֿאָטער פֿון אַלע פֿילאָזאָפֿן, פֿענאָמענאָלאָגן, מיט דער „וויסנשאַפֿט פֿון דער לאָגיק", מיט דער „אַפּאָלאָגיע פֿון אידעאַליזם" ווי באַגרײַפֿט פֿון שׂכל, פֿון שטאַט, ווי אַ גוטער דײַטש, פֿון קריסטנטום, טראָגט זײַן געשיכטע פֿון אונדזער אַבֿרהמען, און מיט וואָס מע וויל – אַלץ דיאַלעקטעוועט מיט אַ טעזע־אַנטיטעזע און קאָמפּראָמיס־סינטעזע ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ פֿײַנעם בירגער (פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין ניט מסוגל צו אַנאַליזירן אַזאַ מין פֿאַרשוין ווי העגעל), און דאָ קומט אַ כאָליערע־וויבריאָנדל און לייגט אים אַוועק ווי אַ פּשוטע באַשעפֿעניש! אַ שאָד וואָס ער קען ניט איבערגעבן וואָס ער טוט מיט זײַן דיאַלעקטיזירטער לאָגיק און אידעאַלע עקזיסטענצן אויף יענער וועלט!

≈❁≈

ווי זאָל מיך, חכם, ניט פֿאַרדריסן, / און די גאַנצע וויסנשאַפֿט וואָס טויג / אַז מסוגל בין איך ניט צו וויסן / וואָסער לוויתן רײַסט אין וועלכער רויג, / און וויפֿל קענען זײַן אַזוינע / אײַנצושלינגען גרייט ווו נאָר אַ יונה!

≈❁≈

רעאַליטעט – סור-רעאַליטעט. גאָט – סור-גאָט. ממילא, ווי אַלץ: סוראָ-גאָט... יאָ, צי ניט?

צוגעטשעפּעט אַ טעאָלאָגיע, אַ רעליגיע, אַ דאָקטרינע – און פֿאַרקרעמערט טעאָלאָגיש געטלעכקייט!

ווי אין אַלע פֿאַכן און קאָמערצן: צענדליקער רעליגיעס מיט קאָנקורענץ, פּראָסעליטיזם-רעקלאַמעס, קונים-זוכעניש און קאַריערעס, ריטואַלן, צערעמאָניעס, סימבאָלן, קאָסטיומען, וויַירויך, דרשות, מוזיק און ליטורגישע סלאָגאַנען. ספּיריטועלע ביזנעס, און מיט נשמה-.O.K.

האָמאָ סאַפּיענס ספּיריטועלע בערזעס פּראָגרעסירן!

≈❀≈

קומען וועט אַ מאָל די צײַט / און ערד, געבוג געמיסטיקט, זײַן וועט גרייט / אַז ווו געפּלאַנצט אַ פּיצל שטעקן / ס'זאָל מיט בלומען זיך באַדעקן.

דער פּלאַנעט – אַ גאָרטן-בייט; / אומעטום נאָר שפּראָץ און קווייט / מיט זומערנייץ פֿאַר פֿרוכט און זוימען. / און דעמאָלט וועלן אפֿשר לײַט / באַגרײַפֿן לעבנסגליקס באַטײַט: / מקוים ווערן זאָלן ענדלעך טרוימען!

כּדי צו קענען גרייכן אָט די צילן – / וויפֿל האָפֿנונג נאָך און מוט, / וויפֿל טרערן, שווייס און בלוט, / וויפֿל נאָך עקשנות, ווילן!

אָבער טראָץ אַנטוישונג, פּײַן, / און וואָס ביַי שלעכטס דער מענטש נאָך שקלאַף – / ווירקלעכקייט מוז ענדלעך זײַן / דער כּי-טובֿ פֿון וועלטס באַשאַף!

≈❀≈

די גאַנצע כּלומרשט ציוויליזירטע „מענטשהייט" לעבט זינט תּמיד אין און מיט אַ פּערמאַנענטן בלאָף: בלויז פֿיקציעס, מיראַזשן, האַלוציניאַציעס, שווינדל, היפּאָקריזיע, נאַרישקייט, שלעכטס, עגאָיִזם – און ס'דאָזיקע אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן:

פסיכיש, רעליגיעז צי פילאָזאָפיש, מאַטעריעל צי
מיטן נערן זיך, קליידן, און בכלל, מיט אַלץ וואָס
טון, געטראַכט, געזאָגט, געשריבן, פּראָקלאַמירט און
יחידיש און סאָציאַל!...

ווייניק דער דאָזיקער פּאַראַנאָיע-קאָמפּלעקס, דאַרף מען
דראָגן, שיכּרות, סתּם-איינרעדענישן מיט עטישע און
תּירוצים. לײַט ווילן ניט זײַן נאַטירלעך, פּשוט, גוט, שיין
. מע וויל אַפילו ניט נעמען אין אַכט דעם מאַרקסיזם
די קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען מיט זייערע
ווילעגיעס, קלאַסנקאַמף-דיקטאַטורן, קרעמערישע און
טערעסן, און ווערן באַפרײַט פון פּאַראַזיטיזמען,
אָסטראַציזמען און נאָך אַנדערע פּערוועזע איזמען
איסטן.

אָלוט אַלץ איז פאַלש, שלעכט, מיאוס, טראָץ די
ש-שיינע טערמינאָלאָגיעס וואָס מע געפינט צו
געמיינע עגאָיזמען.

ם געפינט מען נאָך אין יעלטענע קיבוצים, ווו ס'לעבן
אַל, אָבער די מגיפה פון אינטערעסן כאַפּט זיך אויך
אַרײַן. מע ווערט אינדוסטריאַליזירט!...

יע, קולטור, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס,
וויסנשאַפט, פרײַהייט, גלײַכהייט, ברודערשאַפט-
קונסט, ליטעראַטור – אַלץ סוראָגאַט און בלאָף,
לאָף!

שוין ווער ווייסט וויפל מאָל געזאָגט, געשריבן, אָבער
נאָך און נאָך תּמיד איבערחזרן, ביז מײַן לעצטן
: קומען נאָך היפּאָקריטן און ווילן צוטשעפּען
ט צו די אַלע געמיינע פירונגען!

דאָס איז אַן אויסגעשוויגענע פּאָעמע. אַ לעזער מיט טאַלאַנט וועט אַליין געפֿינען אינהאַלט: טעקסט מיט צי אָן גראַמען, אָבער מיט ריטמען, ניואַנסן און עמאָציעס.

איך גיב צו, אַז מע וויל דווקא, די פּינטעלעך – מיט אָנצוהערעניש, עקסקלאַמאַציעס, פֿראַגע-סימבאָלן און קלאַמערן פֿאַר ציטאַטן. דער רעזולטאַט? כולו ליריק און מחשבֿה!

אָט למשל:

אָ! ____________

____

... ____________

? ____________

! ____________

דאָך ____________ ...

יעדער קען עס מאַכן לענגער צי קירצער. לויטן געמיט!

געטראַכט, געזאָגט, געשריבן / און דאָס אַלץ כּסדר גילט / ווי עפּעס פֿון אַ ווינט געבליבן / צי ווי פֿון אַ הונט געבילט.

בפֿרט אַז ס׳רובֿ לײַט תּמיד ווייסן: / ס׳איז אומזיסט דאָס גאַנצע בילן: / קיינער קיינעם ניט מסוגל איז צו בײַסן, / און אַז יעדעס האַווקען מוז זיך שטילן.

אַ שטרענגער מאָפּס מוז ווערן מיד / און לאָזן פֿרײַ גנבֿים אין די נעכט. / וואָס טויג זשע קריטיק, עצה, ליד, / אַז מענטש מוז זײַן ווי תּמיד שלעכט?

אָבער יאָ צי ניט, אַפֿילו קיינעם איבערצײַגן? / בלויז אַ שטומער מוז נאָר תּמיד שווײַגן!

איך מאַך מיר ניט קיין שום אילוזיעס וועגן דערפֿאָלג מיטן פֿאַרשפּרייטן פֿון מײַנע ביכער. ניט צווישן פּשוטן עולם, פֿאַר וועמען ס׳גילט נאָר בעלעטריסטיק, יאַכנע-ליטעראַטור וועגן דעם וואָס ס׳טוט זיך בײַ יענעם, זכרונות פֿנעם „אַמאָל" וואָס טראָץ צרות דערמאָנט ער יונגע יאָרן, אד״גל; ניט צווישן די פּראָפֿעסיאָנעלע כּמעט „אינטעלעקטואַלן", וואָס לידלען אָפּ זייער עקזיסטענץ מיט אינזיכיסטישער ליריק אין שײַכות מיט אייגענע נשמה-מאַזאָליעס, און ניט צווישן די ספּיריטועלע גײַסטיקע גדולים, וואָס דיאַלעקטעווען מיט פֿילאָזאָפֿיעס, עסטעטיק, קולטורן און האַר-שפּאַלטעניש.

מײַנע מחשבֿות און מײַנע קריטיק-טענות פֿאַרטשעפּען צו פֿיל לײַט, רייצן צו פֿיל אינטערעסן אין כּמעט אַלע צי אפֿשר אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן. די „ציוויליזירטע מענטשהייט" איז צופֿרידן, גליקלעך אין אַלע רעזשימען; מע וואַלגערט זיך מיט תּענוג ווי די חזירים אין רינשטאָקן, מיט די עקאָנאָמישע גליקן, רעליגיעזע, עטישע און עסטעטישע סיטואַציעס, אַפֿילו אויב בלויז באַגערטע און נאָר ניט דערגרייכטע: דערווײַל האָפֿט מען אויף קאַריערעס, צילן אאַז״וו.

מײַנע טענות און פּשוטע רייד זעען אויס ווי אַבסורדן, אוטאָפּיעס

צי סתם משוגעתן, אָדער בטלנות-פלאַפל פֿון אַ פּעדאַנט!... מילא, דאַרף מען ניט. בפֿרט אַז כ׳האָב פֿײַנט מענטליק-לייענערס, און דאַרף ניט קיינעמס קאָמפּלימענטן צי בראַוואָס.

די הײַנטיקע דורות זענען שוין פֿאַרלוירן אין זייערע לעבנס-שטייגערס, פֿיזיש-פּסיכיש פֿאַרגיפֿטיקט אָדער פֿאַרפּעסטיקט מיט מאַטעריעלע און ספּיריטועלע סידאַס. אָבער אַ מאָל, אפֿשר מיט ווער ווייסט וויפֿל דורות שפּעטער, וועלן אויפֿקומען יונגעלײַט און אײַנזען די לאָגיק, די קלאָרע און וואָרע רייד פֿון מײַנע שריפֿטן, און רעאַליזירן פּראַגמאַטיש זייערע עקזיסטענצן לויטן שׂכל הישר; וויסן, לערנען ווי אַזוי צו לעבן און ווי אַזוי אַפֿילו צו שטאַרבן אָן אַנגסטן, צרות, פּײַן, יסורים און קאַטאַסטראָפֿעס.

איך וועל שוין דעמאָלט ניט זײַן קיין היגער, אָבער אַפֿילו איצט פֿיל איך דעם תּענוג פֿון דעם וואָס ס׳וועט געשען אַ מאָל. פֿאַר די דאָזיקע קינפֿטיקע וואָרע האָמאָ-סאַפּיענסן שרײַב איך און לאָז מײַנע שריפֿטן, יאָ צי ניט פֿאַרקויפֿטע, אָדער ערגעץ אין אַרכיוון, וואָס מע וועט לערנען, ניט נאָר לייענען!

דאָס איז מײַן מעגאַלאָמאַניע! כ׳מוז דאָך האָבן אַ ביסל סאַטיספֿאַקציע, צו קענען באַרעכטיקן מײַן עקזיסטענץ מיט עפּעס. זאָל עס זײַן דאָן-קיכאָטיזם — אַבי אויך מיט אַן **איזם**, ווי ס׳פֿירט זיך הײַנט אויף דער וועלט!

≈❀≈

מיט ניטשעס פֿילאָזאָפֿיע איז ווי מיטן מן אין מדבר: יעדער געפֿינט דערין וואָס ער באַגערט און זוכט, לויט זײַן געשמאַק און השׂגה. פֿון ערגסטן און פֿון בעסטן!...

ניט קיין וווּנדער אַז צווישן אַזוי פֿיל קאָנטראַסטן, אַנטינאָמיעס, אַנטאַגאָניזמען אין זײַנע מחשבֿות, האָט ער געמוזט זיך סוף-כּל-סוף געפֿינען אין אַ משוגעים-הויז.

≈❀≈

פֿאַלאַץ צי תּפֿיסה, בערזעס, קראָמען. / גולאַג, פֿאַבריקן פֿאַר געווער? אַוודאי! / וויכטיקער: בוי פֿון אַ באַריקאַדע / אומעטום ווו נאָר פֿאַראַנען / קלאַסן-דיקטאַטורן מיט טיראַנען, / ווי קאַמופֿלירט פּערוועז זײַן זאָל נאָר זייער נאָמען.

ווי לאַנג נאָר, האָרעפּאַשניק, זײַן געצווונגען / נאָך אַנאַנד צו קאָווען רינגען / פֿאַר זיך זעלבסט באַשטימטע קייטן? / מיט מענטאַליטעט פֿון שקלאַפֿן / וואָס אַליין זיך קנעכטשאַפֿט שאַפֿן, / און אַזוי זינט אַלע צײַטן!

≈❀≈

מיט קיין שום אינסטרומענט, מעג עס זײַן אַ סטראַדי-וואַריוס, וואָס ליגט אומבאַרירט, קען ניט און וועט ניט זײַן די מינדסטע מוזיק; ס׳מוז זײַן אַ ווירטואָז, וואָס זאָל מיט זײַן באַריר אַרויסבאַקומען עמאָציעס מיטן שפּילן.

וואָרשײַנלעך איז אַזוי מיט עווענטועלע לייענערס פֿון אַ בוך, און פּאָעזיע בפֿרט. אויב דער רעזולטאַט איז ניט ווי באַגערט, איז: אָדער דער לייענער טויג ניט, אָדער ס׳פֿידלבוך איז ניט גוט, אָדער דער שפּילער גרימפּלט שלעכט.

דער לעזער, אַזוי גוט כּמעט ווי דער מחבר, מוז האָבן טאַלאַנט.

אַז אַלץ איז גילטיק — דעמאָלט איז דער עקסטאַז פֿולקום און מלאָכים זינגען מיט. מע תּהילימט און מע שיר-השירימט אין אַלע ספֿערעס.

≈❀≈

פּאָעט, איך זע מיט אומעט און מיט אימה / ווי דו פּרוווסט פֿאַר אַ בהמה / דערקלערן הייליקייטן פֿון אַ שיימע / ווי איך, אַ זײַטל פֿון דײַן בוך, כ׳פֿאַרשטיי.

יענע מעלה-גרהט שעצקע, גראָז צי היי / און האָרכט, צי ניט, דעם גולם, / מעג עס זײַן אַ חכם, אַ פּאָעט, / אָדער זי קוקט מיט שליפּיעס נאַריש, / טוט דאָ אַ דריגע מיט אַ פֿוס בונטאַריש, / צי

מיטן עק אַ תּענוג-גלעט, / און טראַכט מסתּם: וואָס וויל ער דאָ
פֿון מיר / מיט עפּעס אַ פּאַפּיר?...

קום מיט לירישע עמאָציעס און מחשבֿות / צום ראַבאָטיזירטן
סטאַדע-עולם / וואָס זעט נאָר אין אַ קאַריטע אַ חידוש-שלמה. /
איז עס ניט, כ׳לעבן, אַ קאַטאָוועס? / אומזיסטע מי פֿאַר דיר?

~~~

קען אַ שאָף שלום מאַכן מיט אַ וואָלף? קען מען זײַן
גוטהאַרציק מיט אַ ווירוס צי אַ מיקראָב וואָס קומט פֿאַרטיליקן
מיט יסורים, צי אַפֿילו פֿאַרקריפּלען גוף און נשמה? זענען ניט
פֿאַראַן קיין לײַט בצורת וואָלף צי סידאַ, כאָלערע אָדער פּעסט?

געוויסע רחמנותן זענען זעלבסטמאָרד. גיי האָב מיטלייד מיט אַ
היטלערן, אַ סטאַלינען און זייערע מיטהעלפֿער! זײַ מוחל געמיינע
רוצחים און האָדעווע, שיץ ווי לאַנג געלעבט זייער עקלהאַפֿטע
עקזיסטענץ!

ס׳איז טאַקע ביטער צו מוזן זיך באַפֿרײַען טאָטאַל און תּיכּף פֿון
געפֿאַר און רציחה – אָבער ווי אַזוי קען מען טון אַנדערש, אַפֿילו
ווען וואָלף זאָל זײַן באַרעכטיקט מיט זײַן נערן זיך, זײַן
קליינוואַרג. קען דען אַ שאָף זײַן טאָלעראַנט צו אייגענעם
אומקום?

ס׳איז נאָר אַ פּראָבלעם: ווי באַפֿרײַט מען זיך פֿון די מנוולים אָן
עשאַפֿאָטן צי תּליות?

~~~

ווען דאָס מאַטעריעל-פֿיזישע קען זיך ניט אינעם מענטשן
פֿאַרגלײַכן מיטן עוואָלוירטן-גײַסטיקן, זוכט עס זיך אויפֿצוהאַלטן
אַ מין גלײַכגעוויכט מיט קוואַנטיטעט – ווײַל ס׳פֿיזישע האָט
וויניקער קיום-מעגלעכקייטן.

לאַבאָראַטאָריש איז דאָס באַוויזן מיט מײַז: ראַכיטיש, שוואַך, מערן
זיי זיך גיכער, פֿילצאָליקער ווי די זאַטע, ווײַל געוווסט אַז אַ סך

מוזן אומקומען פֿאַר דער צײַט, און נאָר מיט פּראָליפֿיקאַציע קען מען ראַטעווען עפּעס פֿון טאָטאַלן אומקום.

דאָס קינפֿטיקע אַרײַנדרינגען פֿון הונגעריקע אַזיאַטישע און אַפֿריקאַנער מאַסע-ציקלאָנען, מבול-אינוואַזיעס, וועט דערטרינקען דאָס עגאָיִסטישע קולטורעלע פֿון לײַט וואָס האָבן שטרויס-פֿויגלדיק ניט געוואָלט זען די געפֿאַר. דער פּראָזאַיִשער הונגער-נסיון וועט לײַכט בײַקומען די פֿעטלײַביקע אינטעלעקטואַלן, און גיריק-הונגעריקע פֿויסטן-מאַסעס וועלן לײַכט באַזיגן די דיאַלעקטישע גיבורים!

דאָס וועט זיכער געשען גיכער ווי די ראַפֿינירטע פֿילאָזאָפֿן און סאָציאָלאָגן רעדן זיך אײַן. אַ רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם וועט זײַן אַ תּירוץ צו באַרעכטיקן אַלע קאָנפֿליקטן און רציחות – מגיפֿות וואָס טשאַטעווען אויף אײַך, קולטורעלע חכמים!

⁂

איך בין ניט קיין אַטעיִסט, חלילה; / דאָך כּ׳באַדויער / וואָס פֿון לעבן מיד / מײַן לעצטע ליד / זײַן זאָל זיפֿץ צי קרעכץ.

גוטע פֿרײַנד: מיט טרויער / פֿאַרתּכלעוועט ניט בלומענס עקזיסטענץ, / מיט לייגן אויף מײַן קבֿר קרענץ. / רעספּעקטירט מײַן עפּיטאַף, / וואָס זינט איך עקזיסטיר מיר כּ׳שאַף:

דאָ באַגראָבן ליגט אַ נאַר / וואָס האָט אין גאָטס כּי-טובֿ געגלייבט, / און אײַנגעזען מיט צער / אַז גילטיק איז נאָר מיאוסקייט, שלעכטס, / און אַז סוף-כּל-סוף / אַ גאָט אַפֿילו / מוז אָנקומען צו בלאָף. / באַליידיקט און אַנטוישט דאָס דאָזיקע פֿאַרשרײַבט!

און כ׳האָף / אַז אויף דעם קבֿר-שטיין / זאָל געקריצט דאָס זײַן!

⁂

ווי אַזוי באַגרײַפֿן, פּרוּוון צו פֿאַרשטיין, אַז זינט תּמיד זאָלן אַזוי פֿיל כּלומרשטע חכמים רעליגיעז, פֿילאָזאָפֿיש, מיסטיש, ראַציאָנעל, קומען מיט טעאָגאָניעס, טעאָלאָגיעס, מיטאָלאָגיעס, פֿרום, דיאַלעקטיש – און ווער קען אַלץ געדענקען צי אויסרעכענען זינט די אַנימיסטן ביז ווער ווייסט וועלכע פּאַנטעיִסטן צי קאַבאַליסטן צו דערגיין, דערקלערן, באַווײַזן די יאָ-צי-ניט עקזיסטענץ פֿון געטלעכקייט, גאָט צי געטער.

מע פּאָלעמיזירט וועגן צלם-אלוהים, מע שאַפֿט פֿאָרמען, אַספּעקטן, פֿיגוראַטיווע צי אַבסטראַקטע קאָנצעפּטן, מע ווענדט זיך צו אים מיט תּפֿילות, בקשות, טענות, חניפֿה און קרבנות, מיט טרערן צי געזאַנג, אויפֿריכטיק צי היפּאָקריטיש. ערשט די טעמפּלען, די קאַריערעס, די ביזנעס וואָס מע מאַכט מיטן געטלעכקייט-פּראָבלעם.

מע דיסקוטירט, מע הערט וואָס ער זאָגט און אַפֿילו וואָס ער טראַכט און טוט, און ס׳פֿאַלט זיי ניט אײַן אַז אַ מענטש איז לחלוטין ניט מסוגל צו קענען עפּעס וויסן פֿון דעם וואָס איז: האַר, געוועלטיקער, מײַסטער, דערין צי אויסער דעם אין אַ דרויסן, אַ יענע-זײַט, און פֿאַר וועלכן פֿאָנעמען צי מחשבֿות זענען ניט מעגלעך דאָס אָנצורופֿן מיט אַ נאָמען.

פֿאַר מיר איז דאָס ס׳אייביקע לעבן, פֿאַר וועמען אומענדן און אייביקייטן זענען נאָר אַטריבוטן, און אַלץ וואָס איז צי קען זײַן – נאָר עפּעמערישע אַספּעקטן, פֿאָרמען וואָס דויערן נאָר צי עוואָלויִרן נאָך אַנאַנד.

≈❁≈

אינעם שפּיגל כ׳קוק דערשראָקן. / ווער איז עס, אָט דער זקן / וואָס קוקט אויף מיר און שטוינט / און דאַכט זיך, פֿרעגט: ווו זײַנען זיי, די לאָקן / וואָס האָבן בלאָנד דײַן קאָפּ געצירט? / וואָס איז עס פֿאַר אַ פּליך / וואָס דיך ניט שוינט?

און סטײַטש? / פּנים, שטערן – אומעטום אַ קנייטש? / וואָס עפּעס מיד די אויגן, / דער רוקן אײַנגעבויגן / און קיין סימן שמייכל?

ווו איז ער איצט, דער פֿון אַ מאָל, / וואָס, ווי נעכטן דאַכט זיך, זאָל / מיר טון אַ ווינק: גוט, חי געלעבט! ניט וואָר?" / איז דער שפּיגל מער ניט קלאָר?

צי אָט דאָס בין איך, / וואָס אַנטוישט אַלץ מער פֿאַרלירט / לאָגיק, חוש און שׂכל? / ס'דאָזיקע ניט צו באַגרײַפֿן ליכט! / פֿאַר וואָס-זשע ברילן פֿײַכט / און ס'האַרץ אַ ציטער שפּירט?

≈❁≈

באַגרײַפֿן דעם אונטערשייד צווישן עגזיסטענץ און עקסיסטענץ.

דער מענטש איז אַן אייביקער עקס?

אַדרבא, דערמיט עוואָלוירט ער דאָך און דאַרף ווערן תּמיד עפּעס וויכטיקס. אַ פֿרוכט איז אַן עקס-צוויט, און די פֿרוכט זעלבסט פֿאַרן זוים – אַן עקס. קען זײַן אַז לעבן איז אַן עקס פֿאַר עפּעס מיט טויט, ווי פֿאַרן פֿייגעלע דאָס אייעלע. אַזוי איז בערגסאָן אַ וואָרער עקזיסטענציאַליסט מיטן פּערמאַנענטן עקזיסטענציאַליזם, מיטן כּסדרדיקן ווערן.

ווי זשע קומט עס וואָס דער קרעאַטיווער תּענוג איז גורם בראַדיאַגע-פּעסימיזם נוסח סאַרטר צי אפֿשר אַנדערע, ווי מע האָט עס פֿאַרשטאַנען און מע פֿאַרשטייט עס נאָך הײַנט אפֿשר אין געוויסע ספֿערעס פֿון די דיאַלעקטישע האַרשפּאַלטערס און נעאָ-פֿילאָזאָפֿן מיט זייערע דאָקטרינעס?

≈❁≈

פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק, רעליגיע...

קיין שום טעאָלאָגיע, קיין שום וויסנשאַפֿט, קיין שום פֿילאָזאָפֿיע וועלן אַבסאָלוט גאָרניט ענדערן אינעם אוניווערס, חוץ ענדערונגען אין באַגרענעצטן קרײַז פֿון פֿרײַע באַגערן און

מענטאַלע מעגלעכקייטן, און ס'דאָזיקע אויפֿן פּלאַנעט, ס'רובֿ מיט צעשטערן אייגענע עקזיסטענץ, גענעטישע מוטאַציעס פֿון פּלאַנצן און באַשעפֿענישן, צי ענדערן עפּעס אין לויף פֿון טײַכן, אָדער מיט פֿאַרברענען וועלדער.

אָבער קיין שום טעאָריע צי וויסנשאַפֿט וועט גאָרניט באַווײַזן צו ענדערן קלימאַטן, סעזאָנען, ערד-ציטערנישן, ווולקאַנען, קראַטערן מיט לאַווע-מבולען, צי פֿון אָקעאַנען ס'אָפּ- און צו-פֿליסן, שטורעמס אָדער אַנדערע קאַטאַסטראָפֿעס. ס'איז אַרויסגעוואָרפֿענע מי דאָס פֿאָרשן דעם יסוד, דעם תּמצית, דעם ציל ווי די אורזאַך פֿון קאָסמישן אַלץ.

מע מעסט די היץ, די דימענסיעס, באַשטאַנד און דויער; דאָס וועט אַבסאָלוט גאָרניט ענדערן אינעם לויף פֿון צײַט, אין עוואָלוציעס פֿון פּלאַנעטן, און פֿאַרשטייט זיך אַז אויך ניט אין עפּעס פֿון גאַלאַקציעס צי ווער ווייסט וואָס נאָך גרעסערס.

אַלע וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס און רעליגיעס זענען אָן שום ווערט, אויב זיי פֿאַרלײַכטערן ניט די מעגלעכע עקזיסטענץ פֿון לײַט מיט ווילזײַן אין אַלע הינזיכטן: פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל, עקאָלאָגיש. ס'איבעריקע איז בלויז תּירוצים פֿאַר פֿאַנאַטיזמען, העגעמאָניעס, סנאָביזמען, מעגאַלאָמאַניעס און סתּם נאַרישקייטן.

איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿעסטגעשטעלט אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער, זיך שטיצנדיק אויף לאָגיק, שׂכל, ערלעכקייט און ליבשאַפֿט, דאַרף מען ניט קיין שום עוואָלוציעס מיט מאָדעס, קאָמפּעטיציעס, עקספּאַנסיעס, יחסנות אאַז"וו.

און באָרמאַל געלעבט קען מען אָפּדויערן אַ מאַקסימום, זיכער אָן קרענק, אָן אַנגסטן, אָן פּחד פֿאַרן אומקום. דער פּלאַנעט איז גענוג גרויס מיט אָרט ווו ס'לויערן ניט קיין קאַטאַסטראָפֿעס. פֿאַר אַבסאָלוט אַלע, ניט נאָר איצטיקע, נאָר עווענטועל פֿאַרטוויזנט-פֿאַכט מענטשן; יעדנס עקזיסטענץ קען זײַן אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ, מיט קרעאַטיווע תּענוגים לויט עטנישע כאַראַקטערן און פֿאָלקלאָרן.

פֿאַר וואָס ענדערן זיך ניט די לעבנס-שטייגערס בײַ קיין שום

באַשעפּעניש, נאָר ביים מענטש? פאַר וואָס פּאַלאַצן און – חורבות, צי גריבער, קברים, ווי דאָרט ווו ס'לעבן אָרעמע עגיפּטער אויף בית-עולמס? צו וואָס אַזעלכע ריזיקע שטעט? ווער דאַרף פליען אַזוי גיך, שאַפן אַזוי פיל אומניצלעכע און טאַקע געפערלעכע שמיידרייען אין אַזוי פיל הינזיכטן? אַלקאָהאָל, טאַבאַק, דראָגן, געווער, סנאָבישע מאָדעס פאַר נייע סעזאָנען צו קענען זיך באַווייזן – כּ'ווייס אַליין ניט וואָס, ניט וועמען.

דאָס אַלץ צו ענדערן זעט אויס אַזוי פּשוט, נאַטירלער, לאָגיש – און אַזוי שווער צו רעאַליזירן. ווי אַזוי קען אַ וועלט זיין אַזוי משוגע, טראָץ אַזוי פיל כּלומרשטע חכמים? ווי איז אונדז!...

≈❁≈

ניט צו פאַרשטיין די השגות פון די קריסטן, וואָס פּראַקטיצירן טעאָפאַגיע. דאָס הייסט: זיי עסן עפּעס פון זייער גאָט מיט דער האָסטיע. איז דאָס ניט אַן אינסטינקטיווע ירושה פון אַ מין קאַניבאַליזם?

מע קען אָנווענדן דעם פּרינציפּ אויך יונגיש, מיט זיין מאַסע הינטערגעווויסן וואָס גילט אויך פּסיכיש, גייסטיק, איינצושלינגען מיט פּראָסעליטיזמען אַנדערע, מיט זייערע מיסיאָנערישע אַפּעטיטן. ביטער דאָס טראַכטן אַז ווער ווייסט וויפל פאַר-באָרגענע באַגערן טליען אין די פּסיכיזמען פון די כּלומרשט פיינע ציוויליזירטע לייט וואָס מאַניפעסטירן דורך סימבאָלן פאַנאַטיזמען, פאַראַנאָיעס און אַנדערע קאָמפּלעקסן, קאַמופלירטע מיט רעליגיעזע און אַפילו פרײַדענקערישע דאָקטרינעס!...

≈❁≈

כ'פאַרשטיי ניט פאַר וואָס לייט זענען אַזוי גלייכגילטיק צו די „קוואַקערס" און דוכאָבאָרן, וועמענס דאָקטרינעס און לעבנס-שטייגערס זענען זיכער נאָענט, „אין פּרינציפּ" אפשר, צו די אַמאָליקע איסיים און צו די גרונטגעדאַנקען סיי פון וואָרער ייִדישקייט, סיי פון וואָרער קריסטלעכקייט, וועלכע האָבן קיין שום

שײַכות ניט מיט דעם קריסטיאַניזם נוסח וואַטיקאַניזם צי פּראָטעסטאַנטיזם און אַזוי פֿיל סעקטעס וואָס פֿאַררופֿן זיך אויף ישוּן, דעם פֿרומען ייִד, פֿאַרקריפּלט מיט די עוואַנגעליעס, מיטן קאַפּיטאַליזם און מיט אינטערעסן-קאַריעריזם.

ניטאָ קיין בײַעס אונטער דער זון? אַזוי שטייט געשריבן. איז טאַקע ניט צו שטוינען אַז מע געפֿינט עפּעס פֿון מײַנע מחשבֿות אין די דאָקטרינעס פֿון די קוואַקערס, דוכאָבאָרן, בלאַוואַצקיס צי אַנדערע טעאָזאָפֿיעס און באַהיזמען צי בעהאַיזמען, כאָטש כ׳האָב ניט געוווּסט עפּעס וועגן זייער עקזיסטענץ.

אָבער בשעת יענע האַלטן זיך באַשיידן ווי וואָרע, כּלומרשט ייִדישע קריסטן, קומען די טאָטאַלע מוסולמענער, וואָס שדכענען זיך אויך צו ייִדישקייט, מיט מחלוקות און רציחות געפּרעדיקטע פֿון זייערע אימאַמען צו וויסן ווער ס׳איז דער וואָרער יורש פֿון מאַכמעדן, זײַנע ווײַבער-און-איידעמס-דינאַסטיעס! דער איסלאַם נעמט עפּעס אומעטום, חוץ בײַם מאַרקסיזם מיטן קלאַסנקאַמף און באַגערטן סאָציאַליזם. אַזוי טוען אויך די קריסטן, וואָס ציטירן לויט די עוואַנגעליעס יעזוסן מיט זײַן „גיב צעזאַרן וואָס אים קומט צי געהערט!" דאָס איז זיכער פֿאַלש, ער האָט אַזוינס ניט געזאָגט: צעזאַרן קומט גאָרניט, אויב ער איז אַ דיקטאַטאָר און אַ טיראַן. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, פּלאָנטערט זיך אין אַלע רעליגיעס מיט זייערע סעקטעס עפּעס וואָרס, וואָס איז אָבער פֿאַרהוילן ווי סימנים גאָלד אין גרודעס. ייִדישקייט איז אויך ניט פֿרײַ דערפֿון. מע וואָלט געדאַרפֿט צונויפֿנעמען די אַלע גרודעס, רייניקן און לײַטערן דאָס גוטע, שיינע, וואָרע און קלאָרע אין אַ סינטעז, און דעמאָלט וואָלט מען געקענט האָבן אַן אוניווערסאַלע, לאָגישע, ערלעכע דאָקטרינע, עטיש און אַפֿילו עסטעטיש שיין און גוט, וואָס זאָל דערמעגלעכן לײַט זאָלן קענען אָפּעקזיסטירן זייער טאָטאַלן דויער אָן אַנגסטן, צרות אד"גל.

ליידער הערשט דער קאַפּיטאַליזם מיט די מעגאַלאָמאַנישע אינטערעסן-פּריווילעגיעס, און מע דערלאָזט ניט דאָס זאָל קענען געשען. אַפֿילו די אַלע פֿײַנע פֿרײַ-מויערערס מיט זייערע לאָזשעס

און שיינע לאָזונגען און זייערע טעאָזאָפּיעס פֿון פֿרײַ-דענקעניש, זענען היפּאָקריטן וואָס זענען יוצא מיט רייד און רעקאָמענדאַציעס צווישן אייגענע פֿאַר קאַריערעס צי אינטערעסן.

וואָס האָבן די אַלע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿן מיט זייערע סעקטעס, לאָזשעס, דאָקטרינעס, זייער ליטעראַטור און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות, אויפֿגעטון זינט טויזנטער יאָרן פּרעדיקן און פּראַקטיצירן דיקטאַטאָריש צי כּלומרשט דעמאָקראַטיש? נאָך קיין מאָל איז די וועלט ניט געווען אַזוי נאָענט צום אומקום, פֿיזיש און פּסיכיש, מאַטעריעל און עקאָלאָגיש. אומעטום הונגער, טיראַנען, מלחמות, רעוואָלטן, נאַטור-צעשטערונג, טעראָר, אַנאַרכיע, אַטאַזשן-כאַפּעניש, טשערנאָביליזם און סתם משוגעת!

— **א**יך בין אַ פֿרומער ייִד און קען ניט פֿאַרטראָגן אַז מײַן שכנטע קעגנאיבער זאָל זיך אַרומדרייען כּסדר אַ נאַקעטע. אַ חרפּה אַזוינס!

– אָבער כ׳בין דאָך געווען בײַ דיר און געזען אַז פֿון דײַן פֿענצטער זעט מען גאָרניט קעגנאיבער?...

– אַזוי זעט מען טאַקע ניט, נאָר אַז מע שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל!...

דאָס קען זײַן אַ משל פֿאַר אַ סך פּראָבלעמען. יעדער קען זיך צופּאַסן זײַן באַגערטן נימשל.

שטאַרבן – איז פֿאַר מיר / נאָר אַזוי געאַנט: / מיט אַ סטילאָ אין דער האַנט / און אַ זײַטל ווײַס פּאַפּיר, / גרייט צו פֿאַרשרײַבן / מיט קאַטאָוועס, / פֿינקטלעך און גענוי / ווי אַזוי / מיך באַזיגט דער מלאך-המוות. / ס׳זאָל עפּעס קענען בלײַבן / פֿון דעם אינצידענט / אויף אַ פּאַפּיר אין מײַנע טויטע הענט!

פֿאַר וואָס לערנט מען ניט אין די אוניווערסיטעטן, אין דער ליטעראַטור, צי בכלל אומעטום ווו ס'הערשט נאָך אַ ביסל לאָגיק, שׂכל-הישר און כאָטש רעלאַטיווע ערלעכקייט – אַן עלעמענטאַרן אופֿן פֿון גוט לעבן און מנוחהדיק שטאַרבן? פֿאַר וואָס זאָל אַ מענטשהייט קענען, אָדער כּמעט מוזן זײַן משוגע?

פֿאַר וואָס פֿאַרתּכלעוועט מען אַזוי פֿיל מי, צײַט און פֿאַרמעגן צו שאַפֿן ניט נאָר אומניצלעכע, נאָר געפֿערלעכע שמײַדרײַען וואָס קומען צעשטערן פֿיזישע און פּסיכישע עקזיסטענץ און עקאָלאָגיע? פֿאַר וואָס דרעסירט מען קינדער און מע פֿאַרטשאַקעט עלטערע מיט לעקישעוואַטע אידעאָלאָגיעס, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און געוווינהייטן וואָס זענען גורם צרות און פֿאַרקירצן ס'מעגלעכע נאָרמאַלע לעבן? אַנשטאָט צו זײַן פּראַקטיש, אַלץ טון לטובֿת זיך זעלבסט און אַלץ אַרום, לערנען זיך און אַנדערע ווי אַזוי גילטיק צו קענען עקזיסטירן אין ווילטאָג און ניט אומקומען פּריצײַטיק אין יסורים, ס'רובֿ פֿאַרקריפּלט!

פֿאַר וואָס און ווי אַזוי קען אויך אַן עווענטועלע געטלעכקייט, צי ווי מע וויל עס אָנרופֿן, אָבער וואָס געוועלטיקט איבעם אוניווערס, אַזוינס טאָלערירן אָן רעאַקציעס און אָן ווידערשטאַנד? אויב איך קען אַזוינס טראַכטן און פֿרעגן מוז דאָך זײַן אַ מעגלעכקייט ס'זאָל קענען ווערן אַנדערש!

כ'האָב עס שוין געזאָגט? געפֿרעגט? געשריבן? כ'וועל עס אַזוי טון ביז מײַן לעצטן אָטעם. כ'קען ניט שלום מאַכן מיט די פּאַטאָלאָגישע אידיאָטישע פֿירונגען פֿון יחיד צי פֿון כּלל, אַזוי זינט תּמיד, אומעטום!

≈❀≈

גאָלדפֿאַדען, אוי, ביטער שלעכט – / דײַן מכירת-יוסף, ליידער / איז אַקטועל כּסדר. / כאָטש ניט תּמיד מיטן זעלבן אופֿן, / פּרוּוון לײַט ווי קנעכט / ברידער אייגענע פֿאַרקויפֿן. / קינאה פֿון אַ בעסערן צו ווערן פּטור / היפּאָקריטיש טרייסטנדיק דעם פֿאָטער: / „שׂונאים האָבן דײַן באַליבטן זון פֿאַרלענדט, / און מיר

– ראַטעווען אים האָבן ניט געקענט!".

אַזוי געווען אַ מאָל, אַזוי איז איצט: / ווי תּמיד קין ווערט געשיצט, / און גאָטס לא-תרצח הערט מען ווי דעם קאָטער!

לעבן איז אַ קאַמף, אַ פֿאַרמעסט, אַ געוועט, אַ נסיון, אַפֿילו אַ שפּיל.

דאָ געלינגט, דאָ ניט. מע מוז קענען בײַקומען שווערקייטן, אויסהאַלטן טויזנט מאָל, אָנהייבן אויף ס'נײַ! קיין מאָל ניט נאָכגעבן! פּעסימיזם, אַפּאַטיע, גלײַכגילטיקייט, לעקישיזם, פֿוילקייט – אַ חרפּה!

דאַנקען מוז מען דעם באַשאַף פֿאַר דעם באַקומענעם גליק: די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. בעסער אַפֿילו מיראַזשן, אילוזיעס, פֿיקציעס – אַבי געפּלאַנט, באַגערט, געמיט, גענעשה'ט און ניט בלויז גענישמע'ט.

מנחם-מענדל און טבֿיה – וואָרע ייִדישע סימבאָלן, און גלײַכצײַטיק אוניווערסאַלע! מאַרקס און שלום-עליכם, דאָן קיכאָט און מנחם-מענדל, לײַבניץ און קאַפֿקאַ. רעליגיעז צי פֿרײַדענקעריש. מעג מנחם-מענדל הייסן קאַרל מאַרקס, שאַרלי טשאַפּלין אָדער דער בעש"ט, און טבֿיה – שפּינאָזע, העגעל צי פּלאַטאָן, הײַנע, מענדעלסאָן צי אחד-העם אַא"וו. זאָלן אַנדערע געפֿינען בעסערע בײַשפּילן מיט נעמען וואָס כ'געדענק ניט צי קען ניט.

געבראָטענע טײַבעלער קומען ניט אַליין אין מויל. אָן לערנען איז ניטאָ קיין טאָטאַל גליק, מיט אַן „אַלץ געלונגען" אָן שום מי! ריזיקירן כאָטש! מע מוז קענען שפּילן, געווינען צי ניט. ווען ניט איז עקזיסטענץ נירוואַניש, אַטאָניש, אַן עול, אַ יאָך, אַן אָפּקומעניש און אַ לעסטערונג פֿאַרן באַמען „מענטש"!

אויסגעטאַנצט געזאַנג, / אויסגעזונגען טאַנץ. / דאָך קיין מאָל זאָל עס ניט זײַן / פֿאַר דיר אַליין / ווי בײַ נזירות אין געפֿאַנג – / ניט בלום, נאָר תּמיד קראַנץ! / מחשבֿה? בומעראַנג! / און זיך קוויק / ווען זי קומט, באַרײַכערט צוריק.

סימפֿאָנעמיש וואָרט / מיט אַ געדאַנק געפֿאָרט, / און דײַן ווערק, פּאָעט, / זײַן תּמיד ווערט / אַ לירישער באַלעט! / פֿאַר יעדן חוש / אַן עמאָטיווער קוש.

~❀~

וואָס דאַרף אַ נאָרמאַלער, נאַטירלעכער, ערלעכער מענטש, ער זאָל קענען אָפּדויערן אין טאָטאַלן ווילזײַן זײַן מעגלעך לענגסטע עקזיסטענץ, מײַדנדיק פֿאַרקריפּלונגען, צרות, קאַטאַסטראָפֿעס, קרענק, אַנגסט, געפֿאַרן, זיך פֿילנדיק גליקלעך, שמייכלענדיק אַליין און צוזאַמען מיט אַלץ און אַלע אַרום?

נערן זיך, קליידן, באַקוועמע היימען, האַרמאָניש שיינע סבֿיבֿות. מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן, צו האָבן ספּעקטאַקלען, צו קענען שאַפֿן; זײַן קרעאַטיוו לויט באַגערן; ניט ײַין פֿאַרשקלאַפֿט בײַ קיין שום טיראַניעס צי דיקטאַטאָרישע רעזשימען; ניט מוזן פֿאַרלירן מי און צײַט צוליב אײַנרעדעניש, סנאָביזמען, נאַרישע אַמביציעס, קאָמפּלעקסן, מעגאַלאָמאַניעס. ניט צעשטערן עפּעס מער ווי געמוזט פֿאַרן אייגענעם און קאָלעקטיוון ווילזײַן, אאַז״וו. די ליסטע מעג זײַן לאַנג, אָבער זי מוז ײַין לאָגיש, אויסגעהאַלטן, אויפֿריכטיק, אָן היפּאָקריטישע תּירוצים.

און איצט – ווער קען מאַכן אַ סטאַטיסטיק וויפֿל מי, צײַט און פֿאַרמעגן ווערט פֿאַרתּכלעוועט אויף פּלאַנעט פֿאַר אַגרעסיוו געווער, פֿעסטונגען, סנאָבישע מאָדעס און אויסטערלישע צאַצקעס, שמײַדרײַען אָן שום נוצן, תּמיד באַנײַטע מיט מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס, מיט בויען אַזוי פֿיל געבײַדעס פֿאַר קאָמערץ, פֿינאַנץ, אַדמיניסטראַציעס, תּפֿיסות, איבעריקע שפּיטעלער, סטעלאַרע פֿאָרשונגען, כּלומרשטע ספּאָרט-קאָמפּעטיציעס, גיפֿטן און דראָגן און אַפֿילו פּיקטיווע

מעדיקאַמענטן, חוץ אַזוי פֿיל פֿאַראַזיטיזמען מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים, געפֿלעגט און געלאָזט פֿריַי פֿון יעדער מי, ניט לטובֿת זיך, ניט לטובֿת דעם כּלל. און ווידער: ווער קען אַלץ אויסרעכענען?

מיט דער דאָזיקער מי און פֿאַרמעגן וואָלט מען געקענט פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ גן-עדן פֿאַר אַלע פֿעלקער ווי איין מישפּחה. ווער דאַרף מיסילן? ווער דאַרף אַזוי פֿיל גיכקייט, האַסטיקייט? ווער דאַרף... נאָר גיי, רעד מיט משוגעים!

~❁~

ווי דער זוים אין קערן פֿון דער האַרטער נוס, ליגט די ליבשאַפֿט צום באַשאַף און צו זיַינע ווערק, צו דער וועלט מיט אַלץ דערויף און דערין — אינעם מענטש. מע דאַרף, מע מוז עס קענען באַפֿריַיען. אויב אַ מחשבֿה וועגן דעם קען זיך מאַניפֿעסטירן, איז דאָך ס׳דאָזיקע אַ בפֿירושער באַוויַיז אַז ס׳איז אַ ווילן פֿאַראַן דאָס צו גרייכן, און ממילא איז אויך דאָ אַ מעגלעכקייט דאָס צו רעאַליזירן.

גרייכן ס׳דאָזיקע איז אַ נסיון-פּראָבלעם. לײַכט דערגרייכטע גליקן זענען ניט קיין פֿולע גליקן. די שוועריקייט צו שאַפֿן מיַיסטערווערק פֿאַרטויזנטפֿאַכט דעם תּענוג, דעם עקסטאַז, דעם רעזולטאַט.

גאָט איז זיכער אַ גוטער, און ער באַוויַיזט עס מיט דער פֿריַיהייט וואָס ער לאָזט דעם מענטש. ערשט ווער ווייסט צי ניט דורך דעם ערלעכן, באַוווסטזיניקן מענטש מאַניפֿעסטירט זיך זיַין אייגענער ווילן, ס׳זאָל קענען זיַין עפּעס שיינס און גוטס.

~❁~

דער גורל פֿונעם היַינט / ווי דער סוף פֿון נעכטנס ליגט פֿאַרבאָרגן / שוין אין קומענדיקן מאָרגן / מיט אַנטוישונגען, באַדויערונג — מיסתּם / דעטערמינירט מיט אַ פּראָגראַם / אין כראָמאָסאָמען, גענען, / אַזוי אַז קיינער זאָל ניט קענען / עפּעס ענדערן דערינען!

האָב ליב, האָב פֿײַנט, / טרוים, מי זיך, האַף... / אומזיסט. מענטשס עקזיסטענץ מוז זײַן / צווייפֿל און רעוואָלט מיט שטראָף / פֿאַרן פּרוּוון עפּעס צו פֿאַרשטיין / פֿון דעם וואָס סוף־כּל־סוף / איז „וועלט און לעבן", / און פֿאַר וואָס אַ גאָט / ווי גערייצט זיך האָט, / אים די מעגלעכקייט געגעבן / צו קענען זיך דערוועגן / אַלץ צו פֿרעגן / און בלײַבן ווי אַ גולם אויסגעלאַכט מיט שפּאָט.

באַשאַף מיט מענטש געקרוינט? / אַ וויסטער בלאָף!

~❁~

ווי נאַריש נאַיִוו צי פֿאַרברעכעריש פּערווועז איז לײַטס פֿאַרקרעמערן געטלעכקייט!

ווי מע דאַרף אַ יאַטקע צו קויפֿן פֿלייש, אָדער אַ קליידערקראָם צו קויפֿן הויזן צי אַ קלייד, דאַרף מען טעמפּלען, קלויסטערס, מעטשעטן, סטופּאַס, קאַפּליצעס אד"גל צו קומען אײַנהאַנדלען מחילה, צו ווענדן זיך צום רבש"ע מיט פֿאַרשיידענע פּראָשעניע־תּפֿילות צי כּאַבאַר־קרבנות אָדער חניפֿה־לויב, ווי אַ פּרײַז פֿאַרן מעגן האָבן עפּעס אָפּגעטון, ס'רובֿ ניט קיין שיינע מעשׂים. דערצו גייט אָן אַ האַנדל־וואַנדל מיט קרעמערס, פֿאַרמיטלערס, הורטאָווניקעס און יאַרידן, אַפֿילו „טאַריפֿן", „קאַלענדאַרן", „קאַטאַלאָגן" אאַז"וו...

ווי קאָמיש דאָס אַלץ! און דו, גוטער גאָט, טאָלערירסט דאָס אַלץ זיכער מיט אַ פֿאָטערלעכן שמייכל. די נאַרישע פֿרומאַקעס נעמען דיך אָן פֿאַר אַ יאָלד; אַזוי מיינען זיי. דיך, וואָס דו טאָלערירסט אַפֿילו אַטעיִסטן!

~❁~

די אַטמאָספֿערע די אונדזעריקע, מיט וועלכער מיר לעבן און עטעמען, איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט אַזוי פֿיל שטראַלונגען פֿון אַזוי פֿיל עמיסיעס: ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אַחוץ בליקן, באַגערן גוטע און שלעכטע...

ווי אַזוי ווירקט עס אויף אָרגאַניזמען, פֿיזיש און פּסיכיש? ס׳קען דאָך ניט זײַן אָן שום ווירקונגען און אײַנפֿלוסן! איז דאָס אַלץ אַגרעסיוו, שעדלעך? ווי אַזוי שיצט מען זיך קעגן דעם?

~❁~

איך פּרוּוו זיך באַמיִען אַז מײַן אופֿן שרײַבן זאָל זײַן מסוגל צו גרייכן אָט די צילן.

ערשטנס: ניט אָנווענדן קיין שום ליטעראַרישן סטיל, נאָר תּמיד זיך פֿילן ווי כ׳וואָלט געשמועסט היימיש מיט אַ גוטן-פֿרײַנד, חבֿריש, פּשוט. זאָל עס זײַן וועגן אַ פֿילאָזאָפֿישן, רעליגיעזן, עקאָנאָמישן, עטישן צי עסטעטישן פּראָבלעם — ניט זײַן סצענאַריש, באָמבאַסטיש, דעקלאַמאַטאָריש, פּעדאַנטיש; ווי מאָנאָלאָגירט, מיט וועלן דווקא אויפֿצווינגען דעמאַגאָגיש מיינונגען, סבֿרות, השערות. קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַז עמיץ זאָל מיר-ניט דיר-ניט, רעדנדיק מיט לײַט, נעמען רעציטירן, אָדער לידלען מיט גראַמען און אפֿשר זשעסטן? אַפֿילו אויב געזאָגט עפּעס עמאָטיוו, ריטמיש אַפֿילו — תּמיד דאָך פּשוט, ווי געשמועסט מיט חבֿרים, גוטע-פֿרײַנד! מיט פֿרעמדע, גלײַכגילטיקע צי גאָר אַנטאַגאָניסטן, וויל איך בכלל ניט האָבן צו טון, ניט פּערזענלעך, ניט ווי לעזערס; מײַן שרײַבן איז ניט טראָטואַר-קורוויש! כ׳האָב פֿײַנט ליטעראַרישע פּראָסטיטוציע, ניט פֿאַר זיך זעלבסט, ניט פֿאַר אַ מאַטשאָרניק, מעג עס זײַן פּאַראַבאָליזירט מיט אַן אידעאַל. מײַן ליבשאַפֿט איז לויטער ריין. מיט מײַן ליטעראַטור זוך איך ניט קיין קליִענטן פֿון קיין שום מין.

צווייטנס, וויל איך האָבן צו טון נאָר מיט אַבסאָלוט אויפֿריכטיקע, ערלעכע, לאָגיש-אויסגעהאַלטענע לײַט, וואָס זוכן ניט קיין סעמאַנטישע אַקראָבאַטיק פֿאַר ווערטער, טערמינאָלאָגיעס, מיט רעלאַטיווע טײַטשן לויט אינטערעסן, ווילזײַן צי היפּאָקריטישע באַגערן, מעגאַלאָמאַניעס, עגאָיִזמען אָדער עפּעס אַן אידעאָלאָגיע.

כ׳פֿאַרשטיי אַז לײַט געפֿינען זיך אין די הײַנטיקע עקאָנאָמישע קאָנטעקסטן מיט אויפֿגעצוווּנגענע סיטואַציעס, מיט פֿאַרקריפּלטע, שוואַכע השׂגות, אפֿשר זיך אײַנרעדנדיק אַ באַרעכטיקונג פֿאַר זייערע לאַגעס, ס׳רובֿ פֿאַרפֿירטע מיט רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס וואָס צווינגען זיי אויף אַ פֿאַלשע אָפּטיק, אַ פֿאַלשע לאָגיק. „איך קען מיר פֿאָרשטעלן אַז דאָס זאָל געשען מיט אפֿשר ס׳רובֿ לײַט אין הײַנטיקע סאָציאַלע רעזשימען. כ׳נעם מיך זעלבסט ווי אַ משל:

האַסנדיק דעם קאַפּיטאַליזם מיט זײַנע קלאַסן־פּריווילעגיעס, זײַנע פּאַראַזיטיזמען, זײַנע תּירוצים צו וואַמפּירײַרן עולם־גולם וויפֿל נאָר געקענט, מיט זייערע כּלומרשט פֿרומע, היפּאָקריטישע פּנימער, געלט־גײַציקע דעמאָקראַטיעס, קמצנישע ליבעראַליזמען און כּלומרשטן סאָציאַלן פּראָגרעס, חוץ אַנדערע סאָפֿיסטישע תּירוצים צו באַרעכטיקן זייערע פּריווילעגיעס – בין איך געווען אַ פּאַטראָן, געפֿירט געשעפֿטן אין אַ גרויסן פֿאַרנעם, האָבנדיק אַ סך אַרבעטער (זיי האָבן תּמיד מער פֿאַרדינט ווי ערגעץ אַנדערש, און זיי אַלע זענען געווען מיט מיר ווי גוטע פֿרײַנד), אָבער כ׳האָב שטענדיק מיטגעאַרבעט מיט זיי און כ׳בין גרייט געווען צו יעדער צײַט זיך צו פֿרייען מיט אַ נײַער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

ליידער – עולם־גולם ווײַלט דעמאָקראַטיש תּמיד אויס רעאַקציאָנערע מערהייטן. ס׳געשעט ווי מיט טויזנט שאָף און הונדערט וועלף, אָבער שאָף ווילן זיך ניט באַפֿרײַען פֿון די וועלף, נאָר ווילן האָבן מאָרדעס מיט שאַרפֿע ציין, אַליין ווערן וועלף! אָדער ווי בהמות וואָס ווילן האָבן ווי אַ פֿירער אַ שוחט און קושן דעם חלף: היטלער איז געקומען צו דער מאַכט דעמאָקראַטיש, אָן דיקטאַטור!

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. (פֿאַר וואָס ניט? טאַקע יאָ!) דאָס שטערט מיר ניט, זײַענדיק אַ „קאַפּיטאַליסט", צו טון אַלץ וואָס נאָר מעגליך ס׳זאָל קומען וואָס גיכער אַ סאָציאַלער רעזשים מיט

וואָרן קאָמוניזם, ניט נוסח סאָוועטישער פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע, נאָר גיכער נוסח קיבוצים ווי אין ישׂראל.

נאָר מיט אַזעלכע לײַט וואָס פֿאַרטײַטשן ערליכקייט, פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט, אויפֿריכטיקייט, לאָגיק, וואָר און שקר אָן רעלאַטיווע טײַטשן און אָנווענדונגען, אָן דילעמעס, אָן קאָמפּראָמיסן און העגעליאַנישע פּשרה-קאָמפּלעקסן – וויל איך האָבן צו טון. לײדער ווייס איך פֿאָרויס אַז דאָס וועט מיר ניט פֿאַרשאַפֿן קיין סך לייענער, אָבער מיר איז ליבער איינער פֿון די וואָס כ'האָב ליב, ווי טויזנט אַנדערע.

דריטנס, אַז מע וויל צי מע ווייסט ווי אַזוי זיך צו ווענדן צו עמיצן, און מע ווייסט אויך מיט וועמען מע וויל האָבן צו טון, קענען אַפֿילו פֿאָלעמיזירן אים לאָזנדיק אַ מעגלעכקייט צו קענען פֿרײַ צוגעבן זײַן יאָ אָדער ניין צו די געלייענטע מחשבֿות, מוז מען האָבן עפּעס צו זאָגן, וועגן וואָס צו דיסקוטירן. ווען ניט, איז בעסער געשוויגן. שילדערן היסטאָריעס, געשיכטעס, פּערזענלעכע צײַנווייטיק, יחידישע היפּעראויגן, עמאָציאָנעלע הערץ-שמערץ-צרות – דאָס אַלץ איז מיר פֿרעמד, ניט גילטיק, מיטן קומען דרייען אַ ספּאָדיק עמיצן. כ'לאָז דאָס פֿאַר יענע יאַכנע-ליטעראַטור-ספּעצן, דערציילערס, נאָוועליסטן, ראָמאַנען- און טעאַטער-קינסטלער.

מײַן באַגער איז קומען אַ שמועס טון מיט גוטע-פֿרײַנד וועגן סאָציאַל-פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען, וויסנשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען און זייערע געוווּנטשענע אָנווענדונגען לטובֿת ווילזײַן, אָדער זייערע געפֿאַרן; וועגן פֿאָלקסטימלעכע אייגנאַרטיקייטן מיט פֿאָלקלאָר, שפּריכווערטער, הומאָר; וועגן מעגלעכע ענדערונגען אין סאָציאַלע רעזשימען; וועגן עטיק און עסטעטיק און בכלל אַלץ וואָס האָט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, איז מסוגל צו שאַפֿן תּענוג מיט חכמה, שאַרפֿזין, גורם זײַן שמייכל און געלעכטער אַפֿילו, און אַלץ וואָס קען זײַן אַ סיבה צו פֿאַרברענגען מיט גוטע-פֿרײַנד,

חבֿרים אויפֿריכטיק, מיט ליבשאַפֿט, פֿראַנק און פֿריַי.

אַ כּלל – וואָס מע וויל, אַבי ניט קיין ליטעראַטור מיט אַ סטיל, אַ סיסטעם, אַן **איזם**!

נו, וועט זיך שוין זיכער געפֿינען עמיצער וואָס וועט באַווײַזן, אַז דאָס ניט וועלן קיין סטיל איז שוין אויך אַ סטיל!...

~❁~

— **ווי** ליכטיק איז דער זומער־מאָרגן! / רופֿט טשוויטשענדיק אַ שוואַלב בײַם פֿענצטער. – / פֿון אַלע שיינע טעג איז זיכער הײַנט דער שענסטער! / ליגסט, וואָרעם, אין דײַן קעז פֿאַרבאָרגן, / אין פֿעטס, אין פֿינצטערניש כּמעט דערוואָרגן! / כ׳לעבן, זע נאָר ווי עס איז דאָ אַ מחיה. / גלוסט זיך דיר ניט, וואָרעם נאַרישער, פֿון אַזאַ טאָג געניסן? / דעם תּענוג פֿון אַ נײַער היים, אַ פֿרישן מאכל וויסן? / איז אַ תּכלית. ס׳לעבן אָט אַזוי געפֿטרט? / קום אַזויס אין וווּנדערלעכן דרויסן; / דו ביסט דאָך, זאָגט מען, ניט קיין נאַר! / כ׳בין נאָר דײַן טובֿה אויסן... / האָב קיין פֿאַריבל ניט אויף מיר דערפֿאַר!

– שוואַלב, שכנטע, מע ווייסט / אַז דו ביסט אונטערנעמעריש און דרייסט. / האָסט ליב די וועלט, דעם ווינט, די פֿריַי, / און שפּײַז וואָס קעגן זונען פֿלאַטערט. / איך חלום אויך אַ מאָל דערפֿון און כ׳טראַכט דערבײַ: / משטיינס געזאָגט, אַ וואָרעם לעבט אַ טאָג צי צוויי! / אַוואַנטורעס זוכן? נעסטן בײַע בויען? / קען איך מײַנע שוואַכע כּוחות טרויען? / בעסער ליג איך מיר דאָ אין אַ קעזל, / לויטן אויסזען פֿראָסט און אָרעם – / אָבער פֿעט! / איַי, שוועלבעלע, אַ קעזל! / אויב ניט וואַזשנע פֿאַרן אויג – גוט, אַ נחת פֿאַרן נעזל! / קום פֿאַרקליבן זיך דערינען / ליגט מען רויִק אין אַ ווינקל – / ס׳איז ניט לופֿטיק און אַפֿילו טונקל / אָבער עסן עסט מען צו דער זעט! / קיינער וועט דיך ניט געפֿינען / (ס׳וואָלטן שכנים ניט פֿאַרגינען) / אַבי נאָר אויסגעמיטן ס׳מעסער! / וואָס־זשע דאַרף איך בעסער? / ניט אמת, שכנטע? נאָר יענע, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן, / מיט אַ חוזק־טשוויטש איז אָן אַ זײַ־געזונט

אַוועקגעפֿלויגן. / וויסנדיק פֿאָרויס, וואָס ס׳קען אַ קריכנדיק באַשעפֿעניש שוין זאָגן, / און ס׳שטינקען פֿונעם קען ניט קענענדיק פֿאַרטראָגן.

~❀~

א טיפּישער ייִד איז נישט „אַ פּריאָרי״ אַ ייִד אַ טיפּש. חלילה. דאָס איז נאָר עמיצער וואָס לײַדט פֿון מעגאַלאָמאַנישן אַתּה-בחרתּניזם, וואָס מיינט אַז ער איז עס ס׳איבערשטע פֿון קאָסמישן שטייסל; האָט ליב בײַם לעבן צו באַקומען די מאַטעריעלע און גײַסטיקע מפּטירס, מע זאָל דערמאָנען זײַן נאָמען מיט אַן עפּיטעט: „דער און דער – אָהאָ, ער איז שוין איין מאָל אַ פּאַרשוין! עפּעס אַ פּיש-פּיש-פּיש!״.

און נאָכן טויט האָט ער ליב, ווײַזט אויס, נעקראָלאָגן. גרויסע נעקראָלאָגן מיט ברייטע, שוואַרצע רעמען, און אויב זיי זענען אין דער לאַנדשפּראַך: ענגליש, פֿראַנצייזיש, פּויליש צי טערקיש – דאָ איז זיך דער טויטער מחיה. ווען ניט, איז אַ גרויסער נעקראָלאָג מיט אַ גרויסן ע״ה און אַ סך נעמען אונטן – אויך אַ גוטע זאַך. און אַפֿילו אין אַ ייִדישער צײַטונג. כ׳בין זיכער: ווען מע וואָלט אַ טיפּישן ייִד, ווען ער גוססט, געוויזן די קינפֿטיקע נעקראָלאָגן, וואָלט ער מיט אַ שמייכל אַוועקגעגעבן די נשמה. ווער ווייסט, צי ס׳זענען ניט פֿאַראַן אַזעלכע פּערוועזע טיפּישע ייִדן, וואָס שטאַרבן ספּעציעל צוליב די נעקראָלאָגן.

מע דאַרף אָבער ניט מיינען אַז אַ טיפּישער ייִד איז אַ נעקראָלאָגאָמאַן צי נעקראָלאָגאָפֿיל. חלילה! אדרבא, אַ טיפּישער ייִד האָט ליב דאָס לעבן מיט אַלע כּוחות און אינסטינקטן. אַ באַווײַז: ער איז דער אייבציקער וואָס קען איבערקומען אַזוי פֿיל צרות, אומקום, און איבערלעבן אַלע נבֿוכדנאצרס, טיטוסעס, טאָרקוועמאַדעס, צאַרן, היטלערס און סטאַלינס ימח-שמם. ער האָט אָבער ליב נעקראָלאָגיע, ווי מע האָט ליב פֿילאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע, עקאָלאָגיע, פּאַלעאָנטאָלאָגיע צי אַנדערע **לאָגיעס.**

נאָך עפּעס אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿאַר אַ טיפּישן ייִד איז דער תּענוג, די קינדער זײַנע זאָלן זײַן דערצויגן אין דער לאַנדשפּראַך, אים זאָל אָנקומען שווער דאָס פֿאַרשטענדיקן זיך מיט זיי. ווי פּאַסט עס פֿאַר אַן אָוושעם-ייִד, די קינדער זײַנע זאָלן רעדן פּראָסט מאַמע-לשון? מעג ער אַליין זײַן אַ גאַנצער יאַ-טעבע-דאַם טאַקע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, צי אַ רעדל-פֿירער אין אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט פֿון פּלאָצק, קאָצק צי אָטוואָצק, וועט ער האַלטן זײַן פּרעזידענץ-דרשה אין אַ צעקאַליעטשעט פֿראַנצייזיש, ענגליש צי שפּאַניש, און זײַן שטאָלץ מיטן נישט קענען פֿאַרשטיין וואָס ס׳זאָגט אים זײַן קינד צי אייניקל, אָדער זײַן גוייִשער איידעם.

חוץ דעם, טראָץ זײַן פּראָגרעסיזם, מוז זײַן נעקראָלאָג דערשײַנען דווקא אין אַ ייִדישער צײַטונג, האָבן אַ האַלב- צי גאַנץ-זײַטיקן נעקראָלאָג. זיי מוזן עס ווײַזט אויס. לויט אַן אָפּמאַך מיטן רעדאַקטאָר, באַצאָלן פֿאָרויס בײַם לעבן; ווען נישט. וואָלט מען נישט אָוועקגעגעבן די ערשטע זײַט פֿאַר ייִער ע״ה. פֿאַראַן דאָ עווענטועל אַ גוט עסק פֿאַר אַ פֿיפֿיקן פּסיכאָלאָג: שאַפֿן אַ מין קאָמפּאַניע מיט טיפּישע ייִדן, זיי זאָלן טון ווי מיט פֿאַרזיכערונגען: צאָלן בײַם לעבן חודשלעך, כּדי ווי נאָר געשטאָרבן זאָל מען זײַן געזיכערט מיט אַ נעקראָלאָג, לויט דער קעשענע, און אויב מעגלעך מיט אַן אַרטיקל מיט לויב און באַדויער וואָס אַ זײַל פֿון פֿאָלק ישׂראל איז אײַנגעפֿאַלן און שטעלט אין געפֿאַר די גאַנצע געבײַדע. נישט פֿאַרגעסן אויך צו דערמאַנען אַז דער און דער „פּיש-פּיש-פּיש" האָט געלאָזט אַ פֿאַרמעגן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט צו שטודירן פּאָליגאַמיע בײַ די פּאַפּוסן, צי פֿאַרן אינסטיטוט וואָס פֿאָרשט פֿאַר וואָס זענען די אינדיאַנער מיט געלע האָר געשטופּלט.

נאָר ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ גוטן ייִדישן טיפּש, נישט געלאָזט חלילה קיין גראָשן פֿאַר ייִדישע צוועקן, ווי למשל דער „אַרבעטער-רינג",

צי „יוגנטרוף". ס'איז נאָרמאַל. פֿאַר זיי איז געבנוג דער נעקראָלאָג. אַז מע שמועסט אַ פֿאָלק פֿון עם־הספר, ווי זאָגט מען: „כולנו חכמים " — פשאַ קרעוו!

כ'האָב פֿאַרגעסן צוצוגעבן, אַז טיפּיש גראַמט זיך לײַכט מיט עיפּוש. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

„עורעקאַ", שושקעט מיר דער שׂכל־הישר. אויב אַזוי קען מען דאָך מאַכן דעם אויספֿיר, אַז כדי צו מײַדן דאָס אומקומען פֿון דער ייִדישער פּרעסע, איז נאָר דאָ איין לייזונג: יעדן טאָג זאָלן אַוועקשטאַרבן עטלעכע לעזערס. די יורשים, משפּחה צי סתּם גוטע־פֿרײַנד וועלן אַרײַנגעבן נעקראָלאָגן. וואָס מער אָפּגעפֿרעמדט אויפֿן געוויסן פֿון ייִדישקייט, אָדער וואָס גרעסער די ירושה — אַלץ גרעסער דער נעקראָלאָג.

איי, וואָס וועלן זאָגן די אַבאָנענטן יעענדיק אַז גאַנצע זײַטן זענען פֿאַרנומען מיט ייִדישע צי גוייִשע שוואַרצע רעמען, און ניטאָ קיין אָרט פֿאַר עפּעס אַ גילטיקן טעקסט? זאָלן זיי האַלטן די מאָרדעס און ניט שטערן צו ראַטעווען אַ ייִדישע צײַטונג!

ווי זאָגט מען אין עבֿרית? יגעתי ומצאתי!

~❁~

ביטאָ, ניט מעגלעך קיין צוויי פֿאַרשיידענע טײַטשן פֿאַרן ווערב: **ערלעכקייט**.

אויפֿריכטיקייט — היפּאָקריזיע; לאָגיק — פֿאַנאַטיזם; גוט — שלעכט; ליבשאַפֿט — שׂינאה; עגאָיִזם — אַלטרויִזם; שלום — אַגרעסיע...

אין דעם אַלעמען גילט אַבסאָלוטע אַנטינאָמיע. פֿאַרשטייט זיך: גילטיק פֿאַרן מענטשן־מין, און פֿאַר יעדער באַשעפֿעניש זיכער אַנדערש. וועלף און שאָף, גרעזלער און ציגן קענען ניט האָבן די זעלבע השגות.

בכן, אויב מ'איז ניט פּערוועז און מע ווענדט אָן די איינציק מעגלעכע סעמאַנטיק — קען מען, מוז מען מײַדן קאָנפֿליקטן,

אַנטאַגאָניזמען, אָסטראַציזמען מיט אַלץ וואָס דאָס איז גורם: שלעכטס, פּײַן, מיאוסקייט און סתּם צרות און אַנגסטן אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן.

לײדער זענען לײַט פֿאַרפּירט, פֿאַרקריפּלט און ווילן ניט זײַן נאַטירלעך, ווי וואָרשײַנלעך דער צי דאָס, וואָס געוועלטיקט אינעם צי איבערן אוניוועסס, פֿאַרלאַנגט. און דערפֿאַר אַזוי פֿיל אומגליקן, פֿיזישע און פסיכישע חולאתן, אינדיווידועל און סאָציאַל, מיט פֿריצײַטיקן אומקום און עקייסטענצן אין פּערמאַנענטע געפֿאַרן.

≈❀≈

אַ זמרל, אַ זמרל, אָן אָנהייב און אָן סוף, / מיט „בים-באָם-בײַ" שטאָט ווערטער, רייד, / און „אוי-אוי-אוי" דאָס רובֿ; / אַ זמרל, אַ זמרל וואָס זינגט זיך סתּם אַליין – / און יעדער ייִד קען זינגען עס, און יעדער ייִד – פֿאַרשטיין.

עס פֿעלט אונדז, שבֿטים ייִדישע, חלילה ניט קיין שפּראַך; / אַזעלכע מין ניגונימלעך מסתּם פֿאַראַן אַ סך. / מע דאַרף נאָר ס׳אויער עפֿענען און האָרכן מיט פֿאַרשטאַנד / און, ברידער ייִדן, ס׳זמרל, עס קומט אונטער דער האַנט!

דאָס זמרל, דאָס זמרל, עס ליגט בײַ אונדז אין בלוט. / מע דאַרף נאָר פּרוּוון זינגען און עס וועט שוין ווערן גוט. / „בים-באָם-בײַ" און „בים-באָם-בײַ" און טאַקע „אוי-אוי-אוי", / און ס׳פֿלעכט זיך באַלד אַ ריקודל און ווייל איז אונדז אַזוי...

≈❀≈

אַרן מיעדניק

גערזאַמלטע שריפֿטן

באַנד 3

אַדרעס פֿון מחבר:

A. MEDOVNIK
14, Rue des Sablons
75016 PARIS